STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00021

DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible by
David A. Miller & Family
in memory of
parents & grandparents, Harry & Anna Miller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כיערטע אפטיילונג.

זייט

1. אין וואס איז אייער הילף? — 199
2. די פרויען־פראגע — 205
3. הארץ — 209
4. דער ווארשעווער אידישער קאלענדאר — 213
5. וועגען ישוב ארץ ישראל — 219
6. ערינערונגען אוים מיינער יוגענט — 238
7. מ. מ. דאליצקי — 241
8. אנעקדאטען בוך — 242
9. דער אידישער האנדעלס קאלענדאר — 243
10. ארגענטינא — 246
11. דער אידישער פעלד־ארבייטער — 250
12. ספר היהודי הנצחי — 252
13. א וועלט מיט וועלטלעך — 253
14. קאטיק'ס און ברעסלער'ס אויסגאבען — 258
15. ספר הברית — 262
16. מענשען אהן א היים — 280
17. אברהם רייזען — 285
18. פאמיליע צבי — 289
19. מענדעל גדאנסקי — 302
20. מאווֹשא יענקעלעוויטש — 311
21. די שטימע פון אידישען פאלק — 318
22. וועגען דעם „בוך פון פייער" — 323

אינהאלט:

ערשטע אפטיילונג.

זייט

דער דיכטער, דאס בוך און דער לעזער — — — — — — — — 7
וואס פעהלט אונזער ליטעראטור? — — — — — — — — 25
געדאנקען איבער ליטעראטור — — — — — — — — — — 36
דאס אידישע לעבען לויט'ן אידישען פאלקס-ליעד — — — — — 44
"אין פאלק אריין" — — — — — — — — — — — — — 66
ליטעראטור און לעבען — — — — — — — — — — — — 71
די קראנקע נערוועז — — — — — — — — — — — 101
די געלע פרעסע — — — — — — — — — — — — 110

צווייטע אפטיילונג.

מיכל גארדאן — — — — — — — — — — — — — 121
מענדעלע — — — — — — — — — — — — — — 126
שלום עליכם — — — — — — — — — — — — — 128
יעקב דינעזאן — — — — — — — — — — — — 132

דריטע אפטיילונג.

1. כאסיע די יתומה — — — — — — — — — — 143
2. די לוריא'ס — — — — — — — — — — — 150
3. צוזייהט און צושפרייט — — — — — — — — 154
4. די מוטער — — — — — — — — — — — — 158
5. דוד אין מדבר — — — — — — — — — — — 162
6. פון אידישען טעאטער — — — — — — — — 165
7. אוי, דלות, דלות — — — — — — — — — — 174
8. אויפ'ן לעצטען שטאפעל — — — — — — — — 178
9. אש — — — — — — — — — — — — — — 191

די ווערק פון יצחק ליבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאַמענגעשטעלט אונטער דער רעדאַקציאָן פון
דוד פינסקי

צעהנטער באַנד.

ארויסגעגעבען פון פאַרלאַג „אידיש", ניו־יאָרק.
תר"פ — 1920

י. ל. פרץ

ליטעראטור און לעבען

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו-יארק.

Copyright 1920 by

JEWISH BOOK AGENCY

ערשטע אפטיילונג

דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער.

א.

צוויי וועגן האָט דער מענש, וואָס געהט אוועק פון טעגליכען לעבען, פון געשעפטע, פון יאָגען זיך נאָך ברויט: דעם שפּאַציר־גאַנג און דעם טוריסטען־וועג.

אנגענעהם איז דער שפּאַציר־גאַנג: ביים ברעג פון זיס־ און שטיל־רוישענדיגען טייך, אין שאָטען פון גלייך־אָפּגעשניטענע אַלעען, אויף בלומען־וויזען... געפעהרליך איז אָפט דער טוריסטען־וועג. געטריבען פון א ברענענדיגער בענקשאַפט צו דער הויך, זוכט דער טוריסט זיין וועג צווישען פעלזען אויף די שפּיצען פון די העכסטע בערג. צווישען גלעטשער און אָפּגרונדען. „אומניצליך" איז דער טוריסטען־וועג. אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג וואַקסט קיין ווייץ פאַר מענשען, קיין האָבער פאַר פערד... און געפעהרליך איז דער וועג: פון אָפּגרונדען קוקט, רופט און לאָקערט: שרעק, שנעע און טויט. ווי גליטשיג און שטייניג איז דער שמאָלער שטעג אונטער די פיס. אזוי זאָגט דער מענש, וואָס שפּאַצירט.

און טיילמאָל געהט איהר ארום אויף די הויכע בערג צווישען אַלטע, לאַנג־פאַרלאָזטע שלעסער, אָדלער־נעסטען און געפעהרליכע ערעל־ווייס־פּלעצער, און עס פאַלט צו דער אָוועגט. אונטען, אין טאָל, צווישען די בערג, איז שוין נאַכט; אויבען בעט זיך ערשט אויס דער אָוועגט אויף א פיעלפאַרביגען דיוואַן, פון די אָפּגלאַנצען פון דער אונטערגעהענדיגער זון געוועבט. נאָר אָט, די פאַרבען לעשען זיך. שאָטען שלייכען זיך ארויס פון שפּאַלטען, לעכער און אָפּגרונטען, לעגען זיך אייך צו די פיס. און אונטען, די בערג צופוסענס, אין טאָל, ציירט זיך אויס א לוסטיגע נאַכט. פלעמלעך פאַרשידענפאַרביגע וועקען זיך, צינדען זיך, ציטערען אויף... אי־

לומינירט איז דער טאל; טענער, וואונדער־זיסע קלאנגען וויגען צו אייך ארויף, אויף די וועלען פון דער קיהלער לופט: א פרעהליכער יום־טוב גרייט זיך צו אין טאל, און עס ווינקט צו אייך דער טאל, און רופט אייך מיט זיינע טויזענטער ליכטלעך, און לאדט אייך איין מיט זיינע זיסע קלאנגען; קום אראפ, מענש, פון די לערע בערג און נאקעטע פעלזען, פון די שרעק־ און פארצווייפלונג־עטעמדיגע אפ־גרונטען, פון די אדלער־נעסטען און שלעסער, וואו דאס לעבען איז לאנג פארהילכט, וואו הוילע גייסטער שוועבען... קום אראפ צום טאל און פרעה דיך מיט אונז אין אונזער יום־טוב־נאכט. און פון ליכט, זאנג און קלאנג געצויגען, פארלאזט איהר די הויך, און לאזט אייך אראפ אין טאל. וואס נידעריגער—ברייטער און זיכערער איז אייער וועג. עס קומען אייך וויין־געבויטע פלעצער אנטקעגען און וואס אמאל רוישענדיגער שוועבט אייך ארום דער יום־טוב פון טאל. און ראשער קומט איהר אראפ: מוזיק, שפאצירער, יום־טוב'דיגע פנים'ער און קליידער; א שטראלענדיג־קלינגענדיגער יום־טוב... און עס פליסט אייך ארום דאס געפליסטער פון שפאצירענדיגע, פאר־ליעבטע, אין זיך פארזונקענע פארען. און עס בלענדט אייך צו פארשידען־פארביגקייט פון די יום־טוב'דיגע קליידער. און איהר מישט אייך אוים מיט'ן יום־טוב'דיג שפאצירענדיגען עולם... און פלוצלונג, נאך א צופעליג טיפערען בליק, בלייבט איהר שטעהן ארומגעכאפט פון שרעק. אויף א קור־פלאץ האט איהר געטראפען. אילומינירט זענען האטעלען, קאפעס און קאפע־שאנטאנס; אפע־רעטען־וואלצער שפילט די מוזיק; געארעמט שפאצירען פארען מיט גלאנצענדיגע אויגען, ראש־באוועגליכע הערצער, ליעבע־פארציטער־טע ליפען. אבער—קראנקע! קרענקליך ברענענדיגער אטעם. צום טויט געצייכענטע מענער און פרויען שלינגען פארהונגערט די לעצ־טע מינוטען פון לעבען, טרינקען דורשטיג די לעצטע טראפען פון בעכער ביז צו די הייוון! און אינמיטען, אויב איהר האט אויגען און זעהט, שפאצירט ארום דער טויט, פון זיינע געצייכענטע אפפער־נישט געזעהן, און שמייכעלט.

און עס כאפט אייך אן א בענקשאפט צוריק צו די הויכע בערג... אבער צוגעפאלען איז שוין די נאכט און נישט זיכער איז דארטען דער וועג.

צוויי וועגען האט דער מענש, וואס רייסט זיך אפ פון גע־

שעפט, פון זארג אויף ברויט: דעם שפאציר־גאנג און דעם טוריס־טען־וועג, און אויף דעם לעצטען וויל איך אייך פיהרען...

איך וויל מיט אייך רעדען וועגען דיכטער, וועגען בוך און וועגען דעם לעזער — אויף די הויכע בערג. איך וויל אייך נישט פיהרען איבער פלעצער, וואו קראנקע מענשען לויפען נאך זייער אייגענעם שאטען, אדער פאנגען שאטען פון זאכען אנשטאט זאכען, שאטען פון לעבען אנשטאט לעבען... וואו געצייכענטע פון טויט, פאראורטיילטע אויף פארגעסענהייט געהען ארום פון טיר צו טיר און בעטלען זייער לוין, אדער בארגען זייער נאך נישט פארדינט לויב. וואו דאס אפגעקומענע פראפעטען־איינקעל גראבט אויס דעם קוים־פארזייהטען זאמען פון דער ערד ארויס און עסט איהם פארהונגערט רוי און גרין. און — „וואס באליעבט“? „וואס זאל איך אייך זאגען? וואס זאל איך אייך זינגען? וואס זאל איך אייך דערלאנגען, עס זאל אייך שמעקען? זאל איך אייך זומער־פייגעלעך כאפען? מיט דעם גאלדענעם שטויב אויף זייערע פליגעלעך די אויגען פארשיטען! ווילט איהר טאנצען? איך קען פאלקע, איך קען וואלצער! אלטער מאן, אויסגעלאשען איז דאס פייער אין דיין טרוקענעם לייב, וואסעריג איז דיין אויג, ציטעריג — דיין ביינינע האנט — איך וועל דיך אויף א סעקונדע לעבעדיג מאכען, די לאנג פארשטארבענע לוסט אויפוועקען... אז אינדיטשקע דעם אלטען מאן; א סטעארין־ליכט דעם פארשעמטען מיידעל... א ביוסט דעם באנקירס ווייב, א פארטרעט דער רייכער העסליכקייט... העי, וואס באליעבט?“

אז אילומינאציע אין טאל: קליינע פלעמלעך, קליינע נשמה׳־לעך... ברענען זיך אויס אין האטעלס, קאפע־שאנטאנס, אויף פראמענאדען... און צווישען שפאצירער פון געצייכענטע צום טויט...

אויף די הויכע בערג וויל איך אייך פיהרען, צו די אלע שלעסער, צו די אדלער־נעסטען.

איך וויל מיט אייך רעדען פון דיכטער, וואס האבען זייער דיכטונג ג ע ל ע ב ט, נישט געשריבען, און נישט אויפ׳ן מארק ארויסגעטראגען און פארקויפט; וואס האבען זייערע אידעען ג ע פ ר ע ד י ג ט, נישט ווי פארטריקענטע בלומען צווישען בלעטער ארייננעלעגט; איך וויל מיט אייך רעדען פון ביכער.

וואס מען האט פון די דיכטער און אין נאמען פון די דיכטער געשריבען, און פון לעזער, וואס זיין נאמען איז: פאלק.

פריי איז דער „קינסטלער", ער מעג מאהלען דעם אויפגאנג, דעם אונטערגאנג פון דער זון; ים, שטורעם און סטעפ; נאכיאגען זומער־פייגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד; גאלד־גלאנצען פון אייגען אויף בלאסע געזיכטער באזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטען־וועג, וואס שלענגעלט זיך צווישען פעלזען און אפגרונטען, און אויף די הויך, וואו עס שפילט זיך די הויכע, מענשליכע טראגעדיע, וואו צווישען שרעק, געפאהר און שנעון עס ווערען געוואויגען די גרעסטע מענשליכע פראבלעמען: וואס איז לעבען, וואס איז טויט? ווער ב י ן איך און וואוהין פיהרט מיין וועג?

צום סיני, דעם בארג וויל איך אייך פיהרען, צו בודא אין אינדיאנער וואלד, צו דער תליה אויף „גאלגאטא"; און דאס וועט זיין דער וועג אין דער פארגאנגענהייט. מיר וועלען די אלטע קברים עפענען, די אלטע ריזען וועקען און זיי פרעגען: וואס איז לעבען, וואס איז מענש? און וועט אונז זייער ענטפער נישט באפרידיגען, וועלען מיר זיך צו דער צוקונפט ווענדען, און ווארטען אויף דעם דיכטער, וואס דארף ערשט קומען, זיין דיכטונג־לעבען דורכלעבען, און מיט זיין לעבענדיגער דיכטונג דעם אפגרונט באשטראלען, און אהן לעזער וועט שוין זיין—די וועלט.

דער דיכטער איז געוועזען פאר'ן בוך; דאס בוך האט אויפגעגעסען דעם דיכטער. דער דיכטער האט זיין דיכטונג געלעבט; נישט ער, נאר זיינע שילער און זיין פאלק האבען איבער איהם ביכער געשריבען...

דער ווילדער שטאם האט אין זיינע עלטערע העלדען געזעהען; די גרעקען—האלבע געטער. און די אלטע פרויען האבען אוועקגעזעצט ביים ברעג פון טייך, ביי דעם פלאם פון זיך לעשענדיגען פייער אונטער'ן פרייען הימעל, זייער געשיכטע דערצעהלט, זייער העלדען־דיכטונג איבערגעבען. און דאס זעלבע האט געטאן דער גרייזער קינסטלער אין קאליזעאום פאר'ן גריכישען פאלק. זיי זענען

ק י נ ס ט ל ע ר געוועזן, ווי ווייט זיי האָבען דערצעהלט און אי־בערגעגעבען דאָס געשעהענע; זיי זענען ד י כ ט ע ר געוועזן, ווי ווייט זיי האָבען די העלדען און האַלבע געטער ב אַ ש אַ פ ע ן. דער קינסטלער איז דער נאָכמאַכער, צי מאַכט ער נאָך די נאַטור, די געגענוואַרט אָדער די פאַרגאַנגענהייט. דער קינסטלער איז פריי, פאר'ן ווערק און נאָכ'ן ווערק איז ער נאָר מענש, און צו דער אַר־בייט מעג ער זיך וועהלען דעם געגענשטאַנד און געפינען איהם וואו ער וויל. דער דיכטער מוז דיכטער זיין, די דיכטונג מוז זיין זיין ל ע ב ע ן. מיר זוכען דעם דיכטער, מיר זוכען שעפּפונג. און אויך זוכען מיר ביים דיכטער, נישט די פאַרגאַנגענהייט, באַשפּונען און גאָלד באַוועבט, מיר זוכען ביי איהם דאָס נייע לעבען... דער דיכ־טער איז אייגענטליך קינסטלער. נאָר דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט איז ביי איהם אין דער האַנט — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבען! זיי ענדערט ער, זיי מאָדעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער. אַזוינע דיכטער מוזען מיר זוכען אין דער פאַרגאַנגענהייט, איידער דאָס בוך איז באַשאַפען און סחורה געוואָרען; איידער דער לעזער האָט דאָס בוך געקאַנט קויפען, צו זיך אַהיים נעמען און ערגעצען זיך דערמיט, ווי מיט אַזוינס, וואָס איז קיין לעבען נישט, קיין ברויט און קיין פלייש נישט, נאָר אַ צושטרויאונג אין לעבען, אַ צייט־פאַרטרייבעניש; אַ געשמאַק־זאַך, דאָס לעבען לייכטער צו פאַרדייען, די טראַגעדיע פון מענשליכען לעבען צו פאַרגעסען, דעם וואָרעם, וואָס פּיקט אין געהירן, איינצושלאָפען. מיר ווילען רעדען פון דיכטער, פון דער מענשליכער טראַגעדיע און פון לעצטען אַקט אין דער טראַגעדיע: פון טויט אָדער אויסלייזונג. ווענינ וועט זיין די צאָהל פון די דיכטער, קליין די סומע פון די ביכער; און אז איהר וועט זיי צעהלען אויף די פינגער, וועלען אייך אין איין האַנט אי־בעריגע פינגער בלייבען. נאָר די צאָהל מוז פאַרגרעסערט ווערען, נאָך איין דיכטער מוז קומען, נאָך איין בוך מוז באַשאַפען ווערען, און דעם דיכטער פון לעצטען וואָרט מוזען געבען מ י ר... אַנ־דערע פעלקער האָבען די זון הינטער זיך, זיי געהען פון אָווענט אין נאַכט אריין. די אַלטע רוימער און גרעקען ווייסען פון אַ געוועזע־נער, גאָלדענע'ר צייט, נאָך וועלכער עס איז געקומען די צייט פון קופּער און אייזען; די מאָדערנע זענען שוין אויסגעלייזט געוואָרען: נאָר אונזער משיח איז נאָך נישט געקומען, נאָר ער דאַרף ערשט

קומען און נישט נאר פאר זיין פאלק אליין... גע'משפט און אויס־געלייזט מוז ווערען די וועלט; פון דער מענשליכער טראגעדיע מוז באפרייט ווערען די וועלט.

ב.

די טראגעדיע פון מענשליכען לעבען האט אויפגענומען אין זיך קהלת. דער העלד—שלמה, א קעניג אין ירושלים; זיין יוגענד—שיר השירים: דאס ליעד פון פרויען און ליעבע. גאלדענע יוגענד לעשט זיך און אין אין שאטען פון קיהלען אוועגט ווערט שלמה, דער קעניג פון ירושלים, קלוג און גיט עצות, ווי אזוי קלוג צו לעבען, רוהיג צו לעבען. שפעט פאלט צו די נאכט, די עלטער קומט אן, און שטעהענדיג אויף דער שוועל צווישען לעבען און נישט לעבען, צווישען זיין און נישט זיין, אדער צווישען פארגענגליכקייט און אייביגקייט, ווארפט ער א בליק צוריק אויפ'ן איבערגעגאנגענעם וועג און פרעגט: נאך וואס? געהענדיג איבער'ן לאנגען וועג, האט ער וואס אמאל נייע פארלאנגונגען געבוירען, אויפ'ן וועג באגראבען און ווייטער געגאנגען. פאר זיך—וואס אמאל נייע צילען געזעהן, דערגרייכט און ווייטער געגאנגען. און אזוי האט ער אלץ איבער־געלעבט און לעבט נאך אלץ, און ווייסט נישט נאך וואס. ער קאן שוין מעהר נישט ליעבען, עס שמעקט איהם שוין קיין וויין און קיין בוימאויל, עס לעכצט שוין נישט דער גומען, זיין אויג האט שוין נישט וואס צו זעהן, זיין אויער האט שוין נישט וואס צו הער־כען. און ער לעבט! און דאס לעבען עקט זיך, און דאס אלץ, וואס ער האט אנגעקליבען און אנגעזאמעלט, וועט ער איבערלאזען און אוועקגעהן. און געלעבט האט ער, נישט ווייל ער האט געוואלט לעבען; און אוועקגעהן וועט ער, נישט ווייל ער וויל שטארבען! אויסער איהם איז דער ווילען, וואס האט איהם אהער געבראכט און פיהרט איהם ערגעץ אוועק. עמיץ האט איהם אריינגעגעבען אין הארץ אריין די וועלט און געהייסען איהם זי פארלאנגען. גע־הייסען זאמלען, בויען, פארשענערען, פארגרעסערען. און נישט פאר איהם, נישט צוליעב איהם; ווייל ער געהט אוועק און דאס אלץ בלייבט פאר אנדערע. און ער וועט פארגעסען ווערען. און די

אנדערע, וואָס וועלען קומען נאָך איהם, וועלען ווייטער גלוסטען, ווייטער פאַרלאַנגען, ווייטער אַרבייטען, בויען, פאַרשענערען און פאַרגרעסערען און ווייטער אַוועקגעהן. און די, וואָס וועלען קומען נאָך זיי, וועלען דאָס אַלץ באַנוצען און זיי וועלען אויך געהען און פאַרגעסען ווערען.

אַלץ אַרום איז אייביג: די זון געהט אויף, די זון געהט אונ־טער און שיינט צומאָרגענס ווייטער אויף; וואַסערען און טייכען פליסען צום ים, און קומען צוריק. אַלץ וואָס איז געווען, וועט נאָכ־אַמאָל זיין, צוריק קומט דאָס אַוועקגעהענדיגע. אייביג איז די ערד. נאָר ער איינער איז פאַרגענגליך. ער איינער געהט אַוועק און קומט שוין מעהר נישט צוריק. און אַלץ האָט איהם גענאַרט. שעהן איז דאָס געהאַפטע; ווערטלאָז דאָס באַקומענע. שרעקליך בלייבט דאָס לעבען אָהן אַ ציל, אָהן אַ צוועק. ציל, צוועק און לאָגיק מוז זיין אין דעם אייביגען; אָבער דאָס ווייסט נאָר דער, וואָס רעגירט. דער מענש ווייסט נישט, דער מענש ווערט נאָר אויסגענוצט, דער מענש ווערט נאָר גענאַרט! און אויף דער שוועל צווישען זיין און נישט זיין, ביים איבערגאַנג, נאָכ'ן אַלץ איבערלעבען און פאַר'ן טויט, באַפאַלט איהם די אומגעהייערע שרעק פאַר'ן אייביגען, פאַר דעם, וואָס רעגירט; פאַר דעם, וואָס האָט איהם אויסגענוצט; פאַר דעם, וואָס האָט איהם גענאַרט; פאַר דעם, וועלכען ער האָט, נישט ווילענדיג, געמוזט דינען, און שטענדיג געטאָן לויט זיין פאַרלאַנג, מיינענדיג, אַז דאָס איז זיין אייגענער. פאַרפאַלען! געהאַרכען מוז דער מענש, אַ קנעכט איז דער מענש, אין שרעק פאַר'ן אייביגען לעבט דער מענש! און דאָס איז דאָס לעצטע שרעקליכע וואָרט פון דעם, וואָס האָט געלעבט פאַר זיך, וואָס האָט זיך מיט'ן אייגענעם לעבען נישט פאַרבונדען, וואָס האָט זיין ציל אויסער זיך נישט גע־האַט, און האָט דעריבער זיין לעבענס־ציל איבערגעלעבט.

דאָס איז דער, וואָס האָט ווייבער געליעבט און זיך קיין פאַ־מיליע נישט געבויט, און זעהט אין דער פאָרטפּלאַנצונג קיין איי־ביגקייט נישט. ער גלויבט נישט אין גלגול: ער איז נישט זיין פאָ־טער; און זיין זוהן וועט נישט זיין ער. און שולמית איז געווען זיין געגנוס, זיין עולם הזה, און נישט זיין ווייב און נישט די מוטער פון זיינע קינדער.

דאָס איז שלמה, דער קעניג פון ירושלים, דער רייכער קעניג,

דער קלוגער קעניג: נישט אלכסנדר מוקדון, וואס וויל איינגעמען די וועלט און וועט זיין ציל קיינמאל נישט דערגרייכען, וואס וועט איבערלאזען, נישט נאר קרוין און סצעפטער, און אונטערגעוואר־פענע לענדער, נאר אויך א צואה, וואס ווייטער צו טון; אלכסנדר מוקדון קאן זיין ארבייט נישט ענדיגען... און דאס איז אויך נישט דער שלמה, וואס האט געבעטען גאט, נישט רייכטום און נישט פערזענליך גליק, נאר קלוגשאפט און עהרליכקייט צו משפט'ן דאס פאלק; אזוינע צילען ווערען נישט דערגרייכט, אזוינע צילען ווערען נישט איבערגעלעבט. מענשען פון ווייטע צילען לעבען זיך נישט איבער און פרעגען נישט: נאך וואס. די מענשען זענען פארבונ־דען מיט דער אייביגקייט, פארוועבט מיט דער אייביגער ארבייט און פרעגען קיינמאל נישט: נאך וואס. שלמה אין קהלת איז די טראגעדיע פון א לעבען פאר זיך, פון איינצעלנעם מענש. דער מוז זיך איבערלעבען און בלייבען שטעהן אלס נעסט פון פארלאנ־גונגען־פייגעל, וואס האבען זיך אין ווערעם פארביטען און געהען אוים מיט איהם צוזאמען. דאס איז די טראגעדיע פונ'ם לעבען פאר זיך, דאס לעבען איז קנעכטשאפט...

און בין איך א קנעכט, ווער איך אהן מיין ווילען געבוירען, בין איך געצווינגען צו לעבען, און מוז איך אוועקגעהן, ווען מען הייסט. און אלץ איבערלאזען, — פארוואס זאל איך נאך ליידען?

— ווייל דו זינדיגסט!— ענטפערט דער מאראליסט.

קהלת'עס לעצט ווארט: סוף דבר, את האלהים ירא ואת מצוותיו שמור...

עס איז דא איבער דיר א האר, וועלכען דו דינסט און וועל־כער שטראפט, אויב מען פאלגט איהם נישט.

אבער איוב האט געפאלגט.

איוב האט געפאלגט און דאך איז ער די שטראף נישט אנטרו־נען. ווייב און קינדער, שאף און רינדער געהאט; א שטיל, עהרליך לעבען געפיהרט. און פלוצלונג איז דאס לעבען צושטערט געווארען. זיבען זיהן און דריי טעכטער, זיבעציג טויזענט שאף, דרייסיג טוי־זענט קעמלען, פינף הונדערט פאר אקסען, פינף הונדערט אייזלען

און א ווירטשאפט א גרויס — אזוי שטעלט פאר דאס גליק דאס בוך איוב —

און דער מענש איז געוועזען גרעסער פון אלע גרויסע. און געוועזען איז ער א שטילער מאן, א פרומער מאן, א גאטספארכטיגער, וואס האט שלעכטס געמידען. און איינמאל — די אקסען האבען געאקערט, די אייזלען האבען זיך געפאשעט, איז אנגעפאלען שבא (א רויבער־באנדע) און האט דאס אלץ צוגענומען און די יונגען געטויט. די בשורה ברענגט איוב'ן איינער פון זיי, אן איינאייניגער אנטלאפענער. און איידער ער האט געענדיגט זיינע רייד, איז אנגעקומען א צווייטער און דערצעהלט: פון הימעל איז אראפגעפאלען א פייער און האט פארברענט די שאף און די פאסטוכער, נאר איך איינער בין אנטרונען און קום דיר עם דערצעהלען. און א דריטער איז שוין דא, און האט נאך א שרעקליכערע בשורה אין מויל: דיינע זיהן און דיינע טעכטער עסען און טרינקען וויין אין הויז פון זייער עלטערען ברודער... איז אנגעלאפען א גרויס פייער פון סטעפ און האט אנגעכאפט דאס הויז אין אלע פיער עקען און האט עס אומגעווארפען, און אלע דערדריקט און געטויט, מיט דער ריינערשאפט צוזאמען. איוב האט אלץ פארלוירען; ארעם געווארען און דערצו נאך קראנק: פלוצלונג איז ער פון קאפ ביז פיס געפלאגט געווארען מיט א מאוס'ען אויסזאץ, און דער גרויסער בארימטער פרומער איוב איז געווארען דער קלענסטער, דער ארעמסטער, דער אומגליקליכסטער...

פארוואס ליידט איוב?

קהלת איז די טראגעדיע פון לעבען; איוב — פון ליידען אין לעבען.

פארוואס ליידט מען?

דער מענש פיהלט זיך באוואוסטזיניג, זעהט אין זיינע טאטען א צוועקמעסיגקייט. ער שטרעבט צו עהרליכקייט, צו מאראליטעט און קען נישט די אייגענע אייגענשאפטען נישט צושרייבען דעם גאט, וואס האט איהם און די וועלט באשאפען. גאט מוז זיין גערעכט. און האט ער באשאפען פיין און ליידען, מוזען זיי זיין גערעכט און פארדינט. ליידען און פיין זענען נאר מעגליך אלס שטראף פאר זינד. אנדערש קאן עס דער העברעער נישט פארשטעהן. דער גרעק זעהט אין די ערשיינונגען פון לעבען געטער־

שפיל און געטער־שטרייט, דער פערס האט הורמוז און אחרימון: דער ערשטער איז דער גאט פון ליכט, פון לעבען, פון גליק; דער צווייטער פון פינסטערקייט, טויט און ליידען. די וועלט איז די ארענע פאר דעם שטרייט צווישען די צוויי געטער, און דעריבער איז די וועלט געמישט פון ליכט און שאטען, לעבען און טויט, גליק און ליידען, ליעבע און האס...

אלע גרויסע געטער זענען אויסגעוואקסען פון קליינע, און די קליינע פון נאך קלענערע הויז־געצען; די הויז־געצען פון אמולע־טען. ווערט פון פאמיליען א שטאם, ווערט דער געץ פון גרויסען הויז, פון הויז, וואס רעגירט איבער'ן שטאם, געגרויסט און גע־הויכט צום שטאם־גאט. אנדערע בלייבען הויז־געצען. און נעמען זיך שטאמען צוזאמען און בילדען א פאלק; און מישען זיך פעל־קער אויס אין א לאנד, בלייבען די געטער פון גלייך־קרעפטיגע שטאמען און פון גלייך־קרעפטיגע פעלקער גלייך־קרעפטיג; העכס־טענס קריגט איינער די אויבערהאנט און עס קומט צו פיעל־געטעריי.

די העברעער מישען זיך נישט. אליעזר מאכט א וויטע רייזע צו ברענגען יצחק'ן א ווייב פון אייגען פלייש און בלוט. אין מצרים לעבען די העברעער אפגעזונדערט אין גושן; אין פאלעס־טינא דארפען פארניכטעט ווערען אלע פרעמדע פעלקער, מען זאל מיט זיי אין קיין בארידהרונג נישט קומען. ביים בויען דעם צווייטען טעמפעל ווערען אלע פון גלות געבראכטע ווייבער און די מיט זיי געבוירענע קינדער פארטריבען. קליינע מישונגען פון פרעמד בלוט, פון א דלילה און יפת תאר'ס און דערגלייכען צופעליגקייטען, זע־נען נישט וויכטיג: איינציגע טראפען פון פרעמד בלוט ווערט אסי־מילירט. אין אלגעמיינעם איז דער שטאם ריין, איז עס קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב; איז עס א פאלק, וואס לעבט איינזאם; א פאלק פון ריין בלוט, מיט זיין איינאיינציגען גאט, וואס וואקסט, פון א גאט פון הויז, שטאם און פאלק צום וועלט־גאט. דא איז דער געטער־שטרייט אוממעגליך. פון איין גאט קומט ארויס דאס גוטע, ווי דאס בייזע, דאס ליכט, ווי די פינסטערניש, נחת און יסורים, ליעבע און האס, לעבען און טויט. דער איינאיינציגער גאט בענשט און שילט; מוז ער בענשען די גוטע און שילטען די שלעכטע. דער אייגענער גאט לייטזעליגט און שטראפט; מוז ער לייטזעליגען די פרומע און שטראפען די זינדיגע. דער אייגענער גאט גיט לעבען

און טויט, דארף ער געבען לעבען דעם גאטספארכטיגען און טויט דעם ווידערשפענסטיגען. דער העברעאישער גאט איז מאראליש, ער טרייבט פון גן־עדן ארויס פאר זינד, פאר נישט פאלגען זיין געבאט. ער קערט איבער דעם טורעם און פארניכטעט ד י, וואס האבען געוואלט ארייגרייסען זיך מיט קריג אין זיין הימעל; און פארפלייצט מיט א מבול די וועלט, ווען זי איז איינגעזונקען אין זינד. זינדיג איז דער מענש. אזוי זינדיג, אז גאנץ אפט טוט גאט באנג, וואס ער האט די וועלט און דעם מענש באשאפען. עס טוט איהם באנג, וואס ער דארף און מוז שטראפען; ער מוז, ווייל ער איז א גערעכטער גאט. וואלט געווען איין גערעכטער אין סדום. וואלט ער סדום נישט איבערגעקערט. און נח'ן, דעם גערעכטיגסטען אין זיין צייט, לערענט ער א תיבה מאכען, איבערצושווימען און איבערצולעבען דעם מבול. איך פארלאנג נישט דעם זינדיגענס טויט, זאגט אין זיין נאמען יחזקאל. איך שטראף איהם, ער זאל תשובה טון און לעבען בלייבען. און איז דער מענש פון לעבען צופרידען, האלט ער זיין עקזיסטענץ פאר לאגיש. זוכט ער אבער גערעכטיגקייט אין לעבען און געפינט נישט, זעהט ער ליידען אהן זינד; פיין, וואס ער קאן נישט אלס שטראף באטראכטען, וועקט זיך אין איהם אויף די טראגעדיע פון איוב.

קהלת איז די טראגעדיע פון לעבען, פון דעם, אימשטיינס געזאגט, גליקליך לעבען, איוב די טראגעדיע פון אומזיסטיגען, נישט צוועקמעסיגען צער אינ'ם לעבען. קהלת האט אויף דער פראבלעם פון לעבען געענטפערט מיט ווייסען שרעק פאר'ן טויט, מיט ווארפען זיך פאר גאט אויפ'ן פנים: דער מענש ווייסט נישט און מוז לעבען און מוז שטארבען, און כל־זמן ער לעבט — היטען גאטס געבאט, ווייל דאס איז דער גאנצער מענש, ווייל צו דעם איז ער באשאפען. נישט צו קיין בעסערע רעזולטאטען קומט איוב! אין וכוח צווישען איוב'ן און זיינע חברים, וואס זוכען ביי איהם זינד און געפינען נישט, וואס ווילען רעכטפערטיגען די ליידען אויף שטראף און קאנען נישט, מישט זיך גאטס שטימע אריין. גאט אליין ענטפערט פון שטורעם ארויס, ער ענטפערט, נאר זאגען זאגט ער גארנישט. גרויס איז ער און שטארק, און אייביג, און דער מענש איז קעגען איהם שטויב, און שטויב איז דער מענשליכער פארשטאנד. און ווער איז געווען, ווען ער האט די וועלט באשאפען, די ערד אויס־

געמאַסטען, דעם הימעל אויסגעשפּרייט, די שטערען ארײַנגעזעצט? און וועד שפּייזט דעם פויגעל אונטער'ן הימעל, און פאַרזאָרגט דאָס ווילדע מיר אין וואַלד און אויפ'ן פעלד? מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט. און ווייטער אויף די קני געפאַלען פאַר'ן גרויסען אומ־באַקאַנטען, וואָס זיין גערעכטיגקייט איז אונז נישט צוגענגליך, וואָס זיין קלוגהייט קאָן פון אונז נישט פאַרשטאַנען ווערען. וואָרים עס קאָן זיין, אז גאָט שטראָפט פאַר אַזעלכע זינד, וואָס מיר ווייסען פון זיי נישט, עס קאָן אויך זיין, אז גאָט פּרואווט. און באַשטעהט דער מענש די פּרוואָו, ווערט ער העכער אין זיין גענאַד: איוב באַ־קומט צוריק דאָפּעלט, אַלץ וואָס ער האָט געהאַט... אבער די פראָב־לעם פון לעבען און ליידען בלייבט אָפען.

ג.

צוויי בערג: דער באַרג גריזים און דער באַרג עבל. אויף איין באַרג ווערט געבענשט, אויפ'ן צווייטען געשאָלטען.

און געבענשט ווערט דער, וואָס היט גאָטס געבאָט און געהט אין זיינע וועגען, און פאַרשאָלטען ווערט דער אָפּטריניגער, וואָס היט נישט גאָטס געבאָט, וואָס איז איהם ווידערשפּענסטיג. די ברכה איז: געבענשט זאָלסטו זיין אין שטאָדט און געבענשט אין פעלד. און געבענשט זאָל זיין די פרוכט פון דיין לייב און די פרוכט פון דיין ערד און די פרוכט פון דיין פיה און דאָס אָפּוואַרפעניש פון דיינע רינדער און די סטאַדע פון דיינע שאָף. זאָל די ברכה אריין אין דיין מולטער און אין דיין קאַרב, און אין אַלעם, צו וואָס דו שטרעקסט אויס דיין האַנט...

דעם גוטען וועט גאָט געבען טוי פון הימעל און פעטס פון דער ערד. אבער איבער'ן קאָפּ פון אָפּטריניגען וועט זיין דער הימעל קופּער, די ערד אונטער זיינע פיס אייזען. פאַרשאָלטען וועט ווע־רען די פרוכט פון זיין לייב און די פרוכט פון זיין פיה. פאַרשאָל־טען וועט ער זיין אין שטאָדט און אין פעלד...

א פעלד וועט ער בויען און אַן אנדערער וועט צונעמען דעם שניט; א ווייגגאָרטען וועט ער פלאַנצען — א פרעמדער וועט טרינ־

קען דעם ווייז. איהם אין די אויגען וועט מען קוילען זיין אקס און ער וועט פון זיין פלייש נישט עסען.

אזוי די ברכה, אזוי די קללה ווערען מקוים אויף דער ערד.

א געשלעכט קומט, א געשלעכט געהט — אייביג שטעהט די ערד. און וויל דער מענש זיך אין דער אייביגקייט באהעפטען, מוז ער זיך באהעפטען צו דער ערד. פון שטויב פון דער ערד קומט ער, צום שטויב פון דער ערד געהט ער צוריק. און בויט ער א טורעם און שפארט זיך אין הימעל אריין, ווערען די שפראכען צומישט און די בויער צושטרייט און צוזייהט איבער דער ערד.

אין דעם פארפילען די ערד באשטעהט די אויפגאבע פון מענש און נאר אין דער פארטפלאנצונג, אין שטענדיג ניי־געבוירען, אין קינדער און קינדס־קינדער באשטעהט זיין אייביגקייט.

איז דעריבער די הערשאפט איבער א לאנד דאס גרעסטע גליק; קינדער און קינדס־קינדער, די האפנונג אויף שטאמען און פעל־קער — דער שענסטער חלום פון דער אייביגקייט.

פארוואגעלט צו זיין איז די גרעסטע שטראף; נע ונד איז קין, דער מערדער פון זיין איינציגען ברודער.

און די גרעסטע שטראף איז כרת ועררירי — אפגעשניטען צו ווערען פון אייביגען לעבען; דורכגעהן די וועלט, ווי א שאטען און פארשוואונדען ווערען. און די גרויסע טראגעדיע אין דער פא־מיליע איז קינדערלאזיגקייט. און די העריז, וואס גאט האט פאר־שלאסען איהר טראכט, גיט איבער דעם האר, דעם פאטריארך די דינסט, די פאמיליע זאל נישט אויסגעמעקט ווערען אויס׳ן בוך פון לעבען. און ווערט די דינסט געבענשט און דארף געווינען, נעמט זי די העריז אויף איהר שויס, פילייכט וועט זי געבוים ווערען פון איהר.

ד.

און אויף עבל, ווי אויף גריזים, ווערט גערעדט נישט צום איינ־צעלנעם מענש, נאר צום פאלק. געבענשט און געשאלטען ווערט דאס פאלק. דער איינצעלנער מענש. ווען ער ווערט געפלאגט מיט

איוב'ס קרענק, מיט אן אומהיילבארען אויסזאץ, ווערט ארויסגע־טריבען מחוץ למחנה... זאל זיין גאטס שטראף, זאל זיין א פרואוו פון גאט, דאס איז זיין זאך. די פעטע ערד, מיט'ן טוי פון הימעל, מיט רעגען צו דער צייט. די ערד, וואס גאטס אויג איז אויף איהר געווענדט פון אנהויב יאהר ביז ענדע יאהר, איז פארשפראכען דעם פאלק...

די ערד ווערט צוטיילט צווישען שטאמען, און די שטאמען — צווישען פאמיליען. די פאמיליען הערשען איבער די הייזער. די עלטסטע איבער'ן שטאם, איבער אלע שטאמען — איין גאט!

און ווען א פאטער פון א פאמיליע שטארבען און נישט אי־בערלאזען קיין מענליבען זאמען, ווענ זיך משה שטעלען פאר גאט און מיהען זיך פאר איהם, זיין נאמען זאל נישט פארהילכט און פארגעסען ווערען, און זיין נחלה ווען זיינע טעכטער באקומען. און די בנות צלפחד וועלען האבען א פרשה אין דער תורה. און שטארבט ווער איננאנצען אהן קינדער, גאר אהן לעבע־דיגען זאמען, זאל זיין ברודער זיך מיט דער אלמנה באהעפטען און לעבענדיג מאכען זאמען, דעם געשטארבענעמס נאמען זאל בלייבען אויף זיין נחלה און זאל וויטער קלינגען אין דער אייביגקייט.

א מענש לעבט פאר'ן פאלק, פאר קינדער און קינדס־קינדער. דאס איז דאס אייביגע לעבען פאר'ן מענש: די פאמיליע, דער שטאם, דאס פאלק — קאנען אייביג לעבען אויף דער ערד...

און משה, וואס האט אין גאטס נאמען ארויסגעצויגען דאס פאלק פון מצרים, באפרייט פון קנעכטשאפט, פיהרט עס איבער'ן סטעפ צום געבענשטען לאנד, און חלומ'ט פאר איהם א גן־עדן אויף דער ערד, אינ'ם געבענשטען לאנד.

עס ווענ זיין א לאנד, וואס פליסט מיט האניג און מילך.

ארבייטען מוז דער מענש, נאר די ארבייט זאל איהם קיין פלוך נישט זיין. שבתים און ימים־טובים צו רוהען, פאר'ן האר, פאר זיין הויזגעזינט, פאר זיין דינערשאפט, פאר זיין פיה און פאר זיין ערד... די ערד האט נאך איהר שמיטה, דאס זיבעטע פרייע יאהר.

און יעדער ארבייט אויף זיך. די ערד ווערט צווישען אלע פאר־טיילט, און קיינער קאן נישט פארלירען זיין ערד, גאטס איז די ערד, גאט שטעלט די גרענעצען צווישען פעלקער, דאס רעכטע לאנד

האָט ער פאַרזאָגט זיין אויסדערוועהלטע בּ.לק. און גאָטס ערד קאָן איינער דעם צווייטען אויף אייביג נישט אָפּטרעטען: יובל געהט די נחלה צו איהר בעל־הבית, וואָס האָט זי על פּי גורל פון גאָטס האַנט באַקומען.

און אַ פריי פאָלק זאָל עס זיין. דער אַליינהערשער איז גאָט. דאָס געזעץ איז פון גאָט. צווישען פאָלק און גאָט שטעהט שבט לוי. דער לוי באַדינט דעם כהן, און דער כהן גאָט אין'ם טעמפּעל און לעגט אויס דעם פאָלק דאָס געזעץ, און לערענט איהם און ענטפערט זיינע פראַגען און איז מקריב זיינע קרבנות און בעט פאַר איהם און איז איהם מוחל די זינד אין גאָטס נאָמען, אויב די זינד איז נאָר קעגען גאָט. איז געקירצט געוואָרען אַ מענש, מוז פריהער אָפּגעגעבען ווערען דאָס גערויבטע, דאָס אויסגענאַרטע, מוז דער, וואָס האָט געליטען, פאַרגיטיגט ווערען און דערנאָך ערשט וועט גאָט שענקען די זינד. דער שטאַם, וואָס שטעהט צווישען פאָלק און צווישען גאָט, האָט פאַר דאָס קיין רעכט אויף אייגענטום, קיין פעלד און אַקער.

דעם אַרבייטער געהערט די ערד, די גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע וועט ווי אין עגיפּטען דאָס פאָלק פון אייגענטום נישט באַרויבען... און קיין הערשער, קיין קעניג מיט זיין הויף — נישט פאַרקנעכטען.

דער הערשער איז גאָט... און עס וועט נישט זיין קיין אָפּגרונט צווישען אָרעם און רייך: יובל — די נחלה קומט צוריק. שמיטה— אַלע שייערן זענען אָפען פאַר אַלע, און איבער דער גאַנצער צייט — לקט שכחה ופאה. און מעשר עני. און פאַלט ווער, און מוז זיין אַרבייט פאַרקויפען, נאָר זעקס יאָהר דינט ער, אויפ'ן זיבענטען ווערט ער פריי; אויס קנעכט.

און אַלע זענען גלייך ,אַלע זענען ברידער...

די היימישע פעלקער, וואָס האָבען זיך פאַרזינדיגט פאַר גאָט, ווערען פאַרטריבען, עמלק דער ערגסטער, — אויסגעמעקט. איין גאָט, איין געזעץ, איין פאָלק און איין לאַנד. און דער פרעמדער וועט אויך געניסען פון דער פרייהייט און פון דער ברידערשאַפט. האָב ליעב דיין חבר, ווי דיך אַליין, און האָב ליעב דעם פרעמדען. געדענק, אַז אַ פרעמדער ביסטו אין מצרים געווען. איין געזעץ פאַר אַלע. אויסער קרבן פסח. אין דעם קאָן דער פרעמדער קיין טייל נישט נעמען, ער איז פון מצרים נישט אויסגעלייזט געוואָרען.

און דו וועסט נישט רויבען, נישט טויטען, נישט גנארען, און קיין נוקם ונוטר נישט זיין. און ווערט דיין ברודער ארעם, שטיץ איהם. און פארבלאנדזשעט דיין פריינדס אייזעל, פיהר עס איהם אפ. און זיי בארמהארציג קעגען אלמנות און יתומים. איך בין דער גאט פון אלמנות און יתומים, זאגט גאט. און אפגעזונדערט זאלסטו זיין און הייליג, דען אפגעזונדערט און הייליג איז דיין גאט...

ערד — נאר גערעכטיגקייט, הייליגקייט און ברידערשאפט אויף דער ערד. אראפגענומען דעם פלוך פון דער ארבייט, פארקלע־נערט ביז גאר דאס לײדען, פארהייליגט און מיט ליעבשאפט באַ־שטראלט דאס לעבען.

א גן־עדן אויף דער ערד.

אזוי האט משה גע׳חלומ׳ט פאר זיין פאלק דעם חלום פון א גן־עדן אויף דער ערד...

ער האט די ערד נישט געזעהן.

פיערציג יאהר האט ער געפיהרט זיין פאלק אין סטעפ, עס זאל אויסשטארבען דאס קנעכטישע געשלעכט, וואס האט געדינט מצרים, א פריי פאלק וועט ער אריינפיהרען אין לאנד — אבער אויך ער אליין האט נאר פון וויטענס דאס לאנד מיט די קערפליכע, ווי ער האט דעם חלום מיט די גייסטיגע אויגען געזעהן...

נישט דער גאנצער חלום איז מקוים געווארען, און דער טייל — אויך נישט אויף לאנג...

נישט אויסגעמעקט איז געווארען עמלק, נישט פארטריבען אלע זיבען אומות, וואס האבען פארנומען דאס לאנד, נישט אפ־געזונדערט איז געבליבען דאס אויסדערוועהלטע פאלק...

און נישט גאט אליין איז דער הערשער געווען, און נישט לאנג איז דער כהן געשטאנען צווישען איהם און זיין פאלק...

נישט אלע האבען ערד באקומען...

און אן אייביגער קריג איז געשטאנען מיט פלשתים און אנ־דערע פעלקער אין לאנד.

און דאס פאלק האט א קעניג פארלאנגט, וואס זאל פיהרען

זיינע מלחמות... און צוזאמען מיט'ן קעניג האט זיך באוויזען דער הויף, די קריגסהערן, דער ברודער־קריג און מיט זיי אלע סא־ציאלע ליידען: ארעמקייט, קנעכטשאפט, הונגער און נויט.

און איבערגערוקט זענען געווארען די גרענעצען צווישען אייגענטום און אייגענטום און פארשלונגען האט דאס גרויסע אייגענטום — דאס קלענערע און פארשוואונדען זענען געווארען פאמיליען פון זייער ערד און פרעסיג און זויפיג איז געווארען דער כהן, אין טעמפעל רייסט זיך אריין דער הענדלער, דאס הייליגטום ווערט פארשוועכט, די אייניגונג צוריסען, דער בונד צווישען גאט און פאלק פלאצט און בלוט און שאנד פארדעקט די ערד.

און ארום וואקסען פעלקער אויף דער שווערד, דאס קליינע לאנד ווערט א בלוטיגער וועג צווישען קריגערישע ארמעען פון פרעמדע פעלקער און דערנאך די ארענע פאר זייערע שלאכטען, און פארטריבען ווערט דאס פאלק, פון גן־עדן פארוואגעלט —

נישט נאר מענשען, — אויך פעלקער קענען פאר זיך אליין נישט לעבען... אויסגעלייזט מוז ווערען די וועלט.

און איז גערעכטיגקייט די אויסלייזונג פון שמערץ און פיין, מוז די גערעכטיגקייט הערשען איבער דער וועלט. און אויפ'ן ארט פון ווייבערישען קעניג און פרעסיגען כהן באקומט די הער־שאפט איבער די געמיטער דער נביא, וואס פרעדיגט פאר דער וועלט, וואס רעדט אינ'ם נאמען פון גאט און זיין גערעכטיגקייט צו דער וועלט. דער אמולעט, וואס איז אמאל געווארען דער פא־מיליען־גאט, דער גאט פון אברהם, איז דערנאך געשטיגען צו דער הויך פון א פאלקס־גאט, וואס האט געמאכט דעם אונגעהויערן שריט פון אלהי אברהם, יצחק ויעקב צו אלהי ישראל, וועט באלד זיין אייגענעם נאמען, וואס טיילט איהם אפ פון אנדערע געטער ביי אנדערע פעלקער אין אנדערע לענדער, פארלירען, דער נאמען וועט פארווערט ווערען, אז ער זאל איבער קיין ליפען נישט קומען, ווייל ער ווערט געהויכט און געקרוינט צום וועלט־גאט, וואס ער דארף קיין נאמען נישט, — ווייל ער איז דער איינציגער און נישט איבער איין לאנד רעגירט ער, און נישט פאר איין פאלק איז גילטיג זיין געזעץ, און נישט צו איין שטאם רעדט אין זיין נאמען דער פראפעט. און וויל דער פראפעט צו נגוה נישט געהן, דאס פרעמדע פאלק נישט ווארענען פאר דער שטראף, אנטלויפט ער פאר

גאָט אויף א שיף, יאָגט איהם נאָך גאָט'ס צאָרן, ווייל די שיף אונ־טערגעהן, וואַרפט מען דעם פּראָפעט אין וואַסער אַריין, שלינגט איהם איין דער פיש.

אַלע וואָס רופען אין גאָטס נאָמען זענען אויסדערוועהלט — זאָגט דער פּראָפעט — אויסדערוועהלט איז דאָס פאָלק נאָר צו קינדיגען גאָטס וואָרט דער וועלט, אויסדערוועהלט איז ציון, כדי פון דאָרט זאָל אַרויסגעהן דאָס געזעץ פאַר דער וועלט, פון ירושלים זאָל אַרויסגעהן גאָטס וואָרט צו דער וועלט.

און ווערט דאָס פאָלק צושפּרייט און צווייהט און ליידט אין גלות, געהט די שכינה מיט איהם מיט און ליידט מיט איהם אין גלות צוזאַמען. צו קליין וועט זיין כנען פאַר גאָטס קינדער, אָבער דאָס לאַנד וועט זיך צושפּרייטען איבער אַלע לענדער.

און איז גאָט דער גאָט פון דער וועלט און ווערט זיין פאָלק א צושפּרייט פאָלק איבער דער וועלט, מוז קומען דער אויסלייזער פאַר דער וועלט, מוז קומען א משיח פאַר דער גאַנצער וועלט.

דאָ הערט שוין אויף דער חלום פון דער ערד; דער פלוך און דער רעגען פון דער ערד... מיר שפּאַרען זיך אין הימעל אַריין...

עס הויבט זיך אָן א חלום פון אייביגען לעבען: גן־עדן, תחית־המתים...

1910

וואָס פעהלט אונזער ליטעראַטור?

1.

צו אַלעם ערשטען — טראַדיציע.

דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַטעריאַליסט שמייכעלט; זאָל ער.

דער אייז־צאַפּען פיהלט נישט, אז ער אליין צוגעהט און זוכט נייע סימבאָלען, נייע ימים־טובים, פּאַרטיי־פּאָליטיק, נאָר זוכען זוכט ער; ער צוגעהט.

„קונסט", — ווי פרעמד, ווי ווידערווערטיג עס איז מיר דאָס וואָרט אויף אידיש, מוז איך עס דאָך, נישט האָבענדיג קיין אַנדערס, באַנוצען, — קונסט איז די נשמה פון פאָלק, די נאַציאָנאַלע פערזענליכקייט. די מענשליכע קונסט וועט ערשט באַשאַפען ווערען מיט דער מענשהייט צוזאַמען; דערווייל עקזיסטירט זי נישט. און די פערזענליכקייט, די נשמה פון פאָלק, ווערט באַשטימט דורך טראַדיציע.

געהט מיט א ליכט און זוכט אין אונזער ליטעראַטור טראַדיציע; איהר וועט גאָרנישט געפינען. איהר הערט אין ערגעץ נישט דעם אָפּקלאַנג פון די קולות אויפ'ן באַרג סיני, איהר זעהט נישט דעם אָפּגלאַנץ פון דער שכינה איבער די כרובים, פאַרשטימט איז דאָס פּראָפעטישע וואָרט. דער רענעסאַנס איז קוים דערגאַנגען צו ר' נחמן בראַסלעווער...

„אריינטראָגען די אַלטע אוצרות אין נייעם געפעס", „איבערזעצען אלע אַלטע קולטור־ווערטען", „איבערדיכטען (ווי איינער האָט געוואָלט) די ביבעל", — דאָס זענען טשערנאָוויצער קלינגווערטער געוועזן. די ווירקליכקייט: נישט־קלוג געוועהלטע און שלעכט איבערזעצטע אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

טראגי־קאמיש: אַז אַלטער, גרייז־גרויער מאַן געהט צו קינ־דער אין חדר אריין לערנען.

אַז אַלט, דאָס עלטסטע פאָלק און אַ יונגע, די אינגסטע לי־טעראַטור!

ווער ביסט דו, יונג־אידישער שרייבער?

אַ קינד אַהן אַ טאַטען, אַ קינד אַהן אַ מאַמען; מאָרגען — אַהן עברי.

נישט נאָר אויף אידיש, א י ד י ש מוז געשאַפען ווערען; דערצו פעהלט די טראַדיציע. אַלץ וועט איהר געפינען: דעם „ביט" אין שטיוועל מיט קאַלאָשען, דעם קרענקליך־קלוגען בליק אויפ'ן לעבען פון דער זייט (איך מיש מיך נישט, איך בין צו קלוג!—) אַלאַ טשעכאָוו, אַ שלעכט פאַרדרעהטען, רוסיש־איבערזעצטען מאַ־פּאַסאַן, אַ קאַריקאַטור פון טאַלענט־לאָזען סאַניז. — וואָס איהר ווילט...

וואו איז דער אידישער געדאַנק? די שכינה?

איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס טוישט זיינע שפּראַכען, אַ וואַנ־דער־פאָלק אַהן געשטיצטע גרענעצען, אַהן אַן אייגענער עקאָנאָמי־שער סטרוקטור, און דאָס פאָלק לעבט, ליידט און געהט נישט אונ־טער; שוואַך און ווערט באַקעמפט פון די מעכטיגסטע און שטאַרקסטע און גיט זיך נישט אונטער, — מוז אַזאַ פאָלק אַנדערש זעהן, אַנדערש פיהלען, אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג האָבען, אַן אַנ־דער פאַרשטעלונג וועגען דער צוקונפט פון דער וועלט, לעבען און מענש, — שפּיגעלט זיך עס אָפּ אין אונזער ליטעראַטור?

זעהט ווער מיט אידישע אויגען, פיהלט ווער מיט אַ אידישע האַרץ, קלינגט ערגעץ וואו דאָס אידישע נשמה־וואָרט?

נאָך קעשינעוו האָט דער העברעאישער ביאַליק דערקלערט דעם אידישען גאָט אַלס באַנקראָט. די א י ד י ש ע ליטעראַטור האָ־בען קיינמאָל קיין גאָט נישט געהאַט... מאַנכע האַלטען אין איין געטער זוכען...

קומען מענשען (מעהר־צאָהל, נישט ווייניגער אַלס צוויי) פון בערלין... אין בערלין געווען, דעם שטיינערנעם ביסמאַרק מיט בלע־כענע שטיוועל געזעהן, די זיגעס־אַלעע פּאַסירט: מאַרמאָרענע גראַ־פען און מאַרק־גראַפען... אַנגעזאָפּט די שוואַרץ־אַפּעל מיט דער פּראַכט פון ווייסע און גאָלד־באַשלאַגענע הויף־קאַרעטען, און

ארויסגעוועקסטע קייזער־וואנסען און באגייסטערט פון דער קראפט. וואס שלאגט פון פאליציאנט און ביר־יונקער, — קומען די לייט אין אונזער געטא אריין און פרעגען אויף אייראפא...

נישט אייראפא פעהלט אונז... אידיש פעהלט, עברי פעהלט...

2.

יונג איז אונזער ליטעראטור; גאנץ אפט קינדיש...

יונגע קינדער האבען גרימאסען; רופען רופט מען עס: שטי־מונגען...

„קינדער פלאפלען", זאגט שלום־עליכם'ס א אידענע, ווערט א גאט־זוכעניש!

אין בעלעם נארען איינגלעך די לבנה אין פעסלעך וואסער אריין: מעשה בראשית, מעשה מרכבה, דער קדמון...

די יונגע לייט האבען טאלענט, עס פעהלט זיי אבער די מאס פון אייגענער און פרעמדער קראפט; פון נאהענט און ווייט, פלאך און טיף... און לייכטזיניג זענען קינדער און שפילען זיך מיט פייער... און ביים פרעמדען פייער ווערען נשמות פארברענט...

קינדער, זיך אליין געלאזט, נישטערען ביי די עלטערע אין שענק און קאמאדען, און קליידען זיך איבער פאר עלטערע און לויפען אין גאס אריין פאראדירען. געהט דעם טאטענס היטעל איבער די אויערען, שווימען די פאלעס אין בלאטע, קומט ארויס א קליין מיידעלע אין דער מאמעס שייטעל, אין דער עלטסטער שוועסטערס קלייד, אין דער כלה־שוועסטערס צירונג... ווערט א קינדעריש פורים־שפיל אינמיטען דער וואך...

אונזערע קינדער־יתומים טוען עס מיט פרעמדע, עלטערע זאכען: דאס פלאגיאט...

און דאס אריגינעלע?

אן אלט פאלק, א גלאנץ־שטראלענדע פארגאנגענהייט, א בלוטיגער, לאנגער מארטירער־וועג צו א פראפעטיש־גע'חלום'טער צוקונפט... אין דער „מיט" שפיגעלט אפ א היינטיגען בליץ־מאמענט

(די סקיצע). די גרימאסע: דער גלי־ווערעמלער־טאַנץ — די שטי־מונגען.

א צוזייהט און צושפרייט פאָלק, א וואַנדער־פאָלק, א וועלט־פאָלק און אן אייביג פאָלק, און א מאָמענט־אויפנאַמס־ליטעראַ־טור, וואָס קאָן פון וואַלינער, ליטווער און פוילישען קליין־שטעדטעל בשום אופן נישט ארויס... און ווייל דער אינדיק פון ארומגעדרעהטען קרייז ארויס, הויבט ער אן — קריסטלען... אינ'ם מאָ־מענט און אינ'ם תהום זעהט זיך א גאַנץ ראַשע אנט־וויקלונג.

פון צאינה וראינה און תחנות וואַקסען ארויס אמ"ד'ם מעשה'לעך אין ווילנא... קומט מענדעלע אין אדעס און גיט די אי־דישע נאָך נישט דיפערענצירטע מאַסע, אידען און אידענעס מיט מארד, מרחץ, הקדש און שול... באַווייזט זיך דינעזאָן פון זאַגער און ברענגט שטילע יונג־דראַמען און קינדער־טראַגעדי'ען פון אי־דישען הויז... דער קיעווער שלום־עליכם — דעם קאַמי־וואַיאַזשער, דעם נאַאיוו־נאַריש־איבער־קלוגען פרנסה־זוכענדיגען איבער־זידלער פון דער קליינער אין דער גרעסערער שטאָדט אריין, און אנטפלעקט טביה דעם מילכיגער טראַגי־קאָמעדיע... באַלד קומט די רעוואָלו־ציע פון וואָוויל־לערנער אין בית־המדרש... ווי דורך א געעפענטער טיר רייסען זיך אריין די יונגערע מיט נייערע טעמאַטען: אַש גיט די ווייכסעל, דאָס קוילער געסעל, דעם עמיגראַנט, דאָס הייזעל, נאָמבערג — דעם צובראָכענעם אינטעליגענט, וויסענבערג ניש־טערט אין שטעדטעל און זעהט א טאַטע מיט בנים אין פאָרשטאָדט און זעהט זאַמדיגע פלעצער, א וועלדעל, וואַסער און וואָלקען... נאָך אינגערע קומען מיט פארבען, ברענגען אריין דעם ים, זונען אויף־און־אונטערגאַנג, פויערים, ציגיינער, גנבים... עס שיילען זיך אויס „צוויי וועלטען" — דער ראָמאַן ווערט געבוירען; די דראַמע איז שוין לאַנג דאָ.

אבער וואו זענען די ספרד'ישע אידען? וואו זענען די אמסטערדאמער בריליאַנטען־שלייפער? ארגענטינער און פאַ־לעסטינער קאָלאָניסטען? וואָס מאַכט ראָטשילד אין פאַריז? לו־צאַטאָ אין רוים?

א וואַנדער־פאָלק און א ליטעראַטור, ווי א שטעהענדיג וואַסער...

עס פעהלט דער הויכער פונקט, פון וועלכען דאס אלץ זאל געזעהן ווערען...

דער פראפעט שטעהט אויף דער הויך און זעהט, ווי איהם צופוסענס קוילערען זיך אויף און איבער לענדער און שטערט; מארשירען דורך ארמייען און פעלקער... מיר זעהען אונזערע איי־גענע נישט...

ער זעהט די צוקונפט; מיר זעהען דעם נאהנטסטען מארגען מיט קאדעטישע אויגען אדער אויף סאציאל־דעמאקראטישע ברי־לען...

3.

עס זאל נישט קומען צו קיין מיספארשטענדניש.

איך רעד נישט פון פארשליסען זיך אין א גייסטיגען געטא: מען זאל ארויס פון געטא, נאר מיט אן אייגענעם גייסט, מיט אן אייגענעם גייסטיגען פארמעגען. און טוישען: געבען און נעמען, נישט בעטלען.

געטא איז אימפאטענץ: קולטור קרייציגונג — די איינציגע מעגליכקייט פאר דער מענשליכער אנטוויקלונג. זאל קומען דער מענש, מוז ער זיין דער סינטעז, דער סך־הכול, די קווינט־עסענץ פון אלע נאציאנאלע קולטור־פארמען און וועלט־אנשוי־אונגען.

„נעמען און זיך נישט פארלירען", דאס איז די הויפטזאך, און דאס איז דאס שווערסטע ביי שוואכע און נישט זעלבסטשטענ־דיגע פעלקער... פון אידישען שרייבער מוז מען דעריבער מעהר פארלאנגען. דא איז איינגענארט — ווירקליכער — ווירק־ליכער כאראקטער, די אריגינעלע פארם — די העכסטע פארם פון ווילענס־קראפט!

און נישט דאס געמאלטע, געשניצטע, באשריבענע מוז זיין אידיש. מען דארף ארויס פון געטא און זעהן די וועלט, נאר — מיט אידישע אויגען... אידיש מוז זיין דער שטאנדפונקט, פון וועל־כען דאס קינסטלער־פראבלעם ווערט באטראכט; די עטיש־פילאזאפישע באלייכטונג, ביי וועלכער די ערשיינונג ווערט גע־זעהן... קונסט איז סוביעקטיוויטעט; וויל מען אי־דישע קונסט, מוז מען האבען דעם אידישען קינסטלער...

עס געהט דאך אויך נישט אין דעם, דער הונט זאָל נישט הייסען, נישט כּלב, נישט סאָבאַקאַ, נישט פּיעס, נאָר דוקא „הונט“ אין דער ליטא און אין גאַליץ, און מדינת פּוילען... „הינט“?

איך רעד נישט צו די, וואָס קעמפען פאַר׳ן רעכט צו א ד־ר ע ס י ר ע ן אויף אידיש, פאַר׳ן רעכט אויסצו׳טענ׳ען זיך אויף אידיש... צו די, וואָס באַנוגנען זיך מיט דער האָפנונג פון אידיש אויף דער פּאָסט, אין געריכט און אין דער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג און ציטערען פאַר׳ן וואָרט: „נשמה“ און עס וואַרפט זיי אין זיבעטען שווייס דער „כּלל ישראל“... איך רעד צו די, וואָס שטרייטען פאַר׳ן קולטור־רעכט, פאַר׳ן רעכט צו שאַפען, אידישע קולטור־ווערטען — דאָ העלפט שוין נישט קיין אידיש רעדען, מען מוז עפּעס זאָגען!

און האָט איהר נישט ו ו א ס צו זאָגען, מעגט איהר רעדען אידיש פון וויג ביז׳ן קבר און איבעראַל: אין דער היים, אין גאַס, אין בית־המדרש בשעת קריאת־התורה, און פיעלהאַרמאָניע בשעת׳ן קאָנצערט, אין גרויסען טעאַטער אין מיטען דער אָפּער (דאָס העכסטע אידעאַל!) דאָס וואָס איהר וועט זאָגען, וועט זיין גוי׳איש...

און דערצו — באַנאַל, נאָכגעמאַכט, טויט... און דאָס איז די טראַגי־קאָמעדיע, מיר שטעהען, ווי א מויער פאַר אידיש! מוסר נפש זענען מיר זיך פאַר אידיש; אַזוי געגען דער אַלטער, ווי געגען אַלע נייע פרעמדע שפּראַך־פאָרמען, און פאַר אונז אין די אויגען ווערט אויסגעטריקענט דער אידישער איגהאַלט, דער אידישער תוך; אויסגעלאָשען ווערט די אידישע נ ש מ ה, אָדער, ווי מען פלעגט זאָגען — „דאָס פּינטעלע איד“, מיר ווערען פאַרפּלייצט פון פּלאַגיאַטען, סוראָגאַטען, געפעלשטע מאַרקען און געפעלשטע וואַרען. און מען פרעהט זיך; „גאַנץ אייראָפּעאיש“, זאָגט מען!

וואו איז דאָס אָריגינעלע, אייגענאַרטיגע — דאָס אידישע?

מיט א פרעמדער נשמה קאָן מען נישט לעבען. פון א פרעמדען ווילען קאָן מען ווערען באַאיינפלוסט, זאָגאַר סוגעסטיאָנירט,— ל ע ב ע ן מיט א פרעמדען ווילען קאָן מען נישט.

דעריבער ווערט ביי אונז אַזוי פיעל געזייהט און אַזוי ווענינג געשניטען; דעריבער האָבען די זאַנגען אַזוי פיעל שטרוי און אַזוי ווענינג קאָרן... דעריבער ווערען ביי אונז אַזוי פיעל האָפנונגען פאַרבליבען און עס פאַלען אַזוי פיעל שטערען פון הימעל...

די נעגער־קינדער, וואס לערנען אין דער איראפעאישער שול, באווייזען אומגעהויערע פעהיגקייטען — אין די ערשטע קלאסען; אזוי לאנג ווי עס איז גענוג אויפצוכאפען, וואס דער לעהרער זאגט, אויסלערנען אויסווענדיג, געדענקען און נאכזאגען, וואס אין ביבעל שטעהט... זענען זיי די ערשטע. אין דער פיערטער, אין דער פינפטער קלאס — סטאפ! מען ברויך שוין אינטעליגענץ, לעבעדיגע, אייגענע; מען דארף אינטואיציע, — ווילענס־קראפט, — און דאס האט אין דער פרעמדער שול דאס נעגער־קינד פארלוירען... עס האט אזוי לאנג אויסגעלערענט נאכגעמאכט, ביז דער אייגענער קוואל איז אויסגעטריקענט געווארען, די פראצעסען פון אונטער דער באוואוסטזיניגקייט — די אינטואיציע — האט אויפגעהערט... און פון שול געהט ארויס א גייסטיגער „קוציק“ — א שווארץ־גייסטיגע אימפאטענץ, אייראפעאיש געקליידט: פראק, צילינדער, האנטשוה, אן אייראפעאישער קניקס, אבער דאר און הויל...

„קוציקטום“ איז אויך דער פלוך פון אונזער ליטעראטור. גאנצע מנינים אפגעשטאנענע גניעס: פושקינ׳ס, געטע׳ס, שעקספיר׳ס און וואס איהר ווילט...

פון „וואונדער־קינדער“, ווערען נישט קיין „לייט“...

4.

האט מען נישט קיין „גאט“, זוכט מען געצען, און די גיבען היין תורה נישט.

קאן מען העכסטענס באשרייבען; שרייבען איז א ו מ מ ע ג ל י ך. „דיכטען“, „שאפען“ איז רעליגיאן.

האט מען אויך קיין וועלט־אנשויאונג נישט; דאס פ א ז י ט י ו ו ע ווייסען קאן עס נישט געבען, דאס מוז ווערען אינטואיטיוו געדיכטעט און געשאפען...

און האט מען נישט קיין וועלט־אנשויאונג, האט מען קיין וועלט נישט, נאר אפגעריסענע, צוזווארפענע פאקטען און נישט צוזאמענגעהעקעלטע ערשיינונגען; שפילט מען זיך אין זאמד. דער־רויף איז דאך קונסט — שפיל! און מען האט נישט מיט וואס די צייטען צו פארבינדען, דער היינט קומט נישט ארויס פון נעכטען,

און דער מארגען — נישט פון היינט... „נאך מיר זאל זיין א מבול"...

האט מען אויסער זיך קיין העכערע אידעאלען נישט. און, אהן דעם ה ע כ ע ר ע ן שטאנדפונקט, האט מען קיין איבערזיכט, קיין פערספעקטיוו, ליגט אלץ אויסגעצויגען, אפגעשטאנען; טויטע נאטור, לעבעדיגע מעכאניק און אלץ איז גלייכווערטיג, אלץ איז „געגענשטאנד", אלץ קאן זיין א „טעמע", פון אלץ קאנען ארויס־שפראצען סקיצען, געדיכטע, ווען נאר א געוויסע שאטענדיג־ציר־טערינג באלייכטונג, עטליכע קלינג־ווערטער, א פאר גראמען...

און האט מען קיין פארגאנגענהייט און קיין צוקונפט נישט, איז מען אויף דער וועלט א פינדעל־קינד אהן טאטע־מאמע, אהן טראדיציע, און אהן פליכטען פאר'ן שפעטערען, פאר דער צוקונפט, פאר'ן אייביגען, דינט מען זיך אליין, מעסט מען און מען וועגט אלץ מיט זיך אליין, האט מען נישט צו וואס צו שטרעבען: אזוי ווי איך בין, בין איך און מוז אלץ האבען, פון אלץ געניסען...

„געניסען" — דאס איז רעכטעווארט...

האט מען שטימונגען און קיין כאראקטער נישט; גלוסטונגען, אבער קיין ווילען נישט. קיין גרויסע ליעבע, קיין האס... פלירט, לייכטע באציהונגען...

„אשת חיל" געווען און „שולמית" און די, וואס לאקערט און פאנגט, די הומיה וסוררת.

די מ ו ט ע ר איז צו ערנסט, איהר שעהנהייט איז דער־ריבער נישט ליטעראריש, מיר האבען מיט דער „אייביגקייט" נישט וואס צו טון, די „פארטפלאנצונג" געהערט נישט צום קינסטלער, דאס פארזארגט דער בעל־הבית, זאל לעבען... דער פרוי־מוטער מוז מען זיין געטריי, מיר זענען צו פלאטערהאפט, איהר מוז מען בויען א הויז — א טעמפעל, איהר קיימען־אויוועז איז ביי איהר א מזבח, מיר האבען גענוג פויגעל־נעסטען. — און נישט „שולמית" — זי איז צו געזונט, צו עהרליך, צו איינפאך. מיר דארפען מיידעל־בושה, כלה־חן... זומער־פייגעלעך־שטויב...

נישט ליעבע, גליק ביי פרויען איז דאס אידעאל...

פארוואס ווייזט דאס נישט אויף די קריטיק...

ווייל מיר האבען זי נ י ש ט!

א גארטען האבען מיר, נאר קיין גערטנער נישט; וואקסט ער ווילד, קיינער רייסט דאס ווילדע נישט אויס, קיינער פפלעגט נישט דאס גוטע, שפארט נישט אונטער דאס שוואכע, טרענקט נישט דאס דורשטיגע...

יונגע זוכער זענען פאראן, קיינער ווייזט זיי נישט דעם געהנטסטען, קיינער העלפט זיי נישט געפינען דעם זיכערסטען וועג...

אז עולם־גולם פאראן, איז ער הונגעריג צו גאטס ווארט און דורשטיג, ווייזט איהם קיינער נישט דעם אונטערשיד פון ריין און אומריין — סמ'ט ער זיך...

און ווייזט זיך אמאל אין א יובל א גרעסערע, אן ערנסטערע און טיפערע זאך, וועט זי קיינער נישט דערקלערען, פאפולאריזירען; מען רעדט נאר וועגען דעם, קעגען וועלכען מען קאן זיך שטעלען אלס גרויסער, אויסלענדישער פיינשמעקער, און ווייזען עטליכע פעהלער...

און עס גראסירט די גרין־געלע, צוזאמענגעשרומפענע, קרענקליד־אייפערזיכטיגע, בייזע אימפאטענץ, און וואו זי זעהט א קינד מיט רויטליכערע בעקלעך, לויפט זי צו און דרעהט איהם אויס אן אויער — פאר כעס!

און דאך „דרעהט זי זיך" — —

מיט דעם פארם וועט זיך די אידישע טראגעדיע נישט ענדיגען...

מיר וועלען צוריקקומען צו דער ביבעל, פריהער אבער מוז מען אויפהערען צו קוקען אויף איהר מיט וועלהויזען'ס אויגען...

5.

און פאר'ן ענדיגען, מוז איך נאך נאר איין מיספארשטענדעניש פארהיטען.

„צוריק צו דער ביבעל" הייסט נישט: בלייבען שטעהן ביי דער ביבעל.

אידישקייט איז נישט קיין שטעהענדיג וואסער, קיין זומפ. „מים חיים" הופט מען זי, די תורה. אויפ'ן בארג סיני האט מען

געוויזען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש" — אלץ, וואס א אי־דישע נשמה וועט אויסשפינען.

אידישקייט טאר נישט גענומען ווערען ס ט א ט י ש, נ א ר ד י נ א מ י ש, — אין דער אנטוויקלונג, דאס הייסט: איבעראל אויף דער גאנצער א י ד י ש ע ר וועלט און אין אלע צייטען; קיין איינציגען עכט־אידישען מאמענט נישט אויסגעמעקט.

„אידיש" איז אונזער, אונזער איין־איינציגער וועג צום — מענש. צום געטליכען מענש, צום מענשליכען גאט; צום איבער־מענש, אויב איהר ווילט. דער „אדם על עילעא" איז נישט ווע־ניגער אידיש באקאנט.

אין ערגעץ נישט פארשטיינערט, אין ערגעץ נישט פארגלי־ווערט ווערען, אין ערגעץ נישט בלייבען שטעהן... קיין שום אומ־גליק: די ערגסטע גזרות, די שטארקסטע פאגראמען, נויט, הונגער, שאנד און שפאט — דאס אלץ איז נישט קיין בארעכטיגונג פאר רעאקציע. נאר מעהר כ א ר א ק ט ע ר מוז מען האבען. שלאגט דעם שטיין, וועט ער געבען וואסער; דריק פעסטער די איילבערט, גיט זי בוימאויל, אונזער „מזל" איז שויז אזוי... לעבען און שאפען ביי די ערגסטע באדינגונגען און נישט אראפ פון וועג.

א נ ד ע ר ע ו ו ע ג ע ן ז ע נ ע ן פ א ר א נ ד ע ר ע.

און איז מען אויף א רגע אראפ פון וועג, האט מען פארבלאנ־דזשעט, מוז מען צוריק געהן ביז צום זיכערסטען פונקט און אויפ'ן זיכערסטען וועג, אויפ'ן פאר אונז איינציג־מעגליכען וועג, ווייטער געהן...

אבער נישט אפגעהאלטען זיך, נישט שטעהן געבליבען...

אין ערגעץ נישט פארשטיינערט, אין ערגעץ נישט פארגלי־ווערט ווערען; אין ערגעץ דעם פאדעם נישט איבעררייסען, נאר אלץ ווייטער און ווייטער שפינען. און האט מען ערגעץ־וואו דעם פאדעם אפגעלאזט, צוריקגעהן, אויפנעמען און ווייטער שפינען, אלץ ווייטער און ווייטער שפינען, אייביג אין די דורות אריין שפינען און וועבען, און איבעראל, מיט א ליכטיגער נעץ די וועלט פאר־נעמען!...

קיין פלעק אויף דער ערד, קיין מינוט אין דער צייט, און קיין קלאס אין פאלק האט נישט קיין אויסשליסליך רעכט, קיין מאנא־

פאל אויף אידיש; נאר אלץ, איבעראל אין דער באוועגונג!

מען מוז נאר אפענע אויגען האבען אום צו זעהן, אז די בלינדע, רעליגיעזע פראקטיק, די עם־הארץ׳ישע באציהונג צו מצוות און עברות, דער פחד און דרך ארץ צום לענגער געדרוקטען ווארט אין דער נידעריגער שיכטע פון פאלק; — די לומד׳יש באשטראלטע עבודה, דאס באוואוסטזיניגע קיום המצוות און אפהיטען פון עברות און דאס רבנ׳ישע תורה־לערנען; — די נאקעטע נשמה, די, פון „גוף המצוה“ פון סימבאל אויסגעטיילטע קאבאליסטישע כונה, דאס הוילע, חסיד׳ישע רוחניות, און — די ריינע פילאזאפישמאניסטישע וועלט־אנשויאונג ביים ווירקליך אידישען אינטעליגענט — אז דאס אלץ איז איין אידישקייט, א גרעבערע אדער א פיינערע אויסשטראלונג פון דער אידישער נשמה...

און געפינען דעם תוך; דעם „עצם ענין“ פון אידישקייט אין אלע ערטער, אין אלע צייטען, אין אלע טיילען פון צוזייהטען און צושפרייטען וועלט־פאלק; געפינען די נשמה פון דעם אלעם און זעהען זי באשטראלט מיט׳ן נביא׳ישען חלום פון דער מענשליכער צוקונפט — דאס איז די אויפגאבע פון אידישען קינסטלער.

שאפען איז עלית נשמה; און נאר די אידישע נשמה קאן זיין זיין רוח הקודש, זיין שכינה, זיין איינציגע באגייסטערונג, זיין שעפערישע קראפט.

זי מוז זיין זיינע אויגען אין קאפ, מיט וועלכען ער זעהט די וועלט אין איהר פארגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט...

פאר דער אידישער נשמה מוז ער קאנען לעבען און שטארבען...

און נישט אוועק פון דער וועלט, נאר אביסעל, א קליין ביסעל התבודדות; א קליינע מינוט פון חשבון הנפש, וואס זיך אליין געפינען, זיך אליין אויסשיילען פון פרעמדען און אנגעווארפענעם, דאס הייסט: צוריק צו דער ביבעל...

צוריק צום זיכערסטען פונקט און פון דארט — צום מענש אויפ׳ן אידישען וועג..

.1910

נעדאנקען איבער ליטעראטור

אין א ליטעראַרישער געזעלשאפט ביי א פאדריאדטשיק, צוליעב זיין שעהנער פרוי אין א גרויסארטיגען קאפע פארזאמעלט, — האט עמיץ א פראגע געשטעלט: נאך וואס שרייבט מען? פארשפילענדיג ביים קארטען־טישעל, האט דער ווירט, אויסדרעהענדיג זיין שווערען קאפ, מיט די שטענדיג גערויטעלטע אויגען, געגרייצט, אין צימער אריינגעווארפען: ווער עס קאן נישט *לעבען, שרייבט!*

— אבער — האט אנגעהויבען די פרוי ווירטין, בעטענדיג מיט די שעהנע, שטענדיג פייכטליך שמאכטענדיגע אויגען די ליטעראַרישע געסט אום פארצייהונג פאר'ן מאן, — אבער —

זי האט אבער נישט געענדיגט. אן אלטער ליטעראט, וואס איז לעבען איהר געזעסען, האט זי אנגעכאפט ביי דער פיין געטאקטער, נאקעטער האנט: מאדאם, די ליטעראטור איז דאך נאר א סוראגאט פון לעבען, א נאכגעמאכט לעבען, — ווי ספארט איז דער סוראגאט פון ארבייט...

— געווים — האט נאכגעגעבען א יונגער דיכטער, וואס איז געזעסען ביי דער מאדאם פון דער צווייטער זייט, און האט ערשט נישט לאנג איהר געווידמעט א בענדעל מיט בענקשאפט דורכגעוועבטע געדיכטע אויף וועלין פאפיר. — געווים — האט ער ווידערהאלט, און זיין שטימע האט אנגעהויבען עטוואס ציטערען, — ווען די, צו וועלכער איך בעט, וועלכע איך פארהייליג, ווען די... — און נאך א קורצער פויזע פון פיעלדייטענדיגע אויגען־געשפראך, מיט דער רעכטער אין דער שוועליור און דער לינקער אויף'ן הארץ, האט ער, אראפבויגענדיג דעם קאפ, די אויפגעפאכטע בליצען אין

די אויגען צו באהאלטען, געענדיגט — וואלט איך מיין הויך ליעד ג ע ל ע ב ט. געלעבט נישט געזונגען —

דער אלטער דיכטער ווערט אומרוהיג, וויל זאגען עטוואס ביי־טערס און בייסענדיגס, נאר דער אינזשיניער, וואס האט ביים שפיל־טישעל די קארטען טאסירט און געזאלט צוטיילען, האט זיך אפגעשטעלט און מיט א שמייכעל געזאגט:

— איך ארבייט מיינע אידעען אויס: פאלאצען, באהן־בריקען.

— אדער איינקונפטס הייזער! — מורמעלט גיפטיג דער ווירט, טייל בעסער.

דער אינשעניער צוטיילט די קארטען, מאכט עס אומגעלומ־פערט, אויפגערעגט.

מאדאם לאזט ווייטער די אויגען אראפ, עפענט זיי דאך באלד, הערט זיך איין צום ווייטערען געשפרעך צווישען די ליטעראטען. וועגען דער געשטעלטער פראבלעם, מיט האלב־אפענע ליפען, גע־רויטעלטע געזיכט און ניריג אויפפלאמענדע אויגען שלינגט זי יעדעס ווארט.

ביים קארטען טישעל: פאס, פאס! דערנאך — ליציטאציע און באלד א שטילע נאכדענקליכקייט.

א סאציאל־געפארבטער ליטעראט מיט אויסגעשפראכענע סימ־פאטיען צו די נידעריגע שיכטען און עלעגאנטע פרויען פון די הע־כערע, — האט זיך דערוויל די הענט צופיהרט.

— גיט מיר די קראפט, די מאכט — רופט ער לויפענדיג אי־בער׳ן צימער, נאכגעיאגט פון דעם מאדאם׳ס אויגען — גיט מיר די מעגליכקייט צום שטערען און בויען..

און פלוצלונג:

— פארדאן!

ער האט אנגעטרעטען אויף דער מאדאם׳ס שלעפ. און אז זי פארצייהט איהם מיט א ווארעמען בליק, געשיקט מיט איין פוס ווארפענדיג דעם שלעפ הינטער זיך:

— ווען איך האב צו שאפען; ווען די וועלט איז א ליים און איך בין סקולפטאר...

און — נאך אמאל: פארדאן!

ער האט זיך אנגעשלאגען אן דער טאץ מיט טיי, וואס דאס דינסט־מיידעל האט אריינגעבראכט. אן אויסגעשריי פון מיידעל,

א געקלינגעריי פון פלאצענדע גלעזער, א לענגערער, מעלאדישער קלונג פון דער געפאלענער טאץ, דאס מיידעל ווארפט זיך, אויפ־צוהויבען דאס געפאלענע, דער יונגער דיכטער מיט דער שעוועליור, לויפט צו הילף און בויגט זיך איין, — א קלאפ פון צוויי יונגע, שטארקע שטערען; בליצען אין דער מאדאם'ס אויג...

דער יונגער דיכטער זעצט זיך שוין אין אן אנדער ווינקעל; דאס מיידעל האט זיך צוזאמענגעקליבען דאס געשיר, איז ארויס־געגאנגען נאך א פרישע טאץ און א „יונג־מאדערנער" קלארנע־טירט דערווייל:

— גיט מיר א קריסטאלענעם פאלאץ אין מיטען ים... פאווע־פעדערען, פערל־שנירען, קריסטאלען־געשיר — און לאזט מיך שווי־מען, אויף א מוטער־פערל שיפעל שווימען און קוקען, צוברעך איך מיין פען..

א היסטארישער ראמאניסט ענטפערט דעם סאציאל געפארב־טען:

— מיר איז ענג, דאס לעבען איז א געפענגעניש... פליהען קענען דער צוקונפט האט מיר גאט קיין פליגעל נישט געגעבען, אויס־טראכטען, מעשה'לאך שרייבען קאן איך נישט... געה איך צוריק. די היסטאריע איז א גוטע וועשין; זי האט די אלטע צייטען ריין געוואשען פון אלע שאנד און בלוט־פלעקען און אין די ריין גע־וואשענע צייטען לעבען און דיכטען. — דאס איז מיין איינציגע טרייסט...

מען האט שוין געבראכט פרישען טיי און, הויך זופענדיג, זאגט דער ווירט:

— מען שרייבט, וויל מען וויל עסען..

די מאדאם, שוין פון די הויכע זופען דענערווירט, שטוינט.

— פאלש! שפרינגט אויף דער אלטער ליטעראט. — מען דרוקט צוליב ברויט, אבער פריהער ווערט געדיכטעט. פריהער האט מען שעפפערישע אידעען; צו פרייע, צו שטארקע, צו הויכע... (מיט א גיפטיגען בליק צום אינזשעניער) מען זאל עס קאנען באלד, אויגענבליקליך אויסבויען... און... און...

ער פארהאקט זיך, די מאדאם דריקט איהם צערטליך די האנט...

דער יונגער דיכטער מיט דער שעוועליור לאזט פון ווייטען די אויגען אראפ, באהאלטענדיג די צארניגע בליקען. —

עס איז ענג אויף'ן ארט, וואו דאס לעבען האט אונז איינגע־פלאנצט אדער וואו עס פיהרט אונז, ווי איין באררייטער, אויף א קור־צער שטריק. און צו קורץ איז אונז די צייט פון אונזער לעבען. וואס איז די ליניע אדער דער איינצעלנער פונקט אינ'ם אומגעהויערען. אינ'ם נישט פארשטענדליכען וועלט־בילד? און ווי פארשווינדען אונזערע לעבענס־יאהרען אין דער אייביגקייט, הינטער אונז — אן אומגעהויערע פארגאנגענהייט, וואס האט אונז נישט געקענט, פאר אונז — אן אומענדליכע צוקונפט, וואס וועט אונז נישט געדענ־קען.

חלום'ט זיך דער פרומער אן אייביג לעבען אוים: א קור־צען גיהנום און — אן אומענדליכען גן־עדן, נאכ'ן איבערקומען דאס רייניגען אין גיהנום... חלום'ט ער זיך תחית המתים אוים. אויב ער וויל זיך נישט מיט דער זינדיגער ערד געזעגענען אויף אייביג... וויל זיך איינער דאס לעבען מיט א נאמען פארלענגערען; גרעסערע — א מאנומענט פארדינען; שטעלט זיך דער עגיפטישער קעניג פירא־מידען אויף, פארהייליגט דער כינעזער זיינע קברים, לאזען רייכע אייזערנע קאפיטאלען, שטעלען זיך שטארקע מצבות פון גראניט מיט גאלדענע אותיות — און מען לעבט זיך ארוים פון דער צייט.

רייזען מענשען איבער דער וועלט; ווי א פאנאראמע גהען פארביי לענדער, שטעדט און פעלקער, און מען לעבט זיך פון ארט ארוים...

און מיט'ן לעבען אליין, אויסער דער קורצקייט און דער ענג־שאפט, מיט'ן אינהאלט פון לעבען איז אויך דער מענש נישט צופרידען. נישט נאר ברייטער און לענגער, אויך העכער און טיפער וויל ער לעבען, און אפט — אנדערש, ער וויל עס פארבייטען, טוי־שען...

אבער זעלטען ווער עס קאן עס טון אין דער ווירקליכקייט... די דריקענדע מעהרהייט מוז קומען צום בוך, צו דער ליטעראטור. נישט דער היסטארישער ראמאן, די פארגאנגענהייט, די פאבעל — די

שענערע, שטראַלענדיגערע צוקונפט; דער ראָמאַן — דאָס היינ־טיגע לעבען שענער, ערהאַבענער, טיפער...

און מיט דער הילף פון דער ליטעראַטור רייסט זיך דער מענש פון זיין געפענגעניש אַרויס: קען דער שוסטער דורכלעבען אַ ריי־טערליך אָדער אַריסטאָקראַטיש פּרונק־לעבען... געהט דער שוואַכער האַנט אין האַנט מיט אַן אַלכסנדר מוקדון, עראָבערען די וועלט. אָדער זיצט מיט אַ נאַפּאָלעאָן אין סאַנקט העלענע און לעבט נאָך אַמאָל איבער וואַטערלאָאָ; ווערט דער אָרעמסטער רייך ווי ראָט־שילד, און באַשיט די אָרעמסטע מיט גאָלד; און דער שטילסטער לעבט דורך די שטאַרקסטע ליידענשאַפטליכע אָרקאַנען. טויזענטפאַך און רעגענבויגען־פאַרביג ווערט דאָס לעבען. נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, שטייגט איהר אויף די העכסטע בערג, שפּאַצירט איהר אין די שענסטע טאָלען, שווימט איבער'ן צופלאַסענעם שמאַראַגד פון די שענסטע זעען. אין דער ענגסטער, פינסטערסטער קעלער־שטוב שפּראָצען אויף גערטנער, וואַקסען אויס אַרקאַדען, פּאַלאַצען, פּיראַמידען, ספינקסען... מיט'ן בוך אין דער האַנט שפּאַצירט איהר אין לאַנדאָנער נעבעל און הערט דאָס פייפען פון גיגאַנטע מאַשינען; זעהט איהר די בליצענדיגע, געשמאַקפולע אויסגעלאַסענקייט פון נייעם בבל — פּאַריז; טאַנצט איהר אויף אַ יאַפּאַנעזישען בוימער־פעסט, באַרעגענט מיט די ווייסע שמעקענדיגע קירשען־בליטען... אין צווייטען קאַפּיטעל האָט איהר גלעטשער, שניי־בערג, קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל מיט גאָלדענע מעטשעטען. און פּיליכט ווילט איהר אָפּ־פּאָזיאַ באַוואונדערען? זעהן ווי קלעאָפּאַטראַ שטאַרבט פון אַ שלאַנגען־ביס, אָדער ווי משה צוברעכט די לוחות, אָדער אַ באַזוך מאַכען ביי די גריכישע געטער אויפ'ן אָלימפּ? און פיליכט ווילט איהר הערען, ווי מחמד פּרעדיגט, אָדער בודאַ?

אַלץ גיט אייך די ליטעראַטור — די קונסט!

און אָפט פאַרשטעהט דער מענש זיין אייגען לעבען נישט.

עס ליגען אין זיין טיפסטע האַרץ זאַמען פון די פלאַמענדיגסטע רויזען; ער קאָן זיי נישט וועקען, עס שטיקען איהם טרערען — פּערל; טרוקען איז איהם דאָס אויג, ער קאָן זיי נישט אויסוויי־נען און זיי ווערען פאַרגליווערט, און פאַלען צוריק אין האַרץ אריין, ווי שטיינער. און אין די טונקעלסטע האַרץ־ווינקעלעך ווילען גע־פיהלען, ווי די בלומען שפּראָצען, און האָבען קיין ליכטיגען שטראַל,

און וועלקען, און גיסען זיך איבער אין א וועהטאג אהן א נאמען...
און קומט דער דיכטער, — שפריצט ער טוי אויף די רויזען אין הארץ און זיי פלאמען אויף, און שטראלען אויס'ן מענש'ס אויגען ארויס, און דופטען... מיט זיין צויבער־ווארט עפענט ער די שליוסען און דער זילבערנער טרערען־שטראם שפריצט ארויס, און לייכט ווערט דאס הארץ, פון שטיינער באפרייט, און קלאר שטראלענדיג ווערען די אויגען, און גליקליך, דער מענש, וואס האט אויסגעוויינט זיין שמערץ. און ע ר פארמט די צופלאסענע נעבעל פון הארציגע געפיהלען, און זיי לעבען אויף — און טיף, און שעהן, און הויך; און פול ווערט דאס לעבען, ווי פון דער זון געבענשטע טרויבען.
דער געשיכטליכער העלד בייט זיך זיין לעבען לויט זיין ווילען; דער ווארעם־מענש ליגט צופרידען אין ערד־גריבעלע, וואו ער ווערט געבוירען און פארלוירען; דער מעהרהייט שענקט דער דיכטער דאס, וואס די נאטור האט זיי פארזאגט.
קונסט איז א סוראגאט פון לעבען, נאר זעהר אפט טיפער, ערהאבענער און ווארער פאר'ן לעבען...
און צוליב דעם לעזט מען.

און אבוואל איהר פארלאנגט פון ליטעראַרישען קינסטלער דאס לעבען, די צייט און דעם ארט, וואס איהר אליין האט נישט, פארלאנגט איהר דאך נישט פון איהם, ער זאל עס געבען אזוי ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. א'ניסט וואלט איהר אייך באגניגט. וואס אנבעלאנגט דעם ארט, מיט דער געאגראפיע, וואס באשרייבט אלע וועלט־טיילען, אלע לענדער; וואס גיט אייך אין ציפערען די הויך און דעם פארנעם פון בערג, די טיפקייט און דעם לויף־גאנג פון וואסערען; וואס באשרייבט אייך געגוי אלץ, וואס וואקסט און לעבט אין יעדער געגענד. דאס אבער ווירקט אויף אייער פארשטאנד, נישט אויף אייער אויג, איהר הערט עס, נאר איהר זעהט עס נישט; איהר פארשטעהט עס, נאר איהר קענט עס אייך נישט פארשטעלען. און איהר פארלאנגט „עס זאל אייך שטעהן פאר די אויגען", ריכטיג. אבער פארוואס גענוגט אייך נישט די פאטאגראַ־

פיע ? ווייל די פאָטאָגראַפּיע איז מעכאַניש. איהר ווילט נישט זעהן די זאַכען, ווי דאָס טויטע גלאָז אינ'ם אַפּאַראַט זעהט עס; איהר ווילט זיי זעהן מיט'ן אויג פון אַ קינסטלער, באַשטראַלט פון זיין נשמה, באַלעבט מיט זיין גייסט. און דאַריבער, ווען איהר ווילט די פאַרגאַנגענהייט, גענוגט אייך נישט דער היסטאָריקער, נאָר דער היסטאָרישער ראָמאַן. און ווען איהר שטרעבט צו דער צוקונפט, ניט אַלס פּאַרטיי מאַן אָדער פּאָליטיקער, אַז איהר ווילט די צוקונפט ז ע ה ע ן — ווערט לעשען אייער דורשט אַ דיכטערישע פאַבעל (מעשה'לע), און נישט דער אוטאָפּיסט, ווי צום ביישפּיל, בעלאַמי.

און דאָך האָט מען ערשט נישט לאַנג גערופען: רעאַליזם! דאָס לעזער־פּובליקום איז צוגעשטאַנען צום דיכטער, ער זאָל זיי געבען דאָס לעבען ווי עס איז; די ווירקליכקייט, נישט פאַרשענערט, נישט געענדערט, און אויף'ן פאַרלאַנג פון גרויסען פּריץ — פּובליקום — האָט די ליטעראַטור אָנגעהויבען פאָטאָגראַפירען. מען איז אַרויפגעקראָכען אויף דעכער און פּיסקירט די גאַס, אָבסערווירט דורכגעהענדע, געכאַפּט און פאַרצייכענט באַוועגונגען, ווערטער: געשטאַנען הינטער טירען, אונטערגעהערט דורך'ן שליסעל־לאָך, וואָס איז שטוב טוט זיך. די אַרבייט איז געוואָרען אַ מעכאַנישע און פון דער ק ו נ ס ט — אַ ק ו נ ץ — נאָכצומאַכען, עס איז אָבער געווען אַ געוועהנליך מיספאַרשטענדעניס, אויב מען דאַרף דיכטען — האָבען די ליטעראַרישע צושטעלער, ווען דיכטונג איז מאָדע געווען, געמיינט — באַדאַרף מען קיין לאָגיק, קיין נויטווענדיג אַנטוויקלען פון אורזאַך און רעזולטאַט, און וואָס מעהר אויסגעטראַכט — איז בעסער. און מענשען האָבען אָנגעהויבען מאָלען, איידער זיי האָבען געקאָנט צייכענען; עס איז געוואָרען אַן אויסגוס און צוזאַמענמישונג פון פאַרבען אָהן קאָנטורען, אָהן ליניען און פּונקטען. און מען האָט נאָך אָפּט דאָס אַלץ מיט אַ מיסטעריעזען נעבעל באַדעקט, מען זאָל דאָס, וואָס מען האָט געפיהלט, אין נעבעל נישט זוכען. און דאַמאָלט האָט דער לעזער, וואָס האָט געוואָלט זעהן און דורכלעבען, און נישט געהאַט וואָס, געשריען: רעאַליזם! און געמיינט האָט ער: לערענט אייך צייכענען, דאָס היינטיגע, פאַרגאַנגענע און צוקונפטיגע זאָלט איהר צייכענען מיט אַ פעסטער האַנט, זאָל אַלץ האָבען זיינע פעסטע קאָנטורען.

אבער זעהען וויל מען מיט'ן אויג פון קינסטלער, און דאס קינסטלער־אויג זעהט די ווירקליכקייט, נישט אזוי ווי זי איז, נאר פיעל ווירקליכער, ווארים ער זעהט איהר אינערליכען אינהאלט, איהר באציהונג און אפהענגיגקייט פון דער נשמה פון דער וועלט, און מיט דעם, וואס טוט זיך הינטער די קוליסען פון דער וועלט אין אפהענגיגקייט פון זיין קינסטלערישער וועלט־אנשויאונג.

ווארים ביי דעם ווירקליכען קינסטלער געהט דאס זעהן און באשרייבען נישט צוזאמען. ווי די פארשידען־פארביגע גלעזלעך אין קאליידאסקאפ ליגען טיף אין הארץ ביים דיכטער, אונטער דער שוועל פון באוואוסטזיניגקייט, פארשידענע איינדריקען, מאמענטען, און ביי יעדער הארץ־באוועגונג ווערען נייע פיגורען באשאפען און דאמאלט ערשט באשריבען. ווי אייזען־שטויב ליגען דארט די פון געהירען פארגעסענע איינדריקען, און די קינסטלערישע וועלט־אנשויונג איז דער מאגנעט, וואס ציהט ארום זיך איינדריקען אויף א געוויסער פיגור.

אבער דאס נייע קאן ארויסשפראצען נאר דאמאלט, ווען דער אלטער זאמען, וואס דארף זיי ארויסרופען, פוילט און שטארבט; ווארים דאס נייע געשפראצטע איז נישט ניי באשאפען, נאר דאס אויפלעבען פון געשטארבענעם אין א נייער פארם.

דאס מאטעריאל פאר דער קונסט איז די ווירקליכקייט. יעדער מאמענט, יעדער איינדרוק באזונדער — דאס זענען די פארשידען־פארביגע גלעזלעך; דאס דיכטערישע הארץ — דער קאליידאסקאפ; די סטרוקטור גיט די וועלט־אנשויאונג און די שעהנהייט זענען די שטראלען פון דער דיכטערישער נשמה. אין שעהנעם שלאס זענען די ציגעל מעכאניש, די סטרוקטור — טעכניש, דער פלאן, אויב ער איז נישט קאפירט — דיכטונג.

דאס דיכטען מוז זיין אריגינעל, א פערזענליכע שאפונג.
פאעזיע איז פערזענליכקייט.

1908

דאָס אידישע לעבען

א.

ביים וויגעל.

אַן אָפּקלאַנג פון עלטערע דורות:
וואָס דאַרף אַרויסוואַקסען פון אַ אידיש קינד? אַ איד אַ למדן?

די תורה האָט קיין גרונט; און, מ'שטייגט געזאָגט, וואָס מען קאָן אויסלערנען, אַז מען לעבט אינגאַנצען זיבעציג יאָהר!

איין גליק איז נאָר, וואָס „לא עליך המלאכה לגמור“ — ביסט נאָר נישט מחויב אויסצולערנען די תורה, דו דאַרפסט נאָר זיצען און לערנען... הויב נאָר אָן אלף־בית, און ענדיג מיט ודוי...

שלאָף אינגעלע —
אונטער דיין וויגעלע
שטעהט אַ גאָלדען ציגעלע.
ס'ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

אַזוי זינגט די בלאַסע מוטער, נישט לאַנג פון קינד־בעט אַראָפּ. און וואָס פאַר אַ נחת וויל זי אָן קינד דערלעבען? זי וויל נאָר —

דאָס קינד זאָל לערנען תורה;
וואָרים — „תורה איז די בעסטע סחורה...“

אויף טייל ערטער זאָגט מען דעם אינגעלע, אחוץ ראַזשינקעס
מיט מאַנדלען אויך „פייגען" צו, אבי ער זאָל זיין שטיל, ווייל:
„דער טאַטע האָט געהייסען שווייגען!..."

אויף טייל ערטער איז מען, אנשטאַט פייגען, יוצא מיט
„פלעצלעך מיט פּוטער", אפילו „מיט ברויט מיט פּוטער"... דער
שענסטער חלום פאַר אָרעמע לייט...

אויף אנדערע ערטער פאַרלאַנגט מען פון קינד אביסעל מעהר,
ווי „זיצען און לערנען"... עפּעס גרויס זאָל דערפון ארויסוואַקסען:

תורה וועסט דו לערנען,
ספרים וועסט דו שרייבען;
א גוטער איד, א פרומער,
מיט גאָטס הילף וועסט דו בלייבען.

און באַלד יונגערהייט זאָל ער זיך שוין ווייזען גרויס:

תורה וועסט דו לערנען,
זיין מיט אַלע מעלות;
און נאָך פאַר דער חתונה
וועסט דו פּסק'נען שאלות.

נאָר דאָס איז שוין פאַר אויסגעוועהלטע קינדער, וואָס ווערען
רייך דערצויגען; אַזעלכע פּסק'נען שאלות, זאָגען אויך דרשות... און

די דרשה וועט געפעלען
דער גאַנצער וועלט...
ווייל אַזאַ אינגעלע
קאָסט א מאָסע געלט
קאָסט א מאָסע געלט
און מזל, און ברכה;
דאָס קינד קומט אַרויס
פון א שיינער משפחה...

ער וועט דאָך די משפחה נישט פאַרשעמען!

דער חוב, מדריך צו זיין דאָס אינגעלע צו דער תורה, פאַלט
אויפ'ן פאָטער. און וועה איז אַזוינעם, וואָס האָט עס נישט געטאָן:

דער טאַטע, וואָס האָט זיין קינד נישט געלערענט,
וואָס גאָט האָט געבאָטען,
טוט מען איהם דאָרט, אויף יענער וועלט,
ברענען און בראָטען!

איז דער טאטע נישט דא, דארף עס טון די מוטער; און טוט זי עס, איז עס א מעלה פאר'ן פארשטארבענעם פאטער אויך...

ביים יתומ'ס וויג זיצט זיין מוטער, די אלמנה, און זינגט:

זעה, מיין קינד, צו לערנען תורה,
זאלסט זיך מיהען;
דעם טאטען דיינעם פון גיהנום
ארויסצוציהען...

אין דעם זכות פון קינדס תורה באקומט אויך די מוטער דעם ליכטיגען גן־עדן.

די אלמנה זינגט ווייטער:

און אז איך וועל אויך אמאל דארפען אויף יענער
וועלט געהן,
וועלען די טויערען פון גן־עדן פאר מיר אפען שטעהן!
דו, מיין קינד, זאלסט זיין
א פרומער און א גוטער;
מ'זאל רופען דארט: אריין
זאל דעם צדיק'ס מוטער!...

ווייניגער פארלאנגט מען פון א „שעשני כרצונו“.

א מיידעל איז געבוירען געווארען, א קלענערער מזל־טוב, א קלענערער נחת...

תורה וועט זי נישט לערנען. דריי מצות איינגאנצען וועט זי האבען, העכסטענס וועט זי קענען דאווענען, לייענען תחנות, „צאינה וראינה“ מיט „מנורת המאור“ אויף עברי־טייטש. זי מוז יוצא זיין דערמיט. וואס איהר מאן וועט זיצען און לערנען... און אויב זי וועט איהם מפרנס זיין אויף ד ע ר וועלט, וועט זי די זכיה האבען צו זיין זיין פיסענבענקעלע אויף י ע נ ע ר וועלט.

די מוטער איהרע זינגט דעריבער:

אונטער שרה'לעס וויגעלע
שטעהט א קלאר־ווייס ציגעלע —

אונטער'ן איינגעלס וויגעלע שטעהט א גאלדען ציגעלע, זי מוז יוצא זיין מיט א קלאר־ווייס. דאס ציגעלע איז אויך „געפאהרען

האנדלען — ראזשינקעלעך מיט מאנדלען; דאס איז די בעסטע סחורה", — און דער גראם איז. אז — „שרה'לעס חתן וועט לער־נען תורה..." נישט זי!

פאר שרה'לען האט מען נאך אפילו קיין עקסטרא ליעדעל נישט געמאכט; פון „יענקעלען" האט מען איבערגעמאכט אויף „שרה'לען"; זי וועט אויך לעבען אויף זיין נוסח, און אין זיין זכות!

ערשט אין שפעטערע צייטען זינגט די מאמע:

דו וועסט לייענען ביכעלעך,
דו וועסט שטריקען טיכעלעך...
נאר דאס איז שוין ד י צייט, ווען —
„אין זאל
וועט זיין א באל
און שרה'לע וועט מאכען „מיט די קליידעלעך
א ווינט!..."

דאס אלץ וועט זיין שפעטער; דערווייל מוזען קינדערלעך שלאפען.

פון שלאף קומט צו געזונט, עס דערפרישען זיך די כחות; אז מען שלאפט, „שטעהט מען אויף ווידער—מיט געזונטע גלידער!"—

איי־ליו, ליו־ליו, ליו־ליו,
שלאף שוין, מיין גדולה;
מאך שוין צו דיינע
אויגעלעך, די פיינע, —
מאך זיי צו און מאך זיי אויף,
און שטעה געזונט און פריש מיר אויף!

אדער:

שלאף שוין שלאף אין דיין רוה,
מאך די כשר'ע אויגעלעך צו,
מאך זיי צו, מאך זיי אפען,
ווער געזונטערהייט אנטשלאפען!

אפילו די צדקנית, וואס וויל, מען זאל איהר, אין זכות פון זוחנס תורה, עפענען די טויערען פון גן־עדן, בעט זיך:

שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד, —
זאָלסט מיר רוהען, זיי געזונט!

און וואָס מען זאָגט אַלץ נישט צו דעם קינד, עס זאָל נאָר רוהיג שלאָפען!

שלאָף, שלאָף, שלאָף!
דער טאַטע וועט ברענגען אַן עוף...
ער וועט ברענגען אַן עפּעלע,
זאָל זיין געזונט דיין קעפּעלע!

און נאָך אַסך זאַכען וועט דער טאַטע ברענגען:

— אַ ניסעלע (ערגעץ אַנדערש — אַ שיסעלע), עס זאָל געזונט זיין דאָס פיסעלע. אַ ענטעלע, עס זאָל געזונט זיין דאָס הענטעלע, אַ יאַכעלע — אַ רפואה פאַר'ן בייכעלע, פייגעלעך (אָדער: בייגעלעך) — געזונט זאָלען זיין די אויגעלעך, אפילו „אַ העזעלע פאַר'ן נעזעלע"...

אויב דאָס קינד וויל נישט שלאָפען, קומט עס זיכער פון אַן עין־הרע:

איך זאָל וויסען, ווער עס קומט אַהער,
אַן עין־הרע געבען;
(וואָלט איך געשאָלטען:)
אַראָפּ פון דיין גוף,
אויף יענעם אַרויף
אויפ'ן גאַנצען לעבען!

אַ פאַרשלאָפענע מאַמע זינגט:

וואָס איז פאַר אַ שטייגער,
צוועלפען דער זייגער,
און שלאָפסט נאָך נישט איין!
קיין אַנדערע סברא,
עס איז אַן עין־הרע,
ס'קאָן אַנדערש נישט זיין!
ווען ס'וואָלט נישט זיין שפּעט,
וואָלט איך אַראָפּ פון בעט,
און וואָלט אַן עין־הרע אָפּשפּרעכען...

און שלאָפען דאַרף מען שטיל, ליגען רוהיג, בפרט אַ מיידעל, אַ צנועה:

וואס ווארפסט דיך ארום?
וואס ליגסט דו קרום?
פאלג מיך, ליג בעסער גראד!
דו מעגסט מיר גלויבען,
מען וועט דיך לויבען:
א שעהנע, אן עהרליכע מאד (מויד).
ווארים ווייגען איז גאר קיין יושר נישט:
פיעשטשעסט זיך און וויינסט,
און שלאפען ווילסט דו נישט;
מאכסט דאך אן דיין מוטער
שמערצען מיט דערמיט!
זינגען נאר און וויגען,
איז דיין גאנצער גרונט!
שלאף שוין, שלאף שוין, קינד,
שלאף שוין, שלאף געזונט!

און, אויב דאס קינד לאזט זיך נישט איינגעמען מיט גוטע רייד, מאכט מען עס א מורא. דעם אינגעל, וואס וועט וויסען אמאל, ווענינגסטענס ל"ג בעומר פון בלי־זיין, זאגט מען:

די באבעס מיט דזשאדעס
טוען אין דרויסען זיצען;
מיט די ברייטע שווערטען,
מיט די לאנגע שפיצען!
א אינגעלע, וואס מ'האט
וויינענדיג געפונען,
האבען זיי געכאפט,
געווארפען אין דעם ברונען!
דאס מיידעלע איז יוצא מיט חיות רעות:
פראשען און בערען
טוען אין דרויסען זיצען;
מיט די הויכע שטעקען,
מיט די לאנגע שפיצען!
א מיידעלע, וואס וויינט,
וויל נישט רוהיג זיין;

נעמט מען און מען כאפּט
אין טאָרבעלע אריין!
נאַטירליך, אויב מען פאַרטוישט דעם נוסח, אַ י ז אויך, חלילה, נישט קיין געפאַהר!
און פאַרוואָס זאָל אַ קינד נ י ש ט שלאָפען?
אַז עלטערער מענש האָט אַמאָל עפּעס אויפ'ן האַרץ, וואָס לאָזט נישט שלאָפען. אָפּט האָט מען פּחד איינצושלאָפען: אַז מען שלאָפט איין, פליהט ארויף די נשמה אין הימעל אריין
און שרייבט די עבירות איין אין די ביכער!
אָבער דו, מיין קינד,
דו האָסט נאָך נישט קיין זינד,
קאָנסט דו שלאָפען רוהיג און זיכער!
און, „אַז דאָס קינד ליגט און שלאָפט אין וויגעל, קומען גוטע מלאכים און באַדעקען עם מיט זייערע פליגעל“.
דער מלאך דער גוטער,
אַזוי ווי אַ היטער
שטעהט ביי דיר ביז אין דער פריה.
שטעהט ביי דיין וויגעלע;
און מיט זיין פליגעלע
דעקט ער דיך צו.

וואָס גאָט האָט באַשערט, אַ מיידעל צי אַן אינגעל; די מוטער האָט ליעב איהר קינד!
„אַז זי וואָלט געהאַט דעם מלך'ס אוצרות מיט זיין גאַנצער מלוכה, וואָלט איהר אַלץ נישט געווען אַזוי ניחא“.
ווי דו ביסט מיר ניחא, מיין ליכט און מיין שיין,
אַז איך דערזעה דיך, מיין איך,—די גאַנצע וועלט איז מיין.
„אַלע בריליאַנטען, מיט אַלע אַנטיקען, קאָנען איהר האַרץ נישט אַזוי דערקוויקען“, ווי, „אַז דאָס קינד ליגט און שלאָפט אין זיין וויגעל, און מלאכים באַדעקען עם מיט זייערע פליגעל...“
און אַזאַ מוטער, וואָס וואַכט ביינאַכט ביי דער שיין פון לבנה און שטערען, איבער'ן וויגעל פון איינגעסטען קינד, און הערט

דאס רוהיגע, שטילע אָטעמען פון די עלטערע קינדער, — פאלט איהר איין, אז איהרע קינדער זענען, ווי די שטערען אין הימעל, און אז זי וואכט איבער זיי, ווי די לבנה...

די לבנה פאסט אויף די שטערען,
ווי דער פאסטוך אויף זיינע שאף;
ס'זאל, חלילה, נישט געמינערט ווערען,
שלאף מיין עופ'עלע, שלאף!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט אלע קינדער קומען אויף דער וועלט מיט דעמזעלבען מזל... נישט אלע שלעפט די מוטער איין מיט ליעדער!

ארעמער יתום! דיין מאמע איז אין קינד־בעט געשטארבען.
דאס קינד ליגט אויף דער ערד מיט אויסגעוויינטע אויגען;
די מאמע ליגט אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגען...
דאס קינד ליגט אין וויגעלע און הלש'ט צו זויגען;
די מאמע ליגט אין קבר מיט שארבענס אויף די אויגען!
ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצען און גלעטען?
ווער וועט דיר, מיין קינד, דאס וויגעלע בעטען?
ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצען און צירען?
ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אריין פיהרען?
ווער וועט דיר, מיין קינד, מאכען פאר א מענשען?
און, אונטער דער חופה, ווער וועט דיך בענשען?

נישט גוט צו זיין א יתום! עס קרעכצט דער רעפריין פון ליעדעל:

נישט דא קיין מאמע,
נישט דא קיין נחמה!

און קיין מוטער וועט קיינער דעם קינד נישט פארטרעטען!
איך בין אויסגעפאהרען אויף אלע שיפען איבער אלע ימ'ען;
איך האב געמיינט, כ'וועל קריגען קויפען פאר'ן קינד
א מאמען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט גוט איז אויך דעם יתום אהן א טאטען!
דער מלאך מיט זיין פליגעלע
דעקט דיך ביז עס טאגט,

אוּן בּיי דיין עלענד וויגעלע,
דיין מוטער זיצט און קלאָגט!

זי קלאָגט, וואָס זי האָט „דאָס קינד געבוירען אויף צרות און אומגליק און שמערץ...“ וואָס דער פאָטער איז געשטאָרבען, ווען דאָס קינד איז „נאָך געוועזען אונטער איהר הערץ...“

ווען דו ביסט אַרוים פון דיין בליהונג,
איז ער שוין בּיי אונז נישט געווען;
מיין קינד, דו האָסט נישט קיין פאָטער,
ער האָט נישט דערלעבט דיך צו זעהן!

שלאָף, אָרעמער יתום! „דיין גרויס אומגליק פאַרשטעהסט דו נישט!“ „אַז דו וועסט אויסוואַקסען, וועט עס קומען צו דיר אויף זיבען וועגען! מיט דיין מוטער, דער אָרעמער אלמנה, צוזאַמען, וועסט דו וויינען און קלאָגען... נישט דאָ דיין שפּייזער!“

מיין קינד, דו וועסט עלטער ווערען,
שווער וועט דיר אָנקומען ס'ברויט,
דו וועסט דיך באַגיסען מיט טרערען, —
ווייל דיין פאָטער איז טויט!

דאָס לעבען וועט זיין אַ מין „שווימען אין קאַלטען וואַסער, איבער ימים“... קאַלט וועט מען דיך באַגעגנען, קאַלט וועט מען דיך אָפּיאָגען: געה ווייטער, געה ווייטער!

אויפ'ן ים, אַז דו וועסט שווימען:
די פאַליעס וועלען טראָגען אַוועק!
צו אַן עק וועסט דו נישט קומען,
נישט שלאָגען זיך צו צו אַ ברעג!

„געה ווייטער! געה! דו ביסט אונז פרעמד!“ וועט מען דיך טרייבען... דאָס איז דאָס מזל פון יתומים...

און „געראָפענע אויף יענער וועלט קומען נישט צוריק“...

פריה איז ער געשטאָרבען, און אַזוי פיעל האָפנונג אויף נחת האָט זיין טויט צושטערט... עס איז אַ ליעבע געוועזען... ע ר איז'אַ מ ל ך געוועזען, ז י — אַ מ ל כ ה... אַ לעבען איז געוועזען ווי אין אַ וויין־גאָרטען. און דאָס קינד? דאָס פייגעלע אין דער נעסט?...

שלאָף קינד!

אמאָל איז געווען א מעשה,
די מעשה איז גאָרנישט פרעהליך;
די מעשה הויבט זיך אָנ'עט
מיט א אידישען מלך!
אמאָל איז געווען א מלך.
דער מלך האָט געהאַט א מלכה...
„די מלכה האָט געהאַט א וויינגאָרטען, אין וויינגאָרטען איז א בוים געוועזען, אויפ'ן בוים — א צווייג, אויף דער צווייג — א נעסט".
די נעסט האָט געהאַט א פויגעלע,
דאָס פויגעלע האָט געהאַט א פליגעלע!
א ריין שטיק גאָלדען גליק!
וואָס קומט אָבער אַרויס?
דער מלך איז אָפּגעשטאָרבען;
די מלכה — געוואָרען פאַרדאָרבען.
די צווייג איז אָפּגעבראָכען,
דאָס פויגעלע — אַנטלאָפען...
און וואָס פאַר א מזל וואַרט דאָס פויגעלע אויף דער וועלט?
דאָכ ווייסען אפשר די שטערען אין הימעל, אָבער —
וואו נעמט מען אַזאַ לייטער
פון טויזענטער מיילען;
וואו נעמט מען א מענשען,
ער זאָל שטערען צעהלען?

נישט גוט איז דעם יתום! די יונגע אלמנה קאָן אָבער איהר איינענעם צער אויך נישט פאַרגעסען:
ליולינקע, מיין פייגעלע!
ליולינקע, מיין קינד!
אַזאַ ליעבע אָנגעוואוירען, —
וועה איז מיר און ווינד!

ליולינקע, מיין פויגעלע!
ליולינקע, מיין קינד!
וואו נעמט מען א דאָקטאָר,
צו היילען מיר מיין וואונד!

און —

אויפ׳ן בית־עולם שטעהט א מצבה,
איהר גרוים איז פון א שפאן;
עס זיצט דארט א יונג ווייבעלע,
באקלאגט איהר יונגען מאן...

זי קלאגט, וואס ר׳איז געשטארבען,
געלאזט איהר א קליין קינד;
איהר לעבען איז פארדארבען —
ווי אהן א פאסטוך א רינד!

ערגער דאך איז דער פארלאזטער עגונה. — זי זינגט:
שלאף, מיין קינד, שלאף
דיין טייערען שלאף!
זאל גאט איהם באצאהלען,
שיקען זיין שטראף!

עס איז נישט דא קיין עפעלע
אהן א ווערעמעל דרינען;
ס׳איז נישט דא קיין מאנספארשוין
אהן קיין פאלשע זינען...

איך האב גענעהט א קליידעלע, —
פינף ארשין די ברייט...
קיין גוטס זאלען די נישט האבען,
וואס האבען אונז צושיידט...

ער האט זי גענארט; אז אנדערע גענומען. — עס טרעפט זיך.

ב.

דאס גרינגע אסתר׳ל.

אסתר׳ל הייסט דאס קליינע מיידעלע, וואס איז ערשט ארויס פון וויג...

עס קריכט שוין אויף אלע פיער; עס מאכט נאך דעם קעצעלע דעם הינטעלע...

און טאטע־מאמע

וואלטען שוין גערן זעהן א טריטאלע
פון געטרייען פיסעלע...

נאר אז מען לעבט, דערלעבט מען. אויף אלע קומט די צייט! אסתר'ל שטעלט זיך אויף אויף די פיסלעך און פאלט, און הויבט זיך אויף, וואקעלט זיך, הוידעט, מאכט א פאר טריט און פאלט, און הויבט זיך ווייטער אויף און פרואווט זיך ווייטער. זי שרעקט זיך פאר'ן פאלען; זי איז אבער שטאלץ אויפ'ן געהען. זי וואקעלט זיך און געהט.

צום קוראזש זינגט מען איהר צו:

צינעלע, מיגעלע, רייב די קלאצקעס,
רויטע פאמעראנצען!
אז דער טאטע שלאגט די מאמען,
געהען די קינדערלעך טאנצען!

אסתר'ל וואקעלט זיך אלע אויף די פיסלעך:

ציגעלע, מיגעלע, רייב די קלאצקעס,
רויטע פאמעראנצען!
שבור'ט זיך נאר איין דאס קעפעל,
געהען די פיסלעך טאנצען!

און אפשר האט מען איהר געגעבען א לעק פון קעלישיקעל,
פון וועלכען א „טייערער גאסט", א מומע האט כיבוד גענאסען!
עס איז אזוי אנגענעהם צו זעהן, ווי א קינד ווערט „לעבעדיג"!

אסתר'לס מוטער ליגט שוין אין א צווייטען קינפעט, אדער האנדעלט שוין און וואנדעלט צוריק אין גאס, צי אין קרעמעל. אסתר'ל באקומט חבר'טעם און מען שפילט זיך אין גאס צי אין הויף.

מען נעמט זיך אז ביי די הענט, מען מאכט א ראד, איין מיידעלע בלייבט שטעהן אין דער מיט.

דאס רעדעל זינגט:

א ראד און א ראנגע!
א שטרויענע פאנגע!
זיבען מאל ארום,
חייקע, קוק זיך אום!

דאס רעדעל דרעהט זיך ארום און ארום, חייקע לויפט צו און כאפט איינע פון רעדעל, און וועמען חייקע כאפט, די געהט אויף איהר ארט אין מיט ראד אריין.

אדער עס הויבט זיך אן מיט א מעשה:

„אן אלטער קאטלאר האט געדארפט קעסעל־כלים
צו באשלאגען;
„א צווייטער ווייסט נישט וויפיעל שינדעל־נעגעל
דארף מען האבען“...

דערביי צעהלט מען די קינדער פון ראד. אום נישט קיין עין־הרע צו געבען, ווערט געצעהלט: „נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי“... און צום גראם: אדער ליעדערליי!

אסתר׳ל און איהרע חבר׳טעס לערנען זיך, שפילענדיג, צעהלען.

מען צעהלט אויפ׳ן נוסח פון „אחד מי יודע“: „איינס — א מילינג, צוויי — א צווילינג, דריי — מזומן, פיער — רעדער, פינף — פינגער, א. ז. וו.

מען שפילט זיך אויך אין פראגען מיט אנטווארטען. איינע פרעגט, די צווייטע ענטפערט:

— סייבעלע, סייבעלע!
— פי־פי־פי!
וואו איז די מאמע?

אדער וואו איז דער טאטע.

— ז׳אי׳ניש הי!
— וואס וועט זי ברענגען?
— א גלעזעלע ביר!
— וואו וועט מען עס שטעלען?
— הינטער דער טיר!

טייל מאל ווערט דאס קינדער־שפיל ערנסטער:

— וואס וועט ער ברענגען?

— א חת׳לע פאר דיר!

מזל־טוב, טאכטער,

מזל־טוב דיר!

(קליידער) צוגעשניטען,

(קליידער) אויפגענעהט,

א ווארע מאכט, א ווארע מאכט,

דער חתן געהט.

א ווארע געמאכט,

א חתן געבראכט,

און אפגעהוליעט א גאנצע נאכט!

און אסתר׳ל הויבט אן טראכטען וועגען א „משה׳לע" א חת׳לע; עס קומט איהר!

א שעהן מיידעלע בין איך,

רויטע זעקעלעך טראג איך!

טויזענט טאלער פארמאג איך!

אדער:

א שעהן מיידעלע בין איך דאך!

רויטען פאדעם שפין איך דאך!

א רייכען טאטען האב איך דאך!

היינט — וואס פעהלט מיר נאך?

עס פעהלט איהר ווירקליך גארנישט, אויסער א חתן...

אסתר׳ל זאגט (נאטירליך, אין געדאנק) צום פאטער:

טאטע, טאטע, געה אויפ׳ן בן זכר!

און קלייב מיר אויס א שעהנעם בחור!

מיט לאנגע פאות און שווארצע אויגען!

צו דער הייליגער תורה זאל ער טויגען!

אדער זי כאפט אן (אויך אין געדאנק) די מוטער:

— מאמע, וואו געהסט דו?

די מוטער פרעגט צוריק:

— טאכטער, וואס ווילסט דו?

און אסתר'ל בלייבט שטעהן פארשעמט און שווייגט. די מו־טער וויל דאך טרעפען, וואס די טאכטער וויל:

ווילסט דו נישט א פאר שיכעלעך האבען!
וועל איך געהן דעם שוסטער זאגען!
— ניין, מאמע, ניין!

און אין הארץ טראכט אסתר'ל פארדראסען:
אוי, איך האב א שלעכטע מאמע,
זי וויים נישט, וואס איך מיין!

און עס געהט ווייטער:

— מאמע, וואו געהסט דו?
— טאכטער, וואס ווילסט דו?
— ווילסט דו א קליידעלע האבען?
וועל איך געהן צו דער שניידערקע!
— ניין, מאמע, ניין, וכו'

אפשר א היטעלע? וועט זי באשטעלען ביי דער „פוצערקע". א פאר זעקעלעך באקומט מען ביי דער „קניטערקע". אסתר'ל ענטפערט אלץ „ניין" און „ניין"! און „א שלעכטע מאמע, זי וויסט נישט, וואס איך מיין!"
אז די מוטער פרעגט אבער:

— אפשר ווילסט דו א חת'ל'ע.
— כ'וועל געהן דעם שדכן זאגען!
דאמאלט ערשט באפרייט זי זיך און ענטפערט:
— יא, מאמע, יא!
הייסט, א גוטע מאמע כ'האב,
וויסט זי, וואס איך מיין!

און וואס פאר א מאן ווילסט דו, אסתר'ל?
— „אפשר ווילסט דו א שוסטער פאר א מאן?"
אסתר'ל איז אבער א בעל־בת'ישע טאכטער, א מיוחסת, און נדן האט זי. זי וויל קיין בעל־מלאכה נישט נעמען: א שוסטער

ווייל זי נישט, דראַטווע ציהען קאָן זי נישט! קיין שמיד אויך נישט; „אייזען ברעכען קאָן זי נישט“; זי וויל אפילו קיין שענקעריין נישט זיין, פלעשער שווענקען איז נישט קיין זיס לעבען... א מלמד איז שוין יאָ עפּעס רעכטעס, ער לערענט די הייליגע תורה. נאָר „שכירות מאַנען“ איז אויך נישט פון די גוטע זאַכען!

א רבי'צין זיין וויל זי, זי איז אליין „א רבי'צינס אַן אייניקעל“.

אויף אַן „אויסדערוועהלטען“ חתן מוז מען אמאָל אָבער וואַרטען. טרויערט אסתר'ל:

אויף א הויכען שטיין
זיץ איך און וויין;
אַלע מיידלעך האָבען חתנים,
נאָר איך איינע — ניין!

מיט דער צייט דאָך, האָט גאָט געהאָלפען און אסתר איז א כלה געוואָרען...

די „כלה־צייט“ געהט אריבער, ווי א רויש, ווי א חלום. מתנות, קליידער... מען שטעלט א חופּה. א תענית, א גאָלדענע יויך... מוזיק, כלה־טאַנץ, אזוי טענץ... און צו־מאָרגענס כאַפּט זיך אסתר'ל אויף אַלס ווייבעל... זי פאָהרט שוין אָפּ צו שווער און שוויגער. צו פרעמדע...

זי געזעגענט זיך מיט פאָטער און מוטער:

זייט געזונט, ליעבע עלטערען,
איך פאָהר אַוועק
אין ווייטען וועג,
וואו קיין וויגט וועהט נישט,
וואו קיין פויגעל פליהט נישט,
וואו קיין האָן קרעהט נישט!

זיי מיר געזונט, מיין פאָטער געליעבטער!
זאָל שוין נעמען אַן עק!
דיין זאַלץ און ברויט האָב איך געגעסען, —
ציגד פאָהר איך אַוועק!

עס איז ביטער, געליעבטער פאטער,
דער פויגעלע אין וויסטען וואלד אליין!
עס איז ביטער, געליעבטער פאטער,
מיר אין פרעמדען לאנד אליין!

זיי געזונט, געליעבטע מוטער,
זאל שוין נעמען אן עק!
דיין מילך פון ברוסט האב איך געזויגען, —
צינד פאהר איך פון דיר אוועק!

זי שטעלט זיך פאר, אז זי זיצט שוין ביי שווער און שוויגער און טראכט:

אין פרעמדען לאנד, אומבאקאנט,
בין איך עלענד, ווי א שטיין, —
אז איך דערמאן מיך אן דער היים
זיץ איך און וויין, איינע אליין!

אין די עטליכע טעג איז זי עלטער און טיפער געווארען;
דאס הארץ האט געארבייט „אויף אלע כלים“...
אסתר'ל זיצט שוין אויף דער פוהר, די מוטער קומט נאך אמאל צו, און לערענט זי, ווי זי זאל עהרליך האלטען די שוויגער:

טאכטערל דו ליעבסטע,
טאכטערל דו מיין!
צינד וועל איך דיך לערנען,
ווי א שנור צו זיין!
בשעת דאס שוויגערל
וועט געהן פון שול,
טראג איהר אונטער
א גאלדענעם שטול!
און אז דאס שוויגערל
וועט געהן צו טיש,
שטעל איהר א בענקעלע
אונטער די פיס!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם יונגען ווייבעל איז ביי שווער און שווינער אזוי באנג !—
זי בענקט אהיים און זינגט :

געפלויגען, געפלויגען די גאלדענע פאווע
איבער אלע ים'ען !
זאל דארט גריסען, מיין גאלדענער פויגעל,
מיין ליעב־הארציגער מאמען !
עס איז געפלויגען די גאלדענע פאווע,
איבער'ן טייך דעם גלאטען ;
לאז דארט גריסען, גאלדענער פויגעל,
מיין הארץ־געליעבטען טאטען !

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געפלויגען די גאלדענע פאווע,
איבער פעלדער און סעדער...
האט ער פארלוירען, דער גאלדענער פויגעל,
זיין גאלדענע פעדער !

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און זי באקלאגט זיך :

ווי ס'אי' ביטער, ליעבע מוטער,
א פויגעל אהן א נעסט ;
אזוי איז ביטער, ליעבע מוטער,
אין דער פרעמדר אויף קעסט !
ווי ס'אי' ביטער, ליעבע מוטער,
אהן וואסערל דעם פיש,
אזוי איז ביטער, ליעבע מוטער,
ביי א פרעמדען טיש !
ווי ס'אי' ביטער, ליעבע מוטער,
אין שטיבעל אהן א טיר ;
אזוי איז ביטער, ליעבע מוטער,
מיר אהן דיר !

אפשר איז עס א פארגעפיהל, וואס זי דערמאנט אן „שטיבעל אהן א טיר“ ; עס געהען איהר די קרעפטען אויס, פאר בענקשאפט, פאר שרעק, פאר דעם, וואס דארף קומען...

צו יונג האָט מען זי איבערגעפּלאַנצט אויף אַ פרעמדען אָרט...
אַ ליעד שטעלט פאָר אַ געשפּרעך אָדער אַ בריף־וועקסעל צווישען מוטער און טאָכטער:

— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
וויא האַלט דיך די שוויגער?
— די שוויגער, — איז בייז, ווי אַ טיגער!
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
ווי האַלט דיך דער שווער?
— דער שווער, — ברומט, ווי אַ בער!
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
— טאָכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
ווי האַלט דיך דער מאַן?
— ביים מאַן — איז דאָס לעבען אַ שפּאַן!
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

די שוויגער באַהאַנדעלט זי שלעכט; וואָס זי טוט, געפעלט איהר נישט.

„שטעהט זי אויף פריה", זאָגט די שוויגער, „זי שטעהט אויף קייען, ווי אַ קיה"... „שטעהט זי אויף שפּעט", הייסט עס: „די נבלה ליגט נאָך אין בעט!"... „מאַכט זי גרויסע חלות, שטעלט זי די שוויגער בדלות; מאַכט זי קליינע, ציהט זי אויף איהר דעם דלות! טוט זי זיך אָן שעהן, מאַכט זי די שוויגער געמיין, מאוס— איז איהר אַ ביוש, איהר שנור זאָל זיך אָרעם טראָגען!

געהט זי פאַרבעטען, אָרט די שוויגער, ווי זי טרעט; פאַרבעט זי נישט, שרעקט מען זי מיט אַ גט; וואַשט זי טיש און בענק, וויל זי אומישנע אַריינפאַלען אין אַ קרענק — די גרינגע אסתר איז שוין אויף דער צייט — טוט זי נישט וואַשען, באַרעדט מען זי אין אַלע גאַסען... געהט זי מיט'ן מאַן שפּאַצירען, שילט מען זי מיט גע־שווירען — אויף די פיס... זיצט זי אין שטוב, „ווי אַ קרוק", שרייט מען „זי האָט שוין פאַרדרעהט דעם שנוק!"

און עס קרעכצט דאָס יונגע ווייבעל: וועה איז איהר לעבען— זי ווייסט נישט, ווי דער שוויגער אָפּצוגעבען... און די שוויגער לעגט אויף איהר קיין כבוד נישט... די מוטער פרעגט, און אסתר'ל ענטפערט:

— טאכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
וואס עסטו דארטען?
— א שטיקעלע ברויט
ליעבער דער טויט
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
— טאכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
וואס געהסט דו אנגעטאן?
— אין א קלייד,
מיט צרות גענעהט, —
מוטער. דו ליעבסטע, דו מיין!

און זי טראגט „שיך, וואס ווערען צוריסען אויף גיך; מען לאזט זי לעגען דעם קאפ אויף א קישען, נאר — כדי לייט זאלען וויסען!" און די מוטער פרעגט ווייטער:

— טאכטער, דו ליעבסטע, דו מיין!
וואו ליגסט דו דארטען?
— אויף א הארטער באנק,
ליג איך טויט קראנק,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין.
— טאכטער, דו ליעבסטע, טאכטער דו מיין!
צי קומט צו דיר צו דער מאן צו געהן?
— ער געהט נישט צו,
ער האט שכל, ווי א קוה,
מוטער, דו ליעבסטע, דו מיין!

און —
אז זי האט געדארפט דאס קינד שוין געווינען,
האט מען פאר איהר קיין באבען געפינען!
— שוויגער, דו ליעבסטע
שוויגערל, דו מיין,
שטעלט מיך צום פענסטער,
וועט אפשר גרינגער מיר זיין!
— ניט איך וועל דיך שטעלען
אין פענסטער אריין,

און נישט עס וועט דיר
גרינגער זיין!
— שוויגערל, דו ליעבסטע,
שוויגערל מיין...
שטעלט מיך אין גארטען,
וועט מיר אפשר גרינגער זיין...
— נישט איך וועל דיך שטעלען,
אין גערטעל אריין,
און נישט עס וועט דיר
גרינגער זיין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אדער: —

שוויגער, דו ליעבע שוויגער, דו מיין,
עפענט אויף דאס פארטעלע,
אפשר וועט א פויגעלע זינגען,
אפשר וועט מיר גרינגער זיין!

„עפענט אויף דאס פענסטער, זאל כאטש וועהען אביסעל לופט, זאל א ווינטעלע בלאזען!"

די שוויגער האלט זיך ביים איהריגען: עס וועט איהר נישט גרינגער זיין!

שוויגער ליעבע, שוויגער זיסע,
עפענט כאטש אויף דאס טירעלע,
זאל מיין מאן אריין,
אפשר וועט מיר גרינגער זיין!

און אז דער מאן קומט אריין, זאגט זי:

ווער איז מיין געליעבטער,
און ווער איז דער מאן מיין?
ווער וועט לויפען פיערציג מייל
אין דער מאמעס שטוב אריין?

איהר מאן האט נאר קיין שכל נישט, אבער ליעב האט ער זי, א גוטער איז ער. ער ענטפערט:

— אַט דאָ בין איך, דיין געליעבטער,
כ'בין דיין מאַנדעל דיין!
און אַט לויף איך פיערציג מייל
אין דיין מוטערס שטוב אריין...

ער לויפט, קומט, טרעפט די שוויגער און רופט:

— גוט מאָרגען, שוויגערל,
— גוט יאָהר מיין קינד!
— אייער איינציגע טאָכטער
געהט שווער צו קינד!

די מוטער איילט זיך צו פאָהרען! און —

ווי ז'איז געגאַנגען
שפאַנען די פערד,
ווינשט זי זיך בעסער
צו ליגען אין ערד!
און ווי ז'איז אַריבער
ד'אייזערנע בריק,
זעהט זי, שמשים
געהען שוין צוריק!
און ווען ז'איז אריין
אין דער טאָכטערס שטוב,
איז שוין די טאָכטער
געלעגען אין גרוב...

(ביסט געענדיגט)

1901

„אין פאָלק אַריין“.

„און עס וועט קומען א צייט—האָט עמיצער נביאות געזאָגט—ווען דער הייליגסטער צדיק וועט פאַרלאָזן זיין חדר, צי זיין הייל, וואו ער האָט התבודדות געהאָט, וואו ער האָט געמאַכט תקון פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענער נשמה און האָט זי געוואָלט צוזאַמענגיסען מיט דער נשמה פון דער וועלט, — מיט גאָט!

„און דער שטערנזעהער, וואָס קוקט מיט קאַלטע אויגען דורך קאַלטע גלעזער אין קלאָר־קאַלטען הימעל אריין און בלאָנדזשעט צווישען פרעמדע, אפשר פאַרגעסענע וועלטען, וועט פאַרלאָזען דעם הויכען טורעם אויפ׳ן הויכען בארג און וועט פאַר׳ן קאַלטען הימעל אַנטלויפען...

„און דער שטאָלצער און דער פיינער, וואָס איז פאַר מענשען־שוויים אַנטלאָפען, וואָס האָט זיך פאַר׳ן פאַר׳סמ׳טען מענשען־הויך און מענשען־אָטעם אין דאַך־שטוב איבער׳ן זעקסטען שטאָק פאַרשאַנצט און פון אמאָל געזעהענע בארג און טאָל, וואַלד און טייך, נעבעלדיגע „שטימונגען“ געמאַכט, וועט אָנהויבען בענקען צום מענשליכען גראַבען גערודער אויפ׳ן מאַרק...

„און אַלע, וואָס האָבען דעם פעבעל פאַרלאָזט, וועלען זיך דער־פיהלען קראַנק, אָרעם, עלענד און פאַרשטויסען, ווי די קרעציגע אויסער׳ן לאַגער, און וועלען אַראָפּקומען און וועלען זיך בעטען: דערלאַנגט אונז די האַנט; מיר פאַלען!

„און אין איין ציטערניש פאַר קעלט אין דער נשמה, וועלען זיי מקנא זיין די אָרעמסטע עפּעל־אידענע ביים פייער־טאָפּ, און וועלען מקנא זיין דעם נאַכט־וועכטער, וואָס בלאָזט זיך אויף די ליוולקע אין גאַס און פון די פונקען רויטעלט זיך איהם דאָס פאַרשלאָפענע פּנים... און דעם פישער, וואָס שווימט איבער׳ן טייך אין דער פינסטערער **נאַכט, ביי א לאַמטערנע** לעבען רודער, און דעם פּאַס־

טוד, וואס בראט זיך זיינע גע׳גנב׳עטע קארטאפעל,ביים פייער פון דערנער אויפ׳ן פעלד...״

אזוי האט עמיץ נביאות געזאגט. נאר די נביאות הויבט אן מקוים צו ווערען... מען געהט אין פאלק אריין! און מען מוז געהען!

טייל האבען ביין געוויסען, ווייל זיי האבען א צו־לאנגע צייט אין פאלקס נאמען גערעדט און דאס פאלק נישט געפרעגט, און זיין מיינונג נישט געוואוסט. אנדערע פיהלען זיך, ווי אראפגעפלוי־גענע בלעטער אויפ׳ן ווינט, און זוכען זייער רוה און ווילען זיך באהעפטען צום פעסטען, צום שטארקען, וואס שווימט נ י ש ט ארום אין דער לופט!

די ווארשעווער רבנים ווארטען נישט, ביז מען וועט זיי קומען שאלות פרעגען וועגען „טמא וטהור״, און שרייבען און דרוקען „מודעות״ וועגען הלכות מקוה אויף מאמע־לשון, צאינה־וראינה־לשון...

און זיי נעמען ארוים די הייליגע דינים פון די לשון־קודש׳ע פוטער־פעסער, וואס שטעהען הייליג און שטאלץ אויף די אלטע האליץ־פרעסיגע שענק אין בית־המדרש, אין קלויז... זיי רייסען אפ די זיבען חתימות, די זיבען שלעסער, אויף וועלכע מען האט די דינים פאר׳ן פראסטען עולם פארמאכט, און לאזען זיי אין איין העמד אין גאס אריין, אין מארק אריין... און אינגלעך טראגען זיי ארום און פארקויפען צו קאפיקעס און פארטיילען ארעמע אידע־נעס אומזיסט, און מען פארשטעהט די דינים, ווי „תחנות״, ווי „צאינה־וראינה״, ווי אז איבערגעזעצטע „יהי־רצון״...

און דאקטוירים קומען און זארגען פאר׳ן ארעמען פאלקס גע־זונט. דר. ביכאווסקי און דר. גאטליעב זעצען איבער פון פוילישען „דר. באלאווסקי׳ס ווערק״ איבער פאקען. וואס איז פאקען? וואס דארף מען טון, אום צו פארהיטען זיך פאר פאקען? און דר. כאלים (?) דרוקט, און די אינגלעך טראגען ווייטער ארום אין די גאסען... עס איז נאר א שאד, וואס די דאקטוירים קענען וועניגער אידיש, ווי די רבנים, שרייבען אהן גראמאטיק, דרוקען אהן קא־רעקטור, און דער פראסטער עולם פארשטעהט בעסער הלכות מקוה, ווי הלכות פאקען...

ואחרון אחרון חביב — דער דר. בערדיטשעווסקי...

מיכה יוסף דר. בערדיטשעווסקי, דער אידישער ניטשע, וואס

לעכצט צו שעהנקייט, צו גבורה, וואס שטעהט אויף א שעהנעם פריה־מארגען און וויל מיט אמאל איבערבייטען אלע אלטע, אפגעריבענע מאראלישע מטבעות אויף נייע, שארפע מיט פולער־וואג, אונזער פילאסאף אריסטאקראט, אונזער בר־כוכבא, ריש־בר־יונה, אונזער, וואס איהר ווילט, לאזט זיך אויך פלוצלונג אראפ אין מארק אריין, געדרוקט מיט גרויסע, געפינטעלטע אותיות, אויף ביבולאפאפיר, איינגעהילט אין א העסליכער געלער שמאטע און דערצעהלט דעם פראסטען גראבען עולם: „א מעשה פון איינעם א קאוואל! וואס האט פערסאמט (אזוי לעגט ער אוים) זיין ווייב“, כדי „מען זאל זיך דערפון א מוסר נעמען“ (ער שרייבט: אראפנעמען).

מען זאגט, אז דר. בערדיטשעווסקי איז א צוריסענער מענש, איך זאג: אן אמת גאנצער!

ער האט אויפגעשריבען א גוטע פסיכאלאגישע זאך. קוים אבער האט ער זיך געיאגט: מען מוז געהן אין מארק אריין, האט ער עס אויפגעשריבען אויף באלטער מארק־לשון, וואו די מעשה ווערט דערצעהלט. און מיט דעם מארק־לשון רעדט דר. בערדיטשעווסקי נישט נאר פאר'ן קאוואל, נאר אפילו פאר זיך... אזוי אריינגעקראכען איז ער אין קאלטער קאוואלס נשמה!

ווען איך בין בערדיטשעווסקי'ס ווייב, וואלט איך מיך אביסעל געשראקען...

נאר נישט אין דעם געהט עס.

איך האב א קרובה לאה, א פישערקע. נישט „לאה די פישערקע“, דאס יונגע ווייבעל פון ווילנא, נאר לאה א פישערקע, בעסער געזאגט, א געוועזענע פישערקע, ווייל זייט מען האט אראפגעטריבען דעם פיש־מארק פון אייזערנעם טויער און אריינגעפיהרט אין די נייע געדעקטע האלען, האט לאה, ווי אנדערע הונדערט אריעמע ווייבער, נישט געהאט מיט וואס פאר א נייעם טייערען ארט צו באצאהלען און איז געבליבען אהן אן ארט...

פון לאה'ן פלעגט שלאגען א ריח פון פיש מיילען־ווייט. היינט איז אויך נישט בעסער — זי טראגט ארום אויל און נאפט... אין אן אלטער ווערענע, אין אן אפגעריסענער...

א צייט לאנג האט זיך לאה נישט געקאנט אפרייסען פון אייזערנעם טויער. זי איז ווייטער געזעסען, נאר אהן פיש. מיט טיף־איינגעזונקענע גלעזערנע אויגען אין פארשטיינערטען פנים

פלעגט זי קוקען אויפ'ן חורבן, באגלייטען מיט צער יעדען שטיין, וואס מען האט אויסגעריסען, יעדעס שטיק אייזען, וואס מען האט אוועקגעשלעפט פון די צונומענע באריערען... און, אז מען האט אויפגערודערט די ערד צו פארפלאנצען א סקווער, האט זי געשאלטען!

די בוימער מ ע ג ע ן שטעהען אין גאס, גראז זאל וואקסען... א י ך נישט!

און די גאנצע וועלט איז שולדיג געווען.

„די רבנים, פאר כל־ישראל ארבייטען זיי... געהט אין מאגיסטראט אריין, בעט רחמים — — וואס געהט עס זיי אן?“

„און אזוי פיעל אינטעליגענטען, אדוואקאטען, דאקטוירים — רעדען אלע לשונות און פאר ארעמע אידענעס האבען זיי קיין ווארט אין מויל!“

אויף שרייבער איז זי גאר אש־להבה געווען.

— פאר אלעם האבען זיי טינט־און־פעדער, נישט פאר אונז!

„שרייב מיר א פראשבע, — באפאלט זיך מיך, — שרייב, אז מען לאזט אלע לעבען, — מייז, קעץ, אפילו הינט, פארוואס מיך נישט?

און טאר איך נישט לעבען, לאז ער פארטאג פארפאהרען, דער הונט־שלעגער און צונעמען, און אוועקפיהרען...“

היינט איז לאה, די פישערקע, אן אנדערער מענש.

ערשטענס, האט זי זיך אפגעווענדט פון פיש און פיש־מארק און טראגט ארום נאפט מיט אויל... אויך א פרנסה מיט א ריח, כאטש אן אנדערען; צווייטענס, זעהט זי בחוש, אז מען זארגט פאר איהר!

די ווארשעווער רבנים זאגען איהר: הער, לאה די פישערקע! היינט ביסט דו אלט, נאר אמאל ביסט דו יונג געווען, און יונגערהייט — ווער ווייסט? אפשר עפעס פארלאזט, נישט אכטונג געגעבען, מאך נאך אמאל אן „אפצוג“... צעהל טעג...

און צייט האט זי, און טוט עס, און איז זיך מחיה — ארויפגענומען א פלעק פון דער נשמה.

און די דאקטוירים געפעלען איהר אויך... אביסעל א שלעכט לשון, (רבנים שרייבען בעסער אידיש), אביסעל אויסטערליש, נאר

אייניקלעך האָט זי, פֿאַר פּאַקען ציטערט זי; ע פּ ע ס איז זי גענואַר געוואָרען!

נאָר דערפֿאַר אויף בערדיטשעווסקי איז זי בייז!

— אזא קליין, אזא מאוס ביכעל, ריין ביבולע־פּאַפּיר און מען נעמט דערפֿאַר מיינע בלוטיגע פֿינף קאָפּיקעס! א מוסר, זאָגט ער, זאָל איך מיר אַרויסנעמען, און מוסר פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס ק אָ ן איך קויפֿען? מיט אמאָל וויל ער רייך ווערען...

אומזיסט וויל איך זי איבערצייגען, אַז דר. בערדיטשעווסקי וויל נישט רייך ווערען, אַז עס מוז זיין אַן אַרויסגעבער דערינען...

— אַרויסגעבער—שמעבער, אַבי אויסגענאַרט פֿינף קאָפּיקעס.

1902

ליטעראטור און לעבען.

אמאָל, אין די גוטע יאָהרען, פלעגען זיין „שדים אויף די בוי־דעם"; לצים פלעגען ארומטאַנצען אין די הויפען, נשמות פון עולם הדמיון — האָלץ האקען אין אלע וועלדער; פון אלע חורבות פלעגען רוחות ארויסשרייען „קוקעריקו", ווי דער בעסטער האָן, און געשטאָרבענע אפיקורסים, אָדער הינטער'ן פלויט באהאָלטענע דייטשען — ארומלויפען אויף די דעכער בצורת כלב און בילען, און בעטען זיך תקון!

עס איז געווען אַן אמת ראָמאַנטישע צייט, סאַמע שילער'ישע „הוילע גייסטער", און מלאכים אפילו האָבען זיך אויך נישט זעלטען באוויזען! פאַרקערט — זיי פלעגען זיך גאַנץ אָפט „יאָווען" און פונקט צו דער ריכטיגער צייט, אָפצואווישען דער אלמנה'ס טרערען, אויפצוהויבען א יתומה פון גלאַטען אייז... זיי פלעגען טיילמאָל אפילו זיך באווייזען דעם רשע אין א חלום און אָנזאָגען איהם זהיר והזהר, ער זאָל נישט איבערפילען דאָס מעסטעל זינד! אויסער דעם — פלעגט אמאָל, אומגעזייהט, ארויסוואַקסען אליהו הנביא — ארייַנוואַרפען אַן אָפּגעקומענעם דאַנציגער סוחר א זעקעל געלט דורכ'ן פענסטער, ענדיגען א שטיקעל ארבייט פאַר א קראַנקען בעל־מלאכה, און גאָר א פשוט'ען בטלן — אונטערוואַרפען א כשר'ע מציאה...

*　　*
*

וואָס האָט דאַמאָלט א „אידען" געפעהלט?
„מי יאכילנו בשר"*) איז גאָר קיין שאלה נישט געוועזען!

---

*) „ווער וועט אונז געבען צו עסען פלייש".

אונטער אלע בריקען האבען געבלעקט פאר'כשופ'טע קעלבער! געלט? אין אלע אלטע קעלער זענען באגראבען געוועזען אוצרות פון אמאליגע קלויסטער, און יעדען פארנאכט האבען זיך אוצרות באוויזען! שמחות? זאבאוועס? אין אלע הויפען האבען קונדייסע־וועט לצים, סצענעס געמאכט: געווארפען זיך מיט שאלעכטס פון אייער און קארטאפעל; פראסט — צום קראנק־לאכען... אויסער דעם איז געוועזען מעהר ברית'ן ווי היינט, אנדערע סעודות מצוה'ס, ווי היינט! און אין אלע קרעטשמעס איז געוועזען מוזיק! דאס האבען שדים חתונות געשפילט!...

„הקפות" איז היינט איין מאל אין יאהר און נאר ביי א מנין, דאמאלט האט יעדערער שכור'ער בעל־עגלה געהאט צעהן מאל אין יאהר הקפות און א גאנצע נאכט ארום א בוים אין א וואלד!

געגען שעבוד מלכיות—פאספארטען. גרענעצען וכדומה שווערע זאכען, האט געהאט די קבלה פארשריבענע רעצעפטען, צו ווערען א רואה ואינו נראה: פ"ח תעניתים, תקצ"ז סגופים, תרפל"ג שמות און: גירא בעיניך, סטראזשניק, מען הערט דיך, ווי די קאץ!

האט זיך אמאל באוויזען א המן הרשע, א צורר היהודים— איז געווען א רפואה צו דער מכה: א ליב שרה'ס מיט'ן קניפיקעל, וואס האט פון איהם לאקשען געשניטען!...

אחוץ—וואס היינט־מארגען קומט „משיח־צדקנו"; איידער דו קוקסט זיך אום — א פאפירענע בריק, בולקעס אויף די בוימער, תחית המתים וכו' וכו' נאך אנדערע גוטע זאכען!

וואס האט געקאנט פעהלען אויף דער וועלט, אז זי איז געוועזען מיט יענער אזוי פארקניפט און פארבונדען? עס האבען זיך „הימעל און ערד געקושט"; צווישען זיי איז געוועזען א צוזאמענהאנג: א חלום, א מלאך אדער אן אנדערע מאדע אינטערווענציע*) פון דער השגחה פרטית; צווישען הימעל און ערד איז געשטאנען א בריק, אויב נישט א פאפירענע — על כל פנים א שפינוועבענע.

די פאנטאזיע האט פון אונזער בלאטע ביז צום ריינעם בלויען הימעל אויפגעשטעלט א לייטער, און מענשען האבען פארמאכט די אויגען, געעפענט די מיילער און געקלעטערט אויף אלע פיער!

---

*) אריינמישען זיך.

און אז עס האט זיך גוט געלעבט, האט זיך גוט געשריבען (אפילו שלא על מנת לקבל פרס), די שרייבער זענען אויך געשטאַנען מיט איין פוס אויף דער, און מיט'ן צווייטען אויף יענער וועלט... און אויף יענער וועלט (האבען מיר דאך א קיימא־לן!) זענען מיר תקיפים... אלע אומות האבען נאר „שדים" און מיר — דעם רבונו של עולם אליין! און מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף האַבען זיך אלע מעשיות גוט געענדיגט; דער „קורא נכבד"*) איז באלד אהן „הוריות" רוהיג און פעסט איינגעשלאפען, און אלע ש"י עולמות האבען זיך איהם גע'חלום'ט!

ביי א מחבר, גאר אן אפיקורס, האט זיך דער חלום, דער שד, דער מלאך, אליהו הנביא און אנדערע הימלישע אינטערווענציעס — פארשטעלט אין א ירושה פון א מוהמען אין אמעריקא... נאר סיי ווי סיי איז דער סוף געווען א מחיה. דער גוטער בחור האט גענומען די גוטע בתולה מיט נדן און דרשה־געשאנק כדת משה וישראל! דער שלעכטער בחור איז אוועק מיט „אן אפגעשנייצטער נאז" אדער — „ווי א קאץ פון דער מילך"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אנדערע צייטען — אנדערע לידער...

די פריצים האבען אויסגעהאקט די וועלדער און די ארעמע נשמות פון עולם הדמיון האבען נישט, וואו האלץ צו האקען... טרעפט זיך אמאל א הונט אויף'ן דאך, איז עס א פראסטער, משוגע'נער אדער א מרה שחורה'דיגער הונט, און בילט נישט. און בעט זיך נישט קיין תקון... אויף שאסייען מיט ווערסטעו האַבען לצים קיין שליטה נישט; אוים הקפות! מיט די לצים צוזאַמען זענען פארשוואונדען געווארען די פאר'כשופ'טע קעלבער... די באהן האט דריי פיערטעל קרעטשמעס פארמאכט און — ווייסט דער טייוועל — וואו שדים מאכען חתונה!... אליהו הנביא באַווייזט זיך נישט, ווער ווייסט, אויב ער וואלגערט זיך נישט נעבעך ערגעץ ארום אלס „ניעפאמיאשטשי" אין א קאזאמאט אין סיביר, אדער ער זיצט נישט אין ירושלים, עסט יעב"ץ'עס דינע פרומע גריץ פון טויטע ביינער מיט עטליכע גרויפען פון שליידענס חכמה.

*) דער געעהרטער לעזער.

און געהט אלע פרייטאג אין באד אריין על חשבון החלוקה, אונטער יוסף ריבלינ׳ס השגחה פרטית...

קיין מלאך זעהט מען נישט פאר א מיליאן... די יתומות מיט די אלמנות האבען שוין אפילו אויפגעהערט אויף זייער הילף צו האפען. גיכער שוין העלפען זיי אמאל ארויס פון דער נויט די „גאלדענע יונגע לייט“, וואס האבען פון די אלטע פריצים גע־ירש׳נט Prawem Kaduka דעם „Jus Primal noctis“!

מיט דער אלטער פארמאקאלאגיע צוזאמען האבען זיך איבער־געלעבט דער קבלה׳ס רעצעפטען אויף רואה ואינו נראה׳ס; ליב שרה׳סעס ווערען נישט געבוירען, פון אוצרות הערט מען נישט, און כשר׳ע מציאות, וואס זענען אמאל א האלבע פרנסה געוועזען, פיה־רען היינט גלייך אין קרימינאל אריין...

אוים ראמאנטיק! אוים פאעזיע! דאס לעבען איז טרוקען און פאסטנע!

עס ווייזען זיך אפילו אמאל עאוסאפיעס פים אויפ׳ן ארט פון שדים; פון טייל נשמות ווערען אפילו טיש־פויקער און מען וואלט מיט דער צייט פון זיי שול־קלאפער געמאכט, אויפ׳ן ארט פון א „משיח־צדקנו“ האבען מיר אפילו אסך, אסך אזוינע, וואס ווילען אונז ארויסשלעפען פון גלות... עס איז אבער דאך נישט דאס!

עאוסאפיעס פוס כאפט מען גאנץ אפט, וואו מען דארף נישט; גוטע שטעלען האבען נאר יחידי סגולה, קוים איינס פרא־מיל פון אלע טעלער־לעקער! און די משיח׳לעך זענען שוין, ווי מען זאגט, אין שוסטער־גאס; וואו נאר א ישיבה־בחור, לערענט ער זיך רייטען אויף — דער כנסת ישראל...

עפעס רעכטס זעהט מען נישט!

„נ י י ע צ י י ט ע ן, נ י י ע פ י י ג ע ל, נ י י ע ל י ע ד ע ר“! —

די ליטעראטור, האבען מיר א קיימא־לן, איז א שפיגעל פאר׳ן לעבען; זי באשאפט נישט קיין נייעס. ווער עס קוקט אריין, דער קומט ארויס; א רב, א בדחן, א גביר, א בטלן, א קאץ אפילו, אלץ קומט ארויס כהויה; און דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אז מיט

דער נייער צייט איז אין דער העברעאישער ליטעראטור א מרידה געווארען און מען האט א געשריי געטאן „ר ע א ל י ז ם !“.
אויס ראמאנטיק! אויס פאעזיע!

אז עס איז א שטורעם־ווינט אויפ'ן ים, אז דער ים שפייט שוין אפילו מיט פאליעס דעם הימעל אין פנים אריין, אז עס טאפיען שוין שיפען און געהן אונטער, ווי בליי... ציטערט נאך אלס נישט דאס קליינע ביסעל לופט אינ'ם ענגען שפאלט פון פעלזען, וואו די ווייכע מאליוסקע*) האט זיך באהאלטען. זי ליגט זיך רוהיג און בנעימות אין איהר הייזעל, וואס וואקסט מיט איהר צוזאמען; נאר שפעטער — ערשט גאר שפעט, ווען דער ים איז שוין צוריק רוהיג, ווי א שפיגעל, עס שווימען שוין נייע שטאלצע שיפען, מיט נייע מאטשטען, נייע פעהנער — דאמאלט ערשט גנב'עט זיך אריין קוים א בלאז אין דער מאליוסקעס הייזעל! דאמאלט ערשט ווערט זי פארציטערט, און שטעקט ארויס דעם ווייסען קאפ מיט די גרויס־נארישע אויגען, צו זעהן: וואס פאר א שטורעם־ווינט עס וויל איהר חרוב ונחרב מאכען דאס הויז!

אין שוסטער־גאס, טרעפט זיך, האט מען שוין אין א נייעם פארגעסען, און זי האט זיך אלס נאך נישט אריינגע'גנב'עט צום תפוס אונטער שלאס און ריגעל! און נישט איינמאל געשיהט, אז בשעת ווען דער ארעמער תפוס טאנצט פאר פרייד, אז דער „נביא“ איז געבוירען געווארען, זענען שוין קיה און קעלבער מעלה־גרה דאס גראז אויפ'ן נביא'ס קבר!

אדער — למשל — איישישאק! ווען ווערט דארט מאדע א הוט?

ווען ער ליגט שוין אין פאריז אין מיסט־קאסטען...

ביי גאט קאן מען קיין שאלות נישט פרעגען; אזא מזל האבען שוין: די מאליוסקע אינ'ם שפאלט פון פעלזען, דער ארעמטאנט אונטער שלאס און ריגעל, און דאס פראנטעל, דאס גיגערעל אין איישישאק!

---

*) ווייכטיר, חלזון.

אזא מזל האט שוין אויך אונזער „אלטע מאמע“ — די העב־רעאישע ליטעראטור...

בשעת, ווען מען האט אין אונזער „אלטען הייזעל פון עק“, א געשריי געטאן: „רעאליזם“ און די אלטע ווענט מיט פוסבאדען און סופיט, מיט די איינוואוינער בכלל, האט געבאפט א ציטער, האבען שוין אנדערע גליקליכערע ליטעראטורען דעם רעאליזם אי־בערגעלאזט פון הינטען... זיי זענען שוין אפילו אריבער איבער מאַ־טעריאליזם, דעקאדענטיזם און סימבאליזם און צאצקען זיך שוין מיט א נייעם בן־זקונים — מיט אקולטיזם. נאר ער האט אויך עפעס א גרין פנים, ציהט ווייניג ביי דער ברוסט, און וועט זיך אויך לאנג נישט האלטען...

וואס וועט זיין נאך אקולטיזם? אדער: וואס באטייטען די שמות הקדושים, די אלע „איזמען“? פרעגט ביי וועמען איהר ווילט, נאר מיך לאזט צורוה, איך מיין, אז „די לצרה בשעתה“,*) ווען זיי וועלען מאדע ווערען ביי אונז, ווען עס וועט א ניי ליטע־ראריש גיגערל אדער א מאליוסקע ארויפשפרינגען אויפ'ן אלטען דעכעל מיט א גאלדען שופר'ל אין זיסען מוילעכעל און א בלאז געבען דער כנסת ישראל א נייעם „משיח צדקנו“, א נייעם „איזם“! נאר נישט אין דעם שמעקט דער ק א מ י ז ם!

דער עיקר קאמיש איז דאס, וואס דעם נייעם ליטעראַרישען טעסטאמענט האט אונז געבראכט בן אביגדור!

וועגען בן אביגדור'ן איז דער עולם מחולק; דובנאוו אין „וואס־כאד“, און בן דוד אין „המליץ“, האבען זיך די לונגען געריהרט און אויפגעבלאזען בן אביגדור'ן, ווי א לונג־און־לעבער; געמאכט פונ'ם לכל הפחות א וויקטאר הוגא! (דער אלטער זאל מיר עס מוחל זיין, אויב ער דרעהט זיך איבער אין קבר.) דער רעשט עולם און דער עיקר „אונזערע“ גרויסע און קליינע נאוועליסטען, אדער — אפען געריעדט — די מיסט, וואס בן אביגדור'ם בעזעם האט ארויסגע־ווארפען פון שמאל, וואלטען איהם פארזייפט אין א לעפעל וואַרעם וואסער! זיי זענען כופרים בעיקר אין זיין טאלענט... דער אמת

---

*) עס וועט צייט זיין, ווען די צרה וועט קומען.

ליגט דאַ אויך אין דער מיט: בן אביגדור'ס מוזע איז אַ גוטע ליטעראַרישע הון, וואָס לעגט כמעט אַלע טאָג אַן איי... פון די אייער וועט קיין לעבעדיגע זאַך נישט אַרויס, ווייל זיי זענען פון בלויז רייבען זיך אין אחד העם'ס וואַנט... נאָר דאָס זענען דאָך אייער, נישט קיילעכלעך פון ערד אָדער פערדס־מיסט, אין וועלכע אונזערע ליטעראַרישע רשעים לעגען זייערע מיקראָסקאָפּישע אייערלעך... בן אביגדור האָט טאַלענט, עס פעהלט איהם נאָר בילדונג... ער איז אייגענטליך נאָך יונג, ער וואָלט צייט געהאַט זיך אויסצובילדען, נאָר די מוכרי־ספרים לאָזען נישט. זיי זאָגען, אַז קיין בעסערע סחורה דאַרף מען נישט... אַז פאַר בעסערע לייזט מען נישט... נאָר נישט אין דעם געהט עס... דאָס קאָמישע איז, אַז צווישען אַלע אייער, וואָס בן אביגדור'ס מוזע האָט ביז אַהער געלעגט, איז נאָך קיין איינציג רעאַליסטיש איי נישט געוועזען און עס וועט נישט זיין, וואָרים בן אביגדור איז בטבע אַ פאַר'חלומ'טער אידעאַליסט,— אַן אידעאַלנע־נאַציאָנאַלער פּאַלעסטיניעץ... ב ט ב ע כאַפּט ער זיפצען אין דער לופט; דערביי האָט ער שוין אַזוינע אויערען, אַז ער הערט, ווי וועלדער דאַווענען, אָדער ווי משה רבינו דרש'ענט אַ לאַ „אחד העם"...

נו, אדרבא, שטעלט אייך פאַר אַ רעאַליסט, וואָס איז זיך נישט מישב און רייסט אויס פון דער אידיש־שפּאַנישער געשיכטע אַן אַלטען אויסגעקראַכענעם לאַפּען פון אַ פּעלץ, און פּוצט און וואַשט איהם אויס מיט ליבעראַלנע אָדעקאָלאָן, שטרייכט איהם איבער אויף אַ היינט־מאָדישען בעל־בת'ישען ביבער, און איז כופה הר כגיגית, און גויט דעם העלד, דעם אומגליקליך־געבוירענעם דון־מיגואל, ער זאָל דרש'ענען פיער הונדערט יאָהר צוריק אין שפּאַניען אויף לאַסקער'ס אופן, אָדער כאַפּען היים־געבראַטענע ליבעראַלנע בולבעס פון היינטיגען ווירכאָוו'ס מויל!... בן אביגדור זאָל זיין אַ רעאַליסט, וואָלט ער אפילו ביי וועניג בילדונג דאָס, עכ"פ, פאַרשטאַנען, אַז פאַר פיער הונדערט יאָהר איז צו פריה, און ה י י נ ט ווייטער, אויב די צייט איז נאָר כנגד המזיקין, איז שוין צו שפּעט צו קאָרמען דעם עולם מיט דער פראַזעאָלאָגישער שעצקע...

אָדער: שטעלט אייך פאַר אַ רעאַליסט, וואָס שטעלט אויף אַ בריי, אויסצופּאַשען פּאַלעסטינצעס לויט אחד העם'ס רעצעפּט, אויף קליען פון רעקענדאָרפ'ס אידיש־היסטאָרישע ערצעהלונגען,

וואס זענען (צווישען אונז געשמועסט) אזוי ענליך צו דער אידי־שער, ווי „לפני ארבע מאות שנה“ צו דער אידיש־שפאנישער גע־שיכטע!

דער אייגענער בן אביגדור דרוקט „דניאל דירונדו“ — א גלאז אידעאלנע־נאציאנאלנעם גאגעל־מאגעל! ער דרוקט: סאמועלי'ס שירים, וואו דער פאעט טענ'עט זיך אוים מיט די פאליעס אזוי ראמאנטיש־בטלנ'יש־פילאזאפיש, אז אדם הכהן וואלט איהם מקנא געוועזען; פרישמאנ'ס פאעטיש־ראמאנטישע נאכוועהען, וואו מתים האבען שוין נישט מעהר וואס צו טון, נאר צו רופען האלבער־נאכט אין שול אריין עולה תורה צו זיין א אידישען פארליעבטען משורר!

דער אייגענער בן אביגדור אידעאליזירט אזוי פיין דאס קליין־חנ'עוודיגע מיילעבעל פון מנחם הסופר'ס ווייבס שוד, אז עס כאפט אן ביים הארץ!

בן אביגדור איז דוקא, לויט ווי איך קען איהם, אן עהרליכער מאן! ער איז נ י ש ט — דאכט זיך — אחד בפה ואחד בלב... און אט אין דעם שטעקט דער אמת'ער קאמיזם, אין דעם, וואס בן אביגדור, נעבעך, האט זיך אליין געווארפען א שטיין אין וועג אריין, איבער וועלכען ער שטרויכעלט אויף יעדען שריט און טריט!

„שרייבט פון לעבען!“ רופט דער ארויסגעבער פון „אפרים קוה“, אדער דער מחבר פון „אהבה וחובה“, וואס שיקט זיין העלד ש ט ו ד י ר ע ן קיין אמעריקא און לאזט איהם צו זיין היים־געליעבטער קיין בריף נישט שרייבען, ביז עס איז נישט צו שפעט, ביז זי שטארבט נישט מיט'ן בריף אין דער האנט אויף אן אפ־צערונג!

„פאטאגראפירט, שטודירט דאס לעבען, וואס איז ארום אייך, לאז אייך נישט חלומ'ען“... אזא רעצעפט פארשרייבט דער מחבר פון „מנחם הסופר“, פונ'ם אומגליקליכען קליינעם אייזעלע, וואס ליגט נעבעך דערדריקט אונטער דער אומגעהייערער משא פון דער רעאליסטישער טענדענץ, אז מען זעהט איהם קיין פיצעל פון די אידעאלנע, גרויסגעוואקסענע אויערלעך נישט ארויס!...

א מענש טוט זיך נאר אליין!...

נאר וואס קומט ארויס, אז עס איז קאמיש? „אין אחרי מעשה

ב"ד כלום" !*) בן אביגדור איז א „פוסק", די ליטעראַרישע לעצ־טע אינסטאַנץ... און „רעאַליזם" איז ערגער, ווי א דין אין שלחן ערוך!

נאַטירליך האט א שטר א שובר, פּראַצעדנט — א היתר עסקא, פסח — מכירת־חמץ, שבת — ערובין, און דער דין אין שלחן ערוך, וואָס דאכט זיך, ער שטעהט, ווי א מויער, האט פאַרט אַן אונטער־וועגעל עכ"פ „א יוצא מן הכלל"**)... דער דין פון רעאַליזם האט אויך א „ווילאַזקע".

עס איז נישט נוהג, למשל, ביי חשבונות פון חובבי ציון, ביי נאַכריכטען איבער די קאָלאָניעס, ביים באשרייבען זייער באַ־שטאַנד... דער חלק „ליטעראַטור" געראַט דוקא אַם בעסטען פון דערוייטענס! און דערביי מ ו ז עס געשריבען ווערען מיט אי־דעאַלנע־רויטליך־פּרעהליכער טינט!

נאָך מעהר — וואָס ווייטער דער שרייבער איז פון אָרט, איז אַלץ בעסער!

גוט שרייבט זיך פון אדעס, בעסער—פון וואַרשוי, וואויל—פון דינאַבורג, גאָר גוט פון איישישאָק און אמבעסטען נאָך וואָלט געוועזען פון אונטער די הרי חשך! פון דערוויטענס מישען זיך אוים דער „א"ח" און „ל"ח"***); אין דער „הכנסה" באַשיינען ראַטשילד'ס קאָלאָניעס די חובבי־ציונישע; פון דערוויטענס איז שווער צו באַמערקען, אז די הוצאה איז „כל ישראל'ס" אויסער ראַטשילדען, און דער גאַנצער אינוועגטאַר איז ראַטשילדס, אויסער כל ישראל... פון דערוויטענס מאַכט די חובבי־ציונישע אייזערנע קאַסע אויך נישט קיין שלעכטען איינדרוק; על כל פנים איז נישט מעגליך צו דערזעהן קיין שפּאַרע, קיין לעכעל, אריינצושטעקען א מינדסטען פינגער... פון דערוויטענס זעהט מען אפילו נישט ווער עס שרייט "мы пахали„ דער אָקס אליין, אָדער די פליגען צווי־שען זיינע הערנער, און דער עיקר איז יעדער מעקלער ביי קאָלאָ־

---

*) אַז דאָס בית דין (סאַנד) האָט אָפּגעטאָן, איז פאַרפאַלען.

**) אויסנאַם.

***) אני חייב, לי חייב.

ניעם — פון דערוויטענס א הייסער פאטריאט, דער טערק א דיי־מאנט, דער אראבער — א זיידענע בריאה און אלע אונזערע קאַ־לאַניסטען זענען, לכל הפחות, גבורים, ווי די מאַקאַבעער און אַז, אַז וועט זיין נאָר אמאָל די קונץ מיט׳ן בוימאויל!

קומסט דו אבער נעהנטער — זאָל גאָט שומר ומציל זיין; אלע חושים נארען דיך אָפּ! די קאַסע, דאַכט זיך דיר, איז גע־מאכט „מעשה רשת", ד. ה. א נעץ מיט גרויסע אויגען, און די „מתעסקים בצרכי הצבור" האָבען פינגער גלייך מיט אלע מענ־שען! דו ביסט חלילה קיינעם נישט חושד, נאָר דאָך ווערט דיר מאַרקאַטנע אויפ׳ן הארץ, און טיילמאָל הויבט דיר אָן אַזוי צו שווינדלען פאר די אויגען, אַז פון „מעשה רשת" ווערט נאָר א שפּינוועבס, און דו זעהסט אין דער האַליוצינאַציע: עטליכע גרויסע שפּינען און גאַנצע הורמעס ישראל׳יקלעך בצורת אָרעמע אויסגע־זויגטע פגרימ׳לעך פון פליגען... דו רייסט דיך אַוועק פון דער קאַסע און באַטראַכסט דעם גרויסען פּאַטריאָט, דעם קאָלאָניסטען־מעקלער, דעם געגערעלנעם עצה־געבער, און האָסט ווייטער א טעות, און דו וואָלסט געשוואוירען, אַז דאָס איז יוסף ריבלינס א לייבלי־כער ברודער!

דער טערק פאַרלירט אויך דעם חן אין דיינע אויגען; ער שמייסט מיט׳ן באַמבוס אין דער פּאַדעשווע און צאַפּט מיט׳ן „באַקשיש" דאָס בלוט פון די אָדערען... דער אראבער, די זיידענע בריאה, זעהט דיר אויס, רחמנא לצלן, ווי א געפעהרליכער רוצח׳י־שער גנב, און אונזערע מאַקאַבעער — כהויה, גלייך זיי וואָלטען געלעגען אונטער די בעטען!

נאָר ווי קומט רעאַליזם צו חובבי ציון און פּאַלעסטינא? אַזא צווילינג קאָן נאָר געבוירען ווערען אין מנחם הסופר׳ס קראַנקען מח... פּאַלעסטינא איז פּאַלעסטינא און רעאַליזם איז נאָר נוהג ביי נאָוועלען... נאַטירליך נישט יעב"ץ׳עס, ווייל ער שרייבט נאָוועלען אויך פון פּאַלעסטינא...

נאָר מיינט נישט, אַז רעאַליזם, כאָטש ער איז נאָר נוהג ביי נאָוועלען, איז א קלייניגקייט! אמת איז, אַז אין דער התחלה האָט זיך אלעמען אַזוי געדאַכט!

— מאי כולי האי — האט מען געזאגט — זאל זיין רעאליזם! אבי מען פארלאנגט נאר נישט קיין טאלאנט, אפילו קיין „לשון“, קיין „מליצה“, אפילו קיין גראמאטיק נישט, און צאהלען, קאן זיין, וועט מען, וועט איבער „רעאליזם“ קיין שדוך נישט אפגעהן!

פארקערט — מיט'ן גרעסטען פארגניגען! „לא בשמים היא“ — רעאליזם דארף קיין הימעל נישט, „ולא מעבר לים“ — מען דארף נישט ווייט צו קריכען; מען דארף גארנישט ליעב האבען, נישט פיינט האבען, מען דארף קיין צוועק, קיין תכלית! אלץ איז גוט, ארום און ארום ליגען טעמאטען, ווי האלץ! וואו דו ביסט, וואס דו זעהסט — באשרייב!

וואוינסט דו, למשל, אין ווילנא — באשרייב די בלאטע! ליגסט דו אין בית־המדרש אונטער'ן אויווען — שטודיר די טא־ראקאנעס, אדער — די שמש'טע, וואס שיינט אריין דורכ'ן פענס־טערל! ווער עס קען א בוגרת, א גרושה, אן אלמנה, שוועסטער, וואס רייסען איינע ביי דער אנדערער אוים די חתנים, לעהרער, וואס האבען שוין מזל און ברכה ביי אלע געגנז און ווערען בשעת הדחק חולקים אויף בעלאמי, זאל באשרייבען! דערביי ווערט מען נאך אביסעלע פרייער, עס איז כמעט א הפקר־וועלט, ווילסט דו— שטעקט א „פאליסמאן“ ארונטער די האנט, וואו מען דארף נישט— לית דין ולית דין!

עס איז אבער א טעות געוועזען! רעאליזם איז פאר אונזערע ברידער „אן עבודת הפרד“! און — נאך אלע טייכען שוויים, נאכ'ן גאנצען מיה און מאטער — איז נאך פון רעאליסטישען ליים קיין איינציגער רעכטער ציגעל צום העברעאישען „פתום ורעמסס“ נישט ארוים! פראסט — עס קלעפט זיך נישט!

עס האט זיך אויסגעוויזען, אז עס איז לייכטער אנצושיטען א געלעכערטען זאק מיט הוילע מליצות, קלוג צו ווערען פון ליפערטען אין פרישמאנ'ס איבערזעצונג, צו טרעפען, למשל, וויפיעל פינגער עס האט אין יעדער האנט די פרישמאן־ליפערטישע חיה, וואס האט פיער הענט און — מיט צעהן פינגער מעהר פאר א מענש.

אז עס איז לייכטער אויסצושלאגען א טראפען אידעע פון אלע זינגערס ארטיקלען און ראמאנען, אויסצוזוכען א קארן אין די גאנצע קעריץ פון זיינע קריטישע פלעווען, אז עס איז לייכטער אוועקצו־גנב'ענען ביי פראנצאז'ען א „יזכור“, אוועקצושלעפען פון גיו־דע־

מאפאסאן די „לעצטע פראנצויזישע לעקציע" אין עלזאס־לאטארינ־געז אונטער דער פ ר י י ס י ש ע ר ממשלה און איבערמאכען פון איהר א „לעצטע ה עב ר ע א י ש ע לעקציאן" נאכ'ן חורבן אונטער'ן ר ו י מ י ש ע ן י א ד, אדער — אז עס איז לייכטער אין א גאנץ קורצער צייט צו פארניכטען, אויב מען האט, זיין אייגען שטיקעל טאלאנט און בלייבען, למשל, ביי היינעס פערזען־מאס, אהן א רוח פון זיין פאעזיע ב פ ר ט, און אהן א אידעע ב כ ל ל... אז עס איז לייכטער אפילו אויפצושטעלען א בנין, א גאנצען „סיסטעם" פון בעש"ט'ס חלומות, אדער צו דרעהען א קריטישע בייטש פון בן־אביגדור'ס זאמדיגע ביכלעך — אז דאס אלץ איז לייכטער איידער אויפצושרייבען די קלענסטע רעאליסטישע נאוועלע!

און נישט נאר בן־אביגדור איז איבער דעם שטיין, וואס ער האט זיך אליין אויפ'ן וועג געווארפען, געפאלען...

סאמועלי איז אריין אין בדחנות איבער די אויערען און כאטש זיי זענען, ב"ה, גענוג לאנג, וועט איהם שוין קיינער נישט פון דעם זומפ נישט ארויסשלעפען... יעדעס ווארט שמעקט נאך פורים־שפיל, חתונה־גראמען, נאך „אליקום צונזער"... נישט בעסער איז טאוויאוו'ן געראטען; דער אייגענער טאוויאוו, וואס האט זוכה געוועזען צו הערען מיט זיינע אייגענע אויערען פון אזוינע, וואס האבען זיך געשטויסען פון באראן הירש'ס רייד, אז זיין גאנצער צוועק איז נאר צו מאכען גוים פון אידען, און אז זינגער האט דאגעגען פראטעסטירט, האט ער (טאוויאוו, מיין איך) אויף איהם געעפענט א מויל, און שיער נישט איינגעשלונגען, דער אייגענער גבור, נעבעך, איז אויך אריינגעפאלען אין בטלנ'ישער בדחנות, און באלד דערנאך, אינ'ם „מים שלנו", אינ'ם עפוש פון אונזער היימיש געבאקענער פסיכאלאגישער פילאזאפיע, און דוקא מיט'ן קאפ אראפ... אפשר גלייבט איהר נישט? נאט אייך: אין זיין „השדכנות בתור שדכן" מאכט איינער מטעמים פאר'ן „המליץ" — ארטיקלען מיט הארץ און מיט פייער, און שרייבט אונטער נישט ז י ך, נאר, טאוויאוו'ן צוליעב, זיין דרייצען־יעהריגע טאכטער! אין די ארטיקלען פארליעבט זיך א יונגערמאן, האט חתונה מיט'ן שרייבערס טאכטער, און דער היוצא לנו מזה זאל זיין: אז ווען מיידלעך זא־

לען לעזען העברעאיש, וואלטען בחורים בעסער געשריבען... נישט קיין בעסערען סוף האט געהאט זיין געגען־צאד, זינגער! דער איי־גענער זינגער, וואס איז שיער נישט אומגעקומען על קדוש השם, ווען נישט וואס טראכטמאן האט איהם קוים ארויסגעשלעפט ביי די שפיצפינגער פון די פיס פון טאוויאוו'ס מויל, האט אויך גע־פרואווט זיין כח אין רעאליזם!

ער האט אויפגעשריבען א „קרבן היום“! א מעשה גאר א קורצע, אויף צוויי ערליי פאפיר: ווענען און פראסטע, און גאנץ שעהנע דרוק.

צוויי מחותנים קומען זיך צוזאמען שמועסען מכח אן אנגע־שלאגענעם שדוך. קריעת ים סוף האט דער שדכן געהאט, איי־דער ער האט זיי, די סוחרים, (וואס האבען קוים א דראכמע צייט און ווילען גאנצע פודען כבוד) צוזאמענגעשלעפט, און צום סוף, אז דער נס איז איהם שוין, דעם ארעמען שדכן, געראטען, אז מזרח ומערב זענען זיך שוין צוזאמען געקומען לפונדק אחד, האט זיך געמאכט צווישען די מחותנים א וכוח מכח... נו, טרעפט מכח וואס?

מכח נדן?

ניין!

— מלבושים?

אויך נישט!

— קעסט?

איהר קריכט שוין ג א ר אין א זייט! איהר וועט שוין נישט טרעפען, זעה איך, וואס א רעאליסט האט אין זין! דער וכוח איז דוקא מכח ארגענטינא און פאלעסטינא; א י י ן מחותן האלט מיט'ן בארא‌ן הירש, און דער צווייטער האלט זיך אין דער סטאדע, און בארעט זיך פאר בן־אביגדור'ן, טאוויאוו'ן, יהלל'ן, יעב"צ'ען, צעדערבוימען, גמזו'ן מיט'ן „הנדיב הידוע“, ראטשילד'ן צוזאמען; ער וויל נישט שמעקען צו ארגענטינא! כאלערניקעס, אפנים, זענען זיי ביידע געוועזען: א ווארט צו א ווארט, זיי האבען זיך צוקריגט, צוזידעלט גלייך מיט ווייסברעמ'ס גבורים, אפשר זיך גאר צופאטשט... און — און טאמער וועט איהר, על כל פנים, טרעפען וואס דער סוף איז געוועזען?

— דער שדוך איז אפגעגאנגען?

נאָד ווייניג!

— עס האָט איינער דעם אַנדערען גע׳מסר׳ט?

איהר פאַרקריכט ווייטער אין א זייט!

— א מעסער ארייגעשטאָכען?

אַך, איהר האָט גאַר קיין געפיהל נישט אין רעאַליזם!

— וואָס דען?

דער ש ד כ ן איז געשטאָרבען! פאַרשטעהט איהר: ער איז זיך אַזוי אַנגעלאָפען, אַנגעיאָגט, און הונגעריג איז ער געוועזען, און זינגער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו ענדיגען, איז ער, נעבעך, דער שדכן מיין איך, געשטאָרבען; ברוך דיין אמת, איבערגעלאָזט א ווייב מיט קינדער...

און זעהט אליין: דאַכט זיך, גאָר פשוט׳ע זאַכען: פּאַלעסטינא און ארגענטינא, א וכוח דעריבער, מחותנים, א שדכן... סאַמע רעאַליזם, און די מעשה שמעקט פאַרט פון אַלטען שוויץ־באַד...

אפשר ווילט איהר וויסען ווי אַזוי אונזערע פריש־געבאַקענע רעאַליסטען מאָהלען נקבה׳שע שעהנהייטען? נאָט אייך:

אַ פרוי א יונגע, א פיער און צוואַנציג יעהריגע, א הויך־געוואַקסענע און א דאַר־לייביגע; איהר פּנים איז וויים און אויף דער ווייסקייט פון די בלאַסע באַקען באַווייזען זיך דאָ און דאָרט (פה ושם!) זון־פלעקען (זומער־שפּרענקעלעך); איהר ברייטע נאָז באשיינט און באַ׳חנ׳ט איהר פּנים און איהרע (דער נאָזס)ביידע נאָזלעכער זעגען, ווי גליסטיגער (נחמד) רויזען־בעכער. איהרע (דער מוידס) אויגען, זעגען שווארץ און פלאַמענדיג און דורך זיי קוקט אַרויס א זידענדיגע (רותחת) נשמה און א האַרץ פול מיט לעבען... איהר מויל איז קליין און די ליפּען איהרע זעגען פולע און ברייטע און רויטע, ווי בלוט... איהר ווייסער און מאָגערער האַלז איז אָפען (מגולה), זי טראָגט אַ שלאָף־קלייד (שלמת שנה)...

אָט האָט איהר, און זייט מודה, אז „רעאַליזם“ איז פאַר אונז, מחברים, א קלאָץ דעם האַלז צו ברעכען!

און עס איז אַ רחמנות אויף אונזערע מחברים, **אויף אונזערע** אָרעמע נאָוועליסטען!

אונזערע אריסטאָקראַטען, די רעדאַקטאָרען, מיין איך, עקס־פּלאָאַטירען זיי ערגער, ווי דער ערגסטער פאַרצייטישער פּריץ — דעם פּויער, ערגער, ווי פּרעה! פאַר אונז איז די ליטעראַטור נישט קיין קוה און נישט קיין ציג, זי גיט קיין איינציגען טראָפּען מילך, פּייכט צו מאַכען די פּאָעטיש פאַרברענטע ליפּען. זי איז קיין „קרדום לחפור בו“, מען זאָל פון איהר כאָטש האָבען וואַסער אויף קאַשע, און אויסער צוויי־דריי „מו'לים“, וואָס האָבען, אָדער עס דאַכט זיך, אז זיי האָבען, פּרנסה בכבוד, קאָן אפילו דער באַריהמטער מנחם הסופר זיין ווייב די שיך נישט פאַריכטען! נאָר וואָס אַרבייט מען? אויף וואָס האָרעוועט מען? וואָלטען כאָטש אונזערע שרייבער געהאַט אַן אידעע, אין וועלכער זיי וואָלטען זיך פאַרליעבט, פאַר וועלכער זיי וואָלטען דאָס לעבען געשטרעקט, ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט זיך געראַנגעלט; אַן אידעאַל, וואָס וואָלט זיי געגעבען כח, דערפרישט דאָס פוילע בלוט, די אַלטע ביינער... דאָס האָבען זיי, ליידער, נישט! וואָרים — מיינט נישט, אז „נאַציאָנאַליזם“ מיט „פּאַלעסטינא“ זענען מעהר ווי „טעמאַטען“ צום שרייבען; מיינט נישט, אז עס איז אַזוי ערנסט דערמיט... זיי שפּילען די אייגענע ראָלע, וואָס א „שרפה'לע“, א „מחלוקת“, אָדער אַן אַנדער ווינט, וואָס מאַכט זיך אין אונזער קליינעם גלעזעל וואַסער...

עבודת הפרך מיט'ן תנ"ך און צעהן ווערטער־ביכער אין דער האַנט, אַרבייט מען טאַקע נאָר פאַר'ן פּיצעלע כבוד. און פאַר דעם איינציגען טראָפּען אַמבראָזיאַ, פאַר'ן „החכם הסופר“ ביים לעבען, און א שוואַרץ רעמעל אין „הצפירה“ אָדער „המליץ“ איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, האָט מען נאָך די העזה צו פאַרלאַנגען — אחוץ צייט, טינט, פּעדער און פּאַפּיר נאָך — רעאַליזם!

אַמאָל איז כאָטש געוועזען א רחמנות'דיגע קריטיק! די אַלטע גבאי'טע (וואָס מען האָט געקאָנט קונה זיין נישט נאָר בשלשה, נאָר בכמה וכמה דרכים) — האָט כאָטש באמת צוגעטיילט כבוד אויפ'ן אַרשין! און פאַרוואָס נישט? רחמנות איז א אידישע מדה. — „כל ישראל ערבים זה בזה“, איז א אידישער כלל, וואָרים

באמת — „זונות מפרכסות זו את זו, ת"ח לא כל שכן!" און די אַלטיטשקע קוקט אַרויס פון ביהמ"ד, זי ווייסט עס און פאַר יעדען מחבר, פאַר יעדען ספר, האָט זי גע־וואוסט צו געפינען א ווארעם ווארט, א לעבליכע מליצה! —

די פרומע אַלטע גבאי'טע האָט מעהר נישט געוואוסט, נאָר איין שפּרוך פאַר אַלע: „פּרו ורבו"; איין ברכה פאַר אַלע: ומלאו את הארץ! זאָל זיין וואַנצען, אבי לעבעדיג צו מאַכען די אַלטע מאַמע... זאָל זיין עפּוש, אבי איהר אַריינצובלאָזען אין דער נאָז.

היינט, ליידער, ווערט דאָס אויך צו שאַנדען! אפילו קריטי־קוס דערמאַנט זיך, אז „יזכור" איז קאַרל עמיל פראַנצאָז'ס, הנ"ע אין הצפירה — דאַרף נויטיג דערצעהלען, אז ער האָט ערגעץ אמאָל אין א דייטשען ספר געלעזען אַן עהנליכעם צו „שכול ואלמון", גראַסנליק ווערט גאָטס קאַזאַק און מוז אויסווייזען, אז „גלית הפלשתי" איז א פּראָסטע פּאַשקוויל, און אפילו דער אייגענער זינגער, וואָס מיר האָבען איהם אַזוי הויך געלויבט, איז אויך ערשט נישט לאַנג אַרויס אין „הצפירה" מיט א „דבר כל חזון", וואו ער וויינט בדמעות שליש אויפ'ן חורבן: וואָס די מו"לים זענען ווע־ניג געבילדעט; די מחברים — כמעט גאַרנישט, און די מעצענאַטען, וואָס שטיצען די ליטעראַטור — פּראָסטע בורים... און — איין „איש־יהודה־קריאות" (וואָס א נאָמען דאָס האָט!) ווייזט אויס אין „המליץ", אז דער אייגענער זינגער האָט איבערגעדרוקט טאַ־וויאַוו'ס א פעליעטאָן...

נו, איז מען היינט זיכער מיט'ן לעבען? עקט זיך נישט דער אַלטער גבאי'טעס וועלט?

נאָר די מחברים יאָק די מחברים, זיי וועלען זיך פאַרט אַן עצה געבען און נישט פאַרלוירען ווערען אין דער רעאַליסטישער צייט... א מ ת, אומגליקליך איז נעבעך געוואָרען א מלאך!

איהר מוזט וויסען, אז איינער פון „אונזערע" מחברים האָט געהאַט ביי זיך א שרף, א ברענענדיגען מלאך, וואָס פלעגט אויפ'ן אַרבייטען, ווי אַן אייזעל; ער האָט איהם געמוזט דיקטירען אַר־

טיקלען, שירים, מליצות, קריטיקען און וואס איהר ווילט נאר אליין... אזוי האט זיך געפיהרט א צייט, ביז מען האט דעם קרוג אפגעהאקט די אויערען! ביז גאט האט געוואלט, עס האט געשא־סען א בעזעם, די רעאליסטישע באמבע איז אריין אין אונזערע ד׳ אמות, און — אונזער מחבר האט ארויסגעטריבען דעם שרף אין מיטען ווינטער, אין א הינטיש וועטער, אזוי ווי א בעל־עגלה טרייבט ארויס אן אפגעניצט אלט פערד אהן הויט, פלייש און ביינער!

דער שרף, נעבעך, איז געגאנגען פון טיר צו טיר, ביי אלע מחברים זיך געבעטען, ביי די פיס געלעגען... „ואין מאסף אותו הביתה", עס לאזט איהם קיינער נישט איבער דער שוועל! אויס „מלאכים!", „רעאליזם!" שרייט מען! מען ראט איהם, ער זאל פליהען צוריק אין הימעל אריין.

פליה! אז ער איז פארשטארט פאר קעלט; פליה! אז די גאסען־יונגען האבען איהם דערווייל ארויסגעריסען די פעדערען פון די אמאליגע ווייסע פליגעל! אין דער ווייקסעל אריין האט ער זיך געוואלט ווארפען; אזוי פארצווייפעלט איז ער געוועזען!

און ער וואלט עס געטאן, נאר ער האט צוויי מערכות געהאט: ערשטענס, איז היינט די ווייקסעל פארשטארט און געפרוירען, ווי דעם פראפעסאר יוסף הלוי׳ס פאעזיע, און צווייטענס, האב א י ך איהם געטראפען! איך האב׳ן מיטגענומען, פאר רחמנות, אין „טאניאק"*) אריין, געגעבען איהם אביסעל הייסע זופע מיט א לעבעל ברויט און פאר דאס געזעצט זיך אביסעל אויפ׳ן רייטענ־דיג און געפלויפען איבער ווארשעווער דעכער פון אמת׳ע „כלי־קודש"...

עס איז געוועזען ביינאכט (בייטאג וואלט איך מיך געשעמט צו רייטען אויף אזא אפגעריסענער משונה׳נער בריאה) און פון „כלי־קודש" שלאגט אזא „ימש־חשך", אזא פינסטערקייט, אז איך האב ג א ר נישט געזעהן! נאר פאר דאס — האבען זיך מיינע אויערען געפאשעט! איך האב אסך געהערט...

---

*) א ביליגע קיך.

דער שרף איז געוועהנט געווארען צו פאהרען מיט דער באהן, צו קריכען אויף טרעפ און האט כמעט דאס גאנצע פליהען פארגעסען... דערצו איז ער נאך מיד און שוואך! דעריבער שטעלט ער זיך אפ ביי יעדען קוימען, סאפעט און פרייכט און איך הער דערווייל א גוט ווארט.

און איך בין צופרידען דערמיט! ווען עס איז א פרישער געזונטער מלאך, וואלט ער מיט מיר ארויפגעשאסען גלייך צום הימעל, איבער די כמארעס, איבער'ן רעגענבויגען, מיר וואלטען געיאגט אויף די מילך־שטראסען, צווישען לבנה און שטערען.

איך בין מודה ומתודה, אז איך אליין, אז איך אלטער בבל פון דער אלטער מאדע, וואס בין א פארפאלענער ראמאנטיקער בטבע, וואלט דערפון הנאה געהאט, אפילו נחת געשעפט! נאר וואס וואלט איך געהאט פאר א רעאליסטישען נוצען דערפון? איך וועל פאבריצירען ראמאנטיק און אידעאליזם, בשעת ווען בן־אביגדור שרייט: „רעאליזם", זינגער רופט „חכמה" און גאנץ „קהל־הקדוש" וויל — — שטרוי און קלייען?! קיין איינציגער מוכר ספרים וואלט היינט אזוינס אין דער האנט אריין נישט גענומען, אפילו נישט אויף קאמים מיט דריי פייען!

מיט דעם שרף אבער קלייב איך רעאליסטישע שווארצע פערעל, אין דעם רייכען רוס פון אלע קוימענס, פון זיי וועל איך בינדען א שנור אויפ'ן האלז פאר „אונזערע ארעמע ברידער", פאר'ן „אידישען פאלק", פאר „כנסת ישראל"! עס וועט זיין א רעאליסטישער ראמאן אין גראמען, אדער אהן גראמען, נאר טאקע אויף וועלען־פאפיר, דער רעאליזם זאל נאך גרעבער זיין, דערצו בעל־בת'יש געבונדען אין לעדער, און דוקא מיט'ן גאלדענעם שניט! זאל דער עולם לעקען די פינגער!

נאר דאס אלעס וועט זיין שפעטער; כאפט נישט די פיש פאר דער נעץ! אצינד וועל איך אייך נאר שארפען דעם אפעטיט מיט אן אחד מששים פון דעם גן־עדן!...

פון די קוימענס וועל איך אייך דערווייל דערצעהלען א בשורה טובה, וואס וועט אייך דערפרישען דעם מארך אין די ביינער! עס וועט אייך הנאה טון, גלייך ווי מיר!

איך בין מודה ומתודה, אז ביז אהער האב איך געמיינט, אז די ליטעראטור האט גאר קיין פעולה נישט אויף אונזערע לייט;

אז דער „קורא נכבד“ זאָגט „טי מאַוו, א יאַ זדראַוו!“, אז מיר שפּילען זיך נאָר און וואַרפען אַרבעס אין וואַנט. עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען פון די קוימענס, אַז עס איז נישט אַזוי... אינ'ם „הפּרדס“ האָט אחד העם געשריבען „שטיקלעך“, און אין איינעם פון די שטיקלעך האָט ער „אויסגעוויזען“, אַז אמונה איז בהויה אַ פּאַס; נאָך מעהר, אַז דער אַלטער כלל פון „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו“*) איז דאָ ביי ד ע ם פּאַס, נישט נוהג... דאָס פּאַס איז הייליג, אפילו ווען דער וויין איז אויסגעוועפּט, אפילו ווען אַ שענקער—אַ שווינדלער, האָט עס אָנגעגאָסען מיט וואַסער, אָדער מיט נאָך עפּעס ערגערס... ווייל דער עיקר — זאָגט אחד העם — איז נישט די משקה, נ אַ ר דאָס פּאַס!

איך בין אייך נישט מחויב איבערצודערצעהלען זיינע ראיות; ערשטענס, איז גענוג, אַז „אחד העם“ זאָגט; צווייטענס, איז אויף אַזוינע באַווייזען נאָר לשון הקדש מיט איהרע אמת פילאָזאָפיש־גליטשיגע אויסדריקען אַ לשון; בשעת ווען זשאַרגאָן מיט זיינע ווערטער, וואָס האָבען נאָר צו איינציגע טייטשען און דוקא—פּעס־טע, זיכערע, איז פאַר אַזוינע קונציגע צונגען־טעניץ אַ לא יצלח; און דריטענס — נישט אין דעם בין איך דאָ אויסען! מיך און אייך דאַרף נאָר פרעהען, אַז אַזוי ווי בן־אביגדור איז אַ פּוסק אין רעאַליזם, אַזוי איז „אחד העם“ אַ פּוסק אין פילאָזאָפיע, און זייט ער האָט געשריבען וועגען פּאַס, איז דער גאַנצער עולם פרום גע־וואָרען...

אַלע פרום! אויסגעשטאָרבען אַלע אַלטע אפּיקורסים, אַלע אונזערע היימישע ביכנערס, דאַרווינס, ספּענסערס... קיין לעק אין קיין זכר! אין אַלע קוימענס רעדט מען נאָר פון גאָט ב"ה; אין קיין איינציגען קוימען האָב איך קיין איינציג וואָרט אָהן זיין ליעבען נאָמען נישט געהערט.

איך האָב מיך געשמאַלצען אין פּוטער; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לעז נאָך אַמאָל דער בת מלכה'ס אַ ראָמאַן!

אין איין קוימען, למשל, הער איך:

---

*) קוק נישט אויפ'ן קרוג, נאָר אויף דעם, וואָס עס שטעקט אין איהם.

— געלויבט איז גאָט, שעהן געלט פאַרדינט אין ארץ־ישראל־אתרוגים!

אין צווייטען — הער איך פ אַ ר ק ע ר ט, נאָר אַלץ מיט׳ן רבונו של עולם!

— עס איז מיר, ב״ה, געראָטען — איך האָב אָפּגעריסען די פּטום׳ס, אַריינגעפּאַקט די קאָרפּירער אין ארץ־ישראל קאַסטען, און—געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, אַ גאַנץ שעהנעם יו״ט געמאַכט...

אין דריטען קומען קלינגט:

— געלויבט איז גאָט, הורא־רא, רבונו של עולם. אויס באַנ־דאַנאַו! אַ ו נ ז ע ר ע פּאַפּיראַסען! וויוואַט שלעמיעל־עט־קאַמפּאַני, וויוואַט!

אין פיערטען:

— פון יעב״צ׳ן, געלויבט איז דער, וואָס איך בין נישט ווערט זיין ליעבען נאָמען צו דערמאָנען, קאָן מען אויך שעהן פרנסה האָ־בען... עס איז אַ גאַנגבאַרע סחורה, ווי שיר־המעלות׳ן, תקונים׳לעך, סליחות, להבדיל... תחינות...

— לעקציעס — הער איך אין פינפטען — איז ב״ה דאָ, בפרט זייט איך האָב אויפגעהערט צו רויכערען אין שבת בפרהסיא... פון „כל ישראל חברים" לעקט מען אויך אָפּ אַ ביין, גאָט ב״ה, זאָל נאָך צוריק געבען די סעקרעטאַרסטווע ביי חובבי ציון אָדער, אויב נישט, עכ״פ אַ שטעלע ביים באַראָן הירש, וואָלט איך ערשט גע־לויבט און געדאַנקט זיין ליעבען נאָמען! איך וואָלט אפילו פאַר זעקס שעה קיין מילכיגס אין מויל אריין נישט גענומען!

דער שרף גיט אַ ציטער, אַפּנים פאַר קעלט, און מיר פליהען צו אַן אַנדער קוימען:

„איך האָב געמיינט (הער־ איך) אַז עס איז מיין עק, דער הונ־גער דרעהט אין די געדערעם, קיין משכון צו פאַרזעצען איז נישט דאָ, קיין בטוח בין איך נישט... וואָס טוט גאָט? גנב׳ע איך אַוועק אַ זילבערנעם לעפעל..."

דער שרף גיט ווייטער אַ ציטער, נאָר שוין פאַר שרעק, אַזאַ ליאַרם, אַזאַ געפילדער האָט זיך ראַפּטום געמאַכט אין די גאַסען, און מיר זענען אַראָפּגעפאַלען פאַר גרויס פּחד.

נאך אינ'ם אראפפאלען האב איך שוין געהערט אין וואס עס געהט: די רבנים אין ירושלים האבען גע'מסר'ט בן יהודה'ן!

און דאס אראפפאלען האט מיר הערצליך באנג געטאן! נאך וואס, נאך ווען? וואס פאר א נייעס איז דא געשעהען? איז דען נישט מסר'ן א אידישע זאך? אברהם אבינו'ס אייניקלעך זענען רחמנים בני רחמנים, מיט אייגענע הענט וועלען זיי קיין עוף קיין קעפעל נישט אפדרעהען, דערצו דארף מען א ספעציאלנע שוחט. אבער — פארוואס זאל „ער" נישט קומען אויף אנדערע הענט?

אמת, דער דין איז נישט אזוי, מסר'ן, הייסט עס, טאר מען נישט, נאר ע"פ דין איז פראצענט אויך נישט זעהר קיין כשר'ע זאך און פונדעסטוועגען לעבען אידען און לאבען, מאכען קינדער חתונה פון ליכווע, זייערע ווייבער טראגען דערווייל די משכנות און עס ווערט נישט קיין לאך אין הימעל! און ווי אזוי דען זאל מען פטור ווערען א מאוס'ען קאנקורענט, אויסארבייטען זיך א שלישי, פטור ווערען פון א חוב, פארמאכען איינעם דאס מויל, ער זאל נישט אויסזאגען פון חדר, אדער מבער זיין אן אפיקורס, וואס ברענגט אלע מגפות אין א ריין־אידיש שטעדטעל אריין? ווי אזוי דען וועט מען פיהרען א מחלוקת איבער רבנים און שוחטים? א לאך אין קאפ פון א שלחן־לייכטער היילט זיך אוים! אפשר באַ־שטעלען ביי קרופ'ען, צי ערגעץ אנדערש, ספעציאלנע אידישע הארמאטען? נו, וואס דען טוט מען? אדרבא, גיט א בעסער כלי־זיין! דער מענש האט פארט נישט קיין קאלט בלוט פון א פיש, און אפילו פיש שלינגען אויך איינס דאס אנדערע איין!... און די אלע ווייטער, וואס עס שטעלען זיך זיי האר און נעגעל קאפויר, וואס גע'מסר'ט האבען דוקא רבנים און דוקא אין ירושלים, די אלע גערענקען, אפנים, נאר אין דעם, וואס ירושלים איז געוועזען און קענען נאר אונזערע היינטיגע, היגע רבנים אין די שטעדט, וואו א דין־תורה פסק'ענט דער מיראוואי, שטאדט־זאכען געהערען צו די „פני" אדער „טובי", וואו דער רב האט נאר צו טון מיט שאלות נשים און היגער־פופקעס, אין וואס עס קאנקורירט נאך מיט איהם יעדער גמרא־מלמד; וואו דער רב לעבט דער עיקר פון

מתנות לאביונים, יום־טוב־פּורים־חנוכה־חתונה־ און ברית־מילה־געלט; וואו דער עיקר איז דער טרפה'נער גראָשען פון שבת־שענק, הייוועז און ליכט און דער כ ש ר ' ע ר עטאָט איז נאָר א צו־שפּרונג צו דער פּרנסה.

אמת איז, אַז אמאָל אין ירושלים זענען קיין מוסרים נישט געוועזען; מען האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו מסר'ן און — מען האָט נישט געדאַרפט, ווייל מיט מלקות און ארבע מיתות בית־דין וואָלט דער גרעסטער טאַרקוואָמאַדאַ יוצא געוועזען! נאָר פאַר דאָס פריהער נאָך, אין מצרים, האָט מען דעם ערשטען משה רבינו'ן גע'מסר'ט! שפּעטער ווייטער, אין ירושלים שויז, אונטער דער ממשלה פון די רוימער, אין דער צייט פון די דיני גזרות, ווען אדמון איז א תנא געוואָרען, איז געשעהען די גרויסע הייליגע מסירה פאַר פּילאַטוס'ען!

דאַמאָלט טאַקע האָט מען פאַרפּלאַנצט דאָס הייליגע מסירה'לע, דאָס בוימעלע, פון וועלכען מיר האָבען א גאַנץ מיטעלאַלטער די גוטע פּירות געגעסען... פּילאַטוס האָט זיך גיך און באַלד אָפּגע־וואַשען מיט איינמאָל און מיט ריין וואַסער די הענט און איז גע־בליבען א נקי־כפּים עד היום הזה, און אונז האָט דאָס שוואַרצע מיטעלאַלטער מיט אונזער אייגענעם בלוט הונדערטער מיט יאָהרען געוואַשען און — איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר א פּנים מיר האָבען נאָך היינט!

און ווער האָט דאַמאָלט גע'מסר'ט? אונזערע רבנים'ס על־טער־זיידעס; די פּרושים, די פּאַרצייטישע רבנים, וואָס זענען שטענדיג לאָיאַל, גוט און פרום געוועזען; וואָס האָבען פאַרשאַלטען די בריונים, ארויסגע'גנב'עט זיך אלס טויטע דורך די טויערען צו די רוימער און, אַז זיי האָבען נושא חן געוועזען, נישט מעהר גע־בעטען, נאָר מען זאָל זיי איבערלאָזען דאָס רבנות, די ישיבות, די שטריימלעך מיט די גזרות!

נאַטירליך — א היינטיגער רב, א כבד פּה, א בטלן, וואָס קאָן נישט קיין צורת מטבע, ווייל דאָס ווייב טיילט איהם צו יעדען פרייטאָג א דרייער אויף טאַבאַק; דער תלמיד־חכם שאין בו דעה, דער, וואָס ציטערט פאַר'ן שמש, קצב און בעדער און ליגט אונטער'ן ערגסטען שניידערס צוריסענער פאַדעשווע, איז נישט געפעהרליך... מיט שופרות און חרמות שרעקט מען היינט קליינע קינדער, און

מען טרעפט דערמיט, גלייך ווי מיט א כשר'ער מציאה, אין קרימי־נאל אריין... נאר מיינט נישט, אז אונזער רב איז ב ט ב ע אזוי! אז פון די אמאליגע פרושים מיט נעגעל און באקציין זענען לעמער געווארען, אז אין אונזער ווייטגארטען אויפ'ן גרונט פון „אתה בחרתנו", געמיסטיגט מיט נאציאנאליזם, וואקסען נישט קיין טאר־קוואמאדאס! דאס איז נאר „среда заѣдаетъ" און—גלייך מיט פאפירנא'ס האן איז „משלי הזמן" טענ'עט דאס שטילסטע רב'ל, אונטער פיער אויגען מיט'ן רבונו של עולם, און פרעגט:

פארוואס האסט אונז נישט געגעבען
דיינע דונערען און בליצען?
אך, וואס העלפען שוואכע דרשות
אהן די נעגעלעך מיט שפיצען?

גיב צוריק אונז דעם גיהנום
דארטען אויבען, דא אויף דר'ערד!
גיב אונז מלקות, ארבע מיתות,
העק און שטריק, שפיז און שווערד!

כאטש א קליינע גילאטינע!
גיב אונז כח, נעגעל, הערנער!
וועל' מיר רייניגען דיין גארטען
וועל'מיר רייסען אוים די דערנער!

אט, דא איז דער הונט באגראבען!

קיין איינציגע פיאווקע וועט קיין איינציגען טראפען בלוט נישט אויסזויגען, כל־זמן זי ליגט אין באנקע... זי קלעפט זיך צו מיט'ן חנ'עוודיגען וויידעלע צום גלאטען גלאז, און שאקעלט זיך אזוי אומשולדיג ריין, אזוי גוט און פרום, אז עס כאפט אן ביים הארץ! קיין צורת מטבע, קיין צוויי נישט צעהלען! נאר פרואוו בינד אויף דאס שטריקעל, נעם זי ארויס פון תפיסה און שטעל זי דיר אויפ'ן לייב!

פרואווט, גיט אונזערע רבנים די ממשלה אין די הענט אריין, וועט איהר שוין זעהן, ווי אזוי די פאסטוכער פאשען די שאף!

און אפילו היינט, אין היינטיגען דור, דא ביי אונז, וואו דער רב האט נאר א פראווע אויף קדושין, מילה און א שטריימעל, האט זיך דאך געפונען א רב'ל, וואס האט אפגע'מסר'ט זיין אייגען קהל מיט כלל ישראל צוזאמען: אז אהן רב, קיטעל און טלית, שווערען אלע אידעלעך פאלש, ווארים... ווארים, אז דער רב קומט צו דער שבועה, כאפט ער א רובעל פאר'ן וועג!

נעמט דאס אייגענע רב'ל און שיקט עס איבער קיין ירושלים, גיט איהם א ממשלה איבער קהל דורך דער חלוקה, גיט איהם א שטיקעל דעה ביים טערק, וועט ער לעגען ראטשילד'ען אין חרם אריין פאר שקאלעס, פארשיקען אפילו יעבצ'ן אויף טערקיש-סי-ביר און מעשים טון, ווי די אידישע יאאנא ד'ארק — די בריסקער רבי'צין! ער וועט אפילו שותפות מאכען מיט'ן טערק אין „עבודת הבורא"; דער טערק וועט שלאגען מיט'ן באמבוס אין דער פא-רעשווע אריין פון א ו נ ט ע ן א ר ו י ף, דאס רב'ל וועט קלאפען במקל ורצועה, מיט'ן שופר און שול-קלאפער, אין קאפ אריין, פ ו ן א ו י ב ע ן א ר א פ, און אזויערנאך וועט זיך אמבעסטען דערהאלטען דאס „פינטעלע איד" אינ'ם אידישען הארץ אין דער מיט!

און וואס שרייט איהר? איהר האט אייך אויף י ר ו ש ל י ם נישט גערעכנט?

וואס קאנט איהר בעסער האפען פון א שטאדט, וואס איז פון אייביגע דורות שוין א שפוק- און מיסט-קאסטען, אן איזאלא-ציאנס-שפיטאל פאר אלע אידישע קהלות אין דער גאנצער וועלט געווארען? וואו נאר א בטלן, אן אינטריגאנט, א מאום'קייט, א בלינד-געווארענער שוחט, אן אפגעשלאגענער פראצענטניק, וואו נאר א שנארער, א נגע, א צרעת, א קולאק — א רבי'צין, א משוגע-נער רב, אלץ, וואס „אין לו תקנה אלא קבורה"... דאס אלץ האט מען אויסגעשפיגען, אויסגעקעהרט און אוועקגעטריבען קיין ירושלים...

דא ביי אונז זענען טייל אפילו נאר פראסטע ש ו ט י ם געוועזען, נאר אוירא דארץ ישראל מחכים, ווערען זיי מ ו פ ר י ם...

אז „אוירא דארץ ישראל מחכים“ איז נישט קיין הוילע וואנט, נישט קיין אויסגעבלאזען איי, האט איהר דעם בעסטען סימן אין יעבצ׳ן. דעם אידישען טרייטשקע אדער אילאווייסקי... דא, האט מען פארשידען גערעדט איבער זיינע פעהיגקייטען, הייגט איז שוין קיינער נישט מסופק, אז דארט איז ער ערשט עכט קלוג געווארען... ער וועט שוין הייגט קיין איינציג פיצעלע בלאטע פון קלענסטען נעגעלע פון דער כנסת ישראל׳ם מינדסטען פינגערל נישט לאזען אראפפאלען, און — אויב די ירושלים־רבנים וועלען איהם אוים לויטער קאנקורענץ נישט לעגען אין חרם אריין אדער פארשיקען, וואו דער טערקישער פעפער וואקסט, וועט ער ארויסוואקסען א גאנץ גרויסע קלוגע שפין, וואס זיצט אקוראט אין ירושלים אין הארץ פון ארץ ישראל, וואס איז טאקע די מיט (על כל פנים) פון דער אידישער וועלט, און כאפען פליגען מהודו ועד כוש — פון איישישאק ביז האציפלאץ... און אז יעבץ איז קלוג געווארען, וואס דארף נאך ווערען פון אמת׳ע גמרא־קעפלעך?

אומגעריכט פון ריינעם הימעל איז נאר דער דונער אין די חובבי ציון אריין! אך, וויפיעל דאס האט געקאסט, איידער דער רבני׳שער הימעל האט זיך פאר זיי אויסגעלייטערט און איז ריין און אויסגעשטערענט געווארען! צו דעם צוועק האבען די „בני משה“ אנגענומען א גרויסען יעזואיטישען שלחן־ערוך מיט׳ן הויפט־פאראגראף: פרום צו זיין, כדי צו געפעלען דעם המון עם! סלוצקי, נעבעד, האט זיך געוואשען אין דער בלאטע פון רבנישע פים! עולי־רגל׳ניקעס האבען אונטערגעשריבען די „עהרליכע חשבונות“ פון דער „חלוקה“ אין ירושלים; מיט גרוים מיה און אויף אייגענע הוצאות, האט מען ארויפגעשלעפט אויפ׳ן אייבעל־טורעם א קליין פארגעסען רב׳ל און געמאכט דערפון א רב־הכולל, א „גראן־ראבען“ מיט משה רבינו׳ס פנים! אינ׳ם ווערמאנטישען „המליץ“ האט מען שוין אפילו אנגעהויבען צו שמוסען מכח איבערגעבען אלע חדרים, די גאנצע ערציהונג פון נייעם דור און אלע קהל׳שע עסקים אין רבני׳שע הענט אריין (כאטש מיט יעבץ און רעקענדארף קאן מען יוצא זיין לכל הדעות) מיט איין

ווארט — מען האט אלץ געטאן, די רבנים זאלען זאגען: „באם!“ כדי די חובבי־ציון זאלען האבען „בים־באם“! און די שעפסען זא־לען זיך שערען אומגעבלעקט...

צום סוף, נא!

די אלטע יעזואיטען האבען אריינגענארט די נייע אין זאק אריין; בן יהודה זיצט תפוס, די פאבריק פון לשון־קדש־ווערטער איז פארמאכט, און געה פרעג שאלות ביי גאט!

נאר מיינט נישט, חס־ושלום, אז איך וויל דא א וכוח האבען, אדער נאך אפשר גאר מלחמה האלטען מיט די חובבי ציון; ערש־טענס: מה אנו ומה חיינו? ווי קומט א ליץ צו שטעלען זיך מיט אזוינע לייט, וואס הערען דעם סולטאן, ווי די קאץ, ווארטען נישט אויף משיח'ן, בויען אליין די פאפירענע בריק און זאגען דער כנסת ישראל: בטלן, געה פאטש! און איך דיך, ווארים — קוים ועסט דו א ישוב האבען, וועסט דו שוין קיינמאל נישט פאטשען!*) צווייטענס, בין איך אליין א „חובב ציון“, כאטש אויף אן אנדער אופן; דריטענס, איז אין דער חברה, אויסער די „בני“ — נאך דא די „בנות“ ציון, און זיי וואלט, נישט נאר א בייזער ליץ, נאר אפילו דער גרעסטער אנטיסעמיט געגלעט...; פיערטענס, — און דאס איז דער עיקר — עס איז נישט פאר מיין קאפ, נישט פאר מיין כח!

איהר האט אודאי געהערט, אז פארצייטענס, אין דער ראַ־מאנטישער אלטער צייט, פלעגען זיין — אויסער די גוטע זאכען, וואס מיר האבען אויסגערעכענט אין אנהויב פעליטאן — נאך פאר'כשופ'טע חיות ובהמות, וואס פלעגען חרוב ונחרב מאכען דערפער און שטעדט... פון צווייטען, פון מענשליכען צד, פלעגען ווייטער זיין אמאטארען — העלדען, אזוינע אמת'ע גבורים, וואס פלעגען זיך מקריב זיין לטובת הכלל, כאטש עס איז נאך דאמאלט קיין צייטונג נישט געוועזען און עס האט קיינער נישט נאטירט קיין איינציגען זיפץ פאר די א ר ע מ ע ב ר י ד ע ר...

אזא גבור פלעגט ארויסגעהן בחרבו ובקשתו, איינער אליין,

---

*) ווארט ביי ווארט פון „בורת“ ארויס.

אהן חברות, אהן סובווענציע, אהן אן אויסגעבעטעלטען גראשען, ביי קיינעם זיך נישט אנגעפרעגט, ביי קיינעם אויף הוצאות נישט גענומען, און באגעגענען זיך מיט דער חיה רעה. אסך גבורים זענען געפאלען, טייל איז דאך געראטען צו באפרייען דאס שוואכע דארף אדער דאס שרעקיגע שטעדטעל פונ׳ם כשוף.

שלעכט איז אבער געוועזען דעם גבור, אז ער האט געהאט צו טון מיט א „דראקאן“.

דראקאן איז א פאר׳כשופ׳טער פיפערנאטער, אדער אזא גיפטיגע שלאנג, מיט — אדער אהן פליגעל, נאר מיט עטליכע טוץ קעפ... יעדער קאפ האט א באזונדערען פיסק, באזונדערען גיפט און א באזונדערע מעלה — אז, אפגעהאקט, וואקסט ער תוך כדי דבור צוריק! בייקומען אזא דראקאן, האט מען אנדערש נישט געקאנט, נאר סיידען, אז מען האט איהם אלע קעפ מיט איינמאל אפגעהאקט!

אזא מין דראקאן זענען די חובבי ציון, און נישט, חס־ושלום, ווייל זיי זענען חובבי ציון, נאר ווייל זיי זענען א חברה! אלס חברה האבען זיי טויזענטער קעפ, די קעפ זענען נאך צושפרייט און צוזייהט אויף ארבע פנות העולם... און געה זוך פאר זייערטוועגען א שנייד־מעסער?

אויב איהר מיינט, אז די מעשה מיט׳ן דראקאן איז א „משל כחרס הנשבר“, ווייל דער דראקאן איז, להבדיל, גלייך מיט איוב הצדיק, עליו השלום, א לא היה ולא נברא, און אז ער, דער דראקאן, האט דעריבער געקענט שאדען נאר די, וואס האבען אינ׳ם געגלויבט. בשעת, ווען די חובבי ציון זענען דא, זענען א פאקט גלייך מיט אנטיסעמיטיזם, רעאליזם און אנדערע פאקטען? וועל איך אייך ענטפערען, אז אין דעם טאקע איז ערשט דער משל אמת! ווארים, צווישען אונז גערעדט, איז דער „ציון“ און די „חבת ציון“ אויך ווי איוב הצדיק נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און די „חובבי ציון“ זענען אויך דעריבער נישט שעדליך נאר פאר די, וואס גלייבע און געטרויען!

אויב עס איז דא צו געפינען א חלוק, שטעקט ער נאר אין דעם, וואס דער דראקאן האט געהאט נאר איין מאגען, איין מאגען הכולל פאר אלע קעפ און דעריבער האט ער וועניגער געברויכט, בשעת ווען ביי א מענשליכע חברה האט יעדער

קאַפּ אַ באַזונדערען מאַגען; יעדער קאָפּ מוז באַזונדער בייסען, רייסען און פרעסען אויף זיין באַזונדערען איינגענעם חשבון, און דעריבער — קאָסט אונז יעדע חברה אַזויפיעל, אַזוי טייער! דעריבער איז ביי „צדקה" דער רעאַליזם נישט נוהג, די חשבונות מוז מען מאַכען פון דער „וויטענס", עס העלפט קיין שלאָם און ריגעל, און נישט אומזיסט שרייט דער דאָקטאָר סקאַמאַראָווסקי, אַז פאַר „ציון" איז דער רעאַליזם סם, אַז אויסלייזען דאַרף מען נאָר אידעאַליסטען, און די רעשט זאָל מען איבערלאָזען צו אַלע שווארצע יאָהר אין פינסטערען גלות!

ניין, ברידער! איך וועל מיר שוין איינשטעלען דאָס לעבען און ארויסטרעטען געגען דער גרעסטער חיה ובהמה, אַזוי אין לעבען, ווי אין דער ליטעראַטור; איך וועל אפילו אַנטרעטען שלאַנגען און עגדישען אויף די ווידעל, לעגען אַ פינגער אפילו מוסרים אין מויל אַריין, נאָר מיט אַ דראַקאָן, זייט מיר מוחל, קאָן איך נישט האַלטען מלחמה! ווייל אַ דראַקאָן מיט עטליכע טוץ קעפּ קאָן מען אפילו ביי קיין ליגען נישט כאַפּען! בפרט, ווען דער דראַקאָן פּראַלט גלאַט אַזוי הויל־אויפגעבלאָזען־ווייך, אַז עס נעמט איהם קיין מעסער נישט, און טוישט נאָך דערביי יעדע רגע, און אַזוי געשווינד, די קעפּ, אַז עס שווינדעלט אין די אויגען...

פינף און דרייסיג קעפּ שרייען: לויפט, פליהט, רייסט, יאָגט קיין פּאַלעסטינאַ... עס רינט דאָרט פאַר אייך האָניג און מילך, דער טערק וואַרט מיט אויסגעשפּרייטע הענט, דער אַראַבער חלש׳ט נאָך אייך!... און אַז עטליכע הונדערט צי אַ טויזענט בעלנים הערען און פאַרגעהען אין דער נויט, ווערען בלינד פון שלעכטען וואַסער, אויסגעדאַרט פאַר הונגער, אויסגעזויגט פון באַקשיש; אַז ווייבער ווערען דורכגעשמיסען פון באַמבוס — אויף די נאַקעטע ברוסטען, און נערה־שנתפּתּתה׳ס וואַקסען פון פּאַטריאָטען, ווי האָלץ — הויבט זיך אויף אַ זעקס און דרייסיגסטער קאָפּ און דרש׳ענט: מיר האָבען באַלד געזאָגט: לויפט נישט! אַ בפירוש׳ער פּסוק: בשובה ונחת תושעון! עמא פזיזא, רחמנא לצלן!...

זעקס און דרייסיג פאַרשטאָפּטע, פאַרפּאַנצערטע פיליסטער־

קעפּ שרייען אוים: „פאנאטיזם! שלחן ערוך! לאנגע רצועות און בערד! רבנים!“ און דערנאך, אז דער עולם קוקט זיך אום, און עס ווערט איהם נמאס פאר׳ן אלטען רבנ׳ישען ליעדעל מיט די פאר׳חושכ׳טע תנועות, הויבט זיך אויף א זיבען און דרייסיגסטער קאפּ און זאגט: „אדרבא איפכא! אמת, עס זענען דא צווישען אונז עטליכע פלעדערמייז, אבער מיר אליין, מיר חובבי ציון, באמת... אדרבא, לערען כאטש שליידען! אט דרוקען מיר גאר ליפּערט!“

זיבען און דרייסיג קעפּ שרייען: אוים יפת! פּאשאל וואז, יפת! אוים גריכענלאנד, אהיים, אידעלעך! אונזער א י י ג ע נ ע קולטור! און אז מען קומט נעהנטער און פרעגט: ו ו ע ר איז די קולטור, ענטפערט אן אכט און דרייסיגסטער אפענער מח גאר בוידעם! איז די „גמרא“ מפרש, אז די „משנה“ האט נאר געמיינט — „טאנצען מיט ווייסע האנטשו“, אבער „מאטעמאטיק מהיכא תיתי“... און תוך כדי דבור געהט א באל פאר „יהודה“, הייסע חובבי ציון טאנצען מיט — אויך נישט קאלטע נקבות, עס געהט צו אייראפּעאיש מיט אלע מפרשים, אפילו מיט קרייצען פאר די טענ־צער...

נו, געה, שפּאר דיך, אז דו ווייסט נישט מיט וועמען? און דערצו זענען אלע אונטער מאסקעס, זעקס און דרייסיג שטריימלעך וכנגדם ביבשה: זעקס און דרייסיג דזשעטאגען פון פארשידענע אוניווערזיטעטען! אז אפילו רביים חלומ׳ען שוין אויך פון „ישוב“, זיי „ווענשען“ אויך מיט די נעז, זיי האבען שוין אויך א ביין דער־פיהלט!

און אלע האלטען זיך אונטער א י י ן פּאראוואז, אונטער איין „אהבת־ציון“... בא, וואלטען זיי כאטש וועניגער שלינגע אין די מיילער געהאט... דערווייל האבען זיי נאך גאנצע ברונענס!

איך האב נישט איינמאל געזאגט, אז איך בין בטבע נישט קיין לץ, נאר דוקא א בעל־בכי און אז נאר מיין פינסטערע פרנסה האט מיך פאר א לץ געמאכט; איך זאג אייך נאך אמאל: איך בין בטבע א ג ר ו י ס ע ר בעל־בכי, און דאך, כאטש ביז אהער בין איך פון שוחד נישט בלינד געווארען, און האב נאך כמעט גארנישט געוויינט אויף גלות־השכינה, אפילו קיין פּ א פּ י ר ע נ ע טרערען נישט פארגאסען, קאן ביי מיר די שרעקליכע מסירה קיין

איינציגען טראַפען נישט אַרויסנאַרען! די רבנים׳ס כבוד אַרט מיך נישט, אויף ירושלים אַלס שטאָדט, האָב איך שוין לאַנג אַוועק געמאַכט מיט דער האַנט! און איך ווייס, אַז ווען איך זאָל וועלען לאָזען כאַטש אַ י י ן טרער אויף יעדער אידישער מסירה, וואָלט איך אויף ס׳ניי אַ מבול געבראַכט, עס וואָלט מעהר וואַסער געוועזען, ווי אין אַלע אונזערע ליטעראַטורען...

איך וואָלט געקאָנט ריהרען די ק אַ ל אַ נ י ז אַ צ י ע אַ ל י י ן, — נאָר איהר וועט עס נישט שאַטען. איך גלויב באמונה שלמה, אַז דאָס יונגע קינד וועט אַנדערש נישט געזונט ווערען און אַנהויבען וואַקסען, ביז מען וועט עס נישט באַפרייען פון׳ם אומריינקייט אויף׳ן קעפעל...

ביז מען וועט נישט פאַרמאַכען די פאַבריקען פון קרעציג־מיס־טיגען פאַנאַטיזם, די „זאַוואָדען" פון מלשינות־פולווער, פאַשקווי־לען־קוילען און שקרים־האַרמאַטען, ביז עס וועלען נישט אויפהער־רען „ערנסטע ווערטער", אין וועלכע עס קלינגען: עטליכע מטבעות, ווערמאַנט׳ס עדות און צעדערבוים׳ס שכל הישר... ביז מען וועט נישט פאַרמאַכען אפילו — די „בתי חרשת" פון נייע בלעכינע לשון־קודש־ווערטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטראַכט אין די געדאַנקען, וואָס פאַסען גאָרנישט פאַר אַ ליץ, האָב איך גאָר אינ׳ם מלאך פאַרגעסען, און ער איז מיר דער־וויל נעלם געוואָרען!

איך רוף, איך שריי, איך ווער הייזעריג, קיינער ענטפערט נישט!

צי האָט איהם זיין אַלטער בעל־הבית נישט צוריק גענומען פאַר רחמנות? צי האָט אויף איהם אַן אַנדערער, נישט מאַדישער מחבר, די השגחה־פליגעל פאַרשפּרייט? צי האָט איהם נישט עמיצער, חס־ושלום, גע׳מסר׳ט?

דאָס ווייסט איין בורא עולם, נאָר איך מוז אָפּהאַקען פון מיין פעליעטאָן; פליהען איבער די דעכער — האָב איך נאָך געקאָנט, נאָר צופוס געהן צווישען דעם מיסט — לאָז!

אַדיע! צום ווידערזעהן אויף בעסערע צייטען!

1896

די קראַנקע נערווען.

עס טוט זיך מעשים! עס זעצט און קנאַקט; עס קאַכט, עס שוימט, עס זידט און פּלאַקערט!

וואָס איז געשעהען אַזוינס? רבונו של עולם! ווער האָט אויפגעוועקט אונזער טויטען ים? ווער האָט ארויסגעלאָזט דעם ווילדען שטורעם? וואָס לויפען די לייט אַזוי אַרום, ווי משוגע?

עס איז, דאַכט זיך, קיין וויכטיג נייעס נישט געשעהען! סאַמע דראַבנע פּאַקטען!

וואָרים וואָס? אויסער „אחיאסף" האָט זיך נאָך איינער ער־לויבט צו שרייבען און צו דרוקען העברעאיש! אמת, ער דרוקט זיי אונטער דער נאָז — בק"ק וואַרשוי; נו, דעריבער? דאַרף דע־ריבער די וועלט נישט שלאָפען?

אַ ניי־געבאַקענער דר. דער פילאָזאָפיע האָט די „רויז" אין „לכבוד פסח" נישט פאַרשטאַנען... נו, על כן? דאַרף דערמיט וואַרשוי קלינגען?

„פּלוני", אַ געוויסער „פּלוני", האָט אריינגעשלעפּט דעם ירושלים־בער — יעבצ'ן צום „הויז־פריינד" אין באָד אַריין, און האָט איהם, כמעט אַהנ'ם בעדערס וויסען, אריינגעוואָרפען עטליכע בעזעמלעך — הכלל? איז אַ לאַך אין הימעל?

דאַרף דעריבער רודערען, ברענען, שטורעמען, קנאַקען?
אַך, ווי דענערווירט עס זענען אונזערע לייט!

דריי־פיערטעל נייע געשיכטע שרייבען אונז די קראַנקע נערווען!

קראַפּט־עבינג — אַ באַריהמטער ווינער פּראָפעסאָר — איז

דער מיינונג, אז דער גאנצער אנטיסעמיטיזם, וועלכען מיר האבען אזויפיעל „גוטס“ צו פארדאנקען, וואס האט אונז געגעבען: ארגענטינא, פאלעסטינא, פאטריאטען, נאציאנאליסטען און... „אחיאסף“ — וואס האט אונז אזוי נמאס ומאוס געמאכט גאנץ אייראפא מיט איהר ציוויליזאציע, וואס האט אויפגעוועקט אין אונז אזא הייסע ליעבע צו אראבער און טערקען און אפילו צו די ארגענטינישע קצבים — אז דער גאנצער אנטיסעמיטיזם איז נישט מעהר נאר א נערוועז־קראנקהייט, וואס גרענעצט פראוודע מיט שגעון.

מיר, אידען, כאטש מיר זענען אן „עם סגולה“, אן אויסדערוועהלט פאלק פון אלע אומות, מיר ליידען פונדעסטוועגען אויך פון די אייגענע קרענק, וואס הערשען אין איירָאפא. עס האט אונז נאך קיין איין מגפה פריי נישט דורכגעלאזט און דאס גראסירענדע נערוועז־פיבער אודאי נישט...

מיר זאלען נישט זיין אזוי נערוועז, וואלטען מיר פאר שרעק די קעפ נישט פארלוירען און נישט געלאזט שארלאטאנען זאלען אונז מיט איין האנט פיהרען ביי דער נאז און מיט דער צווייטער גראבלען אין קעשענע... מיר זאלען נישט זיין אזוי נערוועז, וואלטען מיר נישט געזוכט שוץ און הילף ביים קאנסערוואטיזם, ביי אונזער אייביגען בלוט־פיינט, וואס שטארקט זיך אויף אונזער פאהיבעל... ווען מיר זאלען נישט זיין נערוועז, וואלטען מיר נישט געלאזט גנבים זאלען אונז ראטעווען בשעת שרפה, און נישט געוואלט ארויסשפריגען פון דאכשטיבער דורכ'ן פענסטער... ווען מיר זאלען נישט זיין נערוועז, וואלט דער מארגענדיגער טאג אויף אונז געוויזען: אט דאס זענען די, וואס האבען ביינאכט די לאמפ נישט ארויסגעלאזט פון האנט! נאר מיר זענען אבער נערוועזער אלס אונזערע פעטערן־קינדער, מיר אליין העלפען צו דער פינסטערניש, זי זאל אונז איינשלינגען; מיר אליין דרעהען זיך א שטריק ארום האלז, מיר אליין זאגען זיך אפ אפילו פון די רעכט, וואס קיינער וויל ביי אונז נישט נעמען!

מיר זענען אזוי נערוועז, אז עס איז א חרפה און א שאנד פאר לייט, אז אומגליק פאר אונז און אן אויסגעצייכענט געשעפט פאר די, וואס זענען שטענדיג גרייט אונטערצוציגדען א הויז, אבי זיך אנצואווארעמען, פאר די — וואס יעדעס פאלקס־אומגליק איז

פאר זיי א טייבעל, פיש צו כאפען; פאר די, וואס דרעהען אוים זייער ווינט־מיהלעכל קעגען יעדען ווינט אויף דער וועלט, מעג ער ברענגען די פעסט, נאר גרויפען זאל ער מאהלען...

און ווי נערוועז די לייט אליין זענען! ווי זיי ציטערען, עס זאל זיי עמיץ נישט אראפרייסען די מאסקע פון פנים! עס זאל נישט עמיץ אנצינדען א ליכט, מען זאל זעהן וואו זייערע הענט שטעקען!

נאר איך בין פארקראכען אין א זייט, נישט פון זיי וויל איך רעדען... איך האב אנגעהויבען צו רעדען פון „אחיאסף", פון א דאקטאר דער פילאזאפיע, וואס פארשטעהט נישט די „רויז", און פון פראצעס „פלוני קאנטרא יעבץ".

וואס פאר א משוגע'נע נערוועז עס שטעקט אין דעם אלעם!

ווען נישט די משוגע'נע נערוועז, וואלטען זיך די בני אחיאסף נישט אזוי געשראקען פאר'ן „החץ", נישט אזוי אגיטירט געגען די „יום־טוב־בלעטלעך", נישט אזוי אפגעערדט די מוכרי ספרים, זיי זאלען נישט האנדלען מיט דעם „סם" — (אויף מייז)?

ווארים איך קאן מיר גארנישט איינרעדען, מען זאל קאנען מיט איין „החץ" און פינף־זעקס „יום־טוב־בלעטלעך" זיי אזויפיעל שאדען מאכען! אונזער בעל־הבית'ל האט א דיקע גלאטע הויט; נישט אזוי געשווינד טרעפט איהם א „פייל", אויך האט מען איהם צופיעל און צולאנג צוגעוועהנט צו גאגעל־מאגעל און קאנדעל־צו־קער, עס זאלען איהם אזוי לייכט שמעקען די ביטערע יום־טוב־בלעטלעך.

איך האף נאר, אז מיט דער צייט וועט דער עולם קריגען א בעסערען געשמאק, אז מיט דער צייט וועט אונזער „ישראל'יק" עפענען די אויגען און דערקענען, ווער זיינע שונאים און ווער זיינע פריינד זענען... צי ווילען זיין גוטס די, וואס גיבען איהם, וואס ער וויל, אדער די, וואס גיבען איהם, וואס ער דארף

וועלען; צי מיינען זיין טובה די, וואס זאגען איהם דעם אמת, אדער די, וואס פאר'שבור'ן איהם מיט זיסען שקר, מיט פאלשע האפנונגען און דער עיקר, מיט פאלשע חשבונות...

נאר ביז דער צייט קאנען נאך די בני אחיאסף רייך ווערען, און אז עס וועט קומען די צייט — איבערדרעהען דאס ווינט־מיהלעכל און מאהלען אפילו סאציאל־דעמאקראט׳ע. —

ליידער זענען זיי נערוועז, קאנקורירען נערוועז און האבען אויף דער וועלט נערוועזע נאכשטופער.

אין א געוויסער שטאדט, למשל, האבען זיך צוזאמען גענומען א הונדערט אחיאסף־שטופער, א הונדערט יונגע פארברענטע פא־לעסטינצעס, וואס אויף יעדען פון זיי, ווייזט אויס, קאן משיח קר־מען צו רייטען, און האבען געלעגט אין חרם אריין „די אפען" מיט „ר' שלמה" צוזאמען...

איז דאס נישט נערוועזיטעט, וואס גרענעצט, אויב נישט מיט שגעון, על כל פנים מיט אינקוויזיציע?

שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע זשארגאניסטען, האט אמאל נישט געוואוסט, וואס מען מיינט: „פאקשיווע". און אנ־דערער אויף זיין ארט רופט אריין דעם ערשטען בעסטען פוילישען איד און פרעגט, וואס דאס ווארט באטייט. ער איז אבער נערוועז, שטעלט ער זיך אנידער, ווי אן אקס מיט גרויסע הערנער, אין זיין אמעריקאנישען רעקלאמאציאנס „קול מבשר", און בלעקט ארויס: מאי פאקשיווע? כדי ער זאל „פאסט־פאקטום" געוואר ווערען, אז פאקשיווע איז דאס אייגענע, וואס „קראפיווע". דאס הייסט א מין געוויקס, וואס פאסט אזוי אין א גארטען אריין, ווי זיין „קול מבשר" אין אן ערענטליכע ליטעראטור.

דאס אייגענע האט זיך אצינד געטראפען א דאקטאר דער פי־לאזאפיע. ער האט נישט פארשטאנען די „רויז". מאי כולי האי? צי טרעפט איינמאל, אז א דאקטאר דער פילאזאפיע פארשטעהט נישט, וואס ער לעזט, און זעצט אפילו איבער, וואס ער פארשטעהט נישט? עס איז מעשים בכל יום! און דוקא נישט דעריבער, ווייל די זאכען זענען צו טיף, נאר ווייל א דאקטאר דער פילאזאפיע, איז

טיילמאל אזוי פלאך, אזוי פליטקע, אז עפּעס טיפערס קאן זיין מח נישט כאפּען...

איז אבער דער דאקטאר דער פילאזאפיע אזוי נערוועז, אז ער מוז אויפשרייבען „לאקשען", און עס טרעפען זיך נאך אזוינע נער־וועז־קראנקע, וואס באצאהלען דערפאר!...

נאר דאס אלעס איז קיין „מן המעשר" נישט פון די צולאזטע משוגע'נע נערוועזן, וואס האבען זיך באוויזען אין פראצעס: „פלוני קאנטרא יעבץ".

וועגען יעבץ'ן און זיין „ליטעראטור" וועלען מיר רעדען אויף אן אנדער ארט, מיר ווילען נאר אצינד אנווייזען, ווי דענערווירט זיינע באשיצער זענען.

איך וועל אייך נאר אין קורצען זאגען אין וואס עס געהט. פלוניווארפט פאר יעבץ'ן: 1) אז ער האט געשריבען א פאלשע היסטאריע, פון וועלכער אלע אומות העולם קומען ארויס איינגע־ריסט, ווי די קוימענקערער און א כנסת־ישראל — וויס, ווי א מעהל־הענדלער. 2) אז אין זיין א י ד י ש ע ר היסטאריע האט ער איבערגעהיפּערט אלע באמת וויכטיגע פאקטען און היסטארישע מענשען, אויף וועלכע ער האט אדער א שפּיי געטאן, אדער א קורצען „חרם" געווארפען, און האט דאגעגען אויפגעבלאזען די עטליכע „פּאלעסטינצעס", וואס האבען דערווייל נאך גארנישט גע־טאן, כאטש זיי האבען אזויפיעל געקאסט און קאסטען ווייטער... און 3) און דאס איז דער עיקר — אז ער שרייבט געפעהרליכע קינדער־ביכער, וואס ווילען אונז צוריקפיהרען צו די „גוטע, פרומע, נאר, ליידער, פינסטערע צייטען!".

די קריטיק איז אריין, ווי א שטיין, אין אונזער ליטעראַרישען טייך און די גרויסע פיש האבען זיך ווילד דערשראקען! פריהער האבען זיי פאר שרעק געשוויגען, נאר דערנאך, אז מען האט גע־זעהן, אז דער פלוני שטעהט דערווייל אליין, זענען די העכט ארויס־געשוואומען מיט די אפענע מיילער, נאר איינצושלינגען!

צו אלעם ערשטען איז ארויס א „זי" — א דבורה גינצבורג. פארוואס נישט א מחבר — א זכר? כדי מען זאל נישט קאנען

זאָגען: „הדיוט קופץ בראש“; הדיוט איז לשון זכר. און דער רעדאַקטאָר פון המליץ, וואָס בייזערט זיך אויף אַ קליינע „עדה“ אין אמעריקא, וואָס האָט אויפגענומען פאַר זיך אַליין, אינגאַנצען פאַר אַ פּאָר מנינים, אַ בעל־דרשן, אַ אידענע, לאָזט די אשה צנועה דרש׳ענען פון מליץ־בעלעמער פאַר כל־ישראל. נאָך מעהר — אַלס עלעגאַנטער הער טרעט ער איהר אָפּ דעם אויבען־אָן און מאַכט פון דער ווייבערשער נערווען־לאַגיק אַ לייט־אַרטיקעל!

און דבורה גינצבורג איז שרעקליך דענערווירט; זי האַלט זיך איין מיט אַלע קרעפטען קיין שלעכט וואָרט נישט צו רעדען, און דאָך איז איהר אַרטיקעל אַ וואַלד מיט שאַרפע באַגנעטען. האָניג און מילך — דאַכט זיך — רינט איהר פון מויל, נאָר דער האָניג איז פול גיפט און די מילך איז איראָניש זויער און געזעצט. זי וויל נישט פלוני׳ן באַליידיגען, דאָך איז פון „אַ פלוני דאָרט“ (איזה פלוני) בפרט, און פון אַ זשאַרגאָן־שרייבער בכלל, אַ העזה צו קריטיקירען יעבץ׳ן! דאָס הייסט (אַפּנים) אַריינברעכען אין דער חברה „שמור לי ואשמור לך“ און צו שאַנדען מאַכען דעם גאַנצען „עסק“... זי איז — חלילה! — נישט בייז, נאָר דער „פלוני“ איז אַ „פ ר ע מ ד צ ו ו י י ג ע ל“ אויף א ו נ ז ע ר בוים, אין א ו נ ז ע ר ווייגגאַרטען, און די אשה צנועה וויל איהם מיט׳ן שאַרפען צינגעל אָפּשניידען און אַרויסוואַרפען — על כל פנים — פאַר די אומות העולם... צו די דריי קנינים, וואָס דער רבונו של עולם האָט אויף דער וועלט, קומט, אַפּנים, צו נאָך אַ קנין! הייגט ווערט דער הייליגער קווליטש געפלאָכטען אין פיערען, פון שמים־וארץ, ארץ־ישראל, תורה און יעב״ץ — ווער עס גלויבט נישט אין יעבץ׳ן — וואָן! אַרויס פון כנסת ישראל! ווער עס קריטיקירט, ווער עס זאָגט אַרויס דעם אמת צו הויך, צו פּראָסט, ווער עס רופט אָן די זאַך ביים נאָמען, ווער עס וויל נישט און לאָזט נישט נאַרען דאָס פאָלק; ווער עס וויל נישט זיינע ווערטער איינוויקלען אין וואַטע, באַשפּריצען מיט אָדעקאָלאָן, פאַרזיסען מיט צוקער, ווער עס דענערווירט אונז — אַרויס!

היסטאָריע איז אַנשטעקענד; באַלד זענען אַרויס נאָך צוויי „גן־עדן־פּאַנעס“; און זענען אַריין, ווי די קוואַקעס צווישען די מודעות אין המליץ... זיי קוואַקען אויס דאָס יונגע האַרצוועהטאָג, וואָס מען האָט יעבץ׳ן אַראָפּגעריסען די קרוין פון קאָפּ און זענען

מנדר (איך געדענק נישט וויפיעל מאל ח"י), לטובת הפועלים אין ארץ ישראל!

אזא ערנסט־עהרליך־קלוג ארײנמישען זיך אין א ליטעראַרי־שען וכוח, אזא מין פיין אונטערהאַלטען א געפאַלענעם גבור, אזא מין סימפּאַטישע אמעריקאַנישע רעקלאַמע — שרייבען און חתמ'ענען נ א ר העכסט דענערווירטע דאַמען!

איך גלויב, אז זיי שרייבען אמת — אז זיי האָבען באמת זייער גאַנצע מילכיגע חכמה אויסגעזויגט פון יעבץ'ס בריסט, אז עס צאַפּעלט זיי באמת דאָס הארץ, זעהענדיג, ווי מען רייסט דער אם די קאָפּקע פון אַלט־קלוגען קאָפּ... נאָר נישט יעדער צאַפּעל פון א מיידעל־הארץ דאַרף נאַטירט ווערען אויף דער ליטעראַרישער בערזע, און אז מען זויגט שוין אָפּ ביי יעבץ'ן — הויבען ערשט אַן צו שפּראַצען ציינדלעך, דאַרף מען ערשט אַנהויבען עסען — אַנהויבען באמת צו לערנען!

דערנאָך איז דער רעדאַקטאָר ה' ראַבינאָוויטש אליין אַרויס מיט א באַמערקונג, אז די זשאַרגאָניסטען, וואָס שרייבען פאַר זי־צערין און קעכין, וואָלטען געדאַרפט בעסער וואָרנען פאַר דער מהומה'דיגער עמיגראַציע און נישט רעדען פון יעבץ'ן. די קעכין מיט דער זיצערין — מיינט ה' ראַבינאָוויטש — מעגען נישט ווי־סען, אז יעבץ „טאַנצט אויף די הינטערפיסלעך" און „וויל צוריק שלעפּען די כנסת ישראל אין מיטעל־אַלטער אַריין"...

נאָר אַזוי אומגערעכט קאָן מען אויך נישט זיין ביי פעליג גע־זונטע נערוועז. וואָרים — ווּעמען האָבען מיר די מהומה צו פאַר־דאַנקען, אז נישט די לשון־קודש'ע קעסעל־פּויקער? צי איז צע־דערבוים'ס המליץ נישט געשטאַנען אין דער ערשטער שורה און געפּויקט „טרעוואָגע": — לויפט, רייסט, יאָגט...? אויף וועמען זשע פאַלט דער חוב צוריקצופּויקען? צוריקצורופען? די זיצערין און די קעכין לויפען, ווייל — ווייל אין יעדער שטאָדט זענען דאָ עטליכע לשון־קודש־פּויקער, וואָס צוטראָגען די טרעוואָגע אין אַלע גאַסען און לאָזען קיין אַנדערע ספרים, אויסער יעבץ און אחיאסף, נישט קויפען...

אמת — דער עולם האָט געפּויקט קיין ארץ־ישראל און גע־לאָפען איז מען קיין אַרגענטינא; שולדיג איז דאָך דער פּויקער— די גאַנצע „טרעוואָגע" איז איבריג געוועזען!

און דארף מען צוריקפויקען זשארגאָן, זאָלען די פויקער אליין שרייבען! קאָנען זיי נישט שרייבען אין קיין איינפאַך דורכזיכטיגער שפּראַך, וואָס פאַרדעקט נישט די לעבער אין דער לאָגיק, פאַרבלימט נישט די פינסטערע חכמות, און פאַרהאַקט נישט מיט געדונערטע ווערטער דעם לעזערס שכל הישר, זאָלען זיי זיך אַ זשארגאָן־פויקער דינגען! די פּראַקסע קענען זיי... ווילאַנג איז גאָר, אַז מען האָט אַ „בילער" געדונגען געגען בּאַראָן הירש? ווילאַנג איז, אַז מען האָט אונטער'ן טיטעל „אַן אמת וואָרט", פאַרפּולאַריזירט ווערמאַנט'ס מסירות? ווילאַנג איז עס, אַז מען האָט גאָר געדונגען אַ „דאַרן" געגען אַן אומשולדיגער אָרעמער „רויז"? וואָס? אצינד האָט קהל'יש געלט פאַרפעהלט?

איך גלויב באמונה שלמה, אַז ה' ראַבּינאָוויטש ווייל זיין אומפּאַרטייאיש; איך גלויב, אַז ער וויל אפילו מיט דער צייט דעם גאַנצען צעדערבוים'ישען ריח אַרויסטרייבען פון המליץ... נאָר די נערוועז זענען שולדיג, און ער וויל אויך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל זיך נישט אַריינמישען אין דער לשון־קודש'ער וועלט, ווייל — אָהן זיינע שרייבער, איז דאָרט אזוי רוהיג, אזוי שטיל, אזוי שלום ושלוה! עס שרייבען סאַמע גוטע ברידער, קיין „פרעמדען" לאָזט מען נישט אַ לעז דעקען, נאַדיר! קומט עס פון דער זייט!

אין דער אַנמערקונג האָט זיך אַנגעכאַפּט אַן אַנדערער נערוועזער שרייבער אין הצפירה. הער פראָם איז אַרויס, „איש יהודי ספרא" האָט „אונטערגעגאַרטעלט זיינע לענדען" און „פאַטשט" אין הצפירה! דאָס שטילע וואַסערל רייסט איין די ברעגעס!

מיט וואָס פלוני קריטיקירט יעבּץ'ן, דערמאָנט ער נישט, כדי ער זאָל נישט דאַרפען דערויף צו ענטפערען; אויף דער זעג, ווייסט ער, האָט די שלאַנג קיין ציין נישט... פאַר דאָס אבער האָט ער פאַרפלייצט אַ שאָק נומערען הצפירה מיט גיפט... און דוקא מיט'ן ערגסטען...

וואָס וויל פראָם? אסור אויב איך ווייס! איך ווייס נאָר, אַז לויט זיין לאָגיק איז אַ משרת אָדער אַ קעבין אַ מאוס'ערע פרנסה, אַלס אַ פאַקטאָר ביי הלוואות און פלוני האָט נאָר אַ פּראָווע צו רעד־

דען מיט משרתים און קעכינס; עס זעהט אויס, אַז לויט פּראָס שכל הישר איז יעבין אַ פּאַרטשריטסמאַן — ווי דען! נאָר אַז מען קאָן אַזוינס שרייבען, און נאָך אַזוי פיעל דערפון שרייבען, האָט מען זיכער קיין געזונטע נערוועז...

נאָר דאָס איז נאָך ווייניג. אויפ'ן אַרעמאַן „מאַקאַר" פאַלט נאָך אַ שישקע... טאַוויאָוו איז דאַ! אַ פעליעטאָן אין המליץ! טאַוויאָוו איז מודה, אַז יעבין פעלשט די געשיכטע, ער פרעגט נאָר: „וואָס שאַדט אונז דער שקר"? וואָס שאַדט עס — פרעגט טאַוויאָוו — אַז מיר וועלען אָ פּ נ אַ ר ע ן די קינדער? אַז זיי וועלען עלטער ווערען — — מיינט טאַוויאָוו — וועלען זיי שוין אַליין וויסען דעם אמת...

נו, זאָגט אַליין, צי אַ מענש, וואָס האָט אַ פּרעטענסיע אויף בילדונג, אויף די קינדערשע הערצלעך זייהען שקרים, כדי דער ווינט פון שפּעטערען לעבען זאָל האָבען וואָס אויסצורייסען — צי דאַרף אַזאַ „מענש" נישט נויטיג אַ קאַלט־וואַסער קור?!...

נאָר דאָס אַלעס איז נאָך ווייניג! נאָך גאָרנישט! עס קריכט אַרויס נאָך איינער מיט אַ „געוואַלד" — מיט „אַ פּראָטעסט פון כלל ישראל געגען הויזפריינד!".

נאָר דאָס גרענעצט זיך שוין טאָקע מיט שגעון... עפּעס אַ חצקון שרייבט אין נאָמען פון כל ישראל, פון דער גאַנצער אומה!!

נאָר וואָס איז מיין טרייסט?

מיין טרייסט איז, אַז די נערוועז פון די אומות העולם, פון דער כנסת־ישראל און פון אונזער ליטעראַטור וועלען זיך אַמאָל שטילען, און געזונט לאַכען פון דער אַלט־נאַרישער צייט.

1896

די געלע פרעסע.

א פינסטערע שרעק איז אנגעפאלען אויפ'ן ליטעראַרישען גע־סעל: די געלע פרעסע געהט! דער ערשטער שריט צום שאנטאזש איז געמאכט געוואָרען! מיט אן אייזערנעם טאראַן האט מען אוים־געהאקט א שפּאַרעוודיג לאָך אין דער פעסטונג־וואנט, אונטער וועלכער מען האט זיך אַזוי רוהיג, אזוי זיכער געפיהלט...

„פּראטעסטירען!"

די אלטע, די גרויסע, די שטראַלענדיגע מוזען ארוים מיט א פּראטעסט....

און איך בין אן אלטער, א גרויסער, א שטראַלענדיגער און דאָצו נאָך א שוואכער מענש!

בנוגע צום אידישען טעאטער איז אַש געמעכט, אזא יאהר אויף כל ישראל! און פונדעסטוועגען, אז דער לייב אין גאָלדפאַ־דען'ס בר־כוכבא שטעלט זיך אינמיטען דרינען אויף די אונטערש־טע פיס און גענעצט, און דער פרייטאג־ און שבת־צו־נאכטסדיגער עולם פּאַטשט בראַוואָ, אָדער ווען די „אינגלעך" אין „פאַמיליע צבי", וואָס פאַרלירען די העקלעך און די דרענגלעך פון די דאַרע הענטלעך ארוים רופען: מיר זיגען! מיר זיגען! און דער אויבען דערמאַנטער טעאטער־עולם שרייט: „הורא!" — פּאַטש איך מיט, אַז די הענט ווערען מיר געשוואָלען, און שריי „הורא", ביז איך בלייב אָהן א האלז, כאָטש איך ווייס אויף קלאָר, אז די „אינגלעך" ציטערען אפילו פאַר'ן אייגענעם פּאַפּירענעם כלי־זין—, אזוינע פּנים'ער האָבען זיי, די סטאַטיסטען אויף כמעלניא, און כאָטש עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דעם לייב פון בר־כוכבא ווילט זיך, געבעך, גאר עסען, נישט געגעצען...

וואָס דאַרפט איהר מעהר: אין גאַס, אז דער עולם הויבט אָן לויפען, מאַך איך פיס, צי איך זעה א ביקס צי ניין; איך האָב מיך

אפילו קיין צייט נישט אומצוקוקען! און קוק איך אמאָל, פאַר׳ן אַראָפּגעהן, אין גאַס אַראָפּ, און זעה מענשען אין קאַלאָשען און ווינטער־פּאַראַסאָלען, הויב איך שוין צום הימעל קיין אויג נישט אויף, און נעם אַ פּאַראַסאָל מיט קאַלאָשען!

און דעריבער, אַז עס איז אַ געשריי געוואָרען „פּראָטעסטירען" — האָב איך געזאָגט: „פּראָטעסטירען!", כאָטש די חתימה צום פּראָטעסט האָב איך געמאַכט מיט אַ פאַרציטערטער האַנט, און דאָס האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן...

וואָרים „ביני ובינך" — ליעבע לעזער! צווישען פיער אויגען און אויער אויף אויער בין איך דוקא צופריעדען מיט די ביטערע קריטעכצער, וואָס הויבען אָן שפּראָצען אין אונזער גן־עדן׳דעל.. סימן טוב ומזל טוב! — די געלע פרעסע האָט זיך באוויזען? — אַ מחיה! אַ קאַצען־שפּרונג צום שאַנטאַזש? — נאָך בעסער! דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר אַנטוויקלען זיך, אַז אונזער ליטעראַטור אַנטוויקעלט זיך, אַז—, להבעים די ציוניסטען און די ס. ס.׳אָווצעס — וואַקסט אין גלות אונזער קולטור, ווי אויף הייוועז!

און איך וויל עס אייך מסביר זיין מיט אַ משל; איהר ווייסט דאָך, כ׳בין אַ שטיקעל גלגול פון דובנער מגיד! שמעלט אייך פאָר, ליעבע לעזער (אַלע לעזער זענען מיר ליעב), אַ משפּחה אין אַ מדבר — איינע אַליין אַ פאַמיליע אין אַ סטעפּ! מוז, נעבעך, דער קאָפּ פון דער פאַמיליע זיין אַלץ צוזאַמען! אי טאַטע פון קינדער, אי זייער לעהרער, אי זייער שטראָפער און שמייסער... און ווערט, לא עליכם, אַ קינד קראַנק, מוז ער נאָך זיין זיין רופא; בחרפּתני, אפילו אַ קליסטירעל מאַכען... און מאַכט זיך עפּעס, גאָט באַהיט, אַ קינד אויפ׳ן קעפּעל, מוז ער איהם אייגענהענדיג די הערלעך אויסרייסען... און שטאַרבט, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ קינד? נאָך זיין קברן ווערען! און אַז די קוה פאַלט אַוועק? מוז ער ווערען וועטערינאַר! און אַז דער הונט אויפ׳ן הויף ווערט משוגע? — הונטשלעגער! און אַז עס זאַמעלט זיך אָן מיסט אויפ׳ן הויף? מוז ער נעמען שירץ און בעזעם און אויסקערען! — און דער אייגענער מוז זיין פונדעסטוועגען אי טאַטע, אי קדוש־ און הבדלה־מאַכער, און פאַרלאַנגט פאַר זיך דרך־ארץ!

אָבער, אַז די משפּחה צוואַוואַקסט זיך? אַז מיט דער צייט

ווערט פון פלעק א דערפעל, פון דערפעל — א שטעדטעל, — א שטאָדט — א שטיקעל מדינה, — — ווערט שוין די ארבייט צו־טיילט! איז איינער טאטע, דער צווייטער לעהרער; א בעלפער, צום שמייסען און פעקלעך מאכען, פאראן באזונדער; עס באווייזען עקסטרא קליזעפּאמפּע־מאכער, האָר־צופּער, דאָקטוירים; ספּע־ציעלע מתעסקים, קברנים און — הונטשלעגער!

דאָס זעלבע איז און האָט געמוזט זיין און געשעהען אין דער ליטעראטור.

איך בין נישט קיין הייגטיגער און געדענק נאָך גאַנץ גוט די צייט, ווען עס זענען געווען אינגאנצען צוויי־דריי כהנים אין בית־המקדש! אלץ האָט געמוזט קומען אויף זייערע הענט. דאָס זענען געווען: אי שירים־ אי פּראָזע־שרייבער; און דאָס זעלבע לייט־אַר־טיקעל מאכער,פעליעטאָנען־קלאָפּער, נייעס־שיטער און אינמיטען דערינען ווערען א וועלט־חכם און פּארטייטשען, וואָס א דונער, — וואָס א בליץ איז... מיט איין וואָרט: אַנטון גלעקלעך, ארייןלויפען אין קדשי־קדשים מיט א פּאָן ווייררויך, ארויסלויפען און מאכען „חיק“ מיט אן אַקס אויפ'ן מזבח, און באַלד כאַפּען א בעזעם און אויס־קערען!

אָך און וועה איז געווען צו די יאָהרען!

הײַנט, אז מען האָט זיך געמעהרט און געפרוכפּערט, בפרט לעצטענס, אין דער צייט פון דער סטאָליפּין־פרייער פּרעסע, איז שוין, דאנק זיין ליעבען נאָמען, די אַרבייט צוטיילט! יעדער האָט זיך זיין ווינקעלע, זיין ספּעציאַליטעט. איינער זינגט, דער צווייטער דערצעהלט, דער דריטער שרייבט חכמות, דער פיערטער וויצעלט זיך, דער פינפטער און אפשר דער זעקסטער צי דער זיבעטער — פיהרט טאָקע מיסט!... מען דאַרף דאָס אויך!

אמת, עס טרעפט און די מיסט־שלעפּער שרייבען שירים אמאָל אויך...

אַבער, ערשטענס, איז יעדע אויסנאָם נישט מעהר, ווי א באַ־ווייז אויף דער רעגעל! צווייטענס, האָט יעדע קאַץ איהר מערץ און יעדעס הארץ, אפילו פון א קוימען־קערער, זיין מאַי! ווען עס ווערט אזוי ווייך, און עס זינגט זיך: טיו, טיו... טיו, טיו... און דריטענס — האָט קיין פּחד נישט! דער מיסט־פיהרער וועט צום שכל קומען! ער וועט דערקענען זיין פּאַך, דערגעהן זיין מיסיע,

צוליעב וועלכער ער איז באשאפען געווארען! נישט אזוי געשווינד דערקענט זיך א מענש, און איידער מען קומט אויפ'ן רעכטען וועג ארויס — זינגט זיך אמאל אביסעל פאלש! מיט דער צייט קומט די הילף!

די ליטעראטור קאן שוין נישט זיין קיין כל־בו, ווי א קליינ־שטעדטעלדיג געסעל! עס מוז זיין א גרויס־שטעדטישע גאס! דער רינשטאק, וואס פיהרט אפ דאס אומריינע, געהט אין די זייטען, רעכטס און לינקס. ווער עס איז א דבר־אחר, מהיכא תיתי, לעג זיך אריין! אז נישט, געה אריבער טרוקען, אין דערמיט! דאס איז שוין דער צווייטער משל!

אמת, א משל איז נאך קיין באוויז נישט! אבער מקרב אל הדעת איז עס!

און וואס אמבאלאנגט דעם עצם־ענין, וואס די געלע פרעסע, די ערשטע ניי־געבוירענע, איז שוין באפאלען א ליטעראט, איז קיין גרויס אומגליק נישט!... די ליטעראטען, פונקט אזוי, ווי פרויען, האבען ביז אהער פארנומען א געקינסטעלטען פלאץ, א פאלשען ארט אין א געזעלשאפטליכען לעבען! אדער א גארנישט, א צרה, א משלחת, אדער א מלאך; קיין מענש קיינמאל נישט! שלאגען זיך מיט א אידענע, בפרט אין גאס, אפ'חשבון'ען זיך עפענטליך מיט א ליטעראט, קומט אויס עפעס קראטיש, אויסטערליש, ווילד! פארוואס? שוין צייט אפצורייסען מיט די אלטע מנהגים, ארויס־שלאגען זיך די אלטע איינרעדענישען פון קאפ. אן אשה איז אויך א בשר־ודם, נישט מעהר, נישט ווייניגער, און א ליטעראט איז א מענש, ווייניגסטענס דארף ער זיין א מענש... און דאס, וואס א קראה רייסט אויס ביי דער צווייטער איין אויג, וואס איז דאס גע־וואלט? דוקא ביי פ ר ע מ ד ע?

און דער עיקר — ברענגט עס א גרויסען נוצען דעם פובלי־קום, אויב עס איז נאר דא! אויב די קוה, וואס מיר. לעבצענדיגע צו מילך, מעלקען איז פאראן, אויב זי איז נאר קיין פוסטער חלום נישט,—קאן זי ווערען אויס קוה!

דאס פובליקום — אהן משלים גערעדט — מוז זיך צוגעוועה־נען צום געדאנק, אז ליטעראטען זענען מענשען, וואס ארבייטען און פארדינען מיט דער פעדער, ווי יענער מיט דער האק און דער מיט דער נאדעל... און אז עס טרעפט זיך און א ליטעראט, — אויך

אַ מענש! — גנבֿ'עט בענדלעך אין קראָם, אָדער קישקע אין יאַט־קע, קומט איהם תפיסה, גלייך מיט אַלע, אויב אַלע גנבים קומט תפיסה... און אַז ער גנבֿ'עט נישט, און די גאַנצע פּרעסע, וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטען, ביז עס וועט ווירקליך עפּעס געשעהען, און טראַכט צופּאַר אויס, און עס קומט צו לשון־הרע, רכילות, בלבולים און אַלערליי שקרים, — איז נאָך בעסער!

דאָס פּובליקום, וואָס דאַרף ווערען אויס קוה, דאַרף זיך צו אַלעם ערשטען אָפּגעוועהנען פון אַ מאוס'ען פעהלער, און דער איז דאָס, וואָס דאָס היינטיגע פּובליקום, אויב עס עקזיסטירט, שאַצט אָדער צו הויך אָדער צו נידעריג דעם ליטעראַט, שאַצט צו הויך אָדער צו נידעריג יעדעס געדרוקטע וואָרט. אָדער עס איז „שמאַכטעס", „מעשה־ביכלעך", בטלנות, אָדער פאַרקערט: הייליגע נביאות, נישט אָפּצוּוואָוענדען, נישט איבערצושפּאַרען! זיי ווייסען נישט, אַז אַ מענש שרייבט, ווי אַ מענש רעדט... ווי ווער און ווי ווען...

אין געוועהנליכען לעבען, אַז עמיץ עפענט דאָס מויל און זאָגט עפּעס, שרייט מען נישט תוך כדי דבור: שקרן! אויך שפּרינגט מען נישט דריי מאָל קדוש, פאַר דער צייט. מען טראַכט נאָך, קלערט איבער, מען ווערט געוואָר, מען זאַמעלט ידיעות, — מענש־ליך! וואָס הייסט, זיך „פאַרלאָזען"? אָבער דאָס געדרוקטע האָט נאָך גאָר עפּעס אַנדערש...

און דאָס איז שלעכט!

דאָס געשריבענע וואָרט האָט געקאָנט קרעדיט האָבען פאַר־צייטענס, ווען אַ פעדער אין דער האַנט האָט געהאַלטען איינער אין אַ שטאָדט, און דוקא אַ גרויסער! ווען מיניסטאָרען האָבען צוגע־לעגט סטעמפּעל, אָדער דעם אין טינט איינגעריכטען גראָבען פינ־גער אויפ'ן פּאַפּיר במקום אַ חתימה... ווען דער סיגנעט האָט נאָך געשפּילט די גרויסע ראָלע, ווי אין אחשורוש'ס צייטען! דאָס גרוים, עהרליך און כמעט הייליג האַלטען פון געדרוקטען וואָרט, האָט גע־האָט זיין ווערט אין גוטענבערג'ס און קוים עטוואָס שפּעטערע צייטען, ווען אויף דער וועלט זענען צוויי־דריי דרוקען געווען, און פון אונטער דער פּרעס פלעגען אַרויס סאַמע תנך'לעך, ש"ס גמרא'ס, אָדער חכמת יון: אַריסטו! היינט — ווען אַלע אינגלעך שרייבען, ווען אין אַלע גאַסען ווערט געדרוקט, דאַרף זיך דאָס

פובליקום אויסלערנען: שאצען! יעדען געבען זיין ארט, זעלטען שענקען צוטרויען, זעלטען געבען קרעדיט, און צו דעם הויכען שטאַפעל וועט דאס פובליקום קומען נאר א דאנק דער געלער פרעסע! דאס קינד מוז פאלען, עס זאל זיך אויסלערנען געהן!

און דעריבער נאך אמאל: לעבען זאל די געלע פרעסע!

זאל זי זיך גראבלען אין מיסט — אין פריוואט־לעבען, מיין איך, עס שאדט נישט! דאגעגען קאן זיין נאר די אלטע בעל־בת'ישע מאראל פון קלאפ־שלעסער און פארהאנגענע פענסטער. די מאראל אין יידענע, אבער אין פאר'דאס'טע (זייט מיר מוחל) אונטער־רעק... די עטיק, וואס איז געווען נאר א שויץ־מארקע פאר חנופה, צביעות, שעהנהייליגקייט און כל־דאס־בייז... נאר די אלטע גבאי'טע מיט די יונגע חטאים האט געמאכט אן אונטערשיד פון „רשות הרבים", „בפהרסיא" און „אונטער פיער אויגען", „בחדרי חדרים"!

וואס הייסט פריוואט־לעבען? פריוואט לעבט א מענש אין א מדבר, פריוואט לעבט א פרוש אין וואלד, אפשר נאך א פארצייטיגער בטלן הינטער'ן בית־המדרש־אויווען. א מענש צווישען מענשען איז קיינמאל נישט פריוואט. דער, וואס טוט עפעס, — בפרט דער, וואס שרייבט! — לעבט געזעלשאפטליך, עפענטליך; דער מוז זיין אדער ניצליך אדער שעדליך, און קאן, דארף און מוז געשאצט ווערען... אמת, דאס אפשאצען געהערט צום ריכטער, אנקלאגען צום פראקוראר, מסר'ן צום שפיצעל און דאס אויפהענגען צום תלין... זענען טאקע דערויף פאראנען ספעציאליסטען אין דער ליטעראטור אויך... איינער האט גלאט ליעב וויוויסעקציע... טו איהם עפעס!

און ווי געזאגט, אבער עפענטליך קריטיקירט דארפען ווערען אלע און פריהער פאר אלע דער שרייבער! ווער עס רעדט צום פובליקום, געהערט צום פובליקום! דאס פובליקום האט רעכט צו פארלאנגען, מען זאל פון צייט צו צייט אראפציהען דעם טלית פון די, וואס שטעהען ביים עמוד, ביים שלחן און ווייזען איהם, ווער עס בעט פאר איהם, ווער עס בלאזט איהם שופר!

אמאל פלעגט מען זאגען: קריטיקירען דארף מען דאס ווערק, נישט דעם אויטאר. היינט: דעם אויטאר, צוליעב דעם ווערק! וויל דאס פרצוף־פנים פון באהאלטענסטען אויטאר קריכט ארויס

אין זיין ווערק פון צווישען די שורות, פון צווישען די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פאַרשטעקען, ווען זאָל זיך נישט ער ווען ער זאָל נישט הייסען רעדען, וואָס ער זאָל נישט וועמען לעגען אין מויל אריין,— ער רעדט עס, זיין האַרץ זאָגט עס! און א וואָרט — א מאַן! א מאַן — א וואָרט! און דער פּאַשקוויל, אויב ער איז אַן אמת׳ער, איז נישט מעהר, ווי א שליסעל צו דער רעטעניש פון ווערק! מעהר און ניצליכער אָבער איז דער פאַלשער פּאַשקוויל! דער, ווי גע־זאָגט, וועט ברענגען דעם לעזער דערצו, ער זאָל זיך אויסלערנען שאַצען, א מבין ווערען, דערקענען דעם אונטערשיד פון א לייב אין וואַלד און א לייב אויף גאָלדפּאָדען׳ס סצענע, אין בר־כוכבא; פון אַן אָדלער אונטער׳ן הימעל, אַן אָדלער אויף דער מטבע, א גע־מאָלטען אויפ׳ן „מזבח“ און א פּאַפּירענעם אויפ׳ן טיש!...

ר׳ נחמן׳קע זאָגט: די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב דעם ווילען, און דער ווילען — צוליעב דער ברירה! אויס־קלייבען, וועהלען דאַרף א מענש!

און אצינד געהט ערשט דאָס געדיכטע:

אויב די שרייבער האָבען זיך דיפערענצירט, מוז זיך אויך די־פערענצירען דאָס „פּובליקום“. שוין צייט, עס זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען דער „הויפען“—לעזער! די „מאַסע“! די מענגע „צייט־טונג־ און בראָשורען־שלינגער“ (ביכער זענען אויס דער מאָדע ארויס). וואָס האָבען קיין פיזאָנאָמיע — קיין פּרצוף־פּנים נישט,— עפּעס א שטיק גאַלאַרעטע! יעדע אַרט שרייבען, יעדער שרייבער אפילו מוז האָבען זיין פּובליקום. „נ. פּ.“ — אויך!

און אויף זיין אייגען פּובליקום געשטיצט, וועט דער שרייבער בלייבען מענש!

ער דאַרף אפילו נישט זיין פון קריסטאַל, עס זאָל איהם די געוואָרפענע בלאָטע אפילו פּייכט נישט מאַכען... גענוג, ער וועט האָבען א מענשליך פּנים, — מיט איין וואָרט: א פּנים! וועל׳ן וועניגסטענס זיינע מענשען וויסען, אז אויפ׳ן פּנים וואַקסט קיין בלאָטע נישט, אז דאָס איז דורכגעפאָהרען א גביר פון דער „געלע פּרעסע“ און האָט עס מיט בלאָטע באַשפּריצט! און דער עולם זיי־נער וועט לויפען, דער — מיט וואַסער, יענער — מיט א האַנטוך — און שטיל, גאָר אָהן פּראָטעסטען...

דאַכט זיך, אַזוי איינפאַך!

און דאַך ווילט איהר געלע און גרינע מתים זעהען ? פאַרמאַכט די לאַדען בייטאָג, לעשט אויס ליכט און לאָמפּען ביינאַכט, און שלאָגט מיט א ריטעל אין א טעלער מאַגנעזיע ! — אָדער, וואָס אין וואַרשוי איז לייכטער צו באַקומען — רופט צוזאַמען עטליכע ליטעראַטען און לייענט זיי פאָר א שטיקעל „געלע פּרעסע" — — צי האָבען מיר קיין פּובליקום, צי קיין מענשליך פּנים נישט ?

צווייטע אפטיילונג

מיכל גאָרדאָן.

אינ׳ם „הויז־פריינד“ 1888 האָט אונזער מיטרעדאַקטאָר פאָל־גענדעס איבער מיכל גאָרדאָן געשריבען:

„נאָך איידער די וועלט האָט גאָלדפאַדען׳ס ליעדער געקענט, זענען שוין באַקאַנט און מיט ליעבע אָנגענומען געוואָרען די ליעדער פון אונזער עלטסטען פאָלקס־דיכטער ה׳ מיכל גאָרדאָן. און ווער געדענקט זיי נישט עד היום, כאָטש זיי לעבען שוין פיערציג יאָהר! ווער קען נישט דעם „איד אין גלות“, ווער האָט עס נישט געזונגען, על כל פנים נישט געהערט זינגען!“

דער ה׳ דינעזאָן האָט באַזוכט דעם געלעהרטען פרעדיגער, דעם בארימטען אברהם גייגער, וועלכער האָט איהם געפרעגט איבער דעם גענאַנטען געדיכט. ה׳ דינעזאָן האָט עס איהם פאָרגעזונגען און אויפגעשריבען. הער גייגער איז אנטציקט געוואָרען איבער דער סטראָפע:

„זיי זאָגען, זיי ווילען איהם לעשען דאָס פייער וכו׳“

„דיזע סטראָפע,—האָט זיך אָנגערופען גייגער,—דאַרף יעדער איד אין זינען האָבען בשעת ער זאָגט שמע ישראל.“ גייגער אלס דייטש און רעפאָרמאַטאָר איז קיין גוטער פריינד (באַמערקט ה׳ דינעזאָן דאָרט) דעם זשאַרגאָן נישט געוועזען, נאָר „דער איד אין גלות“ מאַכט אויך שונאים פאַר גוטע פריינד.

מיכל גאָרדאָן איז וועניג באַקאַנט געוועזען אין דער ליטעראַטור, וויל אונזערע העברעאישע, פוילישע און רוסישע שריפטשטעלער מאַכען שטענדיג א שוויינ איבער טון און ווירקען פון זשאַרגאָן, פאַר דאָס אָבער האָט יעדעס אידישע האַרץ, נישט וויסענדיג זיין נאָמען, זיינע ליעדער געקענט!

מיכל גארדאנ׳ס ליעדער זענען די ערשטע וועקער צו בילדונג גענוועזען. זיין אידעע איז אמבעסטען אויסגעדריקט אינ׳ם ליעד:

„שטעה אויף מיין פאלק, גענוג דיר צו שלאפען,
שטעה אויף און מאך שוין דיינע אויגען אפען,
וואס איז אויף דיר אליין אזוי א גרויס פלאג,
וואס דו אליין שלאפסט ביז האלבען טאג... וכו׳״

וועלכעס מען האט דערנאכדעם איבערגעניצעוועט און אויף פארשידענע אופנים פארדארבען.

וואס האט מיכל גארדאן, ז״ל, געוואלט מיט זיינע ליעדער?

ער איז געוועזען אן אמת׳ער איד, ער באזינגט גאנץ היים און אנטציקט זיך מיט׳ן אידישען הערואיזם, וואס טראגט זיין הייליגע תורה איבער ימים, ארויס פון שרפות:

„נישט דא א שטיקעל ערד מיט מענשען באזעצט,
וואס איז נישט געוועזען מיט מיין בלוט באנעצט,
וואס איטליכער בוים, וואס איטליכער שטיין
האט דארט נישט געהערט מיין ביטער געוויין.
— — — — — — — — — — — — — —
„מען האט מיך געטראטען, געבויגען, געבראכען,
געהאנגען, געטרענקט, געווארגען, געשטאכען,
מען האט מיך פיעל מאל אויפ׳ן ראד געצויגען,
מיין ווייב און מיין קינד פאר מיר אין די אויגען...

באוויינט ער די אידישע צרות, דאך!
דאך האלט ער זיך זיינס:

דורך וואסער און פייער געה איך מיר איבער,
דורך טויזענטער שפיזען, גרויס ווי א גבור,
איך טראג מיר מיין פאהן אהן פחד, אהן מורא,
אין הארץ מיין אמונה, אויפ׳ן פלייצע—מיין תורה!״

און דאך, פארשטעהט ה׳ מיכל גארדאן, איז פון דאנען נישט געדרונגען, אז אידען דארפען זיין אומגעבילדעט, אומריין און אבערגלויביש.

דער אבערגלויבען איז דער ציל פון זיינע וויצען, און די וויצען זענען ניינציג פראצענט פון זיינע ליעדער.

אינ'ם ליעד „די בארד" וויינט א אידיש פרום ווייבעל נאך דעם מאנס בארד, עליה השלום! עס דאכט זיך איהר, אז נאך אזא חטא דארף די וועלט אונטערגעהן, זי וויל נישט א מאן אהן א בארד, זי וויל זי צוריק, זי טופעט מיט'ן פוס: די בארד זאל ווערען צוריק!

> די בארד זאל מיר ווערען, ס'געהט אונטער די וועלט,
> די בארד זאל מיר ווערען, א האר נישט געפעהלט,
> די בארד זאל מיר ווערען, ווי געוועזען גרוים!
> די בארד זאל מיר ווערען, איך האלט עס נישט אוים!

זי האט געהאט א פארגעפיהל, אז עס וועט זי אן אומגליק טרעפען: זי האט שוין לאנג א חשד אויפ'ן מאן, אז ער איז פון „יענע לייט", און עס האט זיך איהר פריהער גע'חלומ'ט זיין בארד און לעבען איהר דער שטן המשחית — א שער!

ווי לאנג זענען דען די צייטען, אז אלע האבען געמיינט, אז דער איד שטעקט נאר אין דער בארד! די בארד איז היילינ! נעגעל באהאלט מען, אדער מען פארברענט, א האר פון א אידישער בארד, געהט העבער, זי לעגט מען אריין אין א היילינען ספר אריין!

אונזער פרומע אידענע וויל זיך מיט דער בארד באגעהן אזוי, ווי מיט היילינע שמות, אזוי ווי מיט א צאפ — א בכור — א נפטר! זי וויל געהן אויפ'ן היילינען ארט, אויסגראבען א גריבעל און באהאלטען די בארד!

„געוואלד, — בערדעלע", בעט זי זיך גאנץ ערנסט, „האב נישט פאראיבעל!"

ווי טראגיש-קאמיש איז דער אידישער פעטישיזם!

אינ'ם ליעד „דער גט" טרעט די אומגליקליכע פרוי נאך מעהר בולט ארויס. איהר מאן מוז אוועק קיין פאלטאווע, נישט חלילה זי אן עגונה צו לאזען, נאר פארקערט, עס זעהט אויס, ער איז געפאהרען פרנסה זוכען, ער פארגעסט נישט זיין ווייב; וואס קומט אבער ארויס, אז זי, זי איז דערפון נישט צופרידען! מעשים רעים טוט ער דארט, דער מאן, אז די בארד געשווירען, פארשטעהט איהר

אליין, נאר ליידער נאך עפּעס, ער געהט אפילו אמאל אהן א היטעל.
ער פאַרגעסט אַז לאנג „והוא רחום“, קורץ און גוט —

— — — א חרפה אין א זייט,
מען זאגט, אז ער איז — געוואָרען פארשייט!

דאָס גאנצע אומגליק איז נאָך דאָס, וואָס ער קאַן לערנען. וואָלט ער א גראָבער יונג געוועזען, וואָלט ער גלאַט געזינדיגט, וואָלט ער נאָך א תקוה, א תקומה געהאט, מאָלע א מענש זינדיגט, מען טוט אַן עבירה, נאָר מען טוט אויך תשובה; ער קאַן אבער לערנען.

ער זאָגט: מע מעג, אַט־דאָס איז די צרה —
וואָס ער האָט געלערענט א שטיקעל גמרא,
אַלץ, וואָס ער טוט, זאָגט ער, מע מעג,
אזוי געהט ער אראָפּ פון אידישען וועג.

און ווי געטריי א אידיש ווייב איז, ווי ווייט זי גלויבט אין זווג, כאָטש פערזענליך האָט זי צו איהר מאַן גאָר און גאָרנישט— בעט זי א גט.

זאָגט דאָרטען מיין מאַן, אז איך, זיין ווייב, בעט
ער זאָל מיר דורך אייך באַלד שיקען א גט!

חסידים און חסידות און גוטע אידען לאָזט ער פון מויל נישט ארויס, ער קאַן זיי נישט מוחל זיין זייער עזות, זייער אומרייינקייט, זייערע מדות רעות, זייערע פאלשע מופתים, נאַרישע מנהגים.

ער וויל בילדונג!

די זון איז שוין לאנג אַרויס אויף דער וועלט,
זי האָט אַלע מענשען אויף די פיס געשטעלט,
נאָר דו אליין ליגסט געקאָרטשעט, געבויגען,
און האַלטסט נאָך פעסט פארמאַכט דיינע אויגען.

איהר מעגט האָבען א טענה, אז די זון שטעלט נישט אויף די פיס, אז אויב זי איז אמאל אויפגעגאנגען, איז זי שוין איצטער ווייטער פאַרדעקט מיט שווערע פינסטערע וואָלקען—נאָר צי שיינט די זון דער מענשהייט, צי ניין, צי געהט אייראָפּא צוריק, צי פאָר־ווערטס... מיר, מיר דאַרפען בילדונג! מיר, וואָס ליידען שוין טויזענטער יאָרען דורך דער וועלטס דומהייט, מיר, וואָס פּראָטעס־

טירען קענען נישט־דולדען, קעגען פאנאטיזם, מיר טארען נישט אליין בלייבען אומדולדזאם און פאנאטיש, א נישט, וואס פאר א ווערט האט אונזער פראטעסט? מיר שרייען אויף געצענדינער, מיר ליידען פאר דער איינהייט גאטעס, מיר לאזען זיך ברענגען און בראטען, און קוועטשען דריי טויזענט יאהר דעם אחד, און —

ווי קומט צו דיר, איד, א געדאנק א וויסטער,
אז גאט דאר׳ף האבען צו זיך א מיניסטער?
פון וואנען נעמסט דו מלאכים? —
זיי זענען אפגעטער,
דאס האסט דו גענאשט פון עשו, דיין פעטער!

אונטער׳ן ווארט בילדונג פארשטעהט ער נישט די פארם, נישט דעם „איבערמאנטעל“, ער מיינט אמת׳ע מענשען־בילדונג, וועלכע:

...רייניגט דאס הארץ גאנץ גוט
פון שלעכטע מדות, פון אומריינעם בלוט,
עס מאכט א גוט קינד צו פאטער און מוטער,
עס מאכט צו מענשען א מענש א גוטער!

אויך ענדערט זי דעם פארקער מיט גאט:

צי ביסט דו משוגע, וואס ליגט איז דיין מוח?
וואס שרייסט דו צו גאט, וואס רייסט דו מיט כח?
דער גאט דער גרויסער ער איז דאך נישט טויב,
פון דעם קלענסטען ווערעמעל הערט ער זיין לויב...

עהרליך און פיין און געבילדעט איז מיכל גארדאנ׳ס מוזע. זי איז נישט פארקאסעט, נישט פארפעפערט, האט נישט קיין „פאר־סאליעטען פערעדניק“...

איהם געראט נישט אפילו קיין ראמאנטיש ליעד (די שטיף־מוטער), זי איז די עכט אידישע מוזע...

מיכל גארדאן איז געשטארבען!

.1890

מענדעלע.

די צייטען פון „איינציגען אין ווערקשטעל“ זענען פארביי. די ליטעראטור האט זיך דיפערענצירט. ארטיקלען, קריטיקען, ערינערונגען א. ד. ג. וועלען שרייבען אנדערע; איך וויל מענדעלע'ן עהרען. און דאס טוען אלע, דאס האט שוין דאס פאלק אין דער גרויסער מאסע לאנג געטאן. דאס פאלק האט אנערקענט זיין ארבייט, און רופט איהם אויף זיין ארבייט. נישט שלום יעקב אבראמאוויטש, דאס איז א פריוואט־נאמען, א נאמען פאר א ווייב און קינד און פאר'ן מעטריקול־שרייבער און פאספארטען־געבער; דאס פאלק רופט איהם „מענדעלע מוכר ספרים“, מאהבת הקצור — „מענדעלע“. אויפ'ן נאמען פון זיין בעסטער קרעאציע.

און מענדעלע איז ווערט דעם כבוד.

ער איז נישט נאר דער עלטסטער צווישען די לעבעדיגע שרייבער, ער איז אויך, און דער עיקר — דער ערשטער. בויט זיך א ליטעראטור, האט ער עס דעם עקשטיין געלעגט: ער איז דער ערשטער, וואס האט, נאך א קורצער צייט פון זייטיגע פראבען, אנגעהויבען שרייבען לשמה, ריינע קולטור־ווערטען צו באשאפען...

און ער איז דער ערשטער, וואס האט נישט באטראכט זיין ארביים אלס א בריק (אום מעגליכסט מיט זיין לשון צו רעדען) „אריבערצופיהרען די קליאטשע, זי זאל זיך פאשען אין אן אנדער פעלד.“

ער איז דער ערשטער, וואס האט געהאט ליעבע און אכטונג צו זיין קינסטלערישען אינסטרומענט — צום אידישען ווארט, און האט עס געהאלטען און דערצויגען ריין; נישט גערמאניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אפילו אייראפעאיזירט. און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואס האט א אידישען סטיל באשאפען, זיין אינדי־

ווידועל־אידישען סטיל. אזוי רעדט מענדעלע אויפ'ן לשון פון זיין פאלק... און רעדט ער העברעאיש, ווי ער מיינט — צוליעב דער אייביגקייט, אז וועלכער ער וויל און האט דאס רעכט צו קלא־מערען, שרייבט ער אידיש־העברעאיש. אזוי וואלט דאס פאלק גע־רעדט, ווען עס וואלט גערעדט העברעאיש...

און ער איז דער ערשטער, וואס האט מיט אפענע, אידישע און מיט פרעמדע ברילען נישט פארשטעלטע אויגען אויפ'ן אידי־שען לעבען געקוקט; אידיש־אייגענארטיג עס געצייכענט, די פאר־ביגע שטעלען געמאלט, אהן פרינציפען־ און וואלקען־ און נעבעל־רייטעריי, דאס ארעמע אידישע לעבען — די ווירקליכקייט...

און ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט דערזעהן, און צו זיין דור משכילים און קולטור־טרעגער געזאגט: „פון רעפארמען רעדט איהר, פון השכלה, — דאס פאלק דארף ברויט", און דער ערשטער, וואס האט דערזעהן דעם קהל'שען בעל־טובה אין זיין ווירקליכער געשטאלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דור, בשעת ער כאפט זיך ארויף רייטען אויף דער קליאטשע...

און נאך אין פיעל, פיעל זאכען איז מענדעלע נישט נאר דער עלטסטער צווישען די לעבעדיגע, נאר אויך, און דער עיקר — דער ערשטער, דער ערפינדער, דער באשאפער.

— זאל ער עס אונז נאך בלייבען אויף לאנגע, לאנגע יאהרען!

.1910

שלום עליכם.*)

שלום עליכם איז דער פּאָפּולערסטער פון אלע אונזערע שריי־בער און דיכטער; ער איז דער מייסטער פון לאַכען, און די גרויסע מעהרהייט — זיינע אַנהענגער; ווער עס קען לעזען, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען — זיין לעזער, און ווער אויערען האַט, אז ער אַליין לעזט — זיין צוהערער, פולע הייזער: באַלד דעם ערשטען טאָג, נאָכ'ן ערשטען אָנאָנס — אויספאַרקויפטע בילעטען.

ווער איז פון שלום עליכם'ן נישט צופרידען?

דער אסימילירטער איד, וואס לעכצט נאָך א אידיש ווערטעל, נאָך א פיין־געשפּיצטען אידישען וויץ, נאָך א אידישען ביטול־ווארט — געפינט עס ביי שלום עליכם'ן.

דער בעל־הבית שמעלצט זיך אין שלום עליכם'ס ווערק, ווי א קניידעל אין פּוטער. אן ענטוזיאסטישע אויפנאַמע האָט נאָך פריהער שלום עליכם געהאַט אין בעל־הבת'ישען „חובבי שפת עבר." ביים לאַכען פאַרדייהט זיך דאָס עסען זעהר גוט, דער מאַגען אר־בייט פיין.

און נידעריגער גענומען, ווער נאָר ברויט האָט, א טרוקען עסען, אהן פּאר.־ביי־ און נאָך־געשמאַק, און — אַזא לעבען, באַקומט ביי שלום עליכם'ן דאָס, וואָס איהם פעהלט, דעם צושמאַק, און ער שמייכעלט ליעבליך איבער זיין ווערק און איז איהם דאַנק־באַר.

נאָך נידעריגער — דאָס פאַרטרויערטע, פאַרשאָטענע באַ־דערפטיגע שטיק לעבען, אהן א שטראַל פון פרייד, אהן דער האָפנונג פרייער אַמאָל צו אָטעמען, א העכערען, גליקליכערען לאַד צו טון,

---

*) א רעדע געהאַלטען דעם ערשטען טאָג פסח, 1913.

מיט אויגען — פֿאַרביגערע שטראַלען איינצוזאַפּען, מיט די אויערען — קלינגענדיגערע טענער צו פֿאַרנעמען, מענשען אַפּהענדיגע, פֿאַר־וואַרפֿענע — געפֿינען זייער טרייסט אין אַוועק מאַכען דאָס לעבען מיט דער האַנט אינ׳ם ביטול... אינ׳ם ביטערליכען אויסלאַכען — דאָס איז דאָך ערשט רעכט שלום עליכם! ער שטעלט דאָך אַלץ אויפ׳ן קאָפּ, יעדע האָר פֿון וואָנס לאַכט, יעדע באַוועגונג, וואָס ער מאָלט אַזוי נאַריש־לעבערליך.

נישט צופֿרידען מיט שלום עליכם׳ן קאָנען נאָר זיין די ראַדי־קאַלע כלל־טוער... און דוקא די נישט זעהר קלוגע, די גאַנץ קורץ־זיכטיגע...

— אַז אַפּלאַכער! — זאָגען זיי אויף שלום עליכם, — וואָס גיט ער? — פֿרעגען זיי — צו וואָס רופֿט ער?

דאָס זענען די, וואָס מיינען, אַז זיי טוען און אַז זייער טון, ווי יעדעס מענשליך טון, איז אַ גאַנץ אַפּגעשלאָסענע אַרבייט. דאָס לעבען איז אַ שטיק ליים, זיי — די טעפּער, און כחומר ביד היוצר, ווילט איהר — סקולפּטאָרען, מאַכען אַ קונסטווערק...

שלום עליכם טוט נישט, רופֿט נישט צו טון, ער לאַכט... און זיי, זיי האָבען נישט קיין צייט צו לאַכען — אייביג פֿאַרנומענע הענט; יעדע סעקונדע האָט איהר אַרבייט!

דער עטוואָס ווייטזיכטיגערער סאָציאַלער מענש וועט עס נישט זאָגען, ער ווייס „לא עליך המלאכה לגמור"; נישט איין מענש און נישט אפֿילו איין געשלעכט הויבט אָן און ענדיגט אָן אַרבייט, נישט ער איז מחויב, נישט ער קאָן עס טון.

אין אַלט־פּויערישען הויז פֿלעגט געטאָן ווערען אַלץ, אָנגעהויבען און אַלץ פֿאַרפֿערטיגט. דער פּויער האָט געאַקערט, געבראָניעט, געזייהט, געשניטען, אַראָפּגענומען פֿון פֿעלד, דורכגעאַרבייט מיט׳ן צעפּ, געמאָלען צווישען שטיינער, געבאַקען און אויך געגעסען... די פּויערטע האָט פֿלאַקס פֿאַרזייהט, פֿלאַקס געשניטען, אין וואַסער געווייקט, אויסגעקלאַפּט, פֿעדים געצויגען, אויף העמדער און לייל־כער און קליידער־שטאָף געוועבט און אויפֿגענעהט, און דאָס הויז האָט די אויסאַרבייטונג געטראָגען. און דער, וואָס האָט דעם בוים אין וואַלד אויסגעהאַקט, האָט איהם אַפּגעשיילט, צוזעגט, צושני־טען, אַ הויז געבויט און אַליין אין הויז געוואוינט. וואַקסט די קולטור, שטייגט די אַרבייט, שטייגט זי איבער די פּאָר הענט פֿון

איין מענש, און די עטליכע פּאָר הענט פון איין הויז, און אויך דעם ווייטן און פאַרשטאַנד פון איין קאָפּ און פון עטליכע קעפּ. ווערט איין זאַך אויף טויזענטער פּאָר הענט צוטיילט, אויף הונדערטער פּלעצער געאַרבייט, ווערט זי איבער הענט און פּלעצער צו־שפּרייט.

די סאָציאַלע אַרבייט ווערט נאָך פאַרטיילט צווישן צייטן, דורות — געשלעכטער גאַנצע זענען איהרע אַרבייטער.

די קולטור — אַן אַלטע געביידע, האַלט שטענדיג אין איבער־געבויט ווערען... קראַצט איינער, און אַפּט אַ געשלעכט, דעם שי־מעל פון מויערען און ווענט, באַזייטיגט איינער דאָס פוילע, דאָס קראַנקע. אַ צווייטער — גאַנץ אָפּט אַ דור — קנעט ליים, נאָך איהם אַ צווייט געשלעכט ברענט ציגעל... קומען נאָך צייטען, ווען עס ווערט געבויט.

דער אַפּלאַכער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָליע — ער איז דער שימעל אַפּקראַצער. נאָכ'ן אָפּגעקראַצטען שימעל זעהט זיך ערשט דאָס פוילע, דאָס קראַנקע אַרוים — וועלען זיך שוין באַוויי־זען הענט צו באַזייטיגען, און דערנאָך הענט צו פאַרבויען.

אַז אַפּלאַכער איז שלום עליכם.

לאַכט ער אויס דאָס גוטע? דאָס געזונטע? דאָס שטאַרקע אין אונז און ביי אונז?

ער לאַכט אויס די לופט־שלינגענדע נע־ונד'ניקעס אין תהו ובהו.

זיי ווערען דורך איהם אַנטפּלעקט, אַנטפּלעקטע מוזען זיי געהן... אַוועקגעהן...

קענט איהר שאַך־שפּיל? קענט איהר די פיגורען אויפ'ן שאַך־ברעט? זיי שטעהען, זיי געהען, (נאַטירליך, פון שפּילער געפיהרט). זיי פאַלען אַמאָל אָבער אויך, פון שפּילער־האַנט, פון שפּילער־טיש. פאַרקייקלען זיך ערגעץ, און געה זוך זיי.

זענען פאַראַן הוילע פיגורען מיט אַ בלייערל, אַ געוויכט אינע־ווייניג, זיי שטעהען שלעכט, וואַקלען זיך אין גאַנג, קאָנען אָבער קיינמאָל נישט פאַלען, אַוועקקייקלען זיך און ערגעץ ליגען בלייבען; קאָנען קיינמאָל צו זייער רוה נישט קומען... דאָס בלייערל שטעלט זיי אויף. שטעהען זיי, געהען זיי וואַקלענדיג, פאַלען און שפּרינגען אויף און וואַקלען זיך ווייטער...

דאס זענען די מנחם־מענדעלס, שלום עליכם'ס פיגורען, מיט וועלכע ער שפּילט, און איהר — לאכט, און מיר — לאכען...

איז דאך צווישען הוילע שאך־פיגורען מיט בלייערלעך אין שלום עליכם'ס מנחם־מענדעל אן אונטערשיד פאראן. די שאך־פיגורען, הילצערנע פיגורען, זענען נאר קאמיש; די לעבעדיגע מנחם־מענדעלס, דערהויפּט — א טביה דער מילכיגער — זענען לעכערליך, אבער דערצו טראגיש.

זאל זיין טראגי־קאמיש.

זיי לעבען דאך, זיי ליידען.

לאכט איהר דעריבער ביי שלום עליכם'ס ווערק, און, אפשר פון אייך אליין אומבאמערקט, פארדרעהט זיך אייך א טרער אין אויג, א שטילע טרער.

תפוצות ישראל לאכט; זאמעלט דאס געלעכטער, וועט איהר האבען קאסקאדען־געלעכטער.

זאמעלט די שטיל־פארדרעהטע טרערען, וועט איהר האבען א קרישטאלענעם טרערען־טייך...

פארטייטשט איך גוט שלום עליכם'ן?

אז זיינע ווערק — בין איך זיכער; וואס איהם אליין אנבא־לאנגט — נישט שטענדיג וויים דער ארבייטער פון טייל, דעם פּלאן פון גאנצען...

איך וואלט געקאנט מיין אויסטייטש באגרינדען, איז אבער ווייניג, וואס שלום עליכם האט צו אונז געקאנט קומען נאך זעקס יאהר קראנקהייט — מיר ווילען, אז ער זאל אונז לאנג, לאנג גע־זונט זיין, לאנג לעבען און אונזער שימעל קראצען... דערצו איז די לופט אין אונזערע הייזער, אויף אונזערע פארזאמלונגען נישט גינס־טיג... האב איך א געדאנק געווארפען, און איהר, אויב איהר ווילט, אנטוויקעלט איהם אייך, לעזט נאכאמאל שלום עליכם'ן, קאנטרא־לירט מיין געדאנק און פּרואווט אוים מיין גערעכטיגקייט... איך האק אפּ און רוף, און בעט אייך מיטרופען:

געזונט זאל זיין שלום עליכם!

יעקב דינעזאָן.

יעקב דינעזאָן איז מעהר מאָראַליסט — זיטען־לעהרער, אלס קינסטלער. ווענינגסטענס האָט זיך דער קינסטלער אין איהם אונ־טערגעלאָזט אויף די קני פאַר׳ן ליבעראַלען זיטען־לעהרער, און האָט זיך איהם אונטערגעוואָרפען, אונטערגעגעבען, דאַכט זיך — אויף לעבענס לאַנג!

פריהער — הייסט עס — זיי ליבעראַל, גוט און עהרליך. דערנאָך ערשט — שעהן!

דאַס בילד, די סצענע, דאָס שטיק אָפּגעמאָלט לעבען איז נישט קיין צוועק פאַר זיך אליין. — דאָס לעבען האָט אפשר פאַר זיך אליין קיין תכלית נישט! — דער קינסטלער מוז דעריבער לכל הפחות באווייזען — אז איין מענש דעם צווייטען דאַרף ליעב האָבען; אז איין געשלעכט דאַרף דאָס צווייטע נישט אונטער־דריקען; אז פאַלשקייט, אינטריגען, פאַנאַטיזם א. ד. ג. שלעכטע מדות פיהרען נישט צו קיין גוטס; אז „אידישקייט" איז נישט דער אָבערגלויבען אין צדיקים און זייערע נסים... וכדומה.

צי פאַרקלענערט דאָס דינעזאָן׳ס ווערט?

געוויס נישט. מען דאַרף נאָר קענען וואַרפען א ריק־בליק אויפ׳ן אידישען לעבען פון פאַר גאָר דער לעצטער צייט... מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען און זיך גוט פאָרשטעלען: דלפנ׳קע, קבצנ׳סק, זיבען־בלאָטיווקע, ציאַבנאָוווקע, און דעם גאַנצען תהו ובהו פון אַלטע אידישע „שטעדט און שטעדטלעך."

איידער עס האָט פון דעם „תהו ובהו" זיך געקענט ארויס־אַרבייטען א וועלט, א מעהר אָדער ווענינער אָרגאַניזירטע, נאָר מיט אַלערליי פאַרשידענע נאַציאָנאַלע, קלאַסען־און מענשליכע אינטערעסען, אָדער פאַרשטעלונגען פון אזעלכע; איידער עס האָ־

בען זיך געקאנט אפטיילען די וואסערען אויף אויבען און אונטען; ווי עס איז — אויסגעשטערענט ווערען א הימעל אין דער הויך, און פרוכטבאר ווערען א ערד אין דער נידער... ווייל דאס „יונגווארג“ — דער נאמען פון דער ניי־אויפשטעהענדיגער וועלט — האט נאך אפהענדיג און פארמאטערט געפיילט און איז איינ־פאך פארגאנגען אין פאנאטיש־אונטערדריקענדער פינסטערניש, — האט געמוזט פריהער עמיץ קומען און זאגען: „יהי אור“! — ווארפען א ליכטיג־ווארעמען שטראל איבער'ן „חושך על פני תהום“. פריהער — ליכט, דערנאך ערשט וועט מען זעהן, וואס צו טון...

און אפשר שטעקט דער פעהלער נאך איז דער שפראך. אויב די שפראך — און אין דעם האט איין אנהויב פון דינעזאן'ס ארויסטרעטען קיינער נישט געצווייפעלט, — אויב די שפראך איז פאר זיך אליין קיין צוועק נישט, ווייל זי האט קיין צוקונפט נישט — מוז אויך איהר ליטעראטור עקזיסטירען נישט פאר זיך אליין, נאר עמיצען אדער עפעס צו דינען... עמיצען אדער עפעס צוליעב.

ווי עס איז, דעם „יהי אור“ האט דינעזאן געזאגט.

אויב איהר ווילט, איז דינעזאן קיין זון נישט, קיין לבנה און קיין שטערן נישט. די דאזיגע פיללייכט ערשט קומען. ער איז אבער אויך נישט קיין פאלש פלעמעל, וואס הויבט זיך און ציטערט איבער דער בלאטע, אראפצופיהרען דעם וואנדערער פון וועג... אויך נישט קיין נידריג־פליהענדער גליה־ווארעם! ווי אויך קיין פונק, צווישען די לויזע פונקען, וואס הויבען זיך, און פליהען מכלומר'שט, איבער א שמידעריי, און גיבען אמאל א ליעבע סעקונדע דעם אויג, אבער קיין מאל גאר נישט דעם הארץ. און אויך נישט איינער פון די פונקען, וואס די ווייטער־לויפענדיגע לעבענסלאקאמאטיוו ווארפט הינטער זיך... און קימערט זיך נישט, נישט אום זיי, נישט אום זייער באגעגעניש...

אויב איהר ווילט, איז דינעזאן קיין אדלער נישט. ער פליהט נישט אזוי הויך, ער האט נישט אזוינע שטארקע פליגעל און אויך קיין שארף אדלער־אויג, ארומצונעמען ווייטערע האריזאנטען... ער איז אבער אויך קיין נאכט־פויגעל נישט, וואס אנטלויפט פאר'ן

ערשטען שטראַל פון טאָג, און אויך נישט קיין פּאַפּוגאַי פון פרעמ־דע, נישט איבער־געלעבטע ווערטער...

אַז עהרליכע, געטרייע שוואַלב איז ער. אַז עהרליך־געטרייע שוואַלב, וואָס איז גרייט יעדע סעקונדע זיך אויסצוריי־סען ביז דער לעצטער פעדער אויף דער ברוסט, אונטערצובעטען דעם יונגען געשלעכט, עס זאָל איהם וואַרעם זיין אין נעסט... וואָס איז געפּאַסט יעדע רגע, אויפצורייסען זיך די ברוסט, און אַנקאַר־מענען דאָס יונגוואַרג מיט׳ן אייגענעם וואַרעמען בלוט...

נישט קיין זון, נישט קיין לבנה, נישט קיין שטערן, נאָר אַז אמת־כשר נשמה־לעמפּעל, וואָס האָט זיך אריינגעשטעלט אין פאַרפינסטערטען ארון קודש, פון וועלכען מען האָט שוין די ספרים ארויסגענומען, און עס איז נישט מעהר געבליבען דערינען, ווי דאָס קדוש־ און הבדלה־פלעשעל... אַז אמת־כשר נשמה־ליכט, מיט וועל־כען ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין טיפסטען תהום אריין, וואו דער ז א מ ע ן פון נייעם לעבען האָט געפוילט. און האָט עס גע־וועקט צום אויפלעבען, צום בליהען און ארויסבליהען איבער׳ן תהו ובהו...

איבער דער צייט פון פינף־און־צוואַנציגיעהריגער ליטעראַרי־שער ארבייט, האָט דינעזאָן דעם אידישען לעזער נישט פיעל נעמען געגעבען: „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“, „א שטיין אויפ׳ן וועג“, „הערשעלע“ און „יוסעלע“ און א פּאָר קלייניגקייטען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געגעבען, האָט דאָס פאָלק גענומען און געלע־זען, און איבער און איבערגעלעזען. עס האָט געפיהלט, אַז דאָס איז זיין, „א פלייש פון זיין פלייש, א ביין פון זיינע ביינער.“ און עס איז אין פאָלק, ווי זאַלץ אין וואַסער, צוגאַנגען. עס איז אין זיין בלוט אריין. קרעפטיגערס וואָלט נאָך זיין מאָגען נישט פאַר־דייעט. גרעסערס — זיין מויל נישט פאַרנומען. און קיין טראַ־געדיע האָט נאָך אַזוי פיעל טרערען נישט אויסגעפּרעסט, אַזוי פיעל הערצער נישט צוריסען און פאַרציטערט געמאַכט, ווי דאָס אָרעמע, דערשלאָגענע „יוסעלע“, וואָס רופט זיך אַליין „גנב“; און עס האָט נאָך קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט אַזאַ גערעכטער האָס קעגען אַל־דאָס־בייז און שלעכטס, ווי קעגען „שוואַרצען יונגער־מאַנטשיק“, וואָס האָט מיט זיינע אינטריגען אומגעבראַכט א פאַ־מיליע פון אומשולדיגע נפשות. און ביז׳ן היינטיגען טאָג, קען זיך

דער „לעזער“ נישט באַרוהיגען, נישט וויסענדיג דעם אמת'ן סוף פון שעהן־זינגענדיגען, ליעבען און געטרייען „הערשעלע“, וואָס מען האָט נאָר מיט'ן עטאַפּ פון שטאָדט אַרויסגעפיהרט, און מען ווייסט נישט עד־היום: וואוהין, און — צי לעבט ער נאָך, און ווי אַזוי?

דינעזאָן איז אַ מאָראַליסט. ער וויל דעם לעזער גוט און עהרליך מאַכען. ריין־וואַשען זיין נשמה, קלוג און קלאָר מאַכען זיין קאָפּ. דער קינסטלער האָט זיך דעם זיטענלעהרער אונטער־געוואָרפען, און ער נויט זיינע העלדען, זיי זאָלען ערקלערען זייערע געליעבטע — כדי דער אידישער לעזער זאָל הערען — וואָס עכט־אידישקייט איז; וואָס גוט און פרום הייסט. און אויך: פון וואַנען עס פאַלט רעגען און שניי, וואָס וואָלקען זענען; פאַרוואָס איז טיילמאָל דער הימעל רויט... נאָר ער קומט נישט אויף כל־ישראל מיט דער בייטש, ווי דער אַלטער משכיל, און שווישטשעט איהם נישט איבער די פּלייצעס... ער איז קיין „בייזער מלמד“ נישט, און אויך קיין „אַלטער אפּקורס“ מיט'ן אויסגעלאָסענעם געלעכטער נישט! און אויך נישט קיין פּראָקוראָר, וואָס רעכענט אויס דעם באַקלאָגטען דעם „על־חטא“ מיט אַ שטאָלצען נצחון אָדער פאַר־ביטערטער ענג־הערציגקייט. ער רעדט ווי אַ ברודער צום ברודער, גאַנץ אָפט ווי אַ מוטער צום געליעבטען קינד — פון האַרץ צו האַרץ, מיט אַ ליעב־האַרציגער טרויער און טרויעריגער ליעב־האַרציגקייט... אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט רעדען צו די קראַנקע געטאָ־קינדער... דער קינסטלער אין איהם קניט פאַר'ן מאָראַ־ליסט, אונטערגעגעבען, אונטערגעוואָרפען. אָבער נישט געבונדען און ווי אַ קרבן אויף זיין מזבח פאַרברענט. ער לעבט און אָטעמט. מיר פיהלען זיין אָטעם, מיר הערען זיין פּולס איבעראַל... שוואַכער ביי די הויפּט־פּערזאָנען, ביי די העלדען, וואָס דער מאָראַליסט הייסט טון זיין ווילען און אַרומשוועבען אין דער לופט, אָהן פלייש און ביינער, און רעדען וועגען השכלה, חכמה, אידישקייט, יהדות און עהרליכקייט... פאַר דאָס אָבער שטאַרקער אין די נעבען־פּער־זאָנען, אין די ביי־מענשען, פון וועלכע דער מאָראַליסט לאָזט גאַנץ אָפט אַראָפּ זיין אויג, פאַרגעסט אָן זיי, און לאָזט זיי בליהען און וואַקסען ביז צום פיינסטען אַרטיזם. — זאָגאָר אין „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק“ טרעפט איהר די קהל'שע מומע, אַ קאַבאַליסט, שמעיה דעם בטלן, פּיסקאַלניק דעם מלמד... די אַלטע דינסט אין

„אבן נגף". סצענען פון חסידישען לעבען, בילדער פון בית־המדרש, דאָס פיהרען איבער'ן מארק א פארזינדיגט מיידעל, און דערגלייכען זאכען, וואָס רייסען זיך דינעזאָנען פון דער האַנט ארויס, און לעבען זייער באַזונדער, אייגענארטיג לעבען, דעם מאָראַליסט ווי להכעיס...

נאָך פינף און צוואַנציג יעהריגער ארבייט האָט דינעזאָן'ס נשמה א נייעם פריהלינג באַקומען. דער „פריינד" האָט זי נאָך אמאָל בליהען געמאַכט. א נייער ראָמאַן „אַלטערל", מאָסען בילדער און נאָוועלען, יום־טוב'דיגע דערצעהלונגען... איבערגעבען די־נעזאָנ'ס נייע, ווי זיינע אַלטע זאַכען, איז באַשיינפּערליך איבעריג: ער איז דער געלעזענסטער פון צווישען אַלע, דער באַקאַנטסטער צווישען אַלע. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען א אידישען לעזער, וואָס זאָל דינעזאָנ'ס זאַכען נישט קענען.

עס קאָן אונז מאַטערען אַן אַנדערע פראַגע:

זיינע לעצטע זאַכען שרייבט דינעזאָן היינט! היינט, ווען פון „תהו ובהו" איז שוין אַ אידישע וועלט אַרויס, ווען עס האָט אויפגעבליהט א נייע לעבען מיט נייע ברענענדיגע לעבענס־פראַגען.

צי איז דינעזאָן מיטגעגאַנגען?

ניין! ער האָט זיך נאָר טיפער אראָפּגעלאָזט... טיפער, פון וואַנען דער אַלטער „תהו ובהו" איז נאָך נישט פאַרשוואונדען געוואָרען; טיפער, צו די נידעריגסטע ספערען און שיכטען פון פאָלק, וואָס קאָנען אָהן איהם נישט באַפרייט, נישט אויסגעלייזט ווערען פון דער פויל־פייכטער פינסטערניש! און דאָרט אונטען זענען נאָך די מאַסען, דאָס רוב פון פאָלק... די טויזענטער, און צעהן טויזענטער נשמות, וואָס בעטען זיך תקון...

א גוטער איד האָט אמאָל דערצעהלט, ווי ער האָט געבלאָנדזשעט צווישען די הרי־חושך, וואו די מענשען האָבען אין דער אייביגער פינסטערניש כמעט די אויגען פאַרלוירען, ווייל מען האָט נישט מיט זיי וואָס צו טון געהאַט; ווייל מען האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי צו באַנוצען. און וואָס עס ברענגט קיין נוצען נישט, דאָס ווערט נישט געשפּייזט, דאָס פאַרגעהט מיט דער צייט... און דער עולם, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געקאָנט די אויגען באַנוצען, האָט געלעבט מיט די אויערען, ווי די האָזען; מיט'ן חוש־הריח, ווי די הינט, און האָט געקלעטערט אין דער פינסטער פון איין לעבענס־

צווייג צו דעם צווייטען, ווי א פויל־טיר. און אז עמיצער האט דערצעהלט, אז ער האט פון עלטער־עלטער זיידען, פון דער צייט פאר'ן גלות, צו די הרי־חושך א קבלה, א מסורה וועגען ליכטיגע טעג, אדער א חלום וועגען ליכטיגען גן עדן, האט מען געלאכט. אדער געזאגט : עס האט אמאל געמוזט זיין אזא קרענק, אזא אונטערגאנג, אזא שגעון אפשר ! און די יחידי סגולה, וואס האבען נאך געהאט א זכר פון אלטע גוטע צייטען, זענען פארשוויגען גע־ווארען, און זייער גלויבען אין ליכט, און אין חלומות פון ליכטיגען גן־עדן, נאך טיפער אין די הערצער באהאלטען. און אז ער, דער גוטער איד, האט אהין פארבלאנדזשעט, האט ער די יחידי סגולה אויפגעזוכט, צוזאמענגערופען, און געזאגט : „קומט, וועלען מיר זיך צוזאמען ארויסארבייטען פון דער פינסטערניש, און געהען צום ליכטיגען טאג, צום ליכטיגען גן עדן.“ און מאנכע, וואס דער גלויבען האט אין זיי נאך פעסט געלעבט, האבען געפאלגט און מיט'ן רבי'ן געגאנגען, געגאנגען און געגאנגען. איבער טאל און איבער בערג, איבער וואלד און איבער פעלד. אהן ליכט, אהן א וועג, איבער שטיינער און איבער דערנער... און צווישען חיות רעות. —

און אויפ'ן וועג זענען מאנכע פון די עטליכע מנינים יחידי־סגולה אפגעפאלען, מיד און אפגעשוואכט, מיט געראניעטע פיס. האבען זיי זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד, און געזאגט : ווייטער געהען מיר נישט ! מיר וועלען נישט אויסהאלטען, דא וועלען מיר שטארבען, ווייל די גרענעץ פון מענשליכען לעבען איז נעהנ־טער פאר דער גרענעץ פון דער פינסטערניש ! אנדערע האבען גע־שאלטען פאר צארן, און פאר צארן אין ליכט פון גן־עדן געלייקענט. נאך אנדערע האבען זיך געבעטען : ווער וועט זיין אונזער ראש, וואס וועט אונז פיהרען צוריק ?...

און גאנץ ווייניגע זענען ווייטער געגאנגען ; קרעכצענדיג, פול מיט ספקות, פול טרויער... נאר איינער צווישען זיי, דער עלטסטער, האט איבער דער גאנצער צייט כמעט געהאלטען זיך ביים רבין'ס גארטעל, טריט ביי טריט נאכגעגאנגען, און האט קיין איינציגע סעקונדע נישט געצווייפעלט, קיין רגע אין כעס נישט ארייננעפאלען, איבער'ן גאנצען וועג קיין בייז ווארט נישט גערעדט.

מיט געראַניעטע פּיס איז ער געגאַנגען און אין דער פינסטער צום ווייטען ליכט געשמייכעלט...

אַבער שפּעטער, אַז דאָס ליכט האָט זיך באַוויזען...

אַז מען האָט פון ווייטען אַ זילבער־שוויריגען נעבעל דערזעהן; און אינמיטען דעם נעבעל — אַ גרויסע, העלע לויטערקייט; און אינמיטען דער לויטערקייט, — אַ שניי־ווייס געדעקטען טיש, מיט גאָלדענע שטולען אַרום טיש; מיט צדיקים, וואָס האָבען געשיינט ווי די זונען, אַרום טיש; מיט די קרוינען אויף די צדיקים'ס קעפּ...

דאַמאָלט האָבען די, וואָס האָבען פריהער געשאָלטען, גע־צווייפעלט, געוואַקעלט זיך, געוואָלט זיך אַראָפּלאָזען און שטאַר־בען אין דער פינסטער — אָנגעהויבען טאַנצען, זינגען, און מיט טאַנץ און געזאַנג לויפען צום ליכט, צו דער העלקייט, צום באַווי־זענעם גן עדן...

— געדאַרפט האָט מען — האָט דער גוטער איד געזיפצט — אָנהויבען פליהען. זיי האָבען אָבער קיין פליגעל נישט געהאַט, זע־נען זיי געלאָפען...

אַבער דער אַלטער, דער שטענדיג־צופרידענער, גלייכהאַרצי־גער; דער, וואָס האָט איבער דער גאַנצער צייט, אין דער פינסטער־ניש, צום ווייטען, געהאָפטען ליכט געשמייכעלט, — דער האָט פּלוצלונג אָפּגעלאָזט דעם רבין'ס גאַרטעל און האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעגט דער גוטער איד, — האָסט דאָך שוין דעם גן־עדן כּאַשיינפּערליך פאַר די אויגען?

— אמת, — האָט דער אַלטער געזאָגט — אָבער וואָס וועט זיין מיט יענע?

און ער האָט זיך איבערגעדרעהט און געוויזען צו די הרי־חושך... ער וויל אָהן זיי ווייטער נישט געהן, ער מוז צוריק, און זאָגען זיי, וואָס ער האָט געזעהען... זיי וועלען איהם גלויבען... מיט זיי צו־זאַמען וועט ער קומען!... ער וועט מיט'ן לעצטען קומען...

און ער איז צוריק געגאַנגען צו די הרי־חשך...

— און דער — האָט דער גוטער איד געזאָגט — איז גע־ווען, אויב נישט דער גרעסטער, על כל פּנים — דער בעסטער פון אַלע... יענע האָבען נאָר געקאָנט פערבלאָנדזשען...

.1903

דריטע אפטיילונג

1.

כאַסיע די יתומה.

אַ דראַמע אין פיער אַקטען פון יעקב גאָרדין.

דאַס הויז טראַכטענבערג אין א רוסישער מיטעל־שטאָדט איז א פרעהליך הויז. עס ווערט געשפּילט פּראַפעראַנץ, מאַנכמאַל, אז דאַס אידישקייט דערוועקט זיך — אקע, טאַטע־מאַמע הייסען נאָר „יואל“ און „פריידע“; די קינדער — „וואָלאַדימיר“ און „קאַראָלי־נע“. עס לוינט זיך מיט זיי צו באַקענען. אונזער ר׳ יואל איז א „קאַמערטשעסקי“ מענש—ער האָט געמאַכט א פאַרמעגען, פרעגט׳ן: ווי אַזוי? גיט דער טאַכטער צעהן טויזענט רובעל נדן, און איז „פּרעדסיעדאַטעל“ אין סוחר׳ישען קלוב. ער פיהרט אויך די תלמוד־תורה, און האָט באַקומען פאַר זיין ארבייט און עטליכע רובעל אויף בילדונג — א מעדאַל. מיט דער סטענגע פון מעדאל צושיידט ער זיך קיין רגע נישט — ער טראָגט זי שטענדיג אויפ׳ן האַלז.

און ר׳ יואל איז ווירקליך א „קאַמערטשעסקי“ מענש, אַ מענש מיט „קאַמערטשעסקע פּרינציפּען“ און דאָס באַטייט: וואָס עס נוצט איז גוט, צדקה קאָן אויך אמאָל נוצען, אויב מען באַקומט פאַר איהר א מעדאל. פּרינציפּיעל איז ער ליבעראַל. איבערהויפּט, וואָס אנבאַלאַנגט חבר׳קייט מיט דער דינסט, אויב זי איז נאָר נישט זעהר העסליך, און פון דעם קומט אַרויס א צווייטער פּרינ־ציפּ: מען דאַרף ה י י מ י ש ע אין שטוב נישט אריינלאָזען; פרעמדע איז לייכטער פּטור צו ווערען. אויך רייט ר׳ יואל ארום אויף „פּאַראַלעלען“ — זיין שטראָף פון גאָט. אמאָל פלעגט גאָט שטראָפען עם־הארצים מיט לשון־קודש ווערטער, היינט אין די קול־טורעלע צייטען, — מיט אויסלענדישע. און ר׳ יואל שיט מיט

„פאַראַלעלען", זעלטען וואו מען דאַרף, ניינציג פּראָצענט וואו מען דאַרף נ י ש ט. אַלס ליבעראַלער קאָמערטשעסקי מענש, דאַס דאַרף אליין לעבען, און לעבען מיט כבוד און מיט אָפענעם, און באַהאַלטענעם בעלי־הבת'ישען עולם־הזה — איז אונזער ר' יואל נישט קיין זעהר הייסער טאַטע, פאַר דאָס אבער א זעהר אויפמערקזאמער מאַן, און ביי וואָס עס מאַכט זיך פאַר א שטיקעל סקאַנדאַל אין שטוב און איבערהויפּט, ווען ער אליין איז שולדיג דערין, און פריידעל עפענט דאָס מויל און וויל זאָגען שטראָף־רייד, — ווערט ער זעהר וויך, זעהר געריהרט און בעט זי רחמים, זי זאָל זיך, חס ושלום, נישט נעמען צום האַרץ, דערמאָנט זי אָן די טראָפּען, וואָס זי דאַרף נעמען — —

וואָרים, „פריידע" איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, א שוואַך מענש, ווי עס פּאַסט פאַר אָן אויפגעקומענע גבירה; זי ליידט אויפ'ן האַרץ און טאָר זיך נישט דענערווירען, זיך קיין עגמת־נפש נישט צולאָזען. זי איז אויך אין דער מאָס קורצזיכטיג און לאָזט די פּענסנע פון האַנט נישט אַרויס. „פריידע" קוקט, אבי זיך דאָס האַרץ נישט צו ריהרען, אויפ'ן מאַנס און וולאַדימיר'ס חטאים דורך די פינגער, אבער א מויל אויף שרויפען האָט זי, מוסר זאָגען קאָן זי, און, אז עס קומט אוים, גיט זי זיך א שטעל און זאָגט, און זאָגט... און פאַר דעם גאַס־מוסר האָט טאַקע אונזער יואל שטאַרק מורא און דערמאָנט זי אָן איהר שוואַכקייט, אָן די טראָפּען, בשעת ווען „וולאַדימיר" פּראָטעסטירט געגנוג הויך. דער מאַמעס מוסר שטעהט איהם שוין אין האַלז. „נאָר נישט מוסר!" שרייט ער; ער פאַר'סמ'ט דאָס לעבען.

און וולאַדימיר וויל א ו ד א י לעבען, אויך א בעל־בת'ישער עם־האָרץ, נאָר א אינגערער, דאָס בלוט איז קאָכענדיגער, קאָנקורירט ער גליקליך מיט'ן פאָטער אין קיך און מיט'ן קינפּטיגען שוואָגער (א פּריסיאַזשנע פּאָוויערעני) אויף אַנדערע ווערטער. און אז עס פאַרפעהלט געלט, כאַפּט מען עפּעס פון שטוב... סחורה איז אויך די שוועסטער זיינע — א כלה־מיידעל, נאָר אַזוי געשווינד חתונה האָבען וועט זי נישט, דער חתן האָט נאָך קיין פּראַקסע נישט. מיט דער צייט ו ו ע ט ער באַקומען, מיט גאָט זיין הילף! און דאַמאָלט וועט זיין א לעבען, א פריי לעבען, א ווייבעל מעג אַליז, וואָרים קאַראָלינאַ ווייסט, ו ו י אַזוי צו לעבען, זי

ווייסט, אז א מאן איז א מאן, און אז מען דארף א געליעבטען. געפינט מען...

אבער אן „אנשטענדיג“ מיידעל איז זי, ווי עס פאסט פאר טראכטענבערג׳ס טאכטער. זי ארבייט אויך פאר בילדונג. לערענט די דינסטען לעזען, שרייבען און אפילו גראמאטיק מיט סינטאקסיס: ווי הייסט די זאך, וועגען וועלכער מען רעדט? און ווי הייסט דאס, וואס מען רעדט וועגען דער זאך? און דערווייל כאפט מען א שמועס וועגען גוטס און געשמאקס... וועגען וויזיטען פון די הויז־מעגער אין קיך, „געשעפטען“ אין גאס...

און אט אין אזא הויז אריין פאלט כאסיע די יתומה.

כאסיע איז דערצויגען געווארען אין א דארף ביי ארעמע טאטע־מאמע, נאר אין דארף, אויף דער שוים פון דער נאטור, פון וואלד און פעלד! כאסיע איז אן אפענע יונגע, הייסע, אימפולסיווע נאטור. זי מוז געהן צו דער מוהמען, ווייל די מוטער איז איהר געשטארבען און די שטיף־מאמע קנייפט און שלאגט. כאסיע פארדינט עס נישט, נאר אין שטוב איז א דלות, דער דלות מאכט ביטער, און אויף וועמען זאל מען אויסגיסען דאס הארץ, אז נישט אויף אן אייגען שטיף־קינד? און אז עס געהט איבער די מאס, נעמט דער פאטער און פיהרט זי אפ אין שטאדט אריין צו זיינע רייכע און אזוי נאהנטע קרובים, דארט וועט איהר גוט זיין...

ווי אזוי ווערט כאסיע אויפגענומען?

די טראכטענבערגס דארפען א דינסט. י ע נ ע האט מען געמוזט אפשאפען. מען האט איהר „פארשטופט דאס מויל“, דער סקאנדאל איז נישט ארויס אין גאס אריין, און אפגעשאפט — קאן כאסיע איהר שטעל פארטרעטען. דאס פארשטעהט „פריידע“ אויף ארט און שטעל. זי פארשטעהט אויך, אז כאסיע וועט זיין א ה י י מ י ש ע, נישט קיין דינסט, וועט מען איהר נישט דארפען צאהלען. פאר דאס וועט זי מון איהר מאכען א לייט, זי וועט זי אויסלערנען קאכען, וואשען, פרעסען. די טאכטער וועט זי לערנען שרייבען, לעזען און גראמאטיק, נישט צופרידען איז נאר יואל. ווי געזאגט, איז אונזער ר׳ יואל א קאמערטשעסקי מענש מיט פרינציפען, און ווייסט, אז א היימיש דינסט־מיידעל איז פאר איהם קיין גוטער „פאראלעל“ נישט; אזוינע ווערט מען, ביי א שלעכטען אויסגאנג, מיט עטליכע רובעל נישט פטור; אויב עס וועט זיך

מאַכען אַ סקאַנדאַל, וועט שוין קאָסטען און קאָסטען. עס וועט זיין, ווער עס זאָל זיך אַננעמען... אָפּטרעטען דעם ווייב מיט׳ן שוואַכען האַרץ איז אָבער אויך אַ פּרינציפּ, און — כאַסיע בלייבט...

כאַסיע בלייבט און אויסגעוויזען האָט זיך, אַז ר׳ יואל האָט רעכט געהאַט. נישט גוט מיט אַ היימישער. דאָס דאָרף־מיידעל איז געוואָרען אַ מאַגנעט פאַר איהם, פאַר וולאַדימיר׳ן, פאַר׳ן קינפּטי־גען איידעם — דעם פּריסיאַזשני פּאָווערעני. דאָס אַלץ אָבער וואָלט נאָך קיין גרויסע געפאַר נישט געווען. צו אַזוינע זאַכען איז מען אין הויז געוועהנט... מיר ווייסען שוין, אַז פריידע, אויב זי טרעפט איהר מאַן אין קיך, שטעלט זי זיך זאָגען מוסר; קוים אָבער דערמאָנט ער אַז איהר שוואַך האַרץ און די נויטיגע טראָפּען, באַ־רוהיגט זי זיך און פאַרשוויגט... קאַראָלינע, אַז זי טרעפט איהר חתן נישט וואו מען דאַרף, קנייפּט זי די דינסט און באַרוהיגט זיך דערמיט... און וולאַדימיר — דער שאַרלאַטאַן, איז סיי ווי סיי פאַרפאַלען. פון דעם מאַטעריאַל וואָלט העכסטענס אַ קאָמעדיע גע־ווען, נישט קיין דראַמע, און כאַסיע די יתומה איז מ ע ה ר, ווי אַ דראַמע, כמעט אַ טראַגעדיע.

כאַסיע ווערט מעהר, ווי פאַרפיהרט; זי פ אַ ר ל י ע ב ט זיך אין וולאַדימיר׳ן. כאַסיע ווייסט ווער און וואָס ער איז, זי ווייסט מיט וואָס עס שמעקט דאָס באַקענען זיך מיט׳ן יונגען טראַכ־טענבערג. זי ווייסט, אַז דאָס וועט זיין איהר אומגליק, און דאָך איז יונג בלוט קיין וואַסער נישט... זי האָט׳ן ליעב. זי האָט׳ן ליעב אויפ׳ן נאַטירליכען דאָרפישען אופן, אָהן חשבונות, אָהן האָפנונג אויף חתונה האָבען, מיט׳ן גאַנצען באַוואוסטזיין, אַז דער סוף מוז זיין אַ ביטערער, אַ שרעקליכער. און אין אָנהויב, אַז דער פון אויבען אָפּגעגלאַנצטער וולאַדימיר האָט אַביסעל אָפּשיי פאַר׳ן דאָרפישען מיידעל אָהן אַ פּיצעל קולטור — בענקט זי נאָך איהם, בענקט זי נאָך איהר אומגליק, וואָס וויל איהר נישט נאָכגעהן, נישט נאָכיאָגען. און, אַז עס באַווייזט זיך, — וואַרפט זי זיך אין אָפּ־גרונט אַריין מיט אָפענע אויגען...

מיט וואָס דאַרף זיך ענדיגען אַזאַ זאַך?

געוועהנליך ענדיגט זיך עס דערמיט, וואָס אַזאַ וולאַדימיר

זוינגט אוים די פרוכט און ווארפט די שאָל ארוים אויפ'ן מיסט. פון מיסט איז זיך שווער אויפצוהויבען. אז מען פאלט, פאלט מען שוין וואס אמאָל נידעריגער... און, ווייל מען נאָך טראַגישער — נעמט זיך דער קרבן דאָס לעבען.

עס קאָן זיין אנדערש אויך: כאַסיע איז דאָך פאָרט א ה י י־מ י ש ע. און אז עס קומט ארוים, ווי בוימאויל אויפ'ן וואסער, נעמט אזא טראַכטענבערג, א קאָמערטשעסקי מענש מיט פרינצי־פען און פאַראַלעלען, און מאכט זי חתונה מיט א „גראָבען יונג". און פאר כאַסיע'ן עפענט זיך אַן אנדער מין גיהנום: א נישט געליעבטער מאן, א גראָבער מאן, אן אייביגער פאַרוואורף, באַ־שטענדיג געשלעג, שאנד און פיין, און ווייל מען דוקא, קאָן ווייַ־טער זיין זעלבסטמאָרד: כאַסיע קאָן עס נישט אויסהאלטען, און נעמט זיך דאָס לעבען.

נישט מיט דעם אבער ענדיגט גאָרדין זיין דראמע.

גאָרדין שטעהט אויף דער גרענעץ צווישען „שונד" און קונסט; נעהנטער צו קונסט, אבער אינגאנצען פון מעלאָדראמאטישע סצע־נען קאָן ער נישט אַפּלאָזען. ער האָט אמאָל א ריח פון שעקספּיר (די ערשטע צוויי אקטען פון מירעלע אפרת); ער שמעקט אויך אמאָל מיט העבערער ראמאנטישער ליריק (דער ליעבעס־אקט אין „כאשע דער יתומה"), איהם פעהלט אבער די מאָס, און ווייסט קיינמאָל נישט, וואו און ווען צו ענדיגען. גאנץ אָפט האָט מען דעם איינדרוק, אז עס האָט שטאָף פאַרפעהלט פאר א גאנצען אווענט, און ער מאכט צו די רעשט מיט „שבת־שטיך". נאָך די ערשטע צוויי שטאַרקע, שעקספּירישע אקטען פון מירעלע אפרת געהען צוויי שוואכע, ציהען זיך צוויי צוגעטשעפּעטע אקטען, וואָס פאַרדאַרבען דעם איינדרוק פון די ערשטע, און דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט „כאַסיע די יתומה".

אַפּזאָגען זיך פון כאַסיע'ס זעלבסטמאָרד האָט גאָרדין נישט געוואָלט און נישט געקאָנט. ער קען זיינע פּאַפּענהיימער — דאָס פּובליקום אין אידישען (ווענינגסטענס אמעריקאניש אידישען) טע־אַטער און ווייסט, אז זעלבסטמאָרד איז א שטאַרקער טרומף — ווייבער חלש'ען! די זאַך מוז אבער ווערען אויסגעצויגענער, עס זאָל צונעמען דעם ג אַ נ צ ע ן אָווענט! און צוליעב דעם הייסט גאָרדין: וולאַדימיר זאָל חתונה האָבען מיט כאַסיע'ן, די טראַכ־

טענבערגס זאָלען זיך אַפּזאָגען פון װלאַדימיר'ן... װלאַדימיר מיט כאַסיע'ן — לעבען אין דחקות — און װלאַדימיר קאַן נישט לעבען אין דחקות, ער איז נישט געװאױנט דערצו, ער אַליין פאַר־דינען קאַן נישט, לעבען פון כאַסיע'ס זאָקען־אַרבייט הייסט נישט דערעסען, און קיין קערטעל אין האַנט אַריין נישט נעמען... װלאַ־דימיר הױבט אָן פאַר צרות צו טרינקען. װלאַדימיר זיצט אױז (אַזױ דערצעהלט ער) אין די פרעהליכע ערטער, װאו ער טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט'ן שװאָגער, און זינגט אַזױנע טרױעריגע ליע־דער, אַז די פרעהליכע קאָמפּאַניע װערט טרױעריג און װיינען מיט איהם צוזאַמען... אין דער הײם איז װלאַדימיר בייז, נערװעז, ער קאַן נישט פאַרטראָגען כאַסיע'ס טרױער, עס שטערט איהם דאָס װיינענדיגע קינד — ער האַלט עס מעהר נישט אױס און נעמט און שרייבט אַ בריף צו פאָטער און מוטער, אַז ער װעט זיך שיסען, אױב מען װעט איהם נישט העלפען... „איך האָב עס נישט אין זין — באַרוהיגט ער כאַסיע'ן — נאָר זײ, זײ דאַרפען משוגע װערען! עס װעט זיין אַ סקאַנדאַל!"

און אַז די קוניץ איז געראָטען, די טראַכטענבערגס קומען העל־פען נאָר איהם אַליין, נישט כאַסיע'ן, פּראָפּאָנירט ער איהר, זי זאָל אהיים פאָהרען, װעניגסטענס אויף אַ צייט, צום פאָטער אין דאָרף אַריין... ער װעט זיך געװיס פאַרבענקען נאָך איהר, שרייבען נאָך איהר אָדער קומען צו איהר... די טראַכטענבערגס באַשטעהען אױף דעם אױך. זאָל זי איהם נאָר אַרױס פון די אױגען, די רעשט װעט קומען אַליין... כאַסיע אָבער קאָן עס שױן נישט איבערטראָגען...

און כאַסיע די יתומה נעמט און סמ'ט זיך... און גאָרדין האָט פאַרפּולט דעם גאַנצען אָװענט! כאַסיע'ן די יתומה גיט ער אין מויל אַריין אַ גרױסען און הייסען מאַנאָלאָג צום קינד אין דער װיג... זי װעט אפשר מיטנעמען דאָס קינד מיט זיך? װאָס פאַר אַ מזל קאָן האָבען אַ יתומה? באַלד אָבער הייסט ער זי אַ ישוב האָ־בען, איבערלאָזען אויף גאָטס באַראָט און אַ ל י י ן געהן... הייסט דערנאָך װלאַדימיר'ן חרטה האָבען און װאַרפען זיך מיט אַ האַרץ־רייסענדיג געװיין אױף כאַסיע'ס קערפּער און שרייען: אַז נישט ד אָ ס האָט ער געמיינט, נישט ד אָ ס האָט ער גע־װאָלט! און הייסט כאַסיע'ס פאָטער אױסרופען: „װי אַ יונג זאָפּ־טיג בוימעל איז זי אהערגעקומען", װאָס האָט מען דאָ פון איהר

געמאַכט! און — נאָך די אַלע קונצען — קומט, נאַטירליך, אַרויס נישט דאָס, וואָס גאָרדין האָט געוואָלט! דער איינדרוק, וואָס מען האָט באַקומען פון די ערשטע אַקטען, ווערט אָפּגעשוואַכט; מאַדאַם קאַמינסקאַ, וואָס שפּילט כאַסיע'ן, קאָן ביי איהר גאַנצען טאַלענט, דעם פיערטען אַקט נישט רעטען. זי שטאַרבט ז ע ה ר גוט, אָבער ו ו י י נ ע ן אויף איהר טויט, וויינט נאָר וולאַדימיר, דאָס פּובליקום גענעצט...

און דאָך האָט דאָס שטיק גליקליכע מאָמענטען. אויפמערקזאַם מוז מען מאַכען אויפ'ן ליעבעס־אַקט, ווען כאַסיע איז זיך מודה פאַר וולאַדימיר'ן, אַז זי האָט געוואַרט אויף איהר אומגליק, זי איז נעכט נישט געשלאָפען און געוואָלט, עס זאָל קומען; ה י י ס געוואָלט! שעהן, ראָמאַנטיש שעהן, איז דער מאָמענט, ווען כאַסיע וויל פול און גאַנץ מאַכען איהר גליק, און וויל האָבען דאָס דאָרף ביי די טראַכטענבערגס אין סאַלאָן, ווען זי שטעלט אויס אין צוויי רייהען די וואַזאָנען אַלס אַן אַלעע פון בוימער, און לעגט אויס די סטעזשגעס אויפ'ן אָרט, וואו עס דאָרף פליסען דער טייך און זעצט זיך מיט איהם ביים ברעג פון טייך און הייסט איהם שווייגען... „שווייג! שווייג!" בעט זי זיך. ווייל זי פיהלט, אַז אין שטילען דאָרפישען אָוועגט דאָרף ער נישט רעדען! זי האָט'ן ליעב, נאָר ער פּאַסט דאָך נישט דערצו... זי וואָלט'ן דאָך א נ ד ע ר ש געוואָלט, אַנדערע רייד פון איהם הערען! גוט געכאַפּט איז כאַסיע'ס אָנקומען פון דאָרף, ווי זי פאַלט אין טראַכטענבערגשען הויז אַריין מיט מוסר, פּרינציפּען, פּאַראַלעלען און קאָרטען געשפּילט... און נאָך, און נאָך אַנדערע ערטער...

די אַמעריקאַנישע אויסגאַבען לעבען ביז היינט פון אונזער בעלעטריסטיק, עס ווערט כמעט אַלץ איבערגעדרוקט; אונזער אידיש טעאַטער וויל אויסגלייכען דעם חשבון, און פּעקעלט צו אונז איבער אַמעריקאַנישע דראַמען: דאָס קאָסט נישט.

„אוי, דלות, דלות!" ווי כאַסיע'ס פאָטער זאָגט. נאָר אָרעמקייט איז קיין שאַנד און גאָרדין האָט טאַלענט.

געשפּילט איז געוואָרען דאָס שטיק קאָרעקט. אויסגעצייכענט האָט זיך, ווי געוועהנליך, מאַדאַם קאַמינסקאַ. מאַדאַם טרילינג, וואָס שפּילט אַזוי גוט מירעלע אפרת, איז א גוטע „פריידע" ערשט פון צווייטען אַקט, וואו זי האָט מעהר צו טון. — גוט איז וולאַ־

דימיר (ה׳ סעראצקי), ווען ער ווערט אין לעצטען אקט אויפגע־לעבט צווישען דער משפחה און לויפט באשטעלען פאר באסיע׳ן א בויד אויף רעסארען און איינקויפען גוטע זאכען אויפ׳ן וועג. א גליקליכען מאמענט האט מאטי שטרייכעל (ה׳ טיטעלמאן), ווען ער צעהלט דאס געלט, וואס ער באקומט פון נארישען דייטש, פון טראכטענבערג׳ן, ווארים אייגענטליך וואלט ער געדארפט צו באר צאהלען, אזא גוי פטור צו ווערען. נ י ש ט פיין פיהרט זיך נאר אויף דאס פובליקום, וואס קומט אזוי ווייניג אין טעאטער אריין.

.1905

2.

„ד י ל ו ר י א ׳ ם.“

צי קענט איהר די אמת׳ע לוריא׳ס? ווארים עס זענען פאראן פאלשע אויך. ווי ווייניג יחוס מיר האבען נישט, געפעלשט ווערט ער: מיר האבען פאלשע כהנים, פאלשע לויים און פאלשע לוריא׳ס...

אן אמת׳ער לוריא איז א בייזער, א שטאלצער, א נוקם ונוטר — ריהרט זיי נישט אן. דאס איז א פייער, וואס ברענט ביז׳ן שאול תחתיה, דאס זענען שלאנגען, וואס בייסען ביז אין דער לעבער. אזוי, ווייניגסטענס וויל גארדין דער אמעריקאנער טע־אטער־שטיק־מאכער — א שפאס „לוריא“!

„איך בין א לוריא“! שרייט גדליה, א איד אן עושר און א תלמיד חכם דערצו. „איך בין א לוריא!“ רופט זיין ברודער טוביה, א מילנער, אפילו א שטיק עם הארץ, נאר פארט א לוריא! „איך בין א לוריא“ — ווארפט דעם פאטער אין די אויגען אריין אן אויסגעשריי די טעאטער־כלה גדליה׳ס טאכטער. „איך בין א לוריא!“ זאגט מיט איינגעהאלטענער קראפט, ווי עס פאסט פאר א ביהנע־ליבהאבער — טוביה׳ס זוהן...

וואס די מעשה איז, פארשטעהט איהר שוין אליין. די ברי־דער קריגען זיך איבער א ירושה, די קינדער ליעבען זיך... און ווייל עס איז קיין טראגעדיע נישט, וועלען סוף כל סוף די וואלקען פארשווינדען, די זון פון דער ליעבע — אויפשיינען, און מען וועט אהיים געהן פון טעאטער מיט א לייכט הארץ! —

אבער נישט אזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, געהט עס צו.

גדליה'ס און טוביה'ס פאָטער איז געשטאָרבען פאַר זיין פאָטער און זייער זיידע—נאָך וואָס דאָס איז געשעהען, ווייס איין גאָרדין—און דער זיידע האָט אין דער צוואה געקירצט דעם עם־הארץ טוביה און כמעט אַלץ אוועקגעגעבען דעם שעהן־און וואויל־לערנער גדליה. דאָס איז נומער איינס.

דערפון ווערט א פּראָצעס, און א פּראָצעס געהט מיט אדוואָ־קאַטען, די אדוואָקאַטען „צאַפּען בלוט", ווי מען פלעגט זאָגען; ווערט ביים אָרעמען טוביה דאָס הארץ נאָך פאַרביטערטער, דער האָס צום ברודער — שטאַרקער. האָט איהר שוין נומער צוויי. נומער דריי איז דער אום'כבוד, וואָס א תלמיד־חכם לעגט בכלל אויף אן עם־הארץ — גדליה, דער מיוחס אין שטאָדט, קאָן זיין גראָבען ברודער נישט פאַרטראָגען, זאָלץ און רויך אין די אויגען איז ער איהם.

און אז עס קומט נאָך דערצו — שכנות: א הויז קעגען א הויז, טיר קעגען טיר, קאָנט איהר פאַרשטעהן, וואָס א „פייער" עס צופלאַקערט זיך צווישען די הייזער... און עס מוז זיך נאָך מעהר צופלאַקערען, ווען גדליה ווערט געוואָר, אז זיין טאָכטער, די בת יחידה זיינע, זיין אויג אין קאָפּ, האָט ליעב זיין גרעסטען שונא'ס זוהן — זיין ברודער טוביה'ס איינציגען זוהן, דעם אויג אין קאָפּ. די גרעסטע ליעבשאַפט...

נישט ווענינער ברענט עס אין טוביה'ס הארץ. א געזונטער עם־הארץ, א „בר־נש" און א „בעל־גוף" — דאָס ווייב איז איהם פריה געשטאָרבען און ער האָט מעהר נישט חתונה געהאַט, ער וועט זיין בן־יחיד קיין שטיפמאַמע נישט געבען, כאָטש די געזונטקייט שפּאַרט איהם — זיין גאַנץ בענקעניש און ליעבשאַפט גיט ער איהם אוועק, און אצינד, אין סאַמע־ראָדנעם פייער פון פּראָצעס, הערט ער פון זוהן, אז ד ע ר וויל שלום, און שלום וויל ער, ווייל ער איז אין זיין גרעסטען שונא'ס טאָכטער פאַרליעבט...

און געדענקט — דאָס זענען לוריא'ס! זיי וואָלטען זיך שוין לאַנג געממית'ט, ריק־און־לענד צובראָכען, ווען נישט דער רב פון שטאָדט — א מזג־טוב, אן אמת'ער אידישער צדיק, וואָס שטעלט אונטער, ווען עס מאַכט זיך עפּעס, זיינע פּלייצעס — —

מיט איין וואָרט: שלעכט! מיר וועט דאָ האָר אויסוואַקסען — שרייט טוביה ווייזענדיג אויף דער פּלאַכער האַנט — און דאָס

וועט נישט זיין! „איך וועל שטארבען“. זאגט דער זוהן, וואס איז אויך א לוריא, „שטארב!“ שרייט טוביה און צוברעכט דעם שטעקען פאר גרימצארן. דאסזעלבע טוט זיך ביי גדליה'ן אין הויז... די לאגע אין „ראמעא און יוליא“ איז „א הונט קעגען דעם“; די לאגע אין „דער נקמה פאר א גרענעץ־מויער“ פרעדרא'ס — א גארנישט! דאס זענען דאך לוריא'ס!

און פונדעסטוועגען, אז גארדין וויל, כאפט ער זיך ארויס פון דער נעץ, שפרינגט ער ארויס, ווי א פודעל פון וואסער, און שאַ־קעלט זיך אפ און בלייבט טרוקען... נישט אומזיסט שטעהט ער צווישען „שייקעוויטש און שעקספיר“ וואו שעקספיר וואלט זיך קיין עצה נישט געגעבען, קומט שייקעוויטש און האקוס־פאקוס — אוים טראגעדיע!

פארשטעהט איהר מיך, גדליה קלייבט אוים פאר דער טאכ־טער א חתן, מן הסתם — א חתן א אידיאט (דער עולם מוז דאך האבען וואס צו לאכען), אי וואס, גדליה איז א תלמיד חכם, האט פיינט אן עם הארץ, ווי א שפין — האט אבער דער חתן א מעלה: זיין פאטער (איהר מעגט שוין פלאצען פאר לאכען) זיין פאטער איז „גלאסני“ אין שטאדט־דומע, און אז מען מאכט איין האנט מיט'ן גלאסני — וועט מען אראפנעמען טוביה'ס מיהל — וועט זיין אוים שכנות מיט'ן עם־הארץ... אוי, דאס שכנות! א ביטער שכנות! עס איז פון דער הויט ארויסצושפרינגען! אז זיין בת יחידה שפילט פאר'ן רב מיט דער רביצען פיאנע און זינגט א ליעד וועגען מענשהייט — געהט טוביה'ס זוהן און מאכט אונטער די פענסטער א „תקיעה־גדולה“ אויף א שופר! אדער מען ווארפט אומישנע א פאק מיט מעהל פאר'ן פענסטער און מען פארמעה־ליגט דעם רב'ס אטלאסענע קאפאטע, דער רביצענס חתונה־קליי־דעל און ר' גדליה'ס פלודערן, מחילה! און ווערט עמיץ אין גדליה'ס הויז קראנק, געהט טוביה און דינגט יונגען און מיידען און הייסט זיי זינגען און טאנצען און רעדלעך מאכען אונטער די פענסטער און די טעאטער־מוזיק מוז נאך צושפילען אויף טראמפייטען און קעסעל־פויקען!

וואס? איהר זייט אראפגעפאלען פון א טראגעדיע צו א פארס? קיין וואונדער, שעקספיר האט צוגעמאכט אן אויג, און שייקעוויטש איז ארויסגעשפרונגען און פיהרט דאס רעדעל...

און אויף זיין באפעהל נעמט גדליה א שטעקען און שלאגט אויף דער פצענע לעיני כל ישראל די בת־יחידה; זי פאלט און צוברעכט א האנט... איז דאס אלץ וועניג נאך, פאלט זי אריין אין א נערוועז־קרענק, ווערט זי געפערליך... און — איבער־געבימען ווערט גדליה'ס הארץ, ער, דער שמאלצער, בייזער תלמיד־חכם, בעט ביי טוביה עם־הארץ — שלום, ער מוז רעטען זיין קינד...

און אצינד, אז שייקעוויטש האט שוין זיינס אפגעטאן, פאר־שווינדט ער אויף א ווייל און עס געהט ווייטער א שטיק שעקספיר, טוביה עם־הארץ דיקטירט ביים רב דעם צובראכענעם ברודער די תנאים פון שלום: ער מוז איהם אפגעבען די ירושה, מודה זיין אין כתב, אז דער זיידע, דער אלטער לוריא, דער ראש וראשון פון די לוריא'ס, די קרוין, דאס שיינדעל פון דער משפחה האט אן עולה געטאן... ער, גדליה, מוז איהם, טוביה'ן, אפצאהלען די ירושה מיט פראצענט פאר גאנצע צוואנציג יאהר! ער מוז איהם אויך פארגיטיגען די קאסטען פון פראצענט מיט א סומע פון א פאר טויזענט רובל מיט קאפיקעס! און פון הויז מוז ער אויך ארויס — דאס הויז מוז ער איבערגעבען טוביה'ס זוהן און זיין קינפטיג ווייב — גדליה'ס טאכטער. און נאך איינס: גדליה מוז בפרהסיא, שבת פאר קריאת התורה אין בית המדרש, מחילה בעטען טוביה'ן, כמעט א ודוי זאגען פאר'ן עולם!

גדליה באשטעהט אויף אלעם, עס שטיקט איהם דער כעס, נאר זיין ליעבשאפט צו דער קראנק־געוועזענער טאכטער איז שטאר־קער, ער שרייבט אונטער, נאר די טאכטער כאפט ארויס דעם כתב און צורייסט — פאר דעם פרייז ווי זי איהם נישט קויפען!

און — טוביה גיט נאך...

און צו ענדע ווערט שעקספיר צוריק פארשוואונדען און שייקעוויטש קומט ארויס — עס באווייזט זיך א חזן מיט משוררים, טאנצען מענער און ווייבער א ראד, דער „הייליגער רב“ כאפט אויך א יד פון א נקבה און טאנצט...

געשפילט איז דאס „שטיק“ געווארען אין אידישען טעאטער אויף דער קרולעווסקא, און געשפילט איז עס געווארען מיים־

ט ע ר ה א פ ט! נעראסלאווסקא, מאירזאן, אדלער, האבען גע־נעבען קאנצערט. נאך מעהר אויסגעצייכענט האט זיך זשעלאזא אלס רב — דער פיינסטער און עדעלסטער טיפּ אינ׳ם שטיק — איין בערמאן האט אביסעל איבערגעטריבען און מעהר געשפּילט מיט די שטיוועל אלס מיט הארץ און קאפּ...

אין אלגעמיינעם, ווי געזאגט — א קאנצערט.

און וואס? זאל איך מיך בייזערען אויף אדלער׳ן, וואס האט אינמיטען א דראמע א קופּלעט געזונגען? עס איז אן עולה, א גרויסע עולה! וואס העלפט אבער, אז אינ׳ם קופּלעט־זינגען שטעקט מעהר טאלאנט, ווי אינגאנצען גארדין מיט׳ן שטיק?

געה, בייזער זיך!

.1906

3.

„צווייהט און צושפּרייט.“

פאראן צווייערליי פּאגראמען: ה ו י כ ע און ש ט י ל ע.

ה ו י כ ע פּאגראמען מאכען כוליגאנעס, שכור׳ע, בארוועסע, אויף אייגענע פויסט און חשבון, אדער אונטערגעהעצט. הייזער ווערען צושטערט, פארמעגען צורויבט, מענשען—אלטע, ווייבער און קינדער — פארוואונדעט און געטויט...

אזא פּאגראם שרייט, אז מען הערט אין איירא פּא! איירא פּא, ווי ווייט עס שאדט איהר נישט, ווערט צורודערט, פּארציטערט און — פּראטעסטירט... און גיט א מארק אדער א פראנק.

די ליבעראלע פּארטייען און מענשען אין לאנד אליין: בייזע־רען זיך אודאי. דער כעס שוואכט אפּ די רעגירונג. יעדער פּראַ־טעסט, יעדער געוואלד־געשריי — רייסט א ציגעל פון דער אלטער מויער...

א קאפּיקע פאר געראבירטע און פארוואונדעטע — נישט... געלט דארף מען אויף אנדערע צוועקען, אבער שרייען, מהיכא תיתי...

דאס זענען די הויכע פּאגראמען. הייזער ווערען איינגעריסען, מעבעל צוהאקט — עס טוט זיך מיט פייער, מיט העק, מיט אייזענס — — — —

פאראן אבער שטילע פאגראמען: די אידישע פאמיליע ווערט צושלאגען. און קיינער זעהט נישט, און קיינער הערט נישט.

דאס הויז איז גאנץ, נאר לער. טאטע־מאמע און אלע קינדערלעך. קיין עין הרע, לעבען, נאר צושלאגען, צוואווארפען!

„צוזייהט און צושפרייט" איז נישט נאר דאס פאלק, די פאמיליע איז צוזייהט און צושפרייט! אהן אייזען און העק און „אהן א טראפען בלוט צו פארגיסען" איז א מערדעריי געשעהען — א פאמיליען־נשמה איז געקוילעט געווארען אהן א מעסער, און עס וועט קיין האן נישט קרעהען! א פאר'סמ'ט גלות־בלימעל — א האלץ־שוואם האט זיך אין הויז אריינגעג'גנב'עט, און דאס הויז איז צופוילט און צופאלען געווארען...

אט א טאטע — א איד א סוחר. א פארקויפטער מיט לייב און לעבען און מיט דער גאנצער נשמה דעם פריץ... אונטערטעניג, פאריאגט, פארהארעוועט, צובייזערט — מיט א באהאלטענער, טיפער ליעבשאפט צו קינדער, מיט א טיף־באהאלטענעם דורשט צו נחת פון קינדער — — —

אט א מאמע, א תחנות־ און סדור־אידענע. א גוטע, א שטילע... זעהט און פארשטעהט נישט, וואס ארום איהר טוט זיך; הערט נייע ווערטער, נאר „מאלע, וואס קינדער פלאפלען"... און מען הערט זי דעריבער אין שטוב, ווי דעם רב — — —

א דינסטמיידעל — א שונא אין שטוב. בעלי־בתים — בלוטזויגער...

און קינדער...

נאך צוזאמען זייענדיג, זענען זיי צוזייהט און צושפרייט!

אן עלטערע טאכטער — א גרושה — א פוסטע, לאבענדיגע, לעבענס און ליעבע דורשטיגע, אנטלויפט מיט א דענטיסט.

די אינגערע — א האלב־געלערנטע, וויל ווערען א גאנץ־באלערנטע, עס ציהט זי „אויף קורסען" קיין בערן, א שטאדט, פון וועלכער טאטע־מאמע האבען קיינמאל נישט געהערט...

און זיהן זענען פאראן — איז דער עלטערער א לעב־קינד — א קארטען שפילער, א „גוטער בחור" ווי מען זאגט, און ווי עס פאסט פאר אן אויפגעקומענעם אידס א זוהן... דער צווייטער איז א סאציאליסט, דער דריטער — א ציוניסט און דאס פארצויגענע מיזיניקעל — א ליבהאבער פון קעצלעך מיט הינטלעך.

און די עלטערען קוקען און זעהען נישט, הערען און פארשטעהען נישט, און אז דער אפּגרונט, וואס איז אויסגעגראבען געווארען צווישען זיי און די קינדער, אנטפּלעקט זיך זיי פּלוצלונג — הויבט זיי אן צו שווינדלען פאר די אויגען. שרייט דער טאטע צו דער מאמען: א מאמע ביסטו? וואו זענען דיינע קינדער? און זי פרעגט: און דו, טאטע? און זי האט חרטה אויפ׳ן גאנצען עסק!

צי איז נישט בעסער געווען אינ׳ם קליינעם שטעדטעל, וואו זי האט פריהער געלעבט, וואו זי האט מיט פיש געהאנדעלט און מען האט זיי גערופען „טשאלענט"? דאמאלט זענען די קינדער געווען! און היינט? היינט הייסט זי „שאלענט", פאראן שפּיגלען און „שמאטקעלעך", אבער די קינדער זענען קיין קינדער נישט!

טראגיש און קאמיש זענען אזעלכע עלטערן, וואס ארבייטען און הארעווען אויפ׳ן עלטען שטייגער, און האבען נאר איין עולם הזה — נחת פון קינדער! טראגיש־קאמיש זענען זיי אין דעם מאמענט, ווען דער נחת צושפּריצט זיך, ווי א דין־גלעזערנע שויב! פּלוצלונג — אוים קינדער, נישטא קיין קינדער!

מענשען, וואס זענען געוועהנט צו זעהן אין הויז דעם אנהויב און דעם סוף פונ׳ם גאנצען לעבען און דעם גאנצען תכלית פון אנהויב ביז׳ן סוף, ווערען פּלוצלונג געוואר, אז זייערע קינדער שפּייען אויף דעם „תכלית": אז דאס זענען ווילדע וואנדער־פייגעל מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל צום אוועקפליהען. זיי האבען קיין הויז און קיין היים נישט... אין דער פרעמד זעהען זיי עפּעס, וואס עס ציהט זיי — א דענטיסט, ארץ־ישראל, בערן — איינעם ציהט גאר קיין סיביר...

אלטע מענשען, וואס האבען געהאט נאר איין מאראל: שלום, שטיל זאל זיין, אונטערטעניג שטיל; דינען דעם פריץ און פאר־דינען ביים פריץ — אזעלכע אלטע מענשען ווערען מיט אמאל געוואר, אז זייערע קינדער שפּייען אויף דער מאראל. האלטען זי פאר נידעריג און ווערמיג און מאוס׳ן זיך פאר איהר — „אידען דארפען נישט קושען דעם פריץ׳ם האנט" שרייט דער ציוניסט. „קיין מענש טאר דעם צווייטען נישט דינען" —

פאַרריכט דער סאָציאַליסט. „קיינער האָט איבער קיינעם נישט צו זאָגען, אפילו טאַטע־מאַמע איבער קינדער נישט“ — זאָגט די טאָכטער, וואָס וויל קיין בערן.

און אַלע זענען אַדער ווילען אוועק.

„צושיידען זיך — אדרבה — פאַרשטעהט דער אַלטער טאַטע אויף זיין אופן — נאָר ווי אַזוי ? אייביג מיט קינדער צוזאַמען לעבט מען נישט. „על כן יעזוב“ איז אַ בפירוש׳ער פּסוק ! „מען מאַכט אַ קינד חתונה, עס גיעהט דערנאָך אראָפּ פון קעסט, מען מאַכט זיך אַ באַזונדער געשעפט, מען פאַרדינט אַ קערבעל...“

און דאָ איז אַ טאָכטער, פאַר וועלכער מען האָט איינגע־קויפט יחוס, דעם פיינסטען שדוך געטאַן, און זי וויל אוועק מייד־רעלווייז...

מען האָט זיי אַ סקאַנדאַל געמאַכט, אָפּגעשיקט די תנאים, אַ בהלה, אַן אומגליק, און זי — די טאָכטער — לאַכט ! זי איז צופרידען דערמיט, ז י א י ז פ ר י י געוואָרען !

און פאַר די קינדער, וואָס דאַרפען זיין שטיל און אונטער־טעניג אונטער טאַטע־מאַמע׳ס פליגעל און טון „וואָס גאָט הייסט, וואָס טאַטע־מאַמע הייסען און אַלע גוטע פרומע לייט“, — איז נאָך ווענינ גלייך צו זיין מיט אַלע, דעם קאָפּ אויפגעהויבען און אויס־גלייכען זיך אַליין די ביינער — אַ וועלט פאַרזאָרגען ווילען זיי ! דער סאָציאַליסט וויל, גאָט ווייס וואָס, אַ וועלט גליקליך מאַכען ! דער ציוניסט וויל קיין ארץ־ישראל, מיט זיין מאַגערער שוואַכער האַנט — ערד אַרבייטען, בוימער פלאַנצען — און זי, דאָס מייד־על, וויל קיין בערן !

די טראַגי־קאָמעדיע האָט באַאַרבייט שלום־עליכם אין זיין דרייאַקטיגען שטיק : צווייהט און צושפּרייט, וואָס שפּילט זיך אין אידישען טעאַטער אויף קרולעווסקאַ.

דאָס שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות און אַלע קליינע חסרונות פון שלום־עליכם, וואָס ווערט זיך קיינמאָל פון קיין וויץ נישט אָפּ־זאָגען, וואו מען דאַרף יאָ און וואו מען דאַרף נישט. און דאָס שטיק גרעניצט דעריבער מיט׳ן פאַרס.

„די יונגע פויגעל“, וואָס דאַרפען זינגען „נייע לידער“ מוזען אַלע זיין קאָמיש און, אַז עס באַווייזט זיך דער נאַדזיראַטעל, — אַרויסשפּרינגען פון פענסטער און באַהאַלטען זיך אונטער טישען...

קיין איינציינער בלייבט שטעהן... און דאס טראגישע ווערט צו שפריצט. און צום סוף ווען דער אלטער טאטע, וואס לויפט אין ראק און צילינדער צום פריץ בלייבט פלוצלונג שטעהן, דאס הארץ הויבט אן רעדען, און ער צוואויינט זיך אויף זיין מזל,—ווילט זיך איהם צו שרייען!

— ווייז נישט, נארישער איד! ווייז נישט, נארישע אידענע! נארישע הינער, פון אייערע אייער זענען ענטען נישט ארויס, ווייט אויפ'ן וואסער ווילען זיי זיך נישט לאזען...

זיי ווילען צוריק קומען!

געשפילט איז די זאך געווארען אים אלגעמיינעם גוט. אויס־געצייכענט האט זיך מאירזאן (דער פאטער). אדלער האט שלעכט פארשטאנען די ראלע פון שליח, וואס ברענגט אפ די תנאים. ער דארף זיין א דורכגעטריבענער כל־בו, וואס שינדט פון אויפגעקור־מענעם גביר די הויט, און ער האט געשפילט א נארישען שדכן, אבער, לויט זיין פארשטענדניש, גוט די ראלע אויסגעפיהרט!

.1906

4.

די מוטער.

א דראמע אין דריי אקטען, פון דוד פינסקי.

די מוטער — די אלמנה וויל דאס צווייטע מאל נישט חתונה האבען. איהר געשטארבענעם מאנס שותף און גוטער פריינד שדכנ'ט זיך צו איהר: זי זאגט איהם אפ. און נישט דערפאר, וואס זי וויל איהם נישט. און נישט דאס געדעכעניש פון פאר־שטארבענעם מאן לאזט זי נישט חתונה האבען — זי זאגט זיך אפ פון שדוך צוליעב די קינדער. זי וויל זיך מיט די קינדער נישט

צושיידען. עס איז איהר אזוי גוט מיט'ן זוהן און מיט דער טאָכ־טער צוזאמען. באלד אבער פאלט דאָס ברויט מיט דער פוטער קאַפויר! די קינדער קומען אהיים: די טאָכטער פון שפּאַציר, א הונגעריגע, און כאַפּט זיך צום עסען. נאָר דאָס איז א צופעליגער מאָמענט, וואָס האָט קיין פאלגען אין דער דראַמע נישט. דער זוהן קומט אַן. ער קומט אריין א צוהיצטער, א צופלאַמטער, א גליק־ליכער: ער איז פארליעבט איבער די אויערען און געליעבט איבער די אויערען! זי האָט'ן אַנגענומען. און ער כאַפּט ארום די מוטער און קושט זי און האלזט זי — א פרייד! נאָר עס וועט זיין א גע־פעהרליכע פרייד!

— ווער איז דיין כלה?

— ווער? מאשא!

און די מוטער קאָן אויפ'ן שדוך בשום אופן נישט באַשטעהן: מאשא'ס פאָטער האָט געהערט צום טעאטער, אין טעאַטער האָט ער געשפּילט און צווישען חברים און חבר'טעס מיט ליכווע גע־האַנדעלט. די הויט פלעגט ער פון זיי אַפּציהען! פאַר דאָס, אז מען האָט געשפּילט א געשלעג, פלעגט מען זיך אַן איהם נוקם זיין און ווירקליך שלאָגען, „מכות רצח" שלאָגען, אז מען פלעגט'ן אראָפּפיהרען פון דער ביהנע א טויטען...

ווייטער א פארבייגעהענדיגער מאָמענט, ווארים מאשא, ווי עס ווייזט זיך שפּעטער אויס, האָט גאָרנישט גע'ירש'ענט פון פאָטער. זי איז ווירקליך א גוטע, א ליעבע און, ווי דעם חתן'ס שוועסטער זאָגט, טאַנצענדיג איבער דער שטוב: א „פּרעליעסט"!

די „מוטער" אָבער וויל נישט, בשום אופן נישט. הייסט וועה־לען צווישען זיך און מאשא'ן, און אז דער זוהן וויל נישט נאָכגע־בען און די טאָכטער האלט מיט'ן זוהן, — צושפּאלט זיך די פאַ־מיליע, פארלאָזט די מוטער דאָס הויז און געהט צום צווייטען מאַן.

אזוי פארקניפּט זיך די דראַמא אין ערשטען אקט.

די מוטער האָט חתונה געהאַט, דער זוהן אויך, די טאָכטער בלייבט מיט'ן ברודער צוזאמען.

מיט נייע קינדער האָט זיין ליעבער נאָמען די „מוטער" נישט געבענשט, און זי בענקט, נאַטירליך, נאָך איהרע קינ־דער, שרייבט צו זיי בריף נאָך בריף; די קינדער אָבער שיקען זיי

צוריק, נישט־געעפענט. אין זעקס־זיבען יאָהר ארום (עס איז שוין דאָ אן אייניקעל פון די יאָהרען) ווערט די מוטער געוואָר, אז די טאָכטער איז איבערגעשטאָנען א קרענק (וויטער א צופעליגער מאָ־מענט), געהט זי צו די קינדער. און די וויזיט ביי די קינדער איז שוין דער אינהאַלט פון צווייטען אקט.

די מוטער קומט אריין און טרעפט נאָר די דינסט אין שטוב. פון איהר ווערט זי געוואָר, אז זי איז פון די קינדער אינגאנצען פארגעסען געוואָרען. איהר פאַטרעט האָט מען פון דער וואנט אראָפּ־גענומען! עס באַווייזט זיך דאָס אייניקעל — ער האָט קיינמאָל פון קיין באָבען נישט געהערט! עס קומט אריין די שנור — און זי ווייס נישט, וואָס מיט זיך צו טון. עס איז אַ רחמנות אויף דער אַלטער, נאָר זי וויל נישט האנדלען קעגען מאַנס ווילען, און זי פיהלט נאָך, פילייכט, איהר באַליידיגונג!

זי שלאָגט זיך מיט דער דעה. ענדליך זיגט דאָס גוטע, זי פאַר־האַלט די שוויגער. באַלד קומט אָן די רעקאָנוואַלעסצענטין — די טאָכטער: א בלאַסע, אַ שוואַכע, כאַפּט זיך מיט די נעגעל ביים האַרץ, און דאָך קאָן זי בשום אופן אויף דער מוטער נישט קוקען, בשום אופן. נאָך א מינוט, און דער זוהן קומט אָן, ער עפענט די טיר, דערזעהט די מוטער און — ציהט זיך צוריק!

אין דריטען און לעצטען אקט קומט די מוטער פון דער וויזיט צוריק אהיים צום מאַן און זיין שוועסטער, וואָס וואוינט ביי זיי. זי וויל באהאַלטען איהר האַרץ־ווערהטאָג. פארקערט: גאַר גוט גע־ווען! אַ נחת! מען האָט זי ליעב! מען האָט אָן איהר קיין רגע נישט פארגעסען — זי פאַלט אבער פון די קרעפטען, דאָס אומ־גליק רייסט זיך געוואַלדיג ארויס — עס ווערט איהר ערגער. לויפען נאָך אַ דאָקטאָר? ניין, די קינדער וויל זי, די קינדער. זאָל מען זיי אָנזאָגען, אַז זי איז קראַנק, אַז זי שטאַרבט! זיי וועלען קומען. זיי מוזען קומען. — דער צווייטער מאַן לויפט עס טון, די טיר פארמאַכט זיך הינטער איהם. איבער דער צייט, וואָס ער זוימט זיך, קלאַמערט זיך די מוטער מיט די לעצטע קרעפטען אום איהר האָפנונג, אַז זיי וועלען קומען. צו דער קראַנקער מוטער וועלען זיי קומען. אָט געהען זיי, אָט קומען זיי, אָט זענען זיי דאָ! אָט קושט זי און האַלזט זי זיי, אָט דריקט זי זיי צו צום האַרץ, און אַז דער

מאן קומט צוריק איינער אליין, פאלט זי, ווי אן אונטערגעהאקטער בוים.

די דראמע מאכט אַן איינדרוק, האט שטארקע, זעהר שטארקע מאמענטען און דאך — איז אין אלגעמיינעם דער איינדרוק נישט אזוי שטארק, ווי ער האט געקאנט זיין.

און שולדיג איז נישט דאס שפּילען, פרוי קאמינסקא האט די הויפּט־ראָלע געשפילט מייסטערהאפט די אנדערע — גוט, אפילו דאס קליינע איניקעל האט גוט געשפּילט, אז אויף דער סצענע געבוירען קינד!

אין וואס דען שטעקט דער פעהלער?

אינ'ם סטיל!

טראגיש קאן זיין דאס לעבען אליין: אן אויסטערלישע לאגע, א צוזאמענשטויס פון נישט געוועהנליכע פאקטען, וואס זענען טראַגיש אדער דראמאטיש פון נאטור. טראגיש אדער דראמאטיש קאן אויך זיין דער מענש אליין, דער כאראקטער פון מענש.

פאראן מענשען, וואס שווימען איבער'ן לעבען לייכט, ווי א שטרוי אויפ'ן וואסער; אנדערע שמיצען עס איבער מיט א שמייכעל אויף די ליפּען; זיי נעמען עס קיינמאל נישט ערנסט. פאראן אבער אויך מענשען טיפערע, וואס פיהלען דאס לעבען טיפער און דאס געוועהנליכסטע ווערט ביי זיי דראמאטיש. פאראן פעסטע מעטאלענע מענשען, וואס לאזען זיך געשווינדער ברעכען, איידער בויגען; וואס קאנען נישט נאכגעבען, זיך אונטערוואַרפען און אפילו נישט אויסמיידען, בפרט אין וואס עס איז אפּטרעטען. מענשען, וואס זאגען: גאר אדער גארנישט! און פאר אזעלכע איז יעדער מאמענט א לעבענס־פראגע, יעדר צופאל קאן ווערען דראמאטיש און טראגיש!

פינסקי'ס דראמע האט געמוזט געבויט ווערען אויף די פּערזענליכקייטען. וואָרים ביי געוועהנליכע מענשען אין געוועהנליכען לעבען האט א מוטער נאך אמאל חתונה; קינדער „בלאזען דיך", „ברוגז'ען" זיך א צייט און בעטען זיך איבער... געוועהנליך, באַשטעהט די מוטער אויף א שלעכטען שדוך, בפרט ווען דאס קרן איז גוט, און קושט נאך דעם קינד, אבי עס נישט צו פארלירען.

אינ'ם געוועהנליכען לעבען איז דער האס צו דער מוטער, וואס האט דעם טאטען פארגעסען, וועניגסטענס נישט אזוי שטארק, ער זאל האלטען זעקס־זיבען יאהר און נישט אפגעשוואכט ווערען אויף דער האר!

מעגליך איז עס נאר ביי אומגעוועהנליכע מענשען. ביי מענשען, וואס זאגען: מיין ווילען מוז געשעהען, אדער ביי הויך און טיף מאראלישע מענשען, וואס ווילען א וועלט אומברענגען, אבי זייער גרונטזאץ זאל בלייבען שטעהן!

אבער אומגעוועהנליכע מענשען פיהרען אן אומגעוועהנליכע שפראך, אומגעוועהנליכע געפיהלען טראגען אומגעוועהנליכע קליידער, דריקען זיך גאר אנדערש אויס. און דא רעדט די גאנצע פאמיליע וואכענדיג, און וויל מיר זאלען גלויבען, אז זיי האבען תשעה־באב און יום־כפור אין הארץ. קיין איינציגער מעטאלענער קלאנג, קיין טיפערער אויסדרוק. אז די קינדער צוקריגען זיך מיט דער מוטער אין ערשטען אקט, רעכענט מען אויף זיכער, אז אין א מינוט ארום וועט זיין שלום ושלוה. און דער צווייטער אקט איז א סורפריז, א נישט געהאפטער צ ו פ א ל... ערשט דער דריטער קומט ריכטיג נאכ'ן צווייטען, אויך — נישט מיט זיין גאנצער שטארקייט.

און דאך וואלט מען געקאנט די דראמע רעטען. דער אקטיאר קאן מיט זיינע ב א וו ע ג ו נ ג ע ן דעקען די פעהלער פון דער שפראך! עס דארף אויסזעהן, אז די מענשען פיהלען מעהר און טיפער, אלס זיי רעדען, די קינדער דארפען דעריבער שפילען אזוי גוט, ווי די מוטער; עס זאל זיין א קאנצערט.

לאמיר האפען, אז צום צווייטען מאל וועט אזוי זיין און די אקטיארען וועלען באצאהלען דעם אויטארס חוב.

.1905

5.

דוד אין מדבר.

אויב איהר ווילט זעהן שמואל הנביא אין בית־לחם ביי אן עמוד מיט צוויי ליכט פון פארענט און צוויי, געווים כהנים, אין הויכע שלאפמיצען פון פארענט און הערען פון זיין אייגען מויל,

ווי אַ מלך טאָר קיין „קולאַק" נישט זיין און דאַרף נישט שמייסען מיט דער „נאַגייקע". אויב איהר ווילט זעהן, ווי ער שטרעקט אויס די הענט, פאַרגלייסט אַ פּאָר קאַלטע אויגען און פאַרצעהלט, אַז דער לייב איז מלך איבער די חיות, כאָטש דער העלפאַנט איז גרעסער, דער טיגער — ווילדער און דאָס מפּגיע'לע שטאַרקער, — נאָר דעריבער, ווייל דער לייב פאַרצוקט און צורייסט נאָר פאַר זיין ווייב און קינד, פאַר זיין משפחה, פאַר זיין פאָלק הייסט עס (!) און דעריבער קאָן שאול בן קיש נישט בלייבען קיין מלך...

אויב איהר ווילט הערען, ווי דוד בן ישי זינגט אַ חזנ'ישען „למנצח" מיט'ן קנאַק; שיסט פון אַ רעוואָלווער מיט אמת פּולווער און איז אַ רואה ואינו נראה — אַ לייב...

אויב איהר ווילט זעהן איינעם פון די אידישע גבורים אין שאול און דוד'ס צייטען מיט אַ געגאָלטער באָרד... מיכל בת שאול אנגעטאָן, ווי אַ קעכין אויף אַ מאַסקאַראַדע הינטער דער שטאָדט, בשעת זי רעדט וועגען גלייכבארעכטיגונג פאַר אַלע בירגער און פאַרזיכערט, אַז דוד המלך דאַרף נישט קיין האַרעם, ווייל זיין האַרעם איז דאָס בית־המקדש און דאָס תהלים'ל — זיין ווייב... און רעדט בכלל קעגען עגאָאיזם און ליעב האָבען זיין „איך".

אויב איהר ווילט הערען, ווי דוד, ווען ער איז שוין מלך, וויל טיילען די קרוין מיט מיכל, נישט, חלילה, מחמת תאוה, וואָרים דאָס תהלים'ל איז דאָך זיין ווייב, נאָר לכבוד דעם געשטאָרבענעם שאול המלך... אויב איהר ווילט הערען, ווי ער וויינט אויף זיין עלענד, ווייל ער איז געבליבען אָהן אַ שווער...

אויב איהר ווילט זעהן, ווי אויסגעצייכענט אידישע גבורים אין שאול המלך'ס סוויטע שלאָפען, אַז כאָטש די מוזיק שפּילט, דוד המלך זינגט, אין אביעזר (אויב איך האָב קיין טעות נישט) טרעט זיי אויף די הינער־אויגען...

אויב איהר ווילט הערען, ווי אַ שוואַרצע מויד, מיכל בת שאול'ס געגנערין זינגט וועגען ליעבע; אָדער ווי פאַרצייטיגע אידען טאַנצען מיט נקבות און הויבען זיי און וואַרפען זיי אונטער אין דער הויך —

און בכלל אויב איהר ווילט הערען אָפּגענוצטע, אָפּגעדראָשענע שאַרמאַנקע־מוזיק און זעהן אַ פּאַרס, אין וועלכען גבורים שטאַר־

בען, גלית פאלט פון דוד'ס שטיין און מיכל בת שאול זינגט אהן א קול...

אדער, ווי שאול המלך מיט דוד'ן פון איין זייט און מיכל אויף דער צווייטער, זיצען אויף א טראן פון דריי אמראנטענע אויסגעבעטע שטולען —

אויב איהר ווילט דאס אלץ זעהן, געהט אויף „דוד אין דער מדבר“...

אויב איהר ווילט האבען שטארקע איינדריקע, פלאצען פאר לאכען, ווען אחיעזר קאן נישט אריינשטעקען די שפיז אין שלעכטען דואג'ס ברוסט און וויינען אויפ'ן אידישען טעאטער, מיט זיינע אויטארען, ליטעראַרישען רעדעל־פיהרער און טאלאנטפאלע אקטיארען, פון וועלכע מען מאכט קוימענקערערס — געהט אויף „דוד אין דער מדבר“...

און אפשר וועט אייך גאר שמעקען דאס ליעד פון דער מכשפה, וואס האט ערשט נישט לאנג ארויסגערופען שמואל הנביא פון קבר און זינגט שוין אהן ציין א ליעד פון שדכנים, יונגע ווייבלעך, וואס האבען ליעב צו נאשען און דער עיקר — ווען דער מטבע?

עס איז געווען א וכוח אין דער פרעסע. מען האט די פראגע געשטעלט, ווער איז שולדיג, וואס דאס „אידישע טעאטער“, אויף וועלכען מען האט אזוי לאנג געהאפט, ווי אויף משיח'ן געווארט, שפילט „וועלוועלע עסט קאמפאט“ — „אשה רעה“ און דערגלייכען — — —

צי זענען שולדיג די אידישע שרייבער, וואס „מאכען“ נישט קיין דראמען...

צי איז שולדיג דער ליטעראַרישער רעדעל־פיהרער, וואס האט גוטע זאכען און גיט „שונד“ —

צי קומט אויפצוהענגען דעם אנטרעפרענער, וואס פארלאנגט דורכאויס שמוץ, צוליעב קאסע...

צי אפשר גאר די אידישע אקטיארען אליין, וואס ווילען בעסער פרעהליך מאכען דעם עולם?

גלויבט מיר — א נארישער וכוח געווען...

שולדיג איז דאָס „פּובליקום“, דאָס וויסטע, פאַרשאַלטענע פּובליקום, וואָס האָט אויערען נאָר פאַר שאַרמאַנקע־מוזיק, אויגען — נאָר פאַר אויפרייסענדיגע זאַכען און אַ געשמאַק פון גראָבע, ווילדע מענשען, פון אוממענשען.

דאָס פּובליקום, וואָס האָט אויף „דוד אין דער וויסטע“ דאָס טעאַטער פאַרפולט, בראַוואָ געפּאַטשט, און — אַרויסגערופען דעם אויטאָר...

.1905

6.

פון אידישען טעאַטער.

(הער עפּעלבערג פּראָטעסטירט. „דאָס ווילנער בעל־הבית’ל“).

הער עפּעלבערג איז בייז אויף דער רעצענזיע איבער „דוד אין דער מדבר“ אין „ווענ“ נומ. צעהן.

עס איז נאָך אין אונזער ליטעראַטור קיין מאָדע נישט, מחברים זאָלען אַרויסטרעטען קעגען קריטיקער. הער עפּעלבערג פאַרזיכערט אָבער, אַז ער טוט עס נישט צוליעב זיך, נאָר צוליעב דעם פּובלי־קום, וואָס איך האָב באַליידיגט. גוט. און איך וועל ברענגען וואָרט ביי וואָרט די שטעלען פון פּראָטעסט, וואָס ריהרען אָן די זאַך (דאָס פּערזענליכע לאָז איך פאַר מיר) און וויל אויף זיי ענטפערען, נישט צוליעב מיר און געוויס נישט צוליעב הערן עפּעלבערג, נאָר אויך צוליעב אַנדערע: צוליעב דעם פּ ו ב ל י ק ו ם, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערען געשמאַק; צוליעב דעם אידישען טעאַ־טער, וואָס עס איז שוין צייט, עס זאָל האָבען אָפּגעפּאַקט און אָפּ־געמאַזעלט מיט שונד־שטיק און אָנהויבען וואַקסען, און צוליעב דעם אידישען שוישפּילער, — מען זאָל פון איהם קיין פּורים־שפּי־לער נישט מאַכען...

און אויב דער הער עפּעלבערג פאַרזיכערט צום סוף פון זיין פּראָטעסט, אַז „אַלע אַקטיאָרען, וואָס האָבען געשפּילט אין זיין פּיעסע, זענען שטאָלץ אויף זייערע ראָלען“, מוז איך, צוליעב דעם אמת, אויסזאָגען אַ סוד פון חדר: אין רעדאַקציע פון „ווענ“ זענען

געקומען צוויי פון די בעסטע שוישפּילער און האָבן, אַלס דעלעגאַטן פון דער טרופּע, פאַר דער רעצענזיע געדאַנקט...

וואו ליגט דער אמת? זאָלן די שוישפּילער דערקלערן. און אצינד — צום פּראָטעסט:

הער עפּעלבערג שרייבט:

אויב איהר ווילט זעהן שמואל הנביא הינטער בית־לחם — נישט אין בית־לחם און נישט ביי קיין עמוד, נאָר — שטעהן ביי א מזבח מקריב זיין א קרבן, הינטער איהם צוויי כהנים און דאָס פאָלק צווישען זיי אויך ישי פון בית־לחם, קניען אַרום מזבח און מתפּלל זיין צו גאָט. (שמואל א׳ ט״ז).

דאָס, וואָס אויף דער סצענע איז געשטאַנען א הילצער־נער עמוד, נישט קיין געמויערטער מזבח; די צוויי ליכט פאַר׳ן עמוד, די שלאָף־מיצען אויף די כהנים׳ס קעפּ, די שורה מוידען, רעכטס ביים „מזבח" — דאָס אַלץ פאַרשלינגט הער עפּעל־בערג, וואָס האָט אַליין דאָס שטיק רעזשיסירט, און גאַרנישט! ער פאַררופט זיך נאָך אויף שמואל א׳ ט״ז, וואו עס ווערט גערעדט פון קרבנות, אַבוואָל דער איינציגער קרבן ביי דער סצענע איז גע־ווען נאָר דער שוישפּילער.

הער עפּעלבערג זשעניִרט זיך אָבער נישט און רופט ווייטער:

אויב איהר ווילט הערען פון שמואל הנביא׳ס מויל —

קלוגע ווערטער, ווי שעהן ער ברענגט אַרויס גאָטס רייד: „ואני מאסתיו ממלוך על ישראל" — אַז שאול׳ן האָט גאָט פאַר׳מאוס׳ט פון צו זיין א מלך איבער ישראל — ווייל ער איז צו האַרט פאַר׳ן פאָלק, און זאָגט דאַביי — נישט ווי דער קריטיקער שרייבט פון א נאַגייקע — א וואָרט, וואָס געפינט זיך נישט אין דער גאַנצער פּיעסע — נאָר:

„מע ציטערט פאַר׳ן קאַנטשיק, מע פּלאָטערט פאַר דער ריט,
„אָבער פאַר זיי אַבטונג האָבען, דאָס קיינמאָל נישט..."

אַלזאָ — קאַנטשיק, נישט נאַגייקע!

שאול האָט פאַרלוירען די מלוכה, ווייל ער האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ אויסצוראָטען די עמלקים פאַר זייער פּעטערס זינד, און הערן עפּעלבערג איז ער דער פאַרשטעהער פון דער נאַגייקע — פאַרדאַן — פון קאַנטשיק!

די נביאים — ווייסט הער עפּעלבערג — וואָס שטעלט זיך

נאר אויף פסוקים — „די נביאים האבען ליעב צו רעדען מיט משלים“. זאגט טאקע שמואל א משל —

פון א לייב מיט א וואלף, אז שאול פון שבט בנימין. וואס יעקב האט אין זיינע ליעדער געגליכט צום וואלף, דארף נישט קיין קעניג זיין, נאר איינער פון שבט יהודה, וואס יעקב האט פארגליכענט צום לייב. און דאביי דערקלערט ער זיי דעם לייבס אייגענשאפט: אז ער ווארפט זיך זעלטען אויף א מענש, און ווען דער מענש אנטלויפט נישט פאר איהם, נאר קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווארפט זיך נישט אויף איהם דער לייב, ווי די נאטורפארשער באשרייבען דעם מלך פון די חיות.

גרויסארטיג איז דער „זעלטען“ — הער עפעלבערג איז גענים, זעהט איהר, אפילו אין נאטור־געשיכטע... און פיליכט באטייט דער „זעלטען“: שטענדיג, נאר אויסער, ווען דער לייב שלאפט... אדער: ווען ער איז טויט... און דער משל ווערט דערצעהלט —

כדי צו דערקלערען, פארוואס גאט וויל נישט האבען שאול'ן פאר א מלך.

שאול, הייסט עס, האט פארצוקט, כאטש מען האט איהם נישט געקוקט אין די אויגען אריין; ליידער האט ה' עפעלבערג אויף דעם קיין פסוק נישט...

און אבוואל אהן א פסוק, רופט ער ווייטער אין קרעמעל אריין:

אויב איהר ווילט הערען דוד בן ישי זינגען א קאפיטעל פון זיין תהלים: „השמים מספרים כבוד אל“, מיט אן אמת זיסען פאסטור ניגון און שיסט נישט פון א רעוואלווער מיט פולווער, דען עס הערט זיך א שטומפיגער קלאפ, ווי פון א בויגען.

און דאס, וואס דאס געעהרטע פובליקום, פאר וועלכען הער עפעלבערג נעמט זיך אזוי אן, הערט א חזנ'ישע, נישט קיין שעפעריש זאך, און ווערט פארציטערט פון א שאס פון א פיסטויל, נישט עפעס אנדערש... און דאס, וואס די פייל פון בויגען גיט נישט קיין שטומפיגען קלאפ, נאר א פייף אין דער לופט— דאס אלץ מאכט נישט אויס... שעהן איז, מיינט הער עפעלבערג צו

זעהן, ווי דוד לויפט צו מיט מוט און טוים א ליעב, וואס האט זיך געווארפען אויף זיין הערדע, און הערען די שעהנע פראזא:

„האסט געוויזען דעם שטאלצען טירישען קעניג, אז צום
„זיג איז בלויז גבורה נאך וועניג.
און שפעטער אויף מיכל'ס זאגען:
„אך, ווי געפעהרליך איז דאס לעבען אין וואלד!
„ענטפערט ער:
„נישט מעהר ווי אין שטאדט... גאט איז איבעראל. די
„צוויי־פיסיגע חיות אין מענשען־געשטאלט זענען געפעהרלי־
„כער ביי דעם בעסטען פאל... מען קאן זיך נאך איינהיטען
„פאר די פיינט; אבער גאט העלף פון פארשטעלטע פריינד!"
עס איז אפילו מיט גראמען, אדער, ווי הער עפעלבערג זאגט: שעהנע פראזא... עס איז אפילו נישט שעהן זיך אליין און בפרט אזוי נאריש צו לויבען, נאר וואס טוט עס נישט א מענש צוליעב דעם כבוד „פון פובליקום"...

אויב איהר ווילט זעהן אן אמת־אידעאלישע אידישע טאכ־טער, מיכל בת שאול, וועלכע, כאטש איהר פאטער האט געהאלטען מיט שטאלץ דעם צעפטער אין דער האנט און נאכגעגאנגען די תאוות פון יענע צייטישע מלכים, האט געהאט א הארעם מיט פרויען א. ד. גל. דאך איז זי, מיכל, דערגעגען דעם פאטערס פיה־רונג צום פאלק. און ווען שאול רופט אן דעם פאלק: מורדים, זאגט זי:

„דאס גאנצע פאלק! הייסען זיי מורדים ביי דיר?
„האסט דו פארגעסען ווער דו ביסט געוועזען פריהער? פא־
„טער! האסט דו דיר די קרוין אליין גענומען? האסט דו זי
„בירושה פון דיין טאטען באקומען? גאט האט זי דיר גע־
„געבען, האסט געהאט די ווערט; אבער זי פאסט נישט פאר
„דעם, וואס לעבט מיט דעם שווערד! די קרוין איז נישט
„מיין אייגענטום! פארלאנגסט צופיעל! זי געהער דעם פאלק,
„ער קאן זי לעגען אויף וועמעס קאפ ער וויל!"
און ווייטער דאס זעלבע. ה' עפעלבערג שטעהט אויפ'ן פסוק און קען נישט דעם פסוק — איבער דער שעהנקייט פון זיין „פראזע" נישט צו רעדען —

און זי וואלט קאנען קריגען א מלך אדער וועניגסטענס א העלד פאר א מאן, אבער זי וויל בעסער אן עהרליכען פאס־טור, איינעם פון די דאמאלטיגע צוויי ארבייטער־קלאסען: ערד־ארבייט און פיהצוכט. אויך דאן, ווען זי ירש'נט צוזא־מען מיט דוד'ן דעם פאטערס קרוין, האלט זי א רעדע ביים טראן וועגען דער קרוין און זאגט:

„הערט אוים העלדען א. ז. וו.

„דער ערשטער מלך איז געוועז צופיעל פארפיהרט; ער
„האט מיט זיין מלוכה קעגען פאלק שטאלצירט, ווי אלע די.
„וואס ווערען — גרויס פון קליין, פארגעסען, על פי רוב, ווער
„זיי זענען געוועז...“

דערנאך זאגט זי נאך:

„מיכל בת שאול איז נישט די מלכה פון די היידנישע
„קאנטען; א אידישע מלכה דארף קיין צירונג, קיין ברי־
„ליאנטען; דוד בן ישי דארף קיין הארעמס נישט צו הא־
„בען; זיינע תאוות האט ער אין די וויסטע באגראבען. זיין
„הארעם וועט דאס ערשטע בית־המקדש זיין, און דער תהלים
„—זיין געזאנג און זיין וויין...“

ווי געפעלען אייך מיכל בת שאול'ס ליבעראליזם, די דאמאל־טיגע צוויי ארבייטער־קלאסען? דער אויסוואהל: א מלך אדער א העלד? דער י ח ו ם אין שאול'ס צייטען? טאמער ווייסט איהר, ווען און מיט וואס שאול האט שטאלצירט קעגען פאלק, אין תנ"ך אדער, להבדיל, גאר אין דער „פיעסע“? ווי געפעלען אייך די „היידנישע ק א נ ט ע ן“?... דו געניטקייט און דאס קלארע וויסען, אז דוד בן ישי דארף נישט קיין הארעם? אז זיין הארעם וועט זיין דער בית־המקדש, וואס גאט וועט דעם גוטען, הארציגען דוד נישט לאזען בויען, ווייל זיינע הענט זענען באפלעקט מיט בלוט?

נאר אמת איז, אז דאס תהלים דארף זיין דוד'ס „וויין“, נישט „ווייב“, ווי איך האב, זעהט אויס, שלעכט געהערט, פארפיהרט פון „הארעם“...

און ווייטער „אויב און אויב“ —

אויב איהר ווילט זעהען דוד המלך'ס גוטסקייט. ווי דער פסוק שטעלט איהם פאר, ווען שאול מיט זיינע העלדען זענען

געשלאָפֿען אין דער מדבר זיף און דוד איז צו צו שאול'ן און אוועקגענומען זיין שפּיז און קרוג, און אַרויף אויפ'ן באַרג זיי אויפוועקען פון דאָרט (ויבא דוד לילה והנה שאול שוכב ישן וכו' ואבנר והעם סביבותו וכו' ויקח דוד את החנות וכו' ויעמוד על ראש ההר ויקרא וכו' שמואל א' כ"ו).

נאָר אין פּסוק זינגט מען נישט און אביעזר טרעט נישט איי־בער קעפּ און פּיס...

אויב איהר ווילט הערען, ווי דוד רעדט צו אבנר'ן, ווען דער לעצטער טראָגט איהם פאַר די אידישע קרוין, און ער, דוד, שטעלט איהם אַ באַדינגונג, אַז ער מוז איהם פריהער ברענגען מיכל בת שאול (לא תראה את פני כי אם לפני הביאך את מיכל בת שאול, שמואל ב' ג') און זאָגט:

מיין נישט, אַז די תאוה דיקטירט מיר אַזוי,

„ניין! איך וויל עס לכבוד המת משיח אדוני."

וואָרים, ווי קומט ת א ו ה צו „דוד המלך"? אי וואָס: פּלגשים—בת־שבע—גאָרנישט, דאָס איז אין דער פּיעסע נישט דאָ...

און ער כאָן רעדט הער עפּעלבערג ערנסט, מכאן ואילך, פאַר־געסט ער, אַז פאַרטיידיגען דאָס פּובליקום דאַרף מען „בכובד ראש" און הויבט זיך אָן צו וויצלען...

הער עפּעלבערג! צי ווייסט באמת נישט דוד המלך (אין איי־ער „פּיעסע", נאַטירליך), אַז ער איז געבליבען אָהן אַ שווער, אָדער איהר האָט שוין די שטעלע אַרויסגעוואָרפען פון שטיק? הער עפּעל־בערג, אַ מכשפה מעג זיין אָהן ציין, נאָר אַ שרייבער מוז האָבען טאַלאַנט... הער עפּעלבערג — אַ האַרעם האָט געהאַט דוד, נישט שאול, און אין האַרעמען ווערט מיט מענער נ י ש ט געטאַנצט... נאָר גענוג...

הער עפּעלבערג האָט אויך אַסך פון מיינע מענות פּ אַ ר־ש ו ו י ג ע ן... און זיין פּראָטעסט מיט מיין ענטפער האָבען שוין צופיעל פּלאַץ פאַרנומען. מיר וועלען איבערגעהן צום „ווילנער בעל־הבית'ל".

די טעמא איז צום באַאַרבייטען זעהר אַ שווערע. דאָס וויל־נער בעל־הבית'ל איז געוואָרען אויס פּאַקט און איז נאָך נישט קיין לעגענדע געוואָרען. און ווען פּיליכט דערצו נישט קומען. און —

דער צווישען־מאמענט איז אם שווערסטען צו באַ־האנדלען. עס איז אזוי נאָהנט און דאך אזוי ווייט, און דו ווייסט נישט, וואו זיך צו שטעלען קעגען דער זאַך און ווי אזוי צו מאָלען.

אויף דער סצענע זעהען מיר דאָס ווילנער בעל־הבית'ל נאָך אין דער היים, שבת פאַר'ן אוועקפאָהרען מוזיק שטודירען קיין ווארשוי, אהין ציהט דאָס „שטרעבען" צו העכערע וועלטען. אהין רופט איהם אויך א יוגענד־באַקאַנטע, א שטיקעל גרעפין, דאָכט זיך, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין מאַניושקים הויז, היג־טער ווילנא. דער פאָטער זיינער (דעם ווילנער בעל־הבית'לס) — אַן אלטער חזן, וואָס האָט אויך אמאָל „געשטרעבט", שרעקט זיך פאַר ווארשוי, דאָרט קאָן מען לייכט אראָפּ פון וועג. דעם ווילנער בעל־הבית'לס שוועסטער — א מין סימבאָליש־דעקאַדענטיש־קראַנקע פערזאָן און דאָצו, צום גרעסטען עפעקט — א בלינדע, האָט א פאַר־געפיהל, אז זי הערט דעם ברודערס זינגען און שפּילען צום לעצטען מאָל — די שווינער ציטערט אויך פאַר'ן ווארשעווער יצר־הרע, נאָר דאָס ווייב, דעם ווילנער בעל־הבית'לס, א פאַרצוי־גענע, פוילע, עגאָאיסטישע בת יחידה — פרעהט זיך — ער וועט צוריקקומען און ברענגען מתנות, דער עקר: א מאַנטעל, אזוי ווי דער, מיט וועלכען א געוויסע גבירה פּאראַדירט אין דער ווייבער־רישער שול...

דאָס בילד טוישט זיך און מיר זעהען שוין דאָס ווילנער בעל־הבית'ל נאָך א גליקליכען קאָנצערט, אין דער גרעפינס סאַלאָן, אין ווארשוי. מיט'ן קאָנצערט האָט ער אָפּגענומען די וועלט, אל'ן זיך צו די פיס געוואָרפען און שכור פון כבוד (אין בעסערען זין) און פון דער ליעבע צו דער גרעפין, איז ער גליקליך — ער פאָהרט מיט איהר ווייטער שטרעבען — קיין איטאליען.

פאָהרען פאָהרט ער דאָך נישט. דער פאָטער באַווייזט זיך, דער אלטער חזן, וואָס איז געקומען נאָך איהם. ער וויל'ן אהיים נעמען, ער דאַרף נישט זינגען פאַר פרעמדע, זיין געזאַנג געהערט צו זיין פאָלק, נאָר צו „כל ישראל" — און ער געהערט נישט צו דער גרעפין אין ווארשוי, נאָר צום ווייב מיט די קינדער אין ווילנא. א מלחמה אין ווילנער בעל־הבית'לס הארץ... גובר איז די אי־דישקייט — ער פאָהרט אהיים, ער רייסט זיך אוים פון דער פרעמד.

ער רייסט אבער אויס נאר מיט'ן גוף; זיין נ ש מ ה איז געבליבען אין דער פרעמד, אהיים פאהרט נאר א גולם פון ווילנער בעל־הבית'ל... מיט דער נשמה צוזאמען האט ער דעם געזאנג פאר־לוירען. (איינמאל אין לעצטען אקט וועט ער נאך שפּילען, און צו־ברעכען דאס פידעלע — דאס וועט זיין פאר'ן טויט!) ער האט אפילו די שפּראך פארלוירען, דעם ווילען צו רעדען... נאך וואס?

מיר זעהען איהם שוין קראנק אינמיטען וועג פון ווארשוי קיין ווילנא; אין א קליין שטעדטעל, אין א חסיד'ישע קלויז. פאר וועל־כער די בויד האט זיך אפּגעשטעלט מיט די פארשוינען. אין קלויז רעדט מען פון איהם, נישט וויסענדיג ווער ער איז. פון דערוויי־טענס — א שטיק וועגס פון ווארשוי — ווערט ער שוין א שטיק לעגענדע... דער „רבי ר' מיכל" האט פון איהם נסים ונפלאות דער־צעהלט — צוזאמענגעקנעטען די מלכה שבא (די גרעפין), דוד המלך'ס פידעלע, אשמדאי, שלמה־המלך'ס סוף און א מעשה נורא געמאכט! דאס בעל־הבית'ל (דער פאטער איז ארויסגעגאנגען זו־כען אן אפּאטייק, צו קויפען אביסעל וויין פאר'ן קראנקען זוהן) שווייגט... נאר אז עמיץ זאגט, אז ער איז געשטראפט געווארען פאר א שרעקליכער זינד: ווייל פריהער, ווען ער איז נאך חזן גע־ווען, האט ער נישט געזונגען פאר גאט און נישט פאר כל ישראל, נאר פאר זיין אייגענעם כבוד וועגען, — שטעלט ער זיך אויף און בעט זיך: ניין, זאגט נישט אזוי... „פון וואנען ווייסט דו?" „איך בין עס!" — לאכט מען, ווי דער ר' מיכל וויל, „אני שלמה", זאגט ער...

דאס בעל־הבית'ל פאלט צוריק אין זיין אפּאטישען אומעט אריין, און דערוואכט ערשט ווען בלאזשיצקי (א שליח מיוחד פון דער גרעפין אויס ווארשוי, וואס יאגט'ן נאך) קומט אריין און וויל'ן נעמען צוריק... ער שפּרינגט אויף, קריגט א נייע נשמה, ער לויפט, ער פאהרט...

נאר אזוי ווי ער איז נישט געבליבען אין ווארשוי, אזוי פאהרט ער נישט צוריק... דער פאטער האט'ן ווייטער, אפּנים, אפּ־געראטעוועט.

און מיר זעהען צולעצט דאס ווילנער בעל־הבית'ל צוריק אין דער היים... ווייטער א גולם — א גוף אהן א נשמה. ער שפּילט

צום לעצטען מאָל, צובריכט דאָס פידעלע, די שוועסטער פאַלט און שטאַרבט... ער פאַלט און שטאַרבט...

— ברוך דין אמת!

נאָר, ווי עס איז, איהר זעהט אַ פּראָבלעמע; אַן עכטע דראַמאַטישע אויפגאַבע.

צי האָט ה׳ ארנשטיין זי אויסגעפיהרט? דאָס איז די פראַגע.

ווילנא זעהט מען נישט, גערעדט ווערט אין ווילנא, וואַרשוי, אין מיט וועג אין אַ חסיד׳ישער קלויז — וואָלינעריש... איבער מוזיק ווערט גערעדט אזוי באַנאַל, אזוי פּוסט, אז מיכל בת שאול וואָלט עס געמענט נעמען פאַר א טראָן־רעדע, מוזיק—געזאַנג—איי, איי, איי... עס פעהלט נאָך: פּיש, פּיש, פּיש... אין דער דראמאַ שלאָגען זיך רעאַליזם (די קלויז), סימבאָליזם (דאָס פידעל צוברעכען), שטימונג (די בלומען הינטער דער בלינדער שוועסטערס פענסטער, א דערטרונקען הייזעריג שניידערל), און אַלערליי ליטעראַרישע פאָרמען. געזונגען ווערט אין אַ אידיש־חזנ׳ישען הויז, ווי אין דער וואַרשעווער דייטשער שול, עס פעהלט נאָר אַן אָרגעל... מאַסענהאַפט ווילד־פרעמדע מאָטיווען, שטרעבען — נאַציאָנאַל מאָטיוון (זינגען נישט פאַר פרעמדע, — פאַר כל ישראל — זיי האָבען פיעל, מיר — נאָר דיך איינעם) און אַנהייפעניש פון גאַנץ איבעריגע זאַכען און מאָמענטען, א. ד. ג.

אָבער נאָך דעם אַלעם — אַ דראַמע.

גוט געשפּילט האָבען: קאַמינסקי (דאָס ווילנער בעל־הבית׳ל), קאַמינסקא (זיין שוועסטער: לאה) נאָר אביסעל איבערטריבען, ווייל עס איז זיך זעהר שווער צו האַלטען אין ראָלע, וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָליסטיש־דעקאַדענטיש אין אַ אידיש־ליטווישען הויז פ א ר צ י י ט ע ן! ליבערט (לאה׳ס פאָטער), פרוי יערמאַלין (מלכה, דעם בעל־הבית׳לס שוויגער) נאָר איבערטריבען גרימירט א. א. אַמבעסטען האָבען דאָך אויסגעפיהרט זייערע ראָלען: מאַדאָם סיעראַצקא (דבורה) און ווייסמאַן (אַלס בעל עגלה), ווייל דאָס זענען די איינציגע רעל באַהאַנדעלטע און גאַנצע פּערזאָנען. כאַדאַם טרילינג האָט געהאַט אַ זעהר אומפּאַסענדע ראָלע, וואָס האָט זיך געשלאָגען מיט איהר כאַראַקטער און נאָך מעהר מיט איהר וואוקס און יאָהרען, אַזוינס דאַרף נישט געשעהען, עס מוז זיין אַ

פיין פאר דער שווישפילעריין; עס פעהלען יונגע קרעפטען אין דער טרופע...

נאר ווייטער דאס זעלבע: דלות, דלות...

און „דוד אין דער וויסטע" גיט מעהר קאסע, ווי דאס ווילנער בעל־הבית'ל...

1906.

7.

אוי, דלות, דלות.

(טעאטער פעליעטאן)

קענט איהר די סוכה, אין וועלכער מיר נעמען אויף אונזערע טייערסטע און הייליגסטע געסט — די אושפיזין? קענט איהר דעם פלאץ אויפ'ן הויף, אויף וועלכען די סוכה שטעהט? דאס מאטעריאל, פון וועלכען זי איז געשטעלט?

אויפ'ן מיסט. צווישען ברעטער, טירען פון איבערגעבויטע הייזער רופען מיר מלאכים און אבות, און צדיקים צו גאסט, און דאס איז דער זכר פון דער אמאליגער פרייער סוכה אויף פרייע ווייני־גערטנער און פעלדער!

קענט איהר די הייזער, אין וועלכע מיר ביסען אוים אונזער הארץ פאר גאט? וואו מיר וויינען פ א ר און נ א ך פאנ־ראמען? וואו מיר קומען, בלייכע און וואקעלדיגע, און נאך א תענית, לייענען „ויחל"; און טאנצענדיג, יום־טוב, זינגען „היום תאמצנו?"

קענט איהר די קויטיגע פארלאגע פון א גאנץ יאהר און דעם בייסיגען שטויב פון אלטען היי יום כפור? קענט איהר די שווא־רצע ווענט, דאס שפינוועבס אין די ווינקעלעך, די צושניצטע, פאר־פלעקטע מיט חלב באנגעסענע טיש און בענק? געדענקט איהר די אויפשריפטען „משנכנס אדר מרבין בשמחה" אוים חלב און ריעם? געדענקט איהר דאס ציטעריג־פאריתומ'טע מאיר־בעל־הנס ליכטעל.

אין ווינקעלע די פאַראָסטעטע צדקה־פושקע, דעם פאַרשטויבטען ארון־קודש מיט׳ן פּעטען פּרוכת?

קענט איהר דאָס אידישע בית עלמין?

איך רעד נישט פון דער הויפּט־אַלעע אויפ׳ן וואַרשעווער קברות ווי איך האָב פריהער נישט גערעדט פון דער דייטשער שול — דאָס א י ד י ש ע בית הקברות מיין איך — די פּאַשע פאַר ציגען און בהמות...

קענט איהר די „הייליגע״ מצבות? די איינגעגראָבענע, אויס־געבויגענע, מיט גראָז און אַלערליי קרייטעכצער באַוואַקסענע „תנצב״ה׳ס״, די איינגעפאַלענע האַלב איינגעזונקענע „לזכר עולם׳ס״ דאָס האַלב אויסגעפוילטע, האַלב אויסגעשטויבטע „אייבינע געדעכ־ניש?״

די לופט פרעסט, דער רעגען וואַשט, די ערד ציהט אריין אין זיך, און די נישט־איינגעמויערטע אידישע מצבה, מיט די צוויי הענט צום כהנים־דוכן׳ען, מיט׳ן צדקה־פושקעלע און אריינפאַלענ־דיגער מטבע, אָדער מיט׳ן קליינעם ספרים־שענקעל — די אידישע מצבה זינקט און זינקט —

און קענט איהר דעם אידישען חדר?

דאָס נאָס פינסטערע געפענגניש, וואו מיר האַלטען אונזערע קינדער?

און קענט איהר דאָס אידישע טעאַטער?

אויסשפּייען פלעגט אַן אַלטער משכיל פאַר׳ן אידישען „מנין״, פאַר דער סוכה, פאַר׳ן חדר, פאַר׳ן בית־עלמין...

— חזיר־שטעלכעל, אָדער גלאַט אַ שטעלכעל, זאָגט דער מאָ־דערנער קריטיקער אויפ׳ן אידישען טעאַטער...

און דאָך, שולדיג איז דער דלות...

דאָס אידישע טעאַטער קען קיין אויסנאַם נישט זיין.

דאָס טעאַטער דאַרף זיין אַן אַנשטאַלט צום ערציהען דעם

גרויסע, און עס קען נישט בעסער און שעהנער זיין פאר'ן חדר, וואו עס ווערט ערצויגען דאס קינד...

צוזאמענגעשטעלט איז עס פון אלטע ברעטער, ווי אונזער סוכה; אזוי ריין, ווי אונזערע „שטיבלעך“, עס שטעהט אויך אזוי זייער און רעכט, ווי אונזערע מצבות...

זאל נאר א גאראדאוואי געבען א בלאז, פאלט עס איין.

ווער האלט אונטער דאס טעאטער?

חסידים און בעלי־בתים נישט — רייכע און אסימילאטארען נישט — דער פראלעטאריער ק ע ן עס נישט אויפהאלטען. ער האלט קוים זיך אליין אויף! — אין טעאטער אריין קומען: בעלי־חובות, קרובים פון אנטרעפענער און אקטיארען, נעכטיגע און מארגענדיגע סטאטיסטען — רעצענזענטען, מיטארבייטער און זעצער פון צוויי דריי אידישע בלעטער און נאך איינציגע צ ו פ ע־ ל י ג ע געסט...

אויף וועמען צו שטיצען האט זיך דאס אידישע טעאטער נ י ש ט. און אויב א טעאטער האט זיין פובליקום נישט, מוז עס ארייננארען פון גאס, ווי אין א באלאגאן אריין, מוז עס זיין נח'ס תיבה מיט אלע חיות, א כל־בו פון זינג־טאנץ, שפרינג, שריי־ענדיג, וויינענדיגע סצענען...

די האט א דראמאטישען טאלענט און מוז זינגען. יענער קען גוט לאכען און מוז, — ווען גארדין אדער הורוויץ הייסט—וויינען. יענע איז א לעבענדיגער קוואל פון הומאר און האט א זילבערען גלעקעל אין האלז, און מוז זינגען א הארצרייסענדיגע ודוי. פאראן א הומאריסט, גיט איהם א קאמעדיע, נישטא קיין ריינע קאמעדיע, ווי עס איז נישטא קיין ריינער פארם — אלץ מוז זיין אויסגעמישט און צוקנוידערט. א „פארשידענעס“, ווי אין פלייש געוועלבעל, א טאפ ביים פייער, אוז וואס מען ווארפט אין טאפ אריין, קאכט זיך; אייגענס, גע'גנב'עטס, פרישס, אלטס, אפילו גאר אנגע־ריהרטס...

און א סובורעטקע מיט א לאכענדיגען קערפער פון שפיץ קאפ ביז צו די שפיץ נעגעל פון די פינגער; מיט פיס, וואס קענען

נישט איינשטעהן און מוזען אונטערטאנצען, מיט אויגען, וואס שפריצען זינדיג געפארבטע פונקען, ווי א שמידעריי, מוז זיך פלוצלונג א שטעל־אנידער טון און האלטען אז ערנסט־פייערדיגע רעדע וועגען מענשהייט, קעגען בלוט־פארגיסען, קעגען יאגען און פלאגען די כנסת ישראל. „אלע מענשען — זאגט זי — זענען מענשען — אוועק מיט דער אינקוויזיציע!“

און כל־בו׳ס מוזען זיין די שטיק, יעדען אווענט כמעט קאלע־רען זיך דורך, ווי אין קאלעידאסקאפ גרויס־אינקוויזיטארען, לייבען אין שאפענע פעלצען, אלטע קעניגען אונטער׳ן ארים מיט יונגע סוברעטען, אויגוסטען און בר־כוכבא׳ס, און לצים, און קוימענ־קערערס, און וואס איהר ווילט!

און די קאסטיומען, און די אויסשטעלונג!

בערלינער סאלאנען אהן וועגט, הורקנוס אויף א פאטשייא־ווער פאטער־שטול. מר זוטרא וועט אמאל ארייגפאהרען אויף א וועליסאפעד, — עלעקטרישע באלייכטונג האט ער שוין! און מי־רעלע אפרת, די פראווינציאנעלע מיוחסת, שרה שיינדעל, א פרומע רבי׳צין, וואס טאנצט דעם ליעבען פובליקום צוליעב, א ראד מיט מענער, און א דייטשער מיטעל־אלטישער הערצאג, און א גראס־אינקוויזיטאר פון שפאניען, און אחשורוש, דער מלך פון הודו ביז כוש, די אלע זיצען פאר אן אלט סערוועטען־טישטוך... בא, דיזעלבע לייט, וואס פיהרען אלס דינער איין אן אקט א שפיל, זעצען זיך אין א שפעטערען אקט אין די זעלבע קאסטיומען אין קעניגליכען פא־לאץ צום טיש אלס סנהדרין...

און דאס איז אויך נישט לייכט צו דערגרייכען... מערסטענ־טיילס ווערט געשפילט ערגעץ אין דרויסען — שטעהענדיג אויף די פיס!

— קומט, בעלי־בתים, אין טעאטער אריין, וועלען מיר עס קאנ־נען אנטוויקלען — זאגט דער אידישער אקטיאר.

— מאכט נישט א טעאטער, וועל׳מיר קומען, — זאגט דער אידישער בעל־הבית.

און דערווייל געהען טאלאנטען פארלוירען, אונזער געשמאק

ביים אנגעלאפענעם, צופעליגען פובליקום, פארדארבט זיך פון טאג צו טאג...

אוי, דלות, דלות!

און דלות מאכט קאנקורענץ.

מיר האבען שוין א דריטע טרופע אויף מוראנאוו, עס וועלען זיין נייע פאס־פארטו׳ס...

.1906

8.

גארקי׳ס „אויפ׳ן לעצטען שטאפעל“.

געשפילט אין ווארשעווער אידישען טעאטער.

ערשטענס — „אשר קרך בדרך“ — טרעף איך א גוטען פריינד אויפ׳ן וועג — א „קאפעליוש פריינד“ — „אווענט“ — „אווענט“. ווי געוועהנליך; א ציה ביי דער מיץ (עס איז ד א ך ווינטער) א דריק ביי דער האנט און אפגעשטעלט זיך: ער פארטרעט מיר דעם וועג אויפ׳ן שמאלסטען טראטואר אין עק כמיעלנא פון דער נייער וועלט. מיט איין ווארט — א באגעגעניש.

— אין טעאטער אריין, הע?

איך שאקעל מיט׳ן קאפ אויף „יא“.

— אויפנעמען מאטעריאל אויף א פעליטאן?

איך שאקעל נאך אמאל מיט׳ן קאפ אין דער לענג, און שווייג פאר שרעק, עס זאל זיך נישט מאכען קיין „געשפרעך אויף דער־זוייל“, ווי ביי ווייבער ביים געזעגענען זיך אין פעדער־הויז.

— הום... — מאכט מיין שכן, נישט זעהר צופרידען. — איך וויל מיך דערמיט באנוצען, שטרעק אויס די האנט, שטעל שוין אויס א פוס; מיין „קאפעליוש־פריינד“ נעמט אבער ארויס דעם גאלדענעם זייגער פון וועסטען־טאש און, זעהענדיג, אז, „עס איז ערשט דריי פיערטעל אכט“, עפענט ער אויפ׳ס ניי דאס מויל:

— נישט גלייך! — זאגט ער.

מיין פנים פארקרימט זיך אויף א פראגע־צייכען —

— דאס שרייבען פון טעאטער!

און ער צוהיצט זיך פלוצלונג. פלאמט אויף, ווי טרוקען שטרוי:

— היינטיגע צייטען... האמעל... אנארכיסטישע אנפאלען... בעלי־בתים באקומען קיין דירה־געלט נישט... אהן קרעדיט... מען מאכט אפילו קיין „היפאטעקען" נישט... דלות... נישט זיכערקייט מיט'ן לעבען... רעפרעסיען... געשיסעריי... פחד פאר נייע פאגראמען — — —

איך מאך אז אומגעדולדיגע באוועגונג: ער לאזט מיך אבער נישט קומען צום ווארט —

— איך וויים... איך ווייס: אידישע קולטור, אידישע קונסט — אידישע נשמה... וויכטיג, זעהר וויכטיג — אויסרייניגען די שטאל — מען מוז ארויסטרייבען די סוחרים פון בית־המקדש — דעם פובליקום אריינפליסען געשמאק — אבער, מענש! האמעל און טעאטער! א נאך־נישט־פארלאשען פייער און די סצענע, נאך נישט פארטריקענט בלוט און די ביהנע!

— און דו, וואו אהין געהסט? — האק איך איהם איבער מיט א שטימע פון א קאלט־וואסער־גוס אויף א צוהיצטען קאפ.

— איך? — פרעגט ער איבער, נאך אמאל ארויסכאפענדיג דעם זייגער — שוין אכט — איך? איך געה אין צירק אריין...

ברוך שפטרני; איך געה ווייטער, און טראכט: ווי אזוי וועט ארוים גארקי'ם „נא דניע" אויף דער אידישער סצענע?

אזא פרעמד לעבען, אזוי אייגענארטיג רוסיש, און פון סאמעראדנע קעסעל־גרוב אין רוסישען וואסער — צי וועט זיך דער אידישער אקטיאר קאנען איינטראכטען, איינפיהלען און איבערגעבען די זאך? און ווי וועט זיך פארהאלטען דאס פובליקום צו א דראמע אהן א „מעשה נורא", אהן טענץ (כאטש גארקי'ן איז זעהר לייכט געווען אריינצופיהרען א שארמאנקע, און הייסען דעם עולם כאפען א טענצעל...), אהן גרויסע געשעהענישען? צי וועט עס פארשטעהן דעם גרוי־געמאלטען גיהנום, אהן דער אויפשריפט: „כל באיה לא ישובון"?

אין א ל ג ע מ י י ן זענען זיך די ספקות צורונען באלד נאכ'ן אויפגעהן פון דער פארהאנג: נאך די ערשטע עטליכע באוועגונגען, נאך די ערשטע עטליכע ווערטער, איך זעה שוין, אז דער

אידישער נע־ונד׳ניק, מיט זיין גלות־פעהיגקייט צו לעבען אין אלע סטרעפען, צו עסען ברויט פון אלע אויווענס, בעסער געזאגט: צו הונגערען אויף אלע „ארבע כנפות הארץ" — וועט בייטשטעהן!

איך זאג „אין אלגעמיינעם". ווארים די איינצעלהייטען שעדי־גען. די „איבערזעצונג", „געמאכט פון אן אקטיאר במשך פון צוויי וואכען" (ווי מען האט מיר מיט שטאלץ דערצעהלט „פון א זיבע־רער קוועלע") — אזא געשווינדע ארבייט און נישט פון א פאך־מאן, האט געמוזט האבען ערטער, ווי א ריב־אייזען, האט געמוזט האבען פעהלער צום ארויספלאצען מיט א געלעכטער... ווארים מא־דאם טרילינג — א קארפולענטע, נישט־ריהרעוודיגע, עלטערע פרוי, די גרויסארטיגע מוטער אויף דער סצענע, האט געמוזט אויסזעהן קאמיש אין א ראלע פון א יונג, שעהן, ראמאנטיש מיידעל, וואס דארף אין די ערשטע אקטען מימיש, מיט באוועגונג און בליק, אויס־שפילען איהר ליעבע און אייפערזוכט, און פייערדיג אויספלאצען ערשט אין לעצטען מאמענט פאר׳ן טויט... ווארים די רעזשיסעריע מיט איהר צווייטען אקט, די נ י י ע לאטעס אויף די אלטע רעק, קאמינסקי׳ס בארד פון א פורים־רב, און אנדערע קלייניגקיי־טען, וואס מען וואלט געקאנט ביי א גוטען ווילען זעהר לייכט באַ־זייטיגען — דאס אלץ האט געשאדט, זעהר געשאדט דער זאך... אבער ווי געזאגט, אין אלגעמיינעם איז געראטען. איך האב פאר־געסען, אז דאס שפילען אידען, רעדען אידיש (אויסער איין „אס־קאר". וואס רעדט אומעטום און דא אויך „ריין דייטש", איין גאט און ער ווייסט פארוואס) און די נשמה איז אראפ אין רוסי־שען גיהנום אריין, וואו די „קרבנות פון דער געזעלשאפטליכער ארדנונג" מאטערען זיך, צאפלען, ווי די פיש אין א נעץ און מוזען אהן רעטונג פארגעהן...

— און דאס שטיק — רוימט מיר איין איינער פון הינטער די קוליסען — דאס שטיק ווערט געשפילט אהן פראבען... די טרופע האט אפגעריסען אלע פראבען... מארגען וועט זי א י נ ג א נ־צ ע ן שטרייקען... א סכסוך וועגען געלט...

איך ענטפער נישט. מיך אינטערעסירט דאס פובליקום. צי פארשטעהט עס גארקי? צי איז עס מיט איהם אראפ אין קעלער אריין. צי פיהלט עס די האלב־שטומע טראגעדיע אין גיהנום אהן

פייער, וואו „געוויסען“ איז ווענינער סחורה, אלס אן אלטע טאש קארטען; וואו עס דרעהען זיך ארום צו פארניכטונג פאר׳משפט׳ע שאטען פון געוועזענע מענשען, וואס דערמאנען זיך אמאל „אלטע“ ווערטער, און ווייסען שוין נישט, וואו און ווען זיי צו באנוצען; וואו געוועזענע באראנען דערמאנען זיך, אז זיי האבען אמאל אין בעט אין דערפריה קאפע געטרונקען (אסקאר רעדט דייטש) און מיט „שמאנד“, און אנדערע לאכען און גלויבען נישט... געוועזענע אק־טיארען, וואס האבען אמאל קופלעטען געזאגט, „טייל צום לאכען, טייל צום וויינען“ און האבען פאר׳שכור׳ט זייער זכרון... וואו מען אטעמט פריי אפ, אז א קראנקער שטארבט, און וועט שוין נישט הוסטען ביינאכט — וואו מענשען כאפען זיך אויף אין דער פריה מיט א פראגע אין דער וועלט אריין: מען האט מיך נעכטען גע־שלאגען... ווער? פארוואס?

— קום אהיים, טאלטשע! — דערהער איך פלוצלונג, ווי מיין שכן, וואס האט זיך מיט אן איינגאנגס־בילעט ארויפגעכאפט ביז צו דער ערשטער רייהע — גענוג, קום! און טאלטשע, א דיקע פרוי, אלא מאדאם טרילינג, הויבט זיך אויף צום געהן.

— א שעהן פארוויילונג! — מאכט מיין שכן, גענוג הויך און שוין אינ׳ם געהן — שכורים, קאטארזשניקעס... און פאר דעם צאהל געלט...

צווישען די אקטען געה איך ארום צווישען עולם.

אין א רעדעל רעדט מען:

— ווי געפעלט דיר „לוקא“ — דער פרומער מגיד מיט די גלייך־ווערטלעך?

— איך זאג דיר: מעהר גנב, ווי אלע... קיין „פאפירען“ האט ער נישט; ווער ער איז, זאגט ער נישט; וואס זיין טון איז, ווייסט מען נישט (דאס, אייגענטליך, איז שוין קאמינסקי שולדיג) און אז עס הויבט זיך אן צו מאכען אן עסק און ער דערפיהלט, אז עס שמעקט מיט פאליציי — מאכט ער פליטה...

אויף אן אנדער ארט זאגט מען:

— עפעס א ווילד־משונה לעבען — — — —

דער רעדנער ענדיגט נישט, עס באוויזט זיך זיין טאלטשע.

גיט איהם א ציפ ביי דער קלאפּע פון שלום־ראָק:
— קום בעסער אין א קאנדיטאריי... גענוג די „סחורה“...

טרויעריג געה איך ארויס פון טעאטער...

אמת, עס איז נישט געקומען דאָס רעכטע פּובליקום פאר גאר־קי'ס „נא דניע“ — עס זענען געקומען די נעכטיגע און אייערנעכ־טיגע געסט, וואָס זוכען „אפּערעטקעס“ מיט כשוף־מאכערינס אין קורצע קליידלעך מיט פעטע ליעדעלעך... און יצר־הרע־פלאַמענדיגע אויגעלעך... געסט, וואָס ווילען איינזאַפּען מיט פארהונגערטע אוי־גען כאָטש עטליכע הייס־לעבענדיגע־זינדיגע פונקען, כאָטש פון דער סצענע אראָפּ, ווייל אין לעבען איז פאראן א טאַלטשע! — מענשען, וואָס קומען אין טעאטער אריין מיט דער זעלבער לוסט צו „פארברענגען“ און כאָטש אמאָל אויפצולאכען, מיט וועלכער דער אידישער לעזער פלעגט מיט עטליכע יאָהר צוריק נעמען א אידיש בוך אין האנט אריין — מען זוכט דעם מארשאַליק, דעם ב ד ח ן, דעם לייכטען, אויבערפלעכליכען, אויסגעלאַסענעם וויץ... מען רייסט איהם פון מויל אראָפּ, פון פידעל אראָפּ, פון טראָמפּייט ארויס — דאָס לעבען איז אזוי שווער, אזוי גרוי... גאָרקי'ס פּוב־ליקום וועט ערשט קומען... עס וועט געוואַר ווערען: היינט איז גע־ווען די „פייער־פּראָבע“ פאר'ן אידישען אקטיאָר, ער איז זי באַ־שטאַנען, ער איז ארויס מיט נצחון, און מאָרגען, אויב מען וועט נישט שטרייקען, וועלען קומען די בעסערע, די העכערע, די, וואָס...

די געדאַנקען האקט מיר איבער א ניי באַגעגעניש.

איך דערקען איהם: א טעאטער־מאַן — אן עכטער ליעבהאַ־בער פון אידישען טעאטער און מיין „שונא“. ער האָט ליעב דאָס אידישע טעאטער, ווי א מאַמע איהר איינציג קינד, און זעהט נישט און וויל נישט, און קאָן נישט זעהן זיינע פעהלער; פיינט האָט זי די, וואָס ווילען איהר די אויגען עפענען... עס איז איהר איינציגע ליעבשאַפט...

ער זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין א לעפעל וואַרעם וואַסער פאַר מיינע קריטיקען, וואָלט ער עס געטאָן אָהן א ישוב!

און ער זיצט לעבען מיר גאַנץ אָפּט אין טעאטער מיט אַנגע־

שמײכלטע אויגען, ווי די עגבער אויף מײן פּנים. מאך איך א קרומע מינע, באווײזט זיך דער לײכטסטער שמײכעל ארום מײנע ליפּען, ווערט זײן פּנים „אנגערוקט“, וואלקענדיג און אין די אויגען זײנע פלאמט אויף א שנאה... אײנמאל, נאך א קריטישען פּעליטאָן, האט ער עס נישט אויסגעהאלטען און ארויסגעפּלאצט, מכלומר׳שט נישט צו מיר, נאר איך זאל הערען:

— קריטיזירען איז זעהר לײכט — דאס קאן א שוסטער אויך!

און דאס האט ער עס מיך דעריאגט און אפּגעהאלטען אין גאס.

— נו, וואס זאגט איהר אצינד? — איהר האט אויסגע־פיהרט? א וויכטיג שטיק? א דראמע איז עס? הא? עס איז אפילו קײן רעכטע ליעבע נישטא! א גנב — א שכור — און ווײ־טער א גנב און ווײטער א שכור — —

— האט איהר — האק איך איהם אבער — נישט חשק עפּעס אין מויל ארײן צו נעמען?

דאגעגען האט ער גארנישט, און איך נעם׳ן מיט אין „באר“ ארײן, דער אײנציגער נאך געבליבענער פּלאץ, וואס מען קאן אבי־סעל לענגער זיצען בשעת׳ן קריגס־צושטאנד“.

און אט זענען מיר אין „באר“, אײנגעהילט אין רויך צום דערשטיקען, ציהען אין זיך ארײן ריחות פון „קרויט מיט וואורשט“ און אלערלײ אנדערע אונטערגעווארעמטע מאכלים טובים — זיצען מיר בײ טאסען שווארצען קאפּע, דאס אײנציגע „כשר“ אינ׳ם „באר“. די געשפּיגעלטע ווענט ארום אונז ווארפען אונז פּיעלפאַ־כיג צוריק אונזערע בלאסע, מידע און פאַרדראסענע געזיכטער —

— זאגט איהר — הויב איך אן מיט דער זיכערהײט, אז איך רעד צום בעסטען עקזעמפּלאר פון הײנטיגען אידישען טעאטער־פּובּ־ליקום — זאגט איהר, עס איז קײן דראמע נישט?

— די מענשען אינטערעסירען מיך נישט — שכורים, גנבים...

איך פאַרהאלט די פאַרפלײצונג פון „מאוסע“ ווערטער —

— און קײן רחמנות, צום בײשפּיל, אויף „אננא“ האט איהר נישט?

— וואס איז אננא ?

— אננא איז אן ארבייטערס א ווייב. אט ליגט זי קראנק אין קעלער און איבערטראכטענדיג איהר גאנץ לעבען, קאן זי זיך נישט דערמאנען, צי זי איז אמאל זאט געווען... און האלב־הונגעריג האט זי שטענדיג געזאגט: צי האט זי נישט געכאפט אן איבעריגען ביסען ? צי וועט ער עמיצען נישט פעהלען ? און דער מאן האט זי געשלאגען...

— א וואונדער ! „פאניע" א בעל־מלאכה !

— און זעהט איהר, זי טראכט אנדערש וועגען דעם... בעסער געזאגט: זי טראכט ג א ר נ י ש ט וועגען דעם... שלאגען איז דער דרך הטבע. זי וואלט זיך געוואונדערט, ווען עס זאל אריבער־געהן א טאג אהן קלעפ. אין אזא פארביטערט לעבען שלאגט מען ! מוז מען שלאגען ! און אהן א גאנץ גליד אין לייב, טויט־קראנק, פאכענדיג מיט דער נשמה — איז זי דאך אויפ'ן מאן נישט בייז, און אז מען לאזט איהר איבער אין קיך עפעס ווארעמס צו עסען, זאגט זי דעם מאן:

— געה דו און עס... איך דארף נישט... דו ארבייטסט, געה, עס !

— א נארישע אידענע !

— נייו, — א קלוגע, וועניגסטענס א גוטע — זי ווייסט, אז דער מאן איהרער וואלט זי אנדערש באהאנדעלט, ווען דאס לעבען זאל אנדערש זיין... אייגענטליך ווייסט זי נישט, נאר זי פיהלט... אויך ווייסט זי, אז דורך איהר קרענק איז דער מאן פארפאלען געווארען אין דעם קעלער, פון וועלכען מען קומט זעלטען ארויס... און אז זי וועט שטארבען, וועט ער אפשר פארט ארויס... ער איז א בעל־מלאכה ! זי ווערט דעריבער נישט בייז, אז דער מאן עפענט נישט די טיר, ווען זי האט קיין לופט נישט צו אטעמען, אז עס שטיקט זי. ער זיצט אויף דער ערד, נישט ווייט פון טיר, און איז פארקיהלט. פארקיהלט ער זיך מעהר, וועט שוין איהר טויט אויך נישט העלפען — בלייבט ער שוין דא... איז ער א פארפאלענער...

און די אננא וויל שטארבען, ווייל זי איז מיד, זי וויל זיך אפרוהען... זי שרעקט זיך נאר: טאמער וועט דארט, אויף יענער וועלט, אויך קיין רוה נישט זיין...

דער קעלנער הויבט אן אויסלעשען די לאמפען... עס שלאגט צוויי, מען טרייבט אונז ארויס.
— די רעשט מארגען! — זאג איך.
— איך וועל אייך באגלייטען — ענטפערט ער.

מיר קומען ארויס. עטליכע שלוק פרישען אטעם אין מיין טע־אטראמאן זאגט:
— אויף מיר מאכט עס א וואונדערליכען איינדרוק.
— וואס?
— גארקי'ס „שטיק", פאראן שטעדט, וואו מען רייניגט נישט. קליינע שטעדטלעך. דער ווינט קומט און קערט אויס; א רעגען פאלט און שווענקט אפ; דערנאך געהט אויף די זון און טרי־קענט אויס. מענשען באמיהען זיך נישט דערמיט.
אין גרעסערע שטעדט מוז זיין ארדנונג. מען רייניגט... מען קערט, מען פיהרט ארויס דאס מיסט — —
— נו?
— און הינטער די שטעדט וואקסט א בארג מיסט... און גאר־קי פיהרט אונז שפאצירען אויף אזא בארג מיסט... נאך וואס? פאראן נאך גרעסערע שטעדט, למשל, ווין, בערלין, פאריז, וואו, לויט איך האב געהערט, לאזט מען קיין בערגער מיסט אפילו הינ־טער דער שטאדט נישט איבער... מיסט ווערט פארברענט...
— ריכטיג — זאג איך איהם — אבער לעהעדיג מיסט לאזט זיך נישט ברענען! בפרט, אז ווער ווייסט, צי איז „מיסט" מיסט און „גאלד" — גאלד... גארקי'ס לוקא זאגט, אז עס זענען קיין שלעכטע מענשען נישט פאראן... צי זענען די אלע, דאס גאנצע לעבעדיגע מיסט, ווירקליך שלעכטע, זינדיגע און דעריבער באַ־שטראפטע? אט דער ערגסטער פון אלע, קאסטילאוו, דער איינ־ציגער ווירקליך שווארצער כאראקטער אין שטיק, איז גארנישט באַ־שטראפט! אמת, דאס ווייב זיינס „רייסט זיך גאנץ אפט פון איהם אפ" און געהט איהרע וועגען — דערפון ווייסט ער אבער נישט אויף זיכער. און אזוי, וואס פעהלט איהם? זיין הויז האט ער, דירה־געלט באקומט ער — עסט, טרינקט און לויבט גאט... אין

שמיק ווערט ער געטויט און מיר, וואס זעהען זיין טויט אויף דער סצענע, ווייגען נישט און באשולדיגען זיין „מערדערייי“ נישט, אזוי ווי מיר באשולדיגען נישט זעהר שטארק זיין ווייב, וואס געגארט איהם ביים לעבען... דאס איז אבער נאר אין טעאטער, וואו דאס לעבען ווערט אונז פארטייטשט פון גארקי... אינ׳ם געוועהנליכען לעבען, אהן גארקי׳ס פירוש, ווערט זיין ווייב אנדערש באהאנדעלט. זיין מערדער — אויף קאטארגע געשיקט! און דאגעגען וועט קיי־נער נישט פראטעסטירען, ווארים אינ׳ם געוועהנליכען לעבען, אינ׳ם נישט ריכטיג־באלויכטען לעבען, איז קאסטילאוו אן עהרלי־כער מאן. אמת, ער קויפט גנבה׳שע זאכען, נאר קיינער וועט איהם נישט אויפווייזען, אז ער האט געוואוסט דערפון... ער וויל אפליי־קענען דעם חוב, וואס ער איז שולדיג פאר׳ן געקויפטען גנבה׳שען זיינער, נאר ווער וועט גלויבען דעם גנב, ווען ער וועט מאנען? ער שינדט די הויט ביי זיינע אומגליקליכע געסט, נאר פאר׳ן איבע־ריגען האלבען רובל וועט ער קויפען בוימאויל צום הייליגען בילד אדער צום „נר־תמיד“, ווי עס שטעהט אין דער איבערזעצונג... קומט דער טאג, פאהרט ער מיט׳ן ווייב אויף דעם בית־עלמין ארויס, צו די הייליגע קברים... א פרומער מענש רעדט מיט גאט און פון מעשים טובים. לויבט דאס גוטע הארץ פונ׳ם אקטיאר, וואס קריגט רחמנות אויף דער קראנקער אננא און פיהרט זי ארויס אפאטעמען אין הויז אריין, און זאגט איהם צו עולם־הבא דערפאר: אויף יענער וועלט — זאגט ער — וועט מען דאס דיר פארריכטען, מען וועט דיר באצאהלען... אבער אז דער אקטיאר בעט: „גיב מיר עפעס דערפאר דא, אויף דער וועלט, שלאג מיר עפעס אפ דערפאר פון חוב“, פארשטעהט קאסטילאוו זעהר גוט, אז י ע נ ע וועלט מיט ד ע ר וועלט האבען קיין שייכות נישט. אז „געלט“ איז געלט, „חוב“ — חוב און מען קאן מיט מצוות און מעשים טובים קיין חוב נישט דעקען; און אז אננא וועט קומען צו איהם אין קיך אריין, וועט ער זי ארויסווארפען... ער איז חושד דאס ווייב אין א „פארהעלטעניש“ מיט׳ן גנב, ער קוקט זיי נאך — נאר רעדען וועט ער נישט — אביסעל האט ער מורא פאר׳ן ווייב אליין, מעהר — פאר׳ן יונגען, געזונטען גנב, אבער דער עיקר — ער פארדינט ביי איהם, קויפט אפ „סחורה“ און פארלייקענט האלב געלט!... און ער איז נישט קיין „מיסט“. פארקערט: סמעטענע! ער זאגט

מוסר, ער זאָגט אפילו לוקא'ן מוסר... לוקא האָט קיין פּאספּארט נישט, איז ער א שלעפּער...

ווער דען איז מיסט?

דער אומגליקליכער אקטיאר, וואָס האָט זיך פארגיפט מיט אלקאהאל און דעם זכרון פארלוירען?... נאָר היינט ווייסט מען שוין, אז שכרות איז א קרענק. און ווען אפילו א זינד, איז זי שוין הונדערט פאַך באַצאָהלט מיט די ליידען, וואָס דער אומגליקליכער שטעהט אויס. וואָלט ער וועניגסטענס אינגאנצען פארגעסען! — עס וואַלגערען זיך איהם אבער נאָך ארום אין קאָפּ אלטע זכרונות: שעקספּיר'ס אַפּעליע... בראוואַ... בּיס... ער גיט זיך א שטעל פאר'ן עולם מיט די הענט אויף דער ברוסט... וויל דעקלאַמירען! די זכרונות לאָזען איהם נישט לעבען; און ער וועט זיך דאָס לעבען נעמען!

און דער געוועזענער לעדער־פאבריקאנט?

געטרונקען האָט ער נאָך פריהער, נאָר געשטויסען אין אפּ־גרונט אריין האָט איהם דאָך נישט דאָס...

— דאָס ווייב, וואָס איז אומגעטריי געווען?

— דער עיקר דאָך ג אַ ר עפּעס אנדערש... נאָר עפּעס הויך מענשליכעס... צווישען איהם און דעם ווייבס געליעבטען פלעגען ארויסקומען געשלעגען, געשלעג ביי שכרות איז א געפעהרליכע זאַך, עס קאָן קומען צו א מערדעריי און — ער אנטלויפט פאר דער זינד? ער וויל זיין נשמה מיט בלוט נישט באַפלעקען...

און אפשר וועלען מיר ווארפען דעם שטיין אויפ'ן טאַטער האַ־סאַנס קאָפּ?

אַן ארבייטער געווען, די מאַשין האָט איהם די האַנט צודריקט און ער איז אראפּגעפאלען, און קיינער וועט איהם נישט אויפהויבען... ער וועט שוין בלייבען דאָ, וואו ער פלעגט אמאָל קומען א קערטעל כאַפּען, ווייל דאָ איז דער איינציגער אָרט, וואו אַלע זענען גלייך, היימישע און פרעמדע...

און אַזוי אנדערע — ווער ווירקליך איז מיסט? דער „גנב", וואָס מען האָט'ן אזוי גערופען, נאָך איידער ער האָט עפּעס פרעמדס גענומען און דערמיט געשטויסען איהם צו דער גנבה? דער גע־וועזענער טעלעגראַפיסט, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאר זיין גע־ליעבטער שוועסטער און איז אריין אין תפיסה און פון דאָרט שוין

אהער געקומען ?... די „געפאַלענע“, וואָס גאָט ווייסט, ווער עס האָט זי פאַרפיהרט ?... און אַזוי אַלע, אַלע...

פון הינטער די וואָלקען איז אַרויס אַ בלאַסע לבנה. ביי איהר שיין זעה איך, ווי מיין טעאַטראַמאַן איז געריהרט פון מיינע רייד. דאָס בעסטע עקזעמפּלאַר פון אידישען טעאַטער־פּובליקום הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און פיהלט. איך ווער שטאַלץ דארויף און רעדעוודיגער:

— די אַלטע ווילדע האָרדע, זאָג איך, — וואָס איז באַשטאַנען פון נאַקעטע, פאַרהונגערטע מענשען, האָט אויף איהרע וואַנדער־וועגען געמוזט טויטען אַלטע און אָפּגעשוואַכטע, נישט געזונט און גאַנץ געבוירענע קינדער, מיידלעך איבער דער צאָהל, און באַגראָבען אויפ׳ן אָרט — נישט געוועזען מיט וואָס צו פיהרען און מיט וואָס צו שפּייזען די, וואָס האָבען אַליין די קראַפט זיך צו דערנעהרען נישט געהאַט...

און מיר אינ׳ם וועג פון אונזער קולטור, מיר, די פאַרשטעהער פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, טוען אויך דאָסזעלבע. אונזער פאַמיליען־געפיהל איז שטאַרקער, אויף היימישע האָט מען רחמנות, פרעמדע, שוואַכע, קראַנקע לאָזט מען אויפ׳ן וועג...

מען טויט זיי נישט, די טובה טוט מען זיי נישט — מען פאַרשמופּט נאָר מיט זיי די תפיסות אָדער די ק ע ל ע ר — זאָלען זיי פוילען לעבעדיגערהייט: „ידינו לא שפכו את הדם!“ אייגענהענדיג האָבען מיר דאָס בלוט נישט פאַרגאָסען; עס טריפט אַליין, זאָל עס טריפען... זיי פוילען, זאָל ווערען פון זיי לעבעדיגע מיסט...

נאָר לעבעדיגע מיסט קאָן מען נישט פאַרברענען, בפרט, אַז דאָס איז דאָסזעלבע מענשליכע מאַטעריאַל, וואָס אומעטום, נאָר נשמות אָפּגעשטופּטע, פאַרוואָרלעסיגטע, געטראָטענע... די לאָסמי פון אַלע זאַטע, פון אַלע „עהרליכע“, פון אַלע „גוטע און פרומע“ דריקט אויף זיי און וועט זיי דערשטיקען... דאָס לעבען שטריקט זיך אַרום זייער האַלז, ווי אַ שטריק און ווערגט, און קיין רעטונג איז נישט דאָ!

אט וויל זיך „ראטעווען“ דער גנב... נאסטיא מיט איהר ריינ־קייט, מיט איהר גוטהארציגקייט, מיט איהר בארמהארציגקייט עפענט איהם די אויגען אויף. זי קאן זיין רעטונג זיין. ער וויל מיט איהר אוועק. אנהויבען א ניי לעבען. איהר צוליעב איז ער גרייט אפילו צום טויט: „נעם אט א מעסער און שטעך מיר אריין, אבי פון ריינע הענט“. נאר ווען זיינע אויגען האבען זיך צום ערשטען מאל רעכט דערזעהן, האט ער זיך שוין געבאדען אין זומפ... האט ער שוין געלעבט מיט איהר שוועסטער, מיט דער בעל־הבת׳טע פון „אורחים־הויז“... ער האט נישט געקאנט ליעבען, ער איז א פריי־געביגער, מיט׳ן אפענעם הארץ, מיט דער אפענער האנט, דער ערשטער צו הילף און זי — א שלאנג... א שלעכטע, א גייציגע, וואס ציהט׳ן אריין טיפער אין זומפ, ווענינער אויס ליעבע, אלס מיט׳ן פאלשען מיין, ער זאל זי פון מאן באפרייען... אזוי ווייט האט ער אבער נישט געוואוסט. איהר גאנץ נידערטרעכ־טיגקייט שווימט איהם בולט פאר די אויגען ארויס ערשט, ווען ער באמערקט נאסטיא׳ן — עס איז אבער צו שפעט. נאסטיא ווייסט פון אלץ און קוקט אייף איהם נישט, גלויבט איהם נישט, איז איהם אין אל־דאס־בייז חושד, און אז זי קומט שוין האלב צום גלויבען, אז זי דעצידירט זיך שוין, געריהרט פון לוקא׳ס רייד, זי זאל איהם גלויבען און מיט איהם צוזאמען אויסוואנדערען, נעמט די שוועסטער און ווארפט זי ארויס פון פענסטער! דערפון מאכט זיך א געשלעג, באקומט דער אלטער קאסטילאוו א טויט־קלאפ און נאסטיא איז זיכער, אז אין דעם אלעם איז ע ר שולדיג, אז ער מיט איהר שוועסטער האבען זיך אפגערעדט, פטור צו ווערען פון ביידע מיט אמאל. און א רגע פאר׳ן טויט פארקלאגט זי זיי ביידע פאר דער פאליציי, און שטארבט אהן א טרייסט, מיט׳ן שרעק־ליכסטען חשד אין קאפ און ביטערסטען געפיהל אין הארץ...

קיין אויסגאנג, קיין רעטונג פאר די אראפגעשטויסענע —

און נישט אין דעם אליין שטעקט די טראגעדיע. די טראגע־דיע שטעקט דערינען, וואס דאס מענשליכע אין זיי קאן נישט אינ־גאנצען אויסגעלאשען ווערען. פון אונטער׳ן אש וועקען זיך פונ־קען... האפנונגען... דער אקטיאר זוכט דאס שפיטאל, וואו מען היילט פארגיפטעטע פון אלקאהאל, נאר איידער ער געפינט עס, כאפט ער זיך צוריק צום ביטערען טראפען און הענגט זיך... די

נעפּאַלענע הערט נישט אויף צו חלום'ען פון ריינער, גליקליכער ליעבע, און דאַס געפיהל, דער דורשט צו ריינער ליעבע איז ביי איהר אַזוי שטאַרק, אַז זי קומט צו וויזיאָנען: זי לעזט ראָמאַנען און עס דאַכט זיך איהר, אַז זי איז די העלדין פון ראָמאַנען און דעקלאַמירט וועגען ליעבע, און דערצעהלט פון איהרע ליעבעס־ליידען. פון איהר אַפּפערען זיך... אַ סטודענט האָט זיך אין איהר פאַרליעבט — אַלע טאָג האָט ער אַן אַנדער נאָמען, לויט'ן ראָמאַן, וואָס זי לעזט— נאָר זיינע עלטערען זענען דערהויף נישט באַשטאַנען... זי ליעבט'ן, נאָר זי וויל נישט איהם מיט די עלטערען צוקריגען... ער וויל זיך טויטען — זי לאָזט נישט: „דו ביסט יונג, שטאַרק, האָסט אַ צוקונפט פאַר זיך"... און אַז מען גלויבט איהר נישט, הויבט זי אַן ביטערליך צו וויינען; שווערט זי, עס איז אמת! און לוקא זאָגט, אַז עס איז ווירקליך אַזוי, ווייל אמת איז נאָר דאָס, אין וואָס אַ מענש גלויבט...

און אפילו אננא, וואָס וויל אַזוי רוהען, קאָן זיך דאָך פון לעבען נישט אָפּרייסען נאָר אינגאַנצען. אַמאָל רייסט זיך איהר פון די האַלב־טויטע ליפּען אַראָפּ: און אפשר וועל איך דאָך געזונט ווערען?...

און אַזוי אַלע! — פונקען פון אונטער'ן אַש, און אויסגעלאָשען ווערען קאָן עס נישט, און אויפפלאַמען — אויך נישט...

אַט אננא'ס מאַן...

דעם ווייבס קרענק האָט'ן אַהער געבראַכט. ער איז, לויט זיין מיינונג, אַן איינציגער עהרליכער צווישען גנבים... זאָל נאָר דאָס ווייב געזונט ווערען... און שפּעטער: זאָל נאָר דאָס ווייב שטאַרבען, וועט ער זיך שוין אַרויסרייסען פון דאַנען... די הויט וועט ער פון זיך אָפּרייסען און איבערלאָזען, נאָר אַליין מוז ער אַרויס. ער, דער עהרליכער אַרבייטער — פון דער הייל פון גנבים, קאָרטען־שפּילער, פּוילענצער...

ער וועט אָבער נ י ש ט אַרויס!

דער ווייבס קרענק האָט שוין צו לאַנג געדויערט אין אַנהויב האַלט ער זיך ווייט פון אַלע, ערהאַבען איבער אַלע — שפּעטער קוקט ער נעהנטער צו, ער וויל זעהן, ווי דער עולם שפּילט, און צום סוף בלייבט ער — אַ פאַר'סמ'טער, אַ שילטענדיגער...

און אַזוי אַלע, אַלע...

און איבער די אלע שווימט ארום „לוקא“, די אומגעוועהנליכע, פיליכט אויסגעטראכטע פערזאן, מיט איהר מעשה'לע וועגען פויער, וואס זוכט דאס „גערעכטע, עהרליכע“ לאנד (אין דער אי־בערזעצונג: ערד). עס מוז זיין אזא לאנד... און אז דער געלעהר־טער, צו וועלכען ער ווענדט זיך מיט'ן געבעט, ער זאל איהם ווייזען, וואו דאס לאנד איז, ענטפערט איהם, נאך אומזיסט זוכען: נישט דא! דערלאנגט ער איהם, דער פויער, איבער'ן קאפ און צור־רייסט איהם אלע ביכער מיט די מאפען (פלאנען אין דער איבער־זעצונג). „עס איז נישט מעגליך, עס מוז זיין א גערעכט לאנד!“

אז נישט, ווי לעבט מען?

איך בין צוגעגאנגען צום טויער און קלינג אן.

— מען מוז נאך אמאל געהן! — זאגט דער טעאטראמאן...

— געוויס, און נישט איינמאל. גוטע זאכען מוז מען עטליכע מאל זעהן.

דער שליסעל דרעהט זיך הייזעריג איבער אין שלאס.

— גוטע נאכט!

— גוטע נאכט!

.1906

9.

א ש.

נישט אש נאך אז אויסגעלאשענער פלאם, נאר ש ל ו ם אַש. וואס צופלאמט זיך אלץ העלער און העלער: „שטעדטעל, „משיח'ס צייטען“, „אל נקמות“... עס געהט וועגען שלום אש, מיט דער לאנ־גער טשופרינע, לאנגע פיס, פליישיגער נאז און נישט גלייך ארייג־געזעצטע אויגען, פון וועלכע עס קוקט ארויס אן עכט ארטיסטישע און ריין־קינדערישע נשמה און וועלכע ער לאזט באלד אראפ... נאר עבען אין דעם „אויג“ געהט עס.

פון אש'ס ליכט־זייטען דארף מען היינט שוין נישט רעדען. נאך דער הסכמה פון ווארשוי, פעטערבורג, בערלין, ווין, דארף מען נישט באווייזען, אז אש האט טאלענט. אונזער ארעמע און דעריבער נאריש־נײדישע, אש־קריטיק וועט קניענדיג פארשווייגען. „אש—

אַן אייראָפּעאישער שרייבער" — זאָגט נישט איינער, פאַר וועל־כען אַש איז ערשט נישט לאַנג אַ „אינגעל" געווען. „משיח'ס ציי־טען" און „אל נקמות" זענען איבער די אייראָפּעאישע סצענען, ווי מעטעאָרען — אַריבער; אַש איז שוין די זון, וואָס שיט מיט כבוד־שטראַלען אויפ'ן געבענשטען כנסת־ישראל־קעפעל... די קריטיק קאָן אויף אַ צייט אַן אַש'ס „שטעדטעל" פאַרגעסען, עס איז נאָך נישט איבערזעצט... אָבער „משיח'ס צייטען", דערהויפּט „אל נקמות"! עס איז שוין צייט דעריבער פון אַש'ס פעהלערען צו רעדען. וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זיין שאָטען, און וואָס טאַלאַנט־פאָלער דער דיכטער — אַלץ שעדליכער, וואָרים צו אַלעם ערשטען אנשטעקענדער — זיין פעהלער! און אַש'ס ארטיסטישער מאָגען איז שוין גענוג שטאַרק, קריטיק צו פאַרדייען; עס וועט איהם נישט פאַרשאַדען. מען האָט איהם פון „יענעם צד" אַזוי פיעל פּסח'דיגע סעודות געמאַכט, ער איז אויף אַזוי פיעל הס'בעטען גע־זעסען, זאָל ער אביסעל מרור אויך פאַרזוכען, זכר לפרעה... און איך וויל איהם דעם מרור דערלאַנגען: עס דאַרף געטאָן ווערען מיט ליעבשאַפט... און נישט קיין גרינגע זענען אַש'ס פעהלערען: סצע־נישע עפעקטען און — אַ חנ'דעל צו יענעם צד, איבער דער אידי־שער גרענעץ אַריבער. אין

„משיח'ס צייטען"

האָט ר' חנה אַ „יום־טוב'דיגער טיר", ווייסט עמיץ פון דעם אויסדרוק? און אַז ר' חנה מיט'ן ווייב דאַר־פען אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל, און די קינדער, די „צו־זייהטע און צושפּרייטע" קומען זיך צו איהם געזעגענען פון פאַר־שידענע וועגען, מיט פאַרשידענע קאָמוניקאַציאָנס־מיטעל, געשיהט, אויף אַש'ס האָקוס־פּאָקוס אַ נס און אַלע קומען מיט אַמאָל, אין איין נאַכט, אין איין שעה, אין די מאָרגענס — איינס נאָכ'ן צוויי־טען דורך דער יום־טוב'דיגער טיר! און צוליעב וואָס? — צוליעב עפעקט! און צוליעב עפעקט געהען חנה מיט'ן ווייב אויפ'ן בית־עלמין אַרויס, מיט די מתים זיך געזעגענען, אין שעהנעם העלען טאָג מיט בלאַסע, גרויסע ברענענדיגע ליכט אין די הענט! צוליעב עפעקט, נישט צוגענעהט, נישט צוגעקלאַפּט — אַ קדוש־לבנה אין דריטען אַקט! צום זעלבען צוועק געהען ענדע אַקט אַלע מיטגלי־

דער פון פארשידענע אידישע פארטייען, די קינדער פון דער צו־זייהטער און צושפרייטער פאמיליע, דורך איין שלאגבאן, נאך דעם קול פון א שופר! און צוליעב וואס איז יוסטינא, וואס האט איינ־איינציגען אידעאל — צו זיין א פוילישען מלך׳ס א קעפס־ווייב, אזוי מאלעריש־פאעטיש און ליעב פארגעשטעלט, בשעת ווען די פארשטעהער פון היימישע פארטייען זענען כמעט אויבערפלעכליך־קאמיש ארוים? דאס איז שוין צוליעב א חן׳דעל צו דער פוילישער זייט... דעם חן׳דעל צוליעב האט ער איהר א שטראלענדיגע נשמה געגעבען, בשעת ווען אלע אנדערע האבען נאר ווערטלעך און שלאג־ווערטער באקומען. זינדיגער איז אש אין

„ג א ט פ ו ן נ ק מ ו ת“.

אין „אל נקמות“, וואו אש מאלער וויל מיט געוואלד ווערען דענקער און פסיכאלאג און, פאלט, נאטירליך, איבער דער באנק. אויף דער ווארשעווער אלט־שטאדט, האט אש עפעס געזעהן, וואס — וויל איך אייך נישט דערצעהלען; קויפט „אל נקמות“ און לעזט, דאס דארף, דאס מוז געלעזען ווערען. און געזעהן האט אש, וואס אנדערע זעהען נישט, פאר וועלכען אנדערע געהען בלינד פארביי, און אויב זיי דערזעהען, פארשטעהען זיי עס נישט און פיהלען עס נישט, און עס וועט זיי קיינמאל צו א פאעמאט נישט באפרוכטען... שפייען וועלען זיי, אדער — זינדיגען... דאס ווענדט זיך: וואס זיי וועלען זיין, זאט אדער הונגעריג... און אש האט דער סצענע, ליידער נאר דער אייראפעאישער, וועניגסטענס, דערוויל, ביים היינטיגען אידישען טעאטער, — א פאעמאט גע־שענקט... דעם צווייטען אקט פון „אל נקמות“. אש האט אבער אן ערשטען און א דריטען צוגעגעבען, און אין די צוגעגעבענע אק־טען איז ער מיט אלע זיינע פעהלערן ארוים.

אין ערשטען אקט נעמט נישט יענקעל, וואס לעבט פון א שאנד־הויז, זיין איינציגע טאכטער, וואס ער וויל פון דער שאנד פארהיטען, און שיקט זי נישט אוועק אין אן אנדערע שטאדט אריין צו דערציהען, זי זאל די שאנד נישט זעהן, פון איהר נישט וויסען. ער דינגט זיך אפילו קיין אנדערע דירה נישט אין אן אנדערער גאס, ער זאל זי וועניגסטענס פון דער שאנד, ווי ווייט מעגליך איז, דערווייטערן... און עס קומט אויף איהם א גוטע שעה, און ער

וויל, וועניגסטענס דער טאַכטער צוליעב, דאָס הייזעל איבערמאַ־
כען און אָנהויבען האַנדלען מיט פערד; פאַלט איהם גאָרנישט איין
צו טון עס, איידער ער וועט זי פאַרשלייערען, וואָס עס וואָלט אַ
מעלה צו אַ שידוך געווען, און קלערט עס צו טון ערשט נאָך איהר
חתונה, ווען ער וועט שוין האָבען דעם איידעם אין שטוב!...

און קאָן ער נישט אַנדערש, און וויל די טאָכטער מציל זיין
מיט זיין ליעבען נאָמענס הילף, טוט ער נישט,
ווי אַנדערע פון זיין גלייכען טוען, ווי „מעשים בכל יום", קיין מצוות
און מעשים טובים נישט... שיקט נישט אָרעמע לייט אויף שבתים
און ימים טובים, האַלט נישט אויף קיין חלויים אין שפּיטאָל, מאַכט
נישט חתונה יתומים ויתומות... דאָס טוען אַלע, נאָר נישט יענקעל!
יענקעל שרייבט אַ ספר תורה! גלייך עס געהט וועגען אַ בן זכר,
וועגען אַ קדיש!... און שרייבט ער שוין אַ ספר, מאַכט ער קיין
„סיום התורה" נישט, זעהט מען קיין אותיות שרייבען... און צו דער
סעודה, אַהן דעם סיום, פאַרבעט ער זיינס גלייכען נישט, נאָר בעל־
הבתים, און געהט זיי, אַז זיי קומען נישט, ערשט פאַרנאַכט אין
בית המדרש אריין זוכען... און מאַכט ער אַן „אָרעמע סעודה".
טיילט ער שטעהענדיג... און דאָס ספר פיהרט ער נישט, ווי עס
דאַרף צו זיין, מיט מוזיק און טענץ אין שול אריין, און שטעלט זי
נישט אין מקום קדוש אריין; האַלט זי אפילו נישט ביי זיך אין
שטוב, וואו ער קאָן אַמאָל אַ מנין מאַכען; ער שטעלט זי צו דער
טאָכטער (!) אין חדר אריין, פאַר אַ קמיע, פאַר אַ שמירה — די
תורה זאָל זי פון זינד באַשיצען!!! און הייסט זי, אַז זי האָט
נישט געהאָלפען, ענדע שטיק, צונעמען, צונעמען פון שטוב... ער
דאַרף זי נישט מעהר... אַראָפּ אין הייזעל אריין געהט די טאָכטער!

צוליעב וואָס איז דאָס אַלץ געשעהען? צוליעב עפּעקט... און
דער גוי ווייסט נישט, און וועט נישט פרעגען... און דעם גוי
צוליעב איז אריין דער „אל נקמות"! וואָס האָט אַש פון אידישען
גאָט געוואָלט? אַש'ס סופר זאָגט, אַז נישט אַלע זינד איז גאָט
מוחל. אויף וועלבע זינד העלפט עס קיין תשובה, קיין חרטה נישט?
אַ חז'דעל! און צוליעב דעם חז'דעל, אַז די טאָכטער האָט זיך פאַר־
זינדיגט, פאַטשט יענקעל נישט — זי, וואָס האָט זיך אויסגע־
גליטשט; נישט „מאַנקאַ", וואָס האָט זי פאַרפיהרט; נישט דאָס
ווייב, וואָס האָט מאַנקאַ'ן, די שלאַנג אין גן־עדן אריינגעלאָזט,—

נאַט פּאַטשט ער! אפשר נישט באַוואוסטזיניג — עס טרעפען זיך נישט „באַוואוסטזיניגע" קאַקעטעס אויך — אבער אלץ א חנ'דעל צום קריסטליכען עולם...

„אל נקמות" איז, לויט מיין געשמאַק, א גרויסאַרטיג ווערק, און דעריבער — טוט עס מיר אזוי וועה. וואָס פיינער עס איז דאָס צייג, מעהר פּאַרדרוס מאַכען די פּעהלערהאַפטע שטעלען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

רוסישע, דוכט זיך, י ו נ ג ע שרייבער האָבען נאָך דער פּאַרשטעלונג פון «Богъ мести» אַש'ן א סעודה געמאַכט, און אַש שרייבט אין א וואַרשעווער צייטונג, א „געוויסע" צייטונג, אַן אָפענעם בריף, וואו ער דאַנקט זיי פאַר די „בעסטע שטונדען לעבען". וואָס זיי האָבען איהם פאַרשאַפט, מיט — „דרך ארץ".—

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַש, דיכטער, וועט אונז אַפּטריניג נ י ש ט ווערען... דאָס פרעמדע לעבען וועט איהם אייביג זיין פרעמד, נאָך פרעמדער — די פרעמדע שפּראַך... ער איז, וועט און מוז בלייבען א אידישער שרייבער.

איך ווינש מיר אבער דעם אידישען דיכטער איינפאַכער, ערנסטער און — מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ!

אַש איז אָפּגעפאַהרען קיין ארץ ישראל. „צדה לדרך" האָב איך איהם געזעהן מיטנעמען: פאָלקס-ליטעראַטור, קבלה-ספרים'לעך און מדרשים... זאָל עס איהם זיין צו רפואה.

.1907

פיערטע אפטיילונג

1.

אין וואָס איז אייער הילף.

(אַ ניצליך קעשענע ביכעל פאַר יעדען בעל מלאכה און ארבייטער)

פון ח. י. דאָקטאָר.

דאָס ווערקעל איז פריהער (1886) געגאַנגען אלס ארטיקלען אינ׳ם „אידישען פאָלקס־בלאַט" און שפּעטער איבערגעדרוקט געווארען מיט א „צור וואַהרינג (?): נאַכדרוק, אָדער איבערזעצען וכו׳ איז שטרענג פאַרבאָטען לויט געזעצע".

די בראַשורע האָט פינף און פערציג זייטען; א פאָררעדע, פינף פּרקים און א שלום. אין דער פאָררעדע דערצעהלט הער דאָקטאָר זיינע „טייערע ברידער, בעלי מלאכות און ארבייטער, אלע, וואָס לעבען פון דער ארבייט פון זייערע הענט," אז „נישט לאַנג איז ער צוריקגעקומען פון אויסלאַנד (!), ער איז געווען אין דייטשלאַנד (!!) פראַנקרייך (!!!) און ענגלאַנד (!!!) און געזעהען דאָרט אַזוינע שעהנע (?) זאַכען, וועלכע ער וועט נישט פאַרגעסען ביז׳ן טויט אריין." נאָר „מעהר פון אַלעמען האָבען איהם איבערראַשט די מיטלען, מיט וועלכע די דאָרטיגע בעלי מלאכות און ארבייטער האָבען אליין זיך אונטערגענומען (פאַרגענומען ?) צו פאַרבעסערען זייער שלעכטע לאַגע און ארויסצורייסען זיך פון „דעם ארעמקייט"! די מיטלען זענען אַזוי וויכטיג און גרויסאַרטיג (!) אז ער האָלט עס פאַר נויטיג זיי מיט זיי צו באַקענען, כדי זיי זאָלען ווייסען, וואָס זיי האָבען צו טון, דאָס הייסט, זיי זאָלען זיך באַצייטענס (?) נעמען צום שכל (!) און אָנהויבען עפּעס צו טון (!). נישט זיצען פאַרלעגט די הענט און לאָזען דאָס ארעמקייט זאָל זיי גאָר איינגאַנצען איינשלינגען."

אונז אי, למשל, אַלץ איינס צי האָט ה׳ דאָקטאָר אויסלאַנד

געזעהען אדער אין בוך געלעזען; צי האט איהם עפּעס אין דייטש־לאנד אדער אין מיכאילאוו (למשל) איבערראשט; מיר דארפען נאר זעהן אויב די עצות, וואס ה׳ דאקטאר גיט, זענען פּראקטיש.

דאס ווערקעל האט פינף פּרקים; אין זיי גיט דער הער דאקטאר פינף עצות.

פריהער גיט ער צו פארשטעהן, אז דאס גרעסטע אומגליק איז פאר דער מלאכה די קאנקורענץ, וואס ווארפט דעם פּרייז. די פּרייזען, זאגט הער דאקטאר, העננען נאר אפּ פון דער צאל פון ארבייטער. „און נישט נאר ביי ארבייטער, עס איז אזוי אין יעדען פאך“. דאס שטיקעל איז זיכער אריגינעל, נישט איבערזעצט. עס איז שווער צו גלויבען, אז מיכאילאוו אדער אנדערע מחברים, זאלען נישט וויסען, אז די קאנקורענץ ווארפט נאר דעם פּרייז פון מינימום (לכל הפּחות) ביז מאקסימום (לכל היותר). אבער דער עיקר הענגט אפּ דער ארבייט־פּרייז פון דעם נוצען, וואס די ארבייט ברענגט.

אויך ווייסט מיכאילאוו און אנדערע מחברים, אז עס איז פאראנען צווייערליי קאנקורענצען: דיינער קאנקורירט מיט ב ע ס ע ר ע, איינער מיט ביליגערע ארבייט, און אנדערער ווייטער — מיט מעהר געשמאק, ארטיזם. הער דאקטאר נאר וויל נישט וויסען, אז אהן קאנקורענץ וואלט די מלאכה שטענדיג געשטאנען אויף איין ארט, קיינמאל זיך נישט פארבעסערט, נישט פארפיי־נערט. ער האט געהערט נאר קלינגען אין א וואלד און ווייסט נישט וואו. די קאנקורענץ איז שעדליך נישט ביי א ל ע פאַ־כען, און איבערהויפּט נישט ביי בעלי־מלאכות; פארקערט, דארט איז זי ניצליך און נויטיג. שעדליך איז די קאנקורענץ נאר דארט, וואו עס איז דא איבעראל מאשינען, וואו עס ארבייטען ביי זיי פּראסטע ארבייטער, וועלכע דארפען גארנישט קענען, נאר דרעהען א רעדעל, אדער טון עפּעס אן אנדער קלייניגקייט; דארט, וואו עס איז נישט פאראנען ארטיזם, געשמאק, קענען און בעסער מא־כען; אין איין טאג, אין איין שעה לערענט מען זיך אוים די קונץ.— ביי דער ארבייט איז נישט מעהר פאראנען נאר קאנקורענץ אויפ׳ן פּרייז, ד. ה., וואס מעהר הענט עס ווילען ארבייטען, וועניגער צאהלט מען פאר דער ארבייט. אויך גערט עס נאר צו ביז צום מינימום, ווייל דער ארבייטער מ ו ז נעמען וויפיעל א מענש

מוז האבען, ער זאל ווי עס איז אויסלעבען דעם טאג. נאר דא איז די קאנקורענץ שעדליך, ביי בעלי מלאכות אבער איז גאר אנדערש.

דער הער דאקטאר מוז נישט וויסען, אז עס זענען אמאל צעכען (צונפטען) געוועזען, ד. ה. אזוינע חברות פון בעלי מלאכות. דאמאלט איז געווען גאר אהן קאנקורענץ. און מען האט זיי מבטל געוועזען אין דער גאנצער וועלט טאקע נאר דעריבער, ווייל אהן קאנקורענץ האט זיך די מלאכה נישט אנטוויקעלט, זי איז שטענ־דיג אויף איין ארט געשטאנען.

נאר וואס פאר אן עצה גיט הער דאקטאר קעגען דער קאנ־קורענץ?

דער ערשטער פרק הייסט: מאכען שותפות צווישען בעלי מלאכות. עס בלייבט דאך די שאלה: וואס זאלען טון ארבייטער. וועלכע די קאנקורענץ עסט באמת אויף? זאלען זיי אויך מאכען שותפות? און וואס זאלען זיי אריינלעגען אין שותפות אריין? די שווארצע הענט, דעם ליידיגען מאגען אדער דאס ביסעל שכל, וואט הער דאקטאר וועט זיי אויסלערנען?

אויך וויסען מיר נישט וואס פאר א מין רפואה דאס שותפות איז קעגען קאנקורענץ. הער דאקטאר מיינט נישט, אז אלע שניי־דער פון דער גאנצער וועלט זאלען מאכען שותפות, צו דער גרוי־סער פאנטאזיע איז ער נאך נישט געקומען.

זיין עצה איז, אז עטליכע שניידער (ער וויל 15 שניידער) זא־לען מאכען שותפות. ער בארעכענט, אז זיי וואלטען דערינען פאר־דינט ממון קרח. לויט זיין רעכענונג, ווען פופצעהן שניידער זא־לען מאכען שותפות, וואלטען זיי פארדינט אסך געלט. אזוי דארפען זיי: פופצעהן דירות מיט טירען אין גאס אריין (ד. ה. אין אדעס, וואו הער דאקטאר וואוינט), טעגליך א פוד קוילען, דרייסיג אייזען, דרייסיג פרעסען, פופצעהן מאסען, פופצעהן נעה־מאשינען, פופצעהן שטיבער אויפצונעמען קליענטען (!!!). דאס שותפות אבער דארף: נאר איין טיר אויף דער גאס ארויס, קליינע איינציגע דירות מיט איין שותפות־ווארשטאט און די העלפט כלים. ער בארעכענט א חלוק אויף דריי טויזענט זיבען הונדערט און פיער רובעל א יאר, די סומע וואלטען זיי נאטירליך נויטיג געדארפט.

די רעכענונג אליין איז פאלש. הער דאָקטאָר האָט, למשל, פאַרגעסען, אז צייט איז געלט: אז די פופצעהן שניידער וועלען מוזען האָבען דעם זעכצעהנטען, ער זאָל זיין זייער קאסירער, א זיבעצעהנטען, אלס בוכהאלטער; אן אכטצעהנטען, אלס געשעפטס־פיהרער; אָדער — יעדערער פון די פופצעהן שניידער וועט מוזען דאַרויף אפּטיילען אביסעל פון זיין צייט, אויב ער איז נאָר פעהיג דאַרויף; אז א בוכהאלטער, א קאסירער און א געשעפטס־פיהרער קאָסטען באלד מעהר, ווי דער פאַרדינסט; אז די רעכענונג איז נאָר נוהג ביי גאַנץ גרויסע שניידער אין גאַנץ גרויסע שטעדט. נאָר אויסער דעם, איז די רפואה אזוי פיעל ווערט, וויפיעל אָפּשפּרעכען א מכה. עס זאָלען זיך מאכען פופצעהן שניידער א שותפות און שוין, ביי דעם שותפות זאָל עס בלייבען, מעהר קיין שותפות׳ן זאָל זיך נישט מאכען, וואָלטען די פופצעהן, (ווען די רעכענונג זאָל ריכטיג זיין) ווירקליך גוט געשטאַנען, דאָס הייסט, אז זיי וואָלטען בעסער ק א נ ק ו ר י ר ט מיט׳ן רעשט שניידער, וואָס אַרביי־טען יעדער באַזונדער! נאָר אויב דאָס איז דער צוועק, איז נאָך נישט כדאי געוועזען צו שרייבען און דרוקען אפילו די קלענסטע בראָשורע. מען רופט צוזאַמען פופצעהן שניידער און מען מאַכט א שותפות! נאָר הער דאָקטאָר מיינט, אז אלע שניידער זאָלען זיך בינדען צו פופצעהן, עס זאָלען ווערען אַרטעלען, און פאַרגעסט, אז דאַמאָלט וועלען די אַרטעלען צווישען זיך פונקט אזוי קאָנקורירען, ווי היינט איינציגע שניידער. עס וואָלט דערפון אפשר געוועזען א טובה, נאָר נישט דעם בעל־מלאכה; דער ק ו נ ה וואָלט א טובה געהאַט, ווייל נישט די קאָנקורענץ וואָלט קלענער, גרעסער וואָלט זי געוואָרען און די אַרבייט — — ביליגער!

דער הער דאָקטאָר ברענגט א משל פון א שותפות פון פופ־צעהן בלעכער אין פאַריז. עס איז א וואונדער, וואָס הער דאָק־טאָר, וואָס איז אליין א שניידער, וואָס האָט געמאַכט א חשבון פאַר אַדעסער שניידער, ברענגט א משל פונקט פון פאַריזער בלע־כער! אין פאַריז זענען דאָ פאַרשידענע שותפות׳ען פון שניידער אויך, און הער דאָקטאָר, אויב ער איז אין פאַריז געוועזען און פראַנצויזיש פאַרשטאַנען, וואָלט ער בעסער געטאָן, ער זאָל דאָס שניידער־שותפות שטודירען. און אויב עס זענען איהם שוין די בלעכער אויף די פאַריזער דעכער געפאַלען אין די אויגען, האָט

ער ווייטער געברויכט, צוריקקומענדיג אין אדעס, צו מאכען דעם חשבון אויך פאר בלעכער. למשל, פופצעהן בלעכער דארפען דאס און דאס, אלע צוזאמען — וועניגער כלים, וועניגער דירות... יא?

נאר אפילו אויב מיר האבען א טעות, אין פאריז איז שניי־דער־חברות נישטא, זענען דא מאנכע אין בערלין, אין לאנדאן. די צוויי שטעדט האט דער הער דאקטאר געמוזט אפנים באהאלטען אויף שפעטער!... ער מוז פון יעדער שטאדט אן אנדער משל ברענגען, כדי מען זאל וויסען, וואו אלעם איז געוועזען. דער פרק ענדיגט זיך מיט דעם, אז אין רוסלאנד זענען אויך דא אזעלכע שותפות'ען. אזוי אויך ענדיגט זיך יעדער פרק. נאר פארוואס אייגענטליך שרייבט אונז ה' דאקטאר פון דעם, וואס עס טוט זיך אין אויסלאנד, נישט אין רוסלאנד? ער איז טאקע געוועזען, למשל, אין פאריז, לאנדאן און בערלין, ער וואיינט דאך אין רוסלאנד. פארוואס האט ער זיינס נישט שטודירט? ממה נפשך, זענען די שותפות'ען אין רוסלאנד אזוי גוט, ווי די אויסלענדישע, וואס דארפען מיר יענע? זענען זיי ערגער, איז פיעל אינטערעסאנטער צו וויסען מיט וואס? מיט וואס זענען ערגער די רוסישע ארטעלען פון בלעכער־געזעלשאפט אין פאריז, אונזערע באנקען — פון די דייטשע (פרק ב), די „פאטרעביטעלניא אבשטשעסטווא", וועלכע ער דערמאנט נאר — פון די געוועלבער אין אויסלאנד! וכדומה?

מיר זאלען וועלען נאכגעהן טריט ביי טריט דעם הער דאקטאר און כאפען איהם ביי אלע זיינע גרייזען, וואלטען מיר געברויכט א גרעסערע בראשורע שרייבען, אלס זיינע; מיר וועלען זיך מיט איהם אפפארטיגען בקיצור. ער וויל איינפיהרען ארטעלען און שרייבט פון פאריז, לאנדאן און בערלין; ער וויל מאכען „פאטרעביטעלניא אבשטשעסטווא" און באשרייבט אויסלאנד, קיין איינציגע געזעלשאפט אין רוסלאנד; און דער עיקר וויל ער איינפיהרען שולען צום לערנען מלאכות און באשרייבט, אז די שולע וואס די בעלי מלאכות האבען זיך געמאכט אין בערלין איז „דאס שענסטע הויז אין שטאט, דאס (הויז) ווערדט (!) באלייכט מיט

גאז, אין דעם (הויז) געפינט זיך א גרויסער זאל, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט א גאלעריע און באלקאנים מיט שעהנע גע־שניצטע פון האלץ שטראכעטעז (רעשאטקעס). דער זאל איז פול (!) מיט שעהנע בענק און טישעז (!!!), אויף דעם עק פון אים (פון טיש?) געפינט זיך א בימה, אויף וועלכער יעדערער, וואס וויל נאר (!!), האט דאס רעכט (אודאי!) צו האלטען א רעדע, אדער עפעס פארטראגען פאר דעם עולם. א חוץ דעם איז נאך דא א קעס־טעל, אין וועלכען יעדער האט דאס רעכט (!) אריינצוואווארפען א פאפירעל, אויף וועלכען ער מעג אנשרייבען דאס, פון וועלכען ער וויל מען זאל שמועסען. נעבען דער בימה שטעהט א פארטעפיאן צוליעב דעם (!!!), ווייל די בעלי מלאכות און ארבייטער קומען זיך דא צונויף, שפילען זיי און זינגען. נעבען דער זאל איז דא א ביב־ליאטעק, א זאל אויף (!) צו לייענען און עטליכע גרויסע צימערען אויף (!) צו לערנען. דורך עטליכע גלעזערנע טירען געהט מען אריין אין א גרויסארטיגען גארטען, אין וועלכען די בעלי מלאכות ארבייטער קומען זיך זומער צונויף!" אי שעהן באשריבען, אי באַ־שריבען, וואס מען דארף, דעם גאנצען תוך, און אקוראט פאר ווע־מען מען דארף. ווארים, באמת, וואס פעהלט אונזער שניידער מעהר אלס א פארעטפיאן מיט שטראכעטען. א בימה מיט קוויטלעך, מיט שעהנע בענק און טישען? איז א גרויסע זאך אזוינס איינצופיה־רען, למשל, אין קאמאראוו אדער בראטקעוו! וואס מען לערענט אין שולע, נאך וואס מען דארף לערנען און פון נאך אזוינע קליי־ניגקייטען איז נישט כדאי צו רעדען; דער עיקר די שטראכעטען!

מיר מיינען, אז עס איז גענוג — מיר מיינען, אז עס וואלט גלייכער געווען אונזערע מחברים זאלען ווייניגער רעדען פון אויס־לאנד (געוועזען אדער געלעזען). בעסער באטראכטען, וואס איז דער היים טוט זיך. אויב זיי ווילען שרייבען איבער דער ארבייט־טער־פראגע, זאלען זיי פריהער די פראגע שטודירען. די ליטע־ראטור, און דער עיקר דאס לעבען! נישט צו פארשרייבען וויין, פלייש און פיש דעם קראנקען פאר דחקות, נישט רעדען פון „שטראכעטען“, גוען מען האט נאך אפילו קיין באגריף, וואס מען מיינט בילדען זיך.

דער הער דאקטאר האט דאך צוויי גרויסע מעלות: 1) ער איז (דאכט זיך) דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבען שרייבען

(אדער איבערזעצען שטיקלעך) פאר בעלי מלאכות און 2) ער האט נאר א קורץ ווערקעל געשריבען.

.1890

2.

די פרויען־פראגע.

לויט דעם תלמוד און דערצו אויך א רעכטען באגריף פונ'ם תלמוד בכלל. אין צוויי טייל.

פון י. י. ווייסבערג

די מענשהייט שפאלט זיך אויף צוויי טייל, אויף זכרים און נקבות. די נאטור אליין האט זיי געטיילט דערמיט, וואס זי האט דער פרוי געגעבען דריי מצוות: טראגען, האבען און זויגען. אמת, עס זענען דא פלאנצען און בעלי חיים, וואס זענען דו פרצופים: זכרים און נקבות צוזאמען. זיי מעהרען זיך דורך א חלוקה אדער קנאספען, דאס הייסט, אדער דאס קעמערעל שפאלט זיך, עס ווערן דערפון צוויי, פון צוויי—פיער, און אזוי ווייטער, אדער אויף דעם ארט פון דעם צמח אדער בעל חי מאכט זיך א מין קנעפעל, א בראָ־דאווקע, וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, ביז עס וואקסט אויף און הויבט אן צו לעבען אויף אייגענער רעכענונג, אויף דעם זעלבען ארט, אדער געהט נאר אוועק און לעבט זיך ערגעץ באזונדער. פראוודע, ביי מאנספערזאנען איז עפעס נאך דא א מין זכר פון נקבות — בראדאווקעס אויף די בריסטען... מען דערצעהלט אפילו, אז עס האט זיך געטראפען שוין, אז א קינד האט ביי א מאנס־פארשוין אזוי לאנג געצויגען ביי דער ברוסט, ביז עס האט אנגע־הויבען מילך צו געהן... נאר בכלל איז היינט ביי די העכערע חיות און מענשען די דריי דינים נאר נוהג ביי נקבות.

עד היום איז א תקיף א גרויסע זאך... מיר זענען שוין מכלומר'שט געבילדעט, האבען פראוועס, רעדען פון יושר, פון אמת... און דאך איז ביסמארק און פרייסען... די בעסטע עדות,

וואס היינט נאך פאר א ווערט עס האט כח... און עס איז נאך גע־ווזען אמאל א צייט ביי מענשען, ווען עס איז נישט מעהר נאר כח געוועזען, נאר: „כל דאלים גבר!" (ווער עס איז שטארקער, דער האט רעכט!)

פארשטעהט זיך אליין, אז אין יענער צייט, ווען נאר די פויסט האט רעגירט, האט דער זכר געמוזט אונטערדריקען די נקבה. ווייל (עכ"פ אין א געוויסער צייט) ער איז שטארקער גע־ווזען פאר איהר.

פון דאמאלט אן האט זיך אנגעהויבען די פרויען־קנעכטשאפט, וואס געדויערט נאך עד היום. נאטירליך נישט אומ־טום, און נישט ביי יעדען פאלק גלייך. דער אונטערשיד צווישען מענער און פרויען הויבט זיך אן דאמאלט, ווען די פויסט אליין רעגירט, און ענדיגען זיך ווען זי דאמאלט, ווען נאר יושר, נאר אמת וועלען רעגי־רען. דעריבער איז דער פרויען־שטאנד פארשידען ביי יעדען פאלק אין פארשידענע צייטען, און אויך אין איין צייט ביי פארשידענע פעלקער. ווייל די מענשהייט געהט נישט איהר אנטוויקלונגס־וועג גלייך, ווי א ראטע, נאר צוזאמעאורפען, טייל פריהער און טייל שפע־טער. וואס אויף א נידעריגערען שטאפעל פון דער בילדונג א פאלק שטעהט, נידעריגער שטעהען ביי איהם די פרויען.

מיר האבען נאך היינט ווילדע שטאמען, וואו פרויען ווערען ביי די עלטערען אפגעקויפט, אלס א זאך; יונגערע דינען, אלס ווייבער און דינסטען; עלטערע — ווערען געטויט, געבראטען און גע־פרעסען; פעלקער, ביי וועלכע קדושין הייסט: צופיהרען צו א בוים און אויסהאקען מיט א קליין צוויי פעדערשטע ציין.

עס זענען דא שטאמען, וואו עס פ ע ה ל ע ן ווייבער. ווע־רען זיי גע'גנב'עט, געכאפט, גערויבט ביי שכנים. מען לויערט (טשיאטעוועט) אויף א נקבה, ווי א ווילדע חיה אויף רויב. קוים ווייזט זי זיך, פאלט מען זי אן, מען גיט איהר איינינע קלעפ מיט א דראנג איבער'ן קאפ, זי זאל דעם שכל פארלירען, און מען שלעפט זי צו זיך אהיים אויף א שטריק.

עס זענען דא שטאמען, וואו די מענער רייטען, און די פרויען געהען נאך צו פוס, טראגען אויף די פלייצעס א צוויי־דריי קינדער און אין די הענט אלע כלים, א חוץ דעם מאנס כלי־זין. דערביי ווערט זי אונטערגעשמיסען, זי זאל געשווינד לויפען.

עס זענען דא ווילדע, וואו אז א מאן שלאגט נישט זיין ווייב, איז עס א סימן, אז ער קאן שוין אויף איהר פרצוף נישט קוקען, און זי לויפט אהיים וויינען פאר די עלטערען אויף איהר פינסטער מזל.

עס זענען אויך דא פעלקער, וואו אז איינער שטארבט, גיט מען איהם מיט אין גרוב אל־דאס־גוט, עס זאל איהם אויף יענער וועלט נישט פעהלען. מען פארברענט דעריבער זיינע כלים, זיין רייט־פערד, זיינע שקלאפען (דינער) און — פארשטעהט זיך — זיינע ווייבער אויך! נאך א גרויסען מאן, בפרט נאך א פירסט, ווערען פארברענט מיט אמאל א פופציג־זעכציג פרויען...

נאר דאס זענען אלץ ווילדע מענשען; לאזען מיר באטראכטען אביסעל די געבילדעטערע. א מאן האט צו שאפען איבער'ן ווייב מיט די קינדער, זי מוז נאכגעהן, וואוהין ער וויל. שלאגט ער זי, האט זי קיין רעכט איהם צו פארקלאגען, אויסער ווען ער מאכט זי פאר א קאליקע.

זי פארלירט איהר נאמען. אפילו, אז זי גט זיך מיט'ן מאן, הייסט זי נאך איהם כל זמן זי האט מיט קיין אנדערען נישט חתונה. א מאנספערזאן קאן ווערען, וואס ער וויל, א פרויענצימער קאן נאר ווערען — אדער זיין דינסט, אדער זיין ליבהאבערין! דער אייגענער חטא, וואס ביי א מאנספארשוין איז קיי־און־שפיי, איז ביי א פרויענצימער סכנות נפשות. אין טייל לענדער נעהמען פרויען גארנישט, און טייל — נאר א קליינעם חלק ירושה.

אויסער אייניגע שטאטען אין אמעריקע, זענען איבעראל די פרויען באגרענעצט, פאלען אלע אונטער דעם מאנס ווילען. אין מעהרסטענטיילס ווערען זיי גארנישט ערצויגען, אלס מענשען, נאר אלס שפילצייג פון מענשען ווענען. א ליאלקע (קוקלע), וואס קען רעדען שעהן, פלאפלען אביסעל פראנצויזיש, שפילען פיאנע, כדי, אז דער מאן וועט קומען אהיים נאך דער ארבייט, זאל זי איהם אנגע־נעם מאכען דאס לעבען, אדער אלס ווירטין, זאל זי קאנען איהם גוט קאכען, באקען און איינשפארען.

דאמאלס, ווען דער מאנספארשוין ווערט וואס עלטער — קלי־גער, אנטוויקעלטער, באלעזענער, שטארקער, און באקומט מעהר כבוד און דרך ארץ, איז ביי פרויען פארקערט. וואס עלטער זי ווערט, ווערט זי נארישער, זאבאבאנישער, שוואכער און אומער־

טרעגליכער... עס טרעפען זיך מענשען, וואס האבען ליעב די ווייבער, נאר איינער צווישען טויזענט קאן ליידען זיין שוויגערס דוד.

ביי אונז אידען שטעהען אויך די פרויען נידעריגער, אלס מע־נער. צי קאן זיך, למשל, א איד פארשטעלען א אידענע אלס ראש הקהל, שמש ביים רב וכדומה? געווים נישט! צי קאן זיך עמיץ ביי אונז פארשטעלען א שטר „חצי נקבה“? א נקבה זאל דאווענען פאר'ן עמוד? צי וויל א פרומע אידענע מעהר, ווי זיין אין גן־עדן איהר מאנס פוסענבענקעלע?

מענשען זענען בטבע קאנסערוואטיוו! נישט נאר די, וואס האבען צו שאפען, ווילען באהאלטען שטענדיג זייער ממשלה, נאר אפילו די אונטערדריקטע, וואס זענען שוין אין קייטען געבוירען. ווילען אין זיי שטארבען; זיי קאנען זיך קיין אנדער לעבען נישט פארשטעלען. איידער מען האט אין אמעריקא אפגעשאפט די שקלא־פעריי, זענען די שקלאפען אליין געוועזען דאגעגען, און אז עס האט אויסגעבראכען דעריבער א קריג, האבען די שקלאפען געטריי זייער בלוט פארגאסען פאר זייערע צוואנג־הערען.

אזוי איז אויך ביי דער פרויען־פראגע. נישט נאר דער מאנס־פארשויין אליין סטארעט זיך, אז די פרוי זאל בלייבען אונטער־דריקט, זי זאל ווייניגער קאנען ארבייטען, אלס ער, זי זאל זיין נאר זיין שפילצייג, נאר אפילו די פרויען אליין האלטען זיך דערינען שטאל און אייזען. זייער גאנץ לעבען איז — זיך אנצוהענגען עמי־צען אויף די פלייצעס; זי איז גליקליך, אז מען האלט זי פאר א „מלאך“ און נישט פאר א מענש, אז מען שטעהט פאר איהר אויף, מען לויפט איהר אויפהויבען דאס אראפגעלאזטע נאזטיכעל...

דער קאנסערוואטיזם קלערט נאך אויס פארשידענע תירוצים און טעאריען; דאס ווייב איז באשאפען געווארען פון מאנס ריפ, איז פון דאנען געדרונגען, אז זי דארף קיין גאנצער מענש נישט זיין! אז די פרוי האט בטבע מעהר געפיהל, אלס שכל, מעהר גע־שמאק, אלס כוח, וכדומה. מען מאכט זיך פארגעסען, אז דאס קומט ארויס פון דער טויזענט־יאהריגער ערציהונג, פון דער דומער דאמען־טראכט, און נאך און נאך אנדערע זאכען.

די פרויען־פראגע, זעהט איהר, קאן פאר אונז אידען אויך זיין זעהר אינטערעסאנט. די פרויען־לאגע שטעהט נישט אויף איין ארט, זי ענדערט זיך מיט דער צייט. אין אנדערע ליטעראטורען קאן

מען פון דער פראַגע זאַמלען גאַנצע ביבליאָטעקען — ביי אונז האַבען מיר יעצט דאָס ערשטע ווערקעל פון ה׳ י. י. וויסבערג. כל התחלות קשות.

דאָס ווערקעל רעדט נישט פון דער פּרויען־לאַגע יעצט, עס שטודירט נישט די פּרויען־פראַגע איבער דער גאַנצער צייט. ער שטעלט זיך אַפּנים פאַר, אַז די גמרא איז „איינס״, און לויט דער גמרא איז פאַראַנען איין „פּרויען־פראַגע״; ער האָט אריינגעשלעפּט מיט געוואַלט „אַ ריכטיגען (!) באַגריף איבער׳ן תלמוד״, ער פאַרגעסט די צייטען און די ערטער פון דער גמרא; ער באַמערקט נישט, ווען און וואו עפּעס איז געזאָגט געוואָרען; די מאמרים געהען אַהן אַ סדר; זיינע אויסלעגונגען זענען מערסטענטיילס „ויש ליישב בדוחק׳ס״, פּשטל׳מעסיג — נאָר נאָך איז דאָס ווערקעל נוציג, און מיר עמפּפעהלען עס דעם פּובליקום.

און מיר עמפּפעהלען עס נישט דעריבער, דאָס ווערקעל זאָל האָבען עפּעס געווירקט, עפּעס ערקלערט — דאָס נישט. דער מחבר באַמיהט זיך אפילו טיילמאָל צו פאַרענטפערען אַ בעל־התלמוד, וואָס האָט זיך האַרט אויסגעדריקט איבער פרויען... נאָר פון דעם האָבען מיר קיין נוצען נישט. נישט תנאים ואמוראים, דאָס לעבען דריקט זיך האַרט אויס און אונטערדריקט...

נאָר, ווי עס איז, פון דעם ווערקעל ווערט מען געוואָר על כל פּנים, אַז עס איז דאָ אַ פרויען־פראַגע, אַז עס זענען דאָ מענשען, וואָס קלערען, אַז אַלע מענשען דאַרפען זיין אין אַלעם גלייך...

.1890

3.

האָרץ.

ספר לכל נפש, ולכל בית ישראל.

(דאָס לאַנד, אַ בוך פאַר אַלע (אידען) וועלכע פאַרשטעהען לשון־קודש)

און פאַר יעדען הויז (וואו עס ליגט נאָך אמאָל אַ תנכ״ל)

געהט אַרויס אין ירושלים דורך ה. זאב (וואָלף) יעבץ.

(עס זענען אַרויס פיער בענדלעך).

עס זעהט אויס, אַז די וועלט וועט נאָך אמאָל די זכיה האָבען צו זעהן אַן אילוסטראַציע צו גאַרדינ׳ס געדיכט: „בנערינו

ובזקנינו נלך״; דער עוויגער איד „וועט נאָך אַמאָל נעמען דעם שטעקען אין דער האַנט אריין, די (לעדיגע) טאָרבע אויף די פּלייצעס און עס וועט זיך אַנהויבען דאָס קאַפּיטעל „ויסעו—ויחנו״.

נאָר, וואו וועט זיין דער לעצטער ויחנו פון דעם לאַנגען וועג? אָט דאָס איז די פראגע! אונזערע שונאים האָבען אויף איין נוסח, כאָטש אין פארשידענע לשונות, פאַר אונזער רוחניות א מצבה געקריצט און קדיש געזאָגט, נאָר לעת־עתה שטעהט נאָך דער גרוב לעדיג... און דעריבער, בשעת ווען „ארגענטינא״ ציהט מיט קערפּערליכע, זיידענע שנירען און גאָלדענע קייטען... ציהט אונז ארץ ישראל מיט אזעלכע פעדים, וואָס די גראָבע האַנט קאָן נישט אַנטאַפּען, דאָס שוואַכע אויג—זעהן, נאָר וועלכע עס האָבען טויזענטער יאָהרען נישט אָפּגעשוואכט, פייער — נישט איבערגעברענט, וואסער — נישט צופלאָכטען, קיין שטן—פארפּלאָנטערט, און די צרות־דערנער פון אַלערליי פרעמדע פּלויטען נישט איבערגעריסען, און מיט וועלכע אונזער אידיש הארץ איז ארומגעוועבט...

נאָר אין פראגען, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די גאַנצע צוקונפט (עתיד) פון א פאָלק, טאָר מען דעם הארץ אַליין קיין דעה נישט געבען, און מען מוז דעם קאַלטען קלוגען שופט, דעם מח, אויך פרעגען אַן עצה. ער איז אָהן א נטויה, אָהן רחמנות, נאָר—ער האָט שכל.

מיר קאָנען פונ׳ם שכל נישט פארלאַנגען, אז ער זאָל איבערוועגען די מעלות און חסרונות פוןביידע צדדים (ארגענטינא, פּאַלעסטינא), ווייל „מרת יפת״ (אזוי רופט יעבץ די אייראָפּעאישע ציוויליזאציע) האָט נאָך נישט ערפונדען קיין וואָג, מען זאָל וועגען „עולם־הזה־סחורה״ מיט רוחניות צוזאַמען, און ווען אפילו ר׳ לייב שרה׳ס (אזוי וויל איך רופען די קווינט־עסענץ פון אונזער גלות־נאַציאָנאַל־ציוויליזאציע) זאָל אראָפּברענגען פון הימעל די וואָגשאָל (מזל מאזנים), וואָלט זי אונז אויך נישט געהאָלפען (בפרט, אז זי שטעהט שוין אזוי לאַנג לעדיג, האָט זיך אודאי שוין מזל בתולה פון זיי ציה־קנעפּ צום סטאַניק געמאַכט).

מיר פארלאַנגען נאָר פון שכל, ער זאָל איבעררעכענען די עולם־הזה־סחורה; פון הארץ — עס זאָל נאַכטראַכטען וועגען דער וויג,

וואו אונזער פרייהייט איז געבוירען, וועגען דעם קבר — וואו זי איז באגראבען געווארען, און — פון תחית־המתים, נאר—בבחינת: יעקב אבינו לא מת! דאס הארץ און דער מח וועלעןביידע טון זייערס, נאר וייל ביידע ווירקען און באוועגען איין ארגאניזם (בעל־אברים), וועט ער אודאי געהן זיין רעכטען וועג, לויט דעם „פארא־לעליזם", וועלכען „מרת יפת" האט ערפונדען.

נאר כדי די ביידע מאטארען זאלען קאנען ארבייטען בשלימות, מוזען זיי האבען קראפט. ליידער אבער האט דער מח ווענינ ידיעות פון פאלעסטינא. בשעת, ווען דאס הארץ טשעפאטשעט זיך אויף אלע קברים, אויף כותל מערבי, אויף יעדען שטיינדעל, אויף יעדען שטויב ערד, וועלכע זענען דורכגענעצט מיט אונזער העלדען־בלוט, ווייסט נאר דער שכל, אז אמאל האט דארט גערונען מילך און האניג, און היינט איז א וויסטער מדבר, ער קאן זיך משער זיין, אז דעם מדבר האבען מיר דעם טערקישען פאטאליזם*) צו פארדאנקען, נאר אויף השערות קאן מען קיין הויז נישט שטעלען!

אלס ריכטיגע פראבען קאנען נאר דינען די נייע קאלאניעם. נאר ווער קען זיי? ביז אהער האבען פון זיי גערעדט אדער „מרגלים", אדער היים־פארברענטע בטלנים, וואס וואלטען גע־וואלט מיט'ן גאנצען פאלק דעם ירדן פארשיטען, אבי איינער, א שריד־ופלט, זאל דערנאך טריקען אריבערגעהן און אנצינדען א ליכטעל אויף מאיר־בעל־נס... אדער נאך אזוינע, וואס זענען שריי־בענדיג נישט געשטאנען איבערגעדרעהט מיט'ן פנים א ה י ן, נאר א ה ע ר, געקוקט די לעזער אין די אויגען אריין, און גע־זאגט, וואס די אויגען האבען געוואלט, צו וואס זיי האבען גע־גלוסט!...

און דעריבער איז אונז אנגענעהם עדות צו זאגען, אז ה. יעבץ מיט ז י י ן גאנצען פ א נ א ט י ז ם (לעז זיין לייטענדען ארטיקעל) גיט אונז דאך א ריכטיגען באגריף איבער דעם שטאנד פון די קאלאניעם; אויף זיינע ידיעות ליגט דער חותם פון עהר־

---

*) מחמד, דער טערקישער נביא, הייסט גלויבען, אז אלעס אין דער וועלט איז באשערט פון דער השגחה, אז דער מענש מיט זיין חכמה און רצון קאן זיך גארנישט העלפען, און קיין עצה געבען. דעריבער זענען זיי פויל צו דער ארבייט.

ליכקייט און אמת. און דעריבער איז ווירקליך זיין ספר „הארץ" „א בוך פאר אלע (וואס לעזען העברעאיש) און פאר יעדען אידי־שען הויז."

איבערהויפט קומט איהם צו דאנקען פאר יחיאל מיכל פי־נעס'עס בריף, איבער דעם עקאנאמישען שטאנד פון דער געגענד; פאר'ן צושפרייטען די ריכטיגע מיינונג, אז אויף „נ ד ב ו ת" קאן מען קיין קאלאניעס נישט שטעלען, און פאר נאך אנדערע ריכ־טיגע וויכטיגע אידעען — און כאטש מיר סאלידאריזירען זיך נישט מיט'ן הער יעבץ וועגען דער שנאה צו „מרת יפת" און בנוגע צום בענקען למצות התלויות בארץ, (בפרט אויב צווישען זיי וועט זיין קרבנות), גיבען מיר ד י פון אונזערע לעזער, וועלכע פארשטעהען העברעאיש, די הערצליכסטע עצה טובה, זיי זאלען דעם „הארץ" באשטעלען.

.1891

4.

דער ווארשעווער אידישער קאלענדאר

דריטעס יאהר — תרנ"ד.

אויסער די חלקים, וואס געהערען צו א לוח בטבע, האט דער „ווארשעווער אידישער קאלענדאר" אין זיך א שפאר חלק ליטע־ראטור. ערשטענס, (ווייל די אידישע כראנאלאגיע איז גאנץ קא־לענדאר־מעסיג און דער טיטעל „די וועלט־געשיכטע" פאסט איהר אזויפיעל, ווי דער „המאור־הגדול" דעם שטארקען רוב פון אונזערע רבנים—) ערשטענס, שמירט אונז אוים ה' פרישמאן דאס מויל מים „מילך און האניג". ער האט א גרויסע פרעטענסיע צום רבונו של עולם, וואס האט צוגעזאגט צו געבען האניג און מילך, עס זאל רינען איבער'ן מויל —

רבונו של עולם, צו וואס זיך דען נארען;
נישטא מעהר די גאלדענע יאהרען!
נישטא מעהר קיין מילך שוין, נישטא מעהר קיין האניג
אין לאנד פון דעם כרמל, פון שרון!

פון די אלע הבטחות —
איז אונז נאר געבליבען אויף אונזערע צרות
בהמות און ביהנען אלם סימן —
דאך (?) האבען מיר לאנג גאר אין מילך און אין האניג
אויפגעהערט טרעטען (?) און שווימען —

און דעריבער איז ער מתפלל:
אוי, גאטעניו! זעהסט דו, איך בין דיר שוין מוחל
דיין מילך און דיין האניג; און רעכען
צו בעטען דיך: נעם שוין אויך צו די בהמות
און ביהנען, וואס שטעכען, וואס שטעכען!

דער צווייטער מאל „וואס שטעכען", איז מחזק צו זיין „דעם ענין פון שטעכען" — נאר ווער זענען די ביהנען? אויף בהמות קאנען אלע אנווייזען מיט די פינגער. נאר ווער זענען די שטעכער? צי האט ה' פרישמאנ'ען דער „האבער געשטאכען"? —

נאר נישט דער האבער און נישט ביהנען שטעכען אונז אינ'ם געלעהרטען ארטיקעל „די וואונדערבארע נאטור־קראפט עלעקטריציטעט"; דא איז יעדעס ווארט א פראסטער דארן, וואס לעכערט אויערען און הארץ. שוין דער טיטעל אליין איז דער בעס־טער סימן ווי נישט פעהיג דער מחבר (זאסניין) איז צו פאפולא־זירען (פאר'ן פראסטען עולם פארשטענדיג צו מאכען) א וויסענ־שאפט (חכמה). נאר דער טיטעל איז נאך גאלד! דאס ארטיקעל צו פארשטעהן איז ווייניג צו קענען לעזען און האבען א שכל הישר, מען מוז פריהער קענען די עלעקטריציטעט, ווי עס דארף צו זיין, און דערצו נאך געוואוינט זיין מיט זאסניצעס ספעציאלנע לשון, כדי מען זאל קענען דורכלעזען — א פאר זייטלעך.

זאסניין קאן זיין פאר זיך א געלעהרטער מענש, נאר דער „מכל מלמדי השכלתי" געהט אויף זיינע תלמידים נישט; ער איז אפשר דער איינציגער פרט וואס דארף מחזק זיין דעם כלל. איך שטעל אייך אנידער עטליכע פלוימען־קערען, ווער עס האט גוטע ציין, זאל זיך פרואווען און אויפקנאקען:

„מינעראלאג (פארשטעהט גוט אויף עדעלשטיינער)"

„איין געוויסען שטיין ליקריאן (אבער היינט ווייסט מען נישט וועלכען שטיין...)"

„אז די זאכען ציהען בעסער אַז (?) ביי (!) אַ טרוקענעם (!) לופט".

„און ביי איהם איז די ערשטע באמערקונג וועגען דער קראַפט געווען, ווי אויבען".

„אַז מען רייבט שטארק אין א גרויס שטיק ברושטין".

„אַז מען האַלט די האנט נעבען א גוט געריבענעם גלאַז, פיהלט מען, ווי די האנט זאַל זיין עפּעס אין א שפּינוועבס".

דערביי איז צו באמערקען, אז בורשטין הייסט ברושטין אינ'ם גאנצען אַרטיקעל, און זאַסניץ שרייבט שלעכט דייטש במקום גוט אידיש, נישט דוקא איבער עלעקטריציטעט, נאָר אפילו ווען ער מאכט זיך א הלצה'לע דעם געמוטשעטען לעזער אביסעל פרייער צו מאַכען. די הלצה אייגענטליך כאַראַקטעריזירט בעסער זאַסניצ'עס שכל הישר, אלס די בלומען, וואָס מיר האָבען אפּגעריסען באַלד אויפ'ן ערשטען און צווייטען זייטעל פונ'ם געלעהרטען ארטיקעל. — נאָט אייך און „טרעט אין האָניג, שווימט אין מילך":

„איך בין אלע מאָל א בעלן צו זיין ביי א וועטע, וואָרים — איך לעג דערביי קיין מאָל נישט צו (!!!)*), נאָר א זאך בין איך געוואוינט צו זאָגען (הוא היה אומר!): אַז איך פאַרלאַנג נישט פון אַ חכם ער זאַל זיין אַ גרויסער בעל מדות טובות (גוטען כאַראַקטער), און פון א בעל מדות טובות פאַרלאַנג איך נישט קיין חכמה; ווייל איך לערנען אַ ריכטיגען גלויבען צו האָבען (!), געה איך צו א אידישען חכם, ווייל איך לערנען גוטע מדות, געה איך צו אַן אַלט־וועלטיגען (!) מענשען; ווייל איך לערנען דרך־ארץ, (איך מיין, ווען איך וויל א פיינעם ליגענד זאָגען, אָדער א גוטען און א טיפען שטיכוואָרט און (!) יענער זאָל זיך דאָך נישט געפינען באַליידיגט), געה איך צו א דיפּלאָמאטען, ווייל איך לערנען חכמה אליין (!) געה איך צו א שטודירטען (!!!)

---

*) א „סוחר" האָט אמאָל אַזאַ אַרט צואה זיין זוהן געלאָזט: אַז דו זעהסט עמיצען געלט צעהלען, שטעל זיך אָפּ, צולעגען וועסט דו זיכער נישט.

און נאך בעסער איז צו לערנען פון זייערע (!) ביכער, אי־בער צוויי טעמים: ערשטענס, לערען איך ווען מיר גלוסט, צווייטענס, וועל איך אלס שילער קיין פּאטש נישט באקומען (אזוי ווי א פּארפאסער גיט פּעטש דעם עולם אונטער די אויגען !!!) נאטירליך עס גיבט אויך אויסנאמען, אז (!) מען קען לערנען חכמה אפילו (!) ביי א קלויזניק, און כאראקטער אפילו (!) ביי א חכם...“

און דאס אלץ האט מען געדארפט, כדי אויסצופיהרען, אז דער געלעהרטער דיא־פּאס פון פּאריז האט זיך מקנא געווען אין גרויי׳ס ערפינדונגען און —

„ער האט ווירקליך אנטדעקט א גרויסע וויכטיגע נייעס (!)“ אדער אפשר צו באווייזען, אז עס איז דאך בעסער צו לערנען חכמה, אפילו עלעקטריציטעט ביי א שטודירטען...

אין זאסניצ׳עס „שלעכט דייטש, איידער גוט אידיש“, דערמאנט אונז א „געוויסער“ כהן־צדק. איהם רינט אויך נישט האניג און מילך פון מויל, כאטש ער האט נאר א קליין שטיקעל גֶעטע איבערגעזועצט. א קליין שטיקעל, נאר עס איז דאך גוט פאר א סטראשידלע אין „אונזער וויינגארטען“ ארייינצושטעלען. אפשר וועט עס אפשרעקען די יונגע נארישע פייגעל, זיי זאלען על־כל־פּנים אביסעל שטילער זינגען. הערט —

רעגעלען אים לעבען:

ווילסט דו דיר א היבש לעבען צימערען,
מוזט דו אומ׳ס פארגאנגענע דיך נישט בעקימערען;
דאס וועניגסטע מוז דיך פּארדריסען,
מוזט שטעטס די געגענווארט געניסען;
בעזונדערס קיינען מענשען האסען,
און די צוקונפט גאט איבערלאסען...

איך שענק יעדען אייבציגען אומזיסט אלע „כהן־צדק׳ס־שירים“ (ווען זיי וועלען ארויסגעהן), ווער עס וועט טרעפען:

1) וויפיעל דייטשע זעמעל מען דארף אויפעסען, מען זאל שרייבען אזא לשון, און ווי ז ו י ע ר זיי דארפען זיין.

2) וויפיעל עס ווערט געצאהלט פאר אזוינע זאכען, זיי זאל־לען גערדרוקט ווערען נישט פראסט צווישען די מודעות מיט אן איינפאר לשון: „רבותים, זוכט מיר אוים א כלה..." און —

3) וועלכע פאר עס איז זיך עהנליכער: געטע מיט זיין אי־בערזעצער, אדער הימעל צו ערד? איך גיב צייט: א יובל! וכל הקודם זכה!

דער רעדאקטאר אליין רעדט שוין פאר דאס פראסטע אידיש, און זיין „ארץ־ישראל־איד" איז נישט שלעכט. די מעשה דערפון איז א פראסטע —

„דער בלינדער ארץ־ישראל־איד" הייסט אזוי דעריבער, ווייל ער איז אויף דער עלטער בלינד געווארען, און האלט שטאל און איי־זען פון ארץ־ישראל. די סצענע קומט פאר אויף א הויף אין א ווארשעווער הויז, און זי קומט פאר דעריבער אויפ'ן הויף — ווייל עס איז שוין נאכ'ן אכטען. ער האט קיין דירה־געלט נישט באַ־צאהלט, האט איהם דער בעל־הבית ארויסגעווארפען. איהר וועט פרעגען: אזוי געשווינד? וועל איך אייך ענטפערען פאר'ן מחבר (אז אנדערס מאל זאל ער אליין גערענקען), אז דער ארץ־ישראל איד האט שוין דאס מעסער — א וויראק — אויפ'ן האלז נאך פון יענעם קווארטאל. זיין ווייב מיט'ן אייניקעל זענען געלאפען אין הייזער אריין „זוכען געלט", (מען ווייסט נישט אויף קלאר, וואס מען מיינט: אפנעמען, בארגען, — בעטלען?), עס פאלט צו די נאכט און ער ליגט אויפ'ן ברודיגען הויף צווישען בעטגעוואנט און ארעמע כלים. מאנכער לאקאטאר בעט איהם אויף א ווייליע אריין צו זיך, נאר ער וויל נישט, ער וועט ווארטען אויף דער אלטער, זי מוז דערווייל קומען!

א פראווינץ־איד וועט אפשר פרעגען: און דער בעל־הבית? איז ער קיין מענש נישט? ווי האט מען קיין רחמנות נישט? עס פאלט צו די נאכט, עס ווערט פינסטערער און פינסטערער, ווי לאזט מען נישט אן אלטען בלינדען איד צוריק אין דירה אריין איבער־נעכטיגען? נאר מיט פראווינץ־אידען לאז איך מיך אין קיין שמועס נישט אריין, עס איז דא אסך זאכען, וואס זיי פארשטעהען נישט...

דערווייל נעמט זיך דער אלטער אפצוריכטען חצות... דער

הויף איז שוין לעדיג, לאנג געשלאָסען דער טויער, ביי יעדען קלינג, קלאַפּט איהם דאָס הארץ: די אלטע, דאָס איינעיקעל געהט, נאָר עס נאַרט איהם אָפּ... ער רוקט זיך ארויס פון די איבערבעטען אויף דער בלויזער נאַסליכער ערד, גראבעלט צוזאַמען אביסעל בלאָטע אויפ'ן אָרט פון אַש, באַשיט דעם קאָפּ און ריכט אָפּ חצות...

„שלוחי מצוה אינן נזוקין",*) דאָך האָט זיך דער אלטער אי־בערגעפיהרט און די א ל ט ע מיט'ן איינעיקעל האָבען איהם גע־פונען א גוסס...

מיר ערלויבען זיך נאָך דעם הערן עפּפּעלבערג צו געבען צוויי עצות: 1) ערשטענס, זאָל ער נישט מיינען, אז א פאַקט פון לעבען איז א לונג־און־לעבער, און מען דאַרף זי צובלאָזען עד סוף כל הדורות. די גאנצע געשיכטע, אז דער בלינדער האָט אמאָל געזעהען, און דער אָרעמאַן איז אַן עושר געוועזען, דער גאַנצער וכוח וועגען ארץ־ישראל וכדומה אַנדערע זאַכען, בּפרט דער „סרח העודף", דער סוף פון דער מעשה, די טהרה, לויה און באַמער־קונגען, מאַכען נאָר שוואַך די פּעולה, וואָס די נאָוועלע וואָלט גע־קאָנט מאַכען. און

2) אויב ער מ ו ז שוין שרייבען, ז א ל ער כ א ט ש שרייבען פּראָזע. וואָס דאַרף ער ר י י מ ע ן ?

ער וואָלט גאַנץ שעהן יוצא געוועזען מיט דער נאָוועלע און גע־מעגט נישט מזכה זיין את הרבים מיט „דעם גוף און די נשמה" מיט'ן נאַריש־בטלנישען־אַלט־פּילאָזאָפישען איבערזעצטען שיר „דער שרעקליכער חלום", (בפרט מיט דער קלוגער הערה!), איך וואָלט איהם אפילו מוחל געוועזען די „טויבען מיט די האָביכטען"; אפילו זאָסניץ וועט נישט שרייבען:

נאָר ווי זאָל דעם האָביכט אָט דאָס נישט פאַרדריסען
ווי זאָל איהם נישט ברענען זיין הארץ פון קנאה
ער איז דאָך א מערדער (!!) און בלוט צו פאַרגיסען
דאָס איז דאָך זיין טבע און דאָס איז די שנאה!
און אַנגעזאָגט האָט זי (די טויב) יעדען (קינד) באַזונדער

---

*) דאָ פּאַסט דער וויץ, אין דער נאָוועלע, איז עס אַ סקריפּ פון אַ טיר.

זיי זאָלען נישט שטיפען (!) נישט פליהען צו הויך
זי — נאהרונג — פליהט זוכען (!!!) ברענגען די קינדער (!!!)
זיי זענען נאָך יונגע, זיי זענען אָהן כח.
און ארוים זענען זיי, ווען זי איז גאָר וועק
און האָבען — אין שטיפען און קולות פארבראַכט (?)
און באַלד האָט א האביכט עררייכט דאָרט (!) זיין צוועק
און האָט אויף דער שטעלע (!) צורעכט זיי געמאַכט!

ווי נאריש די דריי סטראָפען זענען אינ'ם משל, זענען זיי נאָך נארישער אינ'ם נמשל. די טויב איז (פארשטעהט זיך!) די כנסת ישראל, דער האביכט — שונאי ציון. עס געהט אין דעם, אז די קינדער פרעגען די טויב פארוואָס דער האביכט (דער יאסטשאָנב) פרעסט זיי אויף? וואָלט ער כאָטש געגעסען אונזער פלייש! ניין ער צאַפּט נאָר אוים דאָס ביסעל בלוט, און ווארפט די נ ב ל ה אוועק. די טויב ענטפערט — אז די טויבען האָבען דריי מעלות; ערשטענס עסען זיי כשר (!) צווייטענס אז ווען זיי האָבען ניט קיין ארבעס, שלינגען זיי און זענען יוצא מיט שטיינדלעך (!) און דריטענס — א טייבעל קוים קריכט עס ארוים פון איי, פליהט עס הויך — על כן שטעקט די שנאה דערינען! און דער היוצא לנו מדברינו — איז א מוסר: נישט שטיפען, נישט פליהען, נישט מאַכען קולות...

אחוץ די צוויי עצות וואָלט א יושר געווען, אז ה. עפּעלבערג זאָל מגלה זיין דעם סוד, וואָס א פראווע ער האָט געהאַט איבער צודרוקען שטיקלעך פון אַלטע אידישע צייטונגען? צי האָט ער מודיע געווען זיינע קונים, אז ער וועט עס טון? צי האָט ער עמיצען באצאהלט דערפאַר? דאָס וואָלט שוין אפילו די „קארגע דינה'לע" אין דער נאָוועלע פון שלמה גראָסגליק נישט געטאָן! זי מאַכט נאָר פון „שניי גאָמולקעס", „קליידער בחצי חנם"; פאַר א ליאדע פאַר הונדערט רובעל האָט זי א קליידעל אויף א חתונה צו געהן, און איהר מאַן מרדכי (פארוואָס רבי?) איבער ער וועט נישט קלוגער ווערען, וועט ער אויפ'ן יאהר אפילו קיין ווארשעווער קאַלענדאַר נישט בכח זיין צו קויפען... אבער — אַלטע סחורה?

.1891

5.

וועגען ישוב ארץ ישראל.

ארויסגעגעבען פון בערטהא פלעקסער און ישראל נאראדניצקי.

עס איז לייכט צו פארשטעהן דעם צוועק פון אזא ווערק, עס דארף אויסווייזען:

1) אז עס איז אונז שלעכט אין אייראפא, און אז אויף בעסער איז נישט צו האפען;

2) אז די איינציגע הילף איז עמיגראציע, געשווינד, אויף אייביג אוועק, און דער עיקר —

3) אז די עמיגראציע דארף זיין קיין ארץ־ישראל, נישט ערגעץ אנדערש.

צי איז דער ציל ערייכט? דאס ווילען מיר זעהן.

---

1) צי איז אידען שלעכט אין אייראפא?

אויף דער פראגע גיט ה. זאמאשטשין מיט זיין גערדיכט „דער שטיין און די כוואליעס" (פאליעס) א תשובה, וועלכע פאסט גאר־נישט צו דער טענדענץ פונ'ם „הייליגען לאנד". אונטער א מאטא: „למה רגשו גוים ולאומים יחגו ריק", בעט זיך זאמאשטשין:

„קוקט נאר צו, אויב איהר ווילט עפעס זעהן (און אז ניט?)
סאמע (!) ביים ים, ווי א ריז א ו י פ ג ע ש ט ע ל ט (!)
פעסט (,) פון גראניט שטעהט דארט א ש ט י י ן (!)
ער איז שוין א זקן (!), גאנץ לאנג אויף דער וועלט...

עס איז לייכט צום פארשטעהן אז דער „שטיין" איז א פ ע ל־ ז ע ן. און — אז דער פעלזען איז ישראליק.

„עס רוישען, עס קאכען, עס לויפען, עס יאגען
די כוואליעס ביים ברעג אין כ ע ס ס כ נ ו ת (?)
עס שפריצט זיי (?) די פינע (פיענע), זיי קלאפען, זיי שלאגען
דעם אלטען שטורמאק גאר אהן רחמנות —

נאר, וואס פרעגט ער נאך זיי? וואס הערט ער זיי? ווי לאנג איז דען גאר, אז גאלדענפאדען האט אין „טריאטער“ געזונגען „ישראליק שטעקט זיי פייגען ארויס“, און — דוקא פון אויטאדאפעע?!

„צום הימעל דעם קאפ, ש ט ו ם אהן אווארט
פארשפריצט, פארנעצט די פיס און דאס פנים (!)
גיט זיך דער העלד קיין ריהר פון זיין ארט
מאכט חוזק און לאכט פון די נ א ר א נ י ם (!)“

און פארוואס זאל ער נישט לאכען? זאלען זיי צולעגען די גאל! עס איז א פארגעניגען צו זעהען, ווי: —

„עס בראט זיי, עס שטעכט זיי, די שונאים אין ים“
און די איינציגע סבה פון זייער שנאה איז:
„ד א ס שטאלץ פון דעם ריז וואס שטעהט
אויסגעצויגען(!)“

און אפשר מיינט איהר, ער שאדט זיי עפעס? זיי האבען צום אויסגעצויגענעם ריז טאקע נאר א שנאת־חנם.

„ער מאכט זיי ניט ענג, געננג איז זיי גראם —“

נאר דער גרויסער אויסגעצויגענער ריז, די גרויסע סקאלע, דער פעלזען, דער אומגעהייער —

„שטעכט ווי א ד א ר ן ז י י א י ן ד י א ו י ג ע ן!“

נאטירליך ווערען די אויגען ביי די רוצח'ישע פאליעס נאך מעהר רויט, זיי ווערען נאך מעהר אין כעס און —

„פיהל מעהר שוין מיט כח, שוין מלא רציחה,
שמייסען די כוואליעס, פאטשען דעם שטיין,
זיי נעצען איהם אונטער דעם מ ק ו ם מ נ ו ח ה,
ווילען אויספיהרען, נאר ער זאל געהן!“

מן־הסתם פיהרען זיי אויס פונקט ווי דער בעלעמער משוגע'נער, וואס פאטשט דעם ביהמ"ד אויווען, ער זאל פאר איהם דרך־ארץ

האָבען, און אָפּרוקען זיך פאַר איהם! — „דער שטאָדט־זייגער — זאָגט ער — איז העכער פאַר דיר און געהט, און דו, בולוואַן, („שטורמאַק“ איז נאָך אין כעלעם נישט נהג) שטעהסט אויף איין אָרט“; נאָר איהם ווערט די האַנט געשוואָלען, און דער אויוועז שטעהט ווי ער איז געשטאַנען, אזוי אויך שטעהט אויף איין אָרט ישראליק (נע־ענך איז אַן אַנדערער, נישט ער), און די כוואַליעס —

א בלאָטיגע ליים, זעהר שמוציג און מאוס,
א זאַמדעל, א שטיינדעל, וואָס ליגען ביים עק,
א ווילד (!) שטיקל גראָז, וואָס וואַקסט ביי די פּיס —
דאָס שלעפּען די כוואַליעס מיט נצחון אַוועק!

רבונו של־עולם, און נאָך וואָס האָבען זיך בערטהא פלעקסער און ישראל נאַראַדניצקי מטריח געווען? מה הרעש? ווארט אבי־סעל! בפרט אַז —

„דער גבור, דער ריז מאַכט זיך גאָרניט דערפון,
ער נעמט אין זיך אַריין די נעץ און די קעלט
ער וואַרעמט זיך אויס באַלד קעגען דער זון,
שטעהט ווייטער קאַלט־בלוטיג, קוקט אויף דער וועלט!“

וואָס זשע זענען מיר אזוי אומגעדולדיג? נאָר אפנים, אַז די רעדאַקטאָרען פּסק׳ענען: מיטב השיר כזבו“, און דאָס „בלאָזען“ זיך איז נאָר פאַר שעהנקייט וועגען: זיי אפנים ווייסען, אַז דאָס גאַנצע זאַמד, וואָס איז צושפּרייט און צוזייהט אויף אונזער ערד, אויף וועלכער עס וואַקסען אַלערליי בלומען, תבואות, און וועלדער, אַז דאָס גאַנצע געקרייזעלטע זאַמד, מיט וועלכען עס זענען אויס־געבעטט אַלע טייכען, אַלע וואַסערען, זענען נישט מעהר און נישט ווייניגער נאָר צוריבענע גלידער פון דעם ריז, פון דער גרויסער סקאַלע, פון וועלכער די פאַליעס רייסען פון אייביג אָן, אַחוץ אַז אויפהערונג: נאָר א „משורר“ זעהט עס נישט: פרעגט איינעם, וואָס לערנט קליינע אותיות, וועט ער אייך זאָגען...

אַחוץ דעריבער, אויב מיר ווילען האָבען א תשובה אויף דער־

שאלה: צי איז אידען שלעכט, אדער צו דערליידען אין אייראפּא, מוזען מיר זיך אפּווענדען פון פּאעט, וואָס זעהט אויגען ביי די פּאליעס, און זעהט נישט די באַקעס, וואָס פאלען אונטערגעוואַשען אין ים אריין, און ווערען אויף קאַשע צוריבען, און בעטען דעם ה׳ ראבניצקי, וועלכער זאָגט אונז צו א „רפואה שלמה“, ער זאָל אונז פריער שטעלען א ריכטיגע דיאַגנאָזע. —

געגען אַזוינע נחמות וואָס ה׳ פלטיאל זאמאָשטשין גיט אונז, געגען דעם נחת אז „מיר לעבען פאָרט, שונאים אויף צופּענקעניש און אלע אנטיסעמישע שלאַנגען אויף צוזעצעניש“ זאָגט ער אז:

> „אודאי איז עס נישט קיין קליינע טרייסט, אז מען דערמאָנט זיך וויפיעל דער אומגליקליכער ישראל האָט שוין איבערגעטראָגען צרות אויף זיינע אויסגעמוטשעטע פּלייצעס; אבער... וואָס ווערט דערפון?

לעבען אליין — זאָגט ער — איז ווייניג. עס זענען דאָ אסך מענשען וואָס לעבען און פארשעלטען זיך די יאָהר; מיט א פאָלק קען אויך זיין דאָס אייגענע —

> „פון דעם הוילען פאַקט, אז ער לעבט, איז נאָך גאַנץ קאַרג צו רעכענען איהם פאר א גליקליכען... אז מען דאַרף איהם שטארק מקנא זיין... נאָך דער גרויסער נחמה בלייבט די צרה פאָרט א גרויסע צרה און דאָס לעבען איז פאָרט פינסטער און ביטער“.

> „דאָס אידישע פאָלק האָט אַלץ איבערגעלעבט! אמת גאַנץ פיין... עס לעבט היינט אויך... נאָר מישטיינס גע־זאָגט וואָס פאר א לעבען! עס לעבט, און האָט אין זיך נישט איין גאנצען, איין געזונטען אבר; עס לעבט און קריכט קוים אויף אַלע פיער, קוים וואָס מען הערט עס זיפּען; עס לעבט און מוטשעט זיך ערגער ווי אויפ׳ן טויט; באטראכט נאָר דעם זעלטענעם, היסטאָרישען גבור, דעם גרויסען ריז, ווי ער ליגט צונויפגעקייקעלט אין צעהנען אויף דער ערד, באַדעקט מיט וואונדען און מכות, קליינע און גרויסע פון אויבען ביז אַראָפּ, פאַרזונקען אין בלאָטע און אַלערליי אומ־רייניגקייטען ביז איבער׳ן קאָפּ! זעהט נאָר, ווי די ליכ־טיגע אויגען זיינע זענען אויסגעלאָשען און שרעקליך טיף ארייגעזעצט אינ׳ם קאָפּ, דאָס פּנים אויסגעדארט, טויט

ווי ביי א מת, און דער גאַנצער קערפּער איז הוילע הויט און ביינער ווי א סקעלעט; קוקט זיך נאָר צו, ווי פאַר־שמאַכט ער איז, ווי די כוחות לאָזען זיך איהם אויס, און ער, אך און וועה! נעמט צונויף דאָס לעצטע ביסעל קרעפטען כדי (זיך צו צוריטשען) און קישען און לעקען די פיס פון די מלאכי־חבלה, וואָס טאַנצען אויף איהם דעם גיהנום־טאַנץ!"

אפילו א י ב י ג ל ע ב ע ן, נאָר שטענדיג אַ ר י י נ־ציהענדיג אין זיך די נעץ, און די קעלט, אייביג עקזעסטירען אויף להכעים, אויף צוזעצעניש און צופּענקעניש אייביג שרייען: למה רגשו גוים, אייביג זינגען:

„וואָס רוישען די כוואַליעס, טאַנצען און יאַגען
זייער נצחון א נ א (!) לאָ'מיר אויך זעהן..."

געפעלט אויך נישט ראבניצקי'ן, און געווים קיין שום מענש מיט געפיל. אזא אייביג לעבען הייסט —

„לאַנג נאָך לאנג אזוי מוטשען זיך, און ליידען לע־בעדיגערהייט חבוט הקבר! וואָס פאר א נחמה איז דאָס, אז דער „עוויגער יודע" וועט אייביג גיסען, אָהן א סוף און אָהן אַן עק? — און די גסיסה איז נישט קיין אָנגעבלאָזענע פראַזע, קיין פּוסטע אויסגעפוצטע מליצה, נאָר דער טרוקענער ריינער ביטערער אמת..."

אזא לעבען ווי מיר פיהרען איז —

„מעהר נישט ווי גע'גוס'עט, געצאַנקט ווי אַ ליכט";

ער הייסט אונז באטראכטען אונזער לעבען אין אייראָפּא: —

„אויף יעדען (פּרנסה) צווייגעלע, גרוים ווי א שפּיל־קע קעפּעל, הענגען טויזענטער אידישע נפשות, אויף יעדער פּרי, וואָס האָט אַזוי פיעל זאַפט אין זיך ווי אין גרוגרת דרבי צדוק, איז דאָ (הונדערטער) בעלנים — קאָנקורענטען וואָס ווילען כאַפּען, בייסען, צופּען..."

עס קומט דערצו, אז איינער שלינגט איין דעם צווייטען. ער הייסט אונז זעהן פון —

„וואָס פאר א שמוציגע בלאָטיגע קוואַלען מיר מוזען שטילען אונזער דורשט... וואָס פאר א מאוסע מיטלען און

שענדליכע קונצען מיר מוזען באנוצען צו פארשטופען די
מיילער פון אומשולדיגע הונגעריגע פיצלעך קינדער... אַזוי
ווערען אונזערע נשמות אלעמאָל מעהר באפלעקט, מאָראליש
פאַרדאָרבען, און דער צלם אלהים — פאַרניכטעט.“
„און מיר ווערען מאָראַליש און פיזיש פאַרדאָרבען...“
וואו איהר קוקט אייך אום זעהט איהר נאָר —
„פארגליווערטע שטיקער אייז, אָהן מענשען געפיהל“.
נאָך א בליק, וואָס מיר פיהלען פיזיש אונזערע וואונדען; מאָ־ראַליש פיהלען מיר שוין לאנג נישט. די נשמה איז דאָך נישט אינ־גאנצען אוועק כל־זמן דער גוף פיהלט נאָך, אז עס טוט וועה, נאָר—
„אונזערע ברידער אָרט נישט, וואָס דער סם־המות צו־
געהט זיך אלע מאָל מעהר אין בלוט, אין אלע רמ״ח אברים;
זיי אָרט נישט, זיי פיהלען נישט דעם גייסטיגען שמערץ...“

טיפער אביסעל שטעקט די זאַנדע אין דער ראנע אריין ה׳ מאיר דיזענהאַף (אידישע בריף). ער באַמערקט גאַנץ ריכטיג דעם דואַליזם (דאָס טאָפעלקייט) אינ׳ם אידישען לעבען.

מיר זענען געוועהנט צו זאָגען „ישראל ואוריתא חד“ (אידען און די תורה איז איינס); לֵיידער איז נישט אזוי, דאָס לעבען שטענ־דיג אין דער פרעמד, דאָס קיינמאָל קיין דעה נישט האָבען אינ׳ם לעבען, דאָס אויפקלויבען נאָר די פוילע פירות, וואָס פאַלען שוין אראָפּ פונ׳ם בוים, האָט שטאַרק פארענדערט דעם איד אין גאַס, בשעת, ווען אין ביהמ״ד איז ער נאָך גאָר אַן אנדערער מענש. אלס קינדער — שרייבט „בן־ציון“ (אין דורך דיזענהאַפ׳ס אויפ־געגעבענע בריף) —

„האָבען מיר געלערנט (לשמה), נישט דאָקטוירים, נישט אדוואָקאטען, נישט רבנים צו ווערען, נישט מיט דער תורה געלט צו פארדינגען“.

כל־זמן דאָס אינגעל, אָדער דער יונגער־מאַן זיצען אין בית־המדרש איז נאָך „געלט“ קיין אַפּגאָט נישט, „פרנסה“ נאָגט נישט ווי א וואָרעם; עס איז דאָ א בית־המדרש מיט ספרים, לערנען איז א פארגניגען. שוין ארויס פון חדר, אויס רבי, אויס קאנטשיק,

אצינד לערנט זיך אליין. די תורה קאן מען נישט דערגרונטעווען, נאר שווימען אין דעם ים איז דאס גרעסטע, אפשר דאס איינציגע נחת פאר דער נשמה; קיינער שטעלט נישט קיין באלען, קיינער קנייפט נישט, קיינער זעצט נישט אין קארצער אריין, קיינער זאגט נישט צו קיין מתנות. נאר דאס הארץ טרייבט צום וויסען, מען וויל דערגעהן, מען פיהלט, אז עס דארף ליכטיג זיין אין מוח; און — ווי שטאלץ פיהלט מען זיך דאמאלט! דער „אמת" ווערט ארויס־געשריגען און ארויסגעזונגען צווישען פיער וועגט, אלס פ ר א ו ו ע פאר אלע בעסערע איידעלערע מענשען, אלס פראווע, וואס סוף־כל־סוף וועט מוזען גובר זיין אלע שקרים! פאר דעם אמת איז מען גרייט אוועק צו געבען לעבען און געזונט, כאטש שטעל שוין אויף איין אויטאדאפע! —

נאר קוים געהט מען ארויס אין גאס אריין — ווערט פון די גבורים קריכענדיגע ווערים; עס

„יאווען זיך סוחרים, קרעמער, מעקלער, פראצענטני־קעס; זיי זענען גאר נישט עהנליך צו דעם, וואס זיצט אין בהמ"ד (אנדערע מענשען;) איינער דעם אנדערן רא־בעווט; דער נארט, דער מסר'ט; דעמאראליזירטע (פאר־דארבענע) מענשען, אהן עהרע, אהן שטאלץ! ווי פראסט, ווי קליין די מענשען זענען!"

עס פרעגט זיך, צי זענען דאס טאקע די מאקאבעער'ס איי־ניקלעך! צי זענען באמת זייערע עלטערען אויפ'ן בארג סיני גע־שטאנען? צי זענען זייערע עלטערען באמת פרייע מענשען געווע־זען?

„יעדער איד באשטעהט פון צוויי מענשען: א האל־בער צו גאט, א האלבער (איך מיין, מעהר ווי העלפט) צו געלט!"

איינער איז א שטאלצער אתה בחרתנו, א פראדוקט פון א זעל־טענער העלדענגעשיכטע, און: —

„דער אנדערער איז געפאלען, נידעריג, שוואך, אהן עהרע, אהן ווירדיגקייט..."

עס איז אפשר אביסעל איבערטריבען, און אפשר נישט? מיר אידען זענען אנדערש אין יעדער גובערניע, אין יעדער שטאדט. אפשר איז דא נאך ערגערס דארט, וואו עס איז נאך ענגער; און

אפשר שטעקט דערינען אביסעל פון דעם, וואס דער ציל איז: אן אידעע צו באווייזען! ווארים די ארטיקעל אין „היילינען לאנד“ זענען נישט וועגען, אויף וועלכע מען קאן בלאנדזשען, נאר איין וועג, וואס מוז פיהרען צום — היילינען לאנד.

און אויך, ווען מיר באטראכטען דאס לעבען פון אנדערע, פון שטארקערע פעלקער, און פארגלייכען זייער טון און האנדלען מיט זייערע אידעאלען, וואלטען מיר געפונען נאך א גרעסערען תהום צווישען הארץ און הענט, און א מדבר פון זאגען ביז — טראגען!...

און אפשר איז דאס גאר אן אייביג לעבענס-געזעץ, אז דער גייסט, דאס געפיהל און דער הונגער, אדער: מוח, הארץ און מאגען, קענען קיינמאל נישט שטעהן אויף איין מדרגה? אפשר וואלט גארנישט גוט געוועזען עס זאל דער מענש אייניג זיין מיט זיין לעבען, אז דאס לעבען זאל איהם אינגאנצען צופרידען שטעלען; ווייל דעמאלט וואלט שוין אלעס אויפגעהערט, מען וואלט זיך שוין א שריט ווייטער נישט גערוקט... דער מוח געהט פאראוים. דאס הארץ שלעפט זיך נאך, עס פיהלט זיך נאך לויט'ן נעכטיגען טאג, דער מאגען געהט נאך גאר פון הינטען. און אויסגלייכען זיך וואלט געהייסען: דער מוח זאל בלייבען שטעהן, און דאס הארץ זאל מיט איהם גלייך אפווארטען דעם מאגען...

אז די אידעאלען פון מיטעלאלטער ווירקען היינט, און די היינטיגע אידעאלען וועלען ווירקען ערשט אין הונדערטער יאה־רען ארום, איז טרויעריג, נאר טרויעריגער וואלט געוועזען ווען די אידעאלען, זאלען אויפהערען אינגאנצען! די אידעאלען הויבען זיך שטענדיג העכער איבער'ן לעבען, און ציהען דאס לעבען צו זיך; קוים דערגרייכט דאס לעבען צו זייער מדרגה ווערען די אידעאלען לעבענס-מנהגים, און אנדערע, העכערע הויבען אן נאך העכער צו ציהען! אזוי וועט זיין, און אפשר דארף זיין — אייביג, און דעריבער וועלען טייל זאגען, אז „ישראל ואוריתא חד“ איז אוממעגליך, אז נאר ווייניגע אין א דור זענען אינגאנצען בבחינת מח און הארץ, ווי אויך ווייניגע זענען בבחינת מאגען אליין, און דעריבער מוז פון פרנסה ביז תורה, פון לעבען ביז אידעאלען זיין אזוי ווייט, ווי פון הימעל ביז צו דער ערד! נאר — מיר מעגען

דאך מאכען א שהחיינו איבער אונזער ליטעראטור ; זי האט שוין געענדיגט דאס פאר'ן דאווגען, שוין נאך „קרבנות", נאך „קטרת", שוין אפגעזאגט אפילו „פסוקי דזמרא", עס געהט שוין דאס געדיכטע, מען הויפט אז זעהן און זאגען דעם אמת!

הכלל: עס איז אונז שלעכט, שלעכט דעם גוף, שלעכט דער נשמה... גאר צי איז די מכה אן אייביגע? צי וועלען אייביג פארפינסטערען אונז די יאהרען דער „אונזער און פרעמד?"

— „אום גאטעס ווילען — ענטפערט דערויף די רעדאקציאן פון „היילינען לאנד" — ביז ווי לאנג נאך ווערלען אייך די אייראפעאישע מאניערען און צערעמאניען פארבלענדען די אויגען? ביז ווי לאנג וועט זיך אייך חלום'ען די פאלשע חלומות פון בירגער־רעכטע אונז... קאסמאפאליטיום? דאכט זיך, אייראפא האט אייך פיל גענוג געגעבען אנצוהערען, ווי אזוי זי רעכענט אייך פאר בירגער, און ווי שטארק זי האלט פון קאסמאפאליטיזם".

עס וועלען זיך אפילו געווים געפינען חולקים, און וועלען זאגען, אז אייראפא איז נישט אזוי שלעכט ווי מען מיינט, אז דער ריקצוג, וואס די אלטיטשקע מאכט היינט, איז נישט אויף אייביג, אז דעם פרומען קאנסערוואטיזמס נצחון וועט נישט לאנג דויערען, אז עס וועלען נאך אמאל צוריק קומען די אלטע טעג, מען וועט אין מענשען ווידער שאצען דעם מענשען, און ניט פרעגען אויף זיין אמונה און זיין משפחה — נאר: ערשטענס ווער נויט אונז אזוי לאנג צו ווארטען? און צווייטענס ווען אפילו מען זאל אונז מארגען צוריק געבען אלע פראוועס, זענען מיר פארלוירען; אונזער עקאנאמישער שטאנד איז געפערליך, ראבניצקי זאגט —

„אז מען באטראכט די אידישע לאגע ארום און ארום מיט אפענע אויגען, איז נישט שווער צו זעהן, אז זי איז איבערהויפט פינסטער און ביטער דערפאר, וואס דאס גאנצע אידישע לעבען (אלס פאלק) איז נישט נארמאל, שלא כדרך הטבע. אין דער גאנצער נאטור זעהען מיר, אז נאר די פלאנצע (דער צומח) קען האבען א קיום, קען וואקסען

און בליהען, וואָס איז איינגעוואָרצעלט טיף אין דער ערד.
האָט איהר שוין באַגעגענט אין דער אמת, נישט אין חלום,
א בוימעל צו א בלום, וואָס זאָל ארומשוועבען אין דער
לופט, אָדער אזוי ליגען וואו אין ווינקעלע פארשטופט
אויף דער ערד, און דערביי נאָך א שעהן פנים האָבען און
בליהען? אקעגען דער נאַטור איז נישטאָ קיין מיוחסים,
קיין אויסנאַמען! און אונזער פאָלק (אויסער שלעפער־
ציגיינער) איז דאָך אַן אויסנאַם; עס הענגט אין דער
לופט, עס בלאנקעט זיך ארום ווי אַ פארבלאָנדזשעט שעפ־
פעלע; קוים וואָס עס בעט זיך אין ערגעץ דעם קאָפּ אָנ־
צושפאַרען, נאָר איינגוואָרצלען לאָזט מען
עס בשום אופן אין דער פרעמד! אָט דאָס איז דער עיקר
קוועל פון אונזער אומגליק, פון דעם נעמען זיך אַלע צרות
און שלעג, ווייל מיר שטעהען שטענדיג ווי די מ׳ און ס׳
אין די לוחות, און די ערד שאָקעלט זיך תמיד און עס
רויכערען זיך וואָלקענס אונטער אונזערע פיס..."

דאָס איינענטליך איז נישט באוויזען. עס האָט נאָך קיינער
נישט ערנסט געקאנט באהויפטען, אז אויב א פאָלק איז אַן אָר־
גאַניזם, מוז עס דוקא זיין א געוויקס, נישט א בעל חי; אויך זענען
דאָ געוויקסען, וואָס וואקסען נישט ארוים פון דער ערד. נאָר פאר
דאָס באמערקט ער ריכטיג, אז אהן ערד קענען מיר קיינמאָל
נישט עקאנאָמיש און מאָראליש גוט שטעהן. אויב נישט דאָס
אידענטום, די פרנסה דארף וואָרצלען אין דער ערד.

אויסער ערד־קויפען איז קיין אנדער מיטעל נישטאָ אונזער
עקאָנאָמיש־מאָראלישע לאַגע צו פאַרבעסערען; אחוץ דעם, וואָס
עס וועלען זיך שטענדיג געפינען אויף אונז מקטריגים, וועלען זיך
אונזערע פרנסות קיינמאָל נישט אויסרייניגען פון שענקעריי, פאַק־
טאריי, ליכווע און אנדערע גוטע זאכען — כל־זמן דער רוב עולם
וועט לעבען פון לופט און ווינט. מען קאָן זיין גאַנץ מאָראַ־
ליש און דאָך נישט וועלען שטאַרבען מיט ווייב און קינדער פאר
הונגער; אויסצוהאַלטען אַזאַ נסיון דארף מען זיין מלאכים, נישט
געוועהנליכע מענשען; אפשר האָבען מיר געהאַט אזוינע און זיי
זענען שוין אויסגעשטאָרבען; אפשר האָבען מיר נאָך היינט אזוינע
און זיי שטאַרבען, בשעת ווען אונזער פעדער סקריפּעט אויפ׳ן

פאפיר... און אזוי ווי דער רוב פון א פאלק איז קיין מלאכים און ווילען דוקא עסען, מוזען מיר האבען ערד, דארף מען מאכען קא־לאניעס; נאר — וואו?

2) ישראל דוב ריזבערג פרעגט אן עצה די שטערען, די לבנה שפאצירט אין הימעל, ארום איהר מיליאנען שטערען, דאר־מאלט בלאזט א ווינטעל אויף זיין לירע.

און די זיסע טענער איהרע
קלאגען יאמערליך און וויים...

און זיי וועקען אויף געדאנקען
אין מיין הארץ גאר אהן א צאל;
נייע ווינטען, ליידען, שמערצען
צרות אלטע... פון אמאל!

און ער בעט זיך:

שטערען גרויסע! וועלטען שעהנע!
ענטפערט ווער פון אייך א ווארט?
פאר אן עהרליך פאלק א קליינע
האט איהר נישט פיליייכט אן ארט?

ארט פאר זיינע קראנקע ביינער
(אך, ער וואנדערט נעכט און טעג!)

נאר אומעטום יאגט מען איהם מיט פארשידענע טענות:

געה שוין געה, דו ביזט פארווילדעט!
געה — ביזט ארעם! געה — ביזט רייך!
געה — דו ביזט צו שטארק געבילדעט!
געה — דו ווילסט מיט אונז זיין גלייך?!

שטערען גרויסע, וועלטען שעהנע
ענטפערט ווער פון אייך א ווארט?

פאר אן עהרליך פאלק א קליינע
האט איהר ניט פיליכט קיין ארט?

נאר די שטערען ווילען נישט ענטפערען! כאטש זיי זענען אודאי גלייך מיט מיר מוחל ריזבערגען די „קליינע פאלק“, ווייל אזוינע גרייזען זענען לייכט צו פאריכטען און אזא לירק איז שווער (על כל פנים ביי אונז נאך) צו געפינען: זיי ענטפערען נישט, ווייל פון אייביג אויף איז ביי זיי דער מנהג אזוי...
פרוג זייגט:

ווי וואלקען און שטורעמווינט, לויפען און פליהען
אהן אנפאנג אהן אויפהער די שטונדען און טעג;
די אלטע אלמנה, די טאכטער פון ציון,
זיצט טרויעריג איינזאם ביים וועג...

פיל רייזענדער פאהרען פארביי איהר און געהען
זי ווענדט זיך צו זיי מיט א ביטער געוויין:
—אה, זאגט מיר, צי האט איהר מיין קינד נישט געזעהען,
מיין עלענדען יתום? „ניין אלטיטשקע, ניין!“

זיי געהען און רייטען
פון אלע זייטען
צום אלטען מזבח אין הייליגען לאנד...
די טאכטער פון ציון
טוט וויינען און קניען
איז שטויב צו פארבארגען איהר וועהטאג, איהר שאנד...

עס געהען און געהען א טאג נאך א טאג;
עס פליהען די וואלקען, עס יאמערט דער ווינט;
און טרויעריג גיסט זיך א ביטערע קלאג:
וואו ביזטו, וואו ביזטו מיין קינד?!....

נאר אויב פרוג שטעהט פון איין זייט, האבען מיר פון צווייטען צד אליקום — צונזער! ער זיצט אויך — אין אמעריקא און

שלעפּט צו זיך — קיין ארץ ישראל מיט ווערטלעך, וועלכע וויר־קען אויף די שמעקעדיגע בלומען, וואס פרוג'ם טוי־טרערען וועקען אויף אין אונזער הארץ. ווי — די פעסט! צונזער'ן פּאַסט נישט אנדערש נאר א ציאנאדע (אפילו נישט ציונארע).

שטעה אויף פון שלאף,
פון צרות א סוף,
נעם דיין פּעקעל אין האנט!
אהער צו מיר!
אויף מ י י ן קווארטיר!
אויף ד י י ן פאטערלאנד!

די ערד פון ארץ ישראל
איז נישט ערגער ווי אמאל;
גוטע הענט און פלייסיג טון
וועט אייביג זיין א זול!

זעקס הונדערט קוואדראטנע מיילען
האט זי לעבעדיג פלאץ;
אספאלט, זאלץ, מאגנעזע, אייזען,
מינעראלען אהן א שאץ.

אויף קאמערציע איז דארט א פּארט,
דער בעסטער האנדעלס ארט
איהר געפינט גארנישט, איהר גלייכען אין דער וועלט!
דער מיטעלמעער איז פריי,
דער זועץ איז דערביי,
איהר קאנט דארטען פארדינען אוצרות געלט!

פּערסיען, סיריען האט איהר ביים האנט
עגיפּטען, אינדיע, גריכענלאנד
ירדן און פרת ארום דיר פליסט...
און דו ביזט אנטוויקעלט, א וועלט־קאמערציסט?...

מאַדמאַזעל פּלעקסער! הער נאַראַדניצקי! אַז דער טאַטע וויל צוריק די מאַמע, דאַרף מען קיין קלעזמער און קיין בדחנים נישט!...

מיט אַזוינע ריימען איז מען משמח חתן כלה אויף ברודיגע חתונות, מיט אַזוינע ריימען לויבט מען סחורות אין גאַס, גאַרקי־כען אין די „לייכטע בלעטער", אַ הויך פון אַזאַ פּאָעזיע מאַכט ברודיג דעם פיינסטען שפּיגעל, שמוציג די ריינסטע אידעע!

אויב צווישען פּרוג און — — — אליקום בדחן רינט אַ ס מ ב ט י ו ן, ליגט אַ תהום, אַ מדבר, איז אונזער „וועלט־באַרימטער" גאָלדענפאַדען אַזאַ מין קונצענמאַכער, וואָס שטעהט מיט איין פוס אויף דער זייט און מיט'ן אַנדערען אויף דער צווייטער זייט, און כאַטש דער „שוואַר־פּונקט" פאַלט מעהר צו אליקום'ען, האָט ער דאָך צווישען פּופּצעהן סטראָפען פון „אוי בענק איך אַ היים" אַזוינע אויך:

איך וואָלט געוואָלט זעהן ווי פאַרטשאַדעט פון רויך,
פאַרטאָג, ווען דער נעבעל איז נאָך בלאָוו (בלוי)
דרימעלט דער אַלטער לבנון אין דער הויך,
און רעדט עפּעס צו זיך פון שלאָף!

וואָס חלומט דעם זיידען, וואָס טראַכט ער און קלערט?
צי דאַווענט ער דענסמאָל, צי ניין?
צי ווידערהאָלט ער דעם תהלים וואָס ער האָט געהערט
פון דוד'ן זינגען אליין?

צו קלאָגט ער וואָס זיינע נעסטען זענען לער,
און די פייגעלעך זענען פאַרטריבען
דערפאַר קרעכצט ער פון'ם שלאָף אַזוי שווער,
וואָס ער איז אַזוי עלענד געבליבען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר דאָס איז פּאָעזיע... און מכח פּראַקסע?

צי האָבען מיר כח צו קאָלאָניזירען אַ לאַנד? צי איז ארץ־ישראל פעהיג קאָלאָניזירט צו ווערען? און — וואָס וועט זאָגען דער טערק?

די רעדאקציאן פיהרט באלד פון אנהויב א וכוח מיט „שונאי־ציון". „ברידער, זאגט זי, קול המון כקול שדי, א שטימע פון א פאלק איז גאטס שטימע! א אידעע, וואס א גאנץ פאלק כאפט זיך אין איהר אן, איז הייליג, געטליך. אצבע אלהים הוא, דאס איז א וואונק פון גאט!"

נאר דאס איז פובליציסטיק, און דא, וואו עס געהט וועגען לעבענס־פראגען פון א גאנצער אומה, מוז מען ברענגען מעהרער און בעסערע ראיות... וויפיעל פעלקער האבען זיך אנגעכאפט אן פ א ל ש ע אידעען, און האבען זיי אזוי־ערנאך באוויזען! קאני־באליזם (מענשען־פלייש פרעסען) איז אויך א געוויסע צייט אויף דעם אייגענעם אופן הייליג געווארען, „וויצלי־פוצלי" איז אויף דער זאסאדע אין אמעריקא, (איידער עס איז געפונען געווארען) הונ־דערטער יאהרען גאט געוועזען, און דער אנטיסעמיטיזם קען אזוי־ערנאך אויך הייליג ווערען, אויך זיין א וואונק פון דער השגחה פרטית. נאר די רעדאקציאן גיט דאס נאר אלס „פאר־שמאק". דאס געדיכטע געהט שפעטער: די רעאקציאן לאזט זיך אריין אין ויכוח מיט אלע, וואס האבען עפעס דאגעגען.

זי וויל אויסווייזען די פרומע, אז קאלאניזירען פאלעסטינא הייסט נישט „דוחק זיין את הקץ", אז מען מיינט גארנישט דער־מיט מיט געוואלד אראפצוברענגען משיח'ן... עס איז אבער אן עברה די רייד. אונזערע פרומע ווילען נישט די קאלאניזאציע, ווייל — זי דארף „קאסטען", אונזערע פרומע זענען שטענדיג יוצא מיט פרומקייט, מעג עס זיך האנדלען וועגען ארץ־ישראל, אדער וועגען קלענערע צדקות, ווי א שפיטאל, א גמילות חסדים־קאסע, אפילו וועגען חדרים... „רחמנה לבא בעי", זאגט ער. פון גאטס וועגען האט ער נאר א ב ר י ט הארץ, טרערען אין די אויגען, באדאקים תשעה־באב, קרויט מיט ראזשינקעס שמחת־תורה. יין קדוש והבדלה שבת און שבת־צו־נאכטס; א סוכה, אן אתרוג, א לולב — קליינע הוצאות — מהיכי־תיתא... אבער די אמת'ע קע־שענע—לאו! גאט זאל וועלען, קאן ער זיך אליין אויפבויען ציון, און דוקא מיט א פייערדיגער מויער!

די אריסטאקראטען (!) הערען אויך אביסעל מוסר, מיט די אסימילאטארען (?) וויל מען שוין אפילו נישט רעדען — נאר

„יעצט קומט אהער אלע געגנער פון ארץ־ישראל... ערבארמט

אייך אויף אייער גלויבען, אַז איהר ווילט, ער זאָל נישט אונ־טערגעהן" —

נאָר נישט דאָס האָבען מיר געמיינט... מיר האָבען פּאר׳ן אַל־טען גלויבען גאָר קיין מורא נישט. מיר ווייסען גאַנץ באַשטימט, אַז אין אַ געוויסער הינזיכט ווערען אונזערע לייט אַלע מאָל פרומ־מער, וואָס מעהר שפלות, וואָס מעהר צרות, — גרעסער ווערט און הייליגער אַלעס, נישט נאָר וואָס גאָט האָט אַליין געבאָטען אָדער דורך משה׳ן געזאָגט, נאָר אפילו כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש׳ דער רמ"א איז שוין אַ קדמון געוואָרען, איהר האָט קיין איינצי־גען רב אָדער שוחט, וואָס האָט נישט עפּעס אַ חומרה׳לע אויף זיין געוויסען. אפילו דער קערן פון אידענטום, די איינהייט גאָטעס (אחדות־הבורא) איז אויך פאַרפעסטיגט און געשטאַרקט געוואָרען אין גלות —

„פרום איז דאָס שעפּעלע, עס לויבט דיין נאָמען
שטענדיג, סיי ווינטער, סיי זומער;
וואָס מעהר מען ציפּט עס, וואָס מעהר מען רייסט עס,
ווערט עס אַלץ הייליגער, פרומער —

און העכער דערהויבט זיך איהר הייליגער „מע!"
וואָס טיפער און לענגער די נויט;
רבונו של עולם — מע! מע! מע!
נאָר נישט דערקוילעט אויף טויט!" —

און בכלל איז אַ יושר, אַז שטיוועל זאָלען מאַכען שוסטער, און ברויט זאָלען בעקער באַקען. לאָזט איבער פרומקייט און אמונה־זאַכען די רבנים, אַהן „פראָוועס" וועלען זיי זיך אויך זייער שטער־טעל באַשטעהן; איהר שריפטשטעלער, פאַרזאָרגט אייערס, גיט אהער עצות, וויזט דעם רעכטען וועג אויף ד ע ר וועלט, נישט אויף יענער, פאַרזאָרגט אונז דאָ — האַלט מען פון ארץ־ישראל, רעדט צו דער זאַך!

וועגען אונזערע כוחות צו קאָלאָניזירען ארץ־ישראל רעדט קישינעווסקי אין זיין אַרטיקעל „אונזער קראַפט", ער זאָגט אַז —

„דער ביטערער גלות האָט אונז נישט אזויפיעל געשאדט בגשמיות, ווי ער האָט אונז ברוחניות אראָפּגעוואָרפען אין אונזערע אייגענע אויגען, „וואָס איז ווערט א איד?“ — זאָגען געוועהנליך אונזערע ברידער, גאָרנישט, א שטרוי! „דאָס אידעל איז נעבעך קליין און שוואַך“.

ער קאָן נאָר מלחמה האלטען מיט'ן מויל, שרייען, וויינען און בעטען זיך; אז עס קומט אויף אונז א צרה שלא תבא — איז דאָס ערשטע און לעצטע: תהלים זאָגען, פאסטען... און די איינציגע האָפנונג, אז גאָט ב"ה זאָל שיקען זיינע שלוחים —

„אַ פּאָר גבירים, וואָס וועלען געבען געלט“...

„קיין פאַרזיכערונג אויף א י י ג ע נ ע ר ק ר אַ פ ט,
קיין האָפנונג אויף זיך אליין.“

נאָר צי איז דאָס אמת?

„לאָמיר זעהן, צי זענען מיר טאַקע אזוי שוואַך און אַזוי דעמאָראַליזירט, אז מיר אליין קאָנען גאָר פאר זיך נישט טון, און נאָר גבירים קאָנען אונז רעטען? עס זענען דאָ קלענערע פלעקער, וועלבע האָבען נישט די העלפט (מענשען) פון אונז און שפּילען דאָך א ראָלע אויף דער וועלט און זיי האָבען זייער פאטערלאנד...“

„נאָר פון „האָבען“ ביז „קריגען“, קלערט איהר איז ווייט? מיר זענען דאָך צוועלף (?) מיליאָן מענשען... מיר זענען קיין נערנים (!!!) עס האָט קיין שונא ישראל נישט די העזה געהאַט צו זאָגען, אַז אידען זענען נערנים; מען באַשולדיגט נאָר אונז, אז מיר זענען צו קלוג, און מיר זענען טאַקע אַן עם חכם ונבון...“

„מיר זענען נישט פויל, מיר זענען פול מיט ענערגיע, „טעטיגקייט און קראַפט, מיר זענען פראַקטיש און אין דער זעלבער צייט (!) אידעאליש. מיר קאָנען האָפען, ליידען און ארבייטען, מיר זענען עלטער פאר דער גאנצער וועלט און פול מיט יוגענד...

„מיר זענען קיין שיכורים, קיין רוצחים וכו'.

„מען האָט אפילו נישט לאַנג געשריבען אין א פראנצויזישער צייטונג...“

נאר געננג! נישט דאס דארפען מיר! נישט קיין עדות פון פראנצויזישע צייטונגען, נישט די הודאה פון שונאי ציון, און נישט אונזער אייגענער אטעסטאט א־לא־קישינעוו האבען דא עפעס א ווערט. א חשבון דארף מען, א חשבון! מען דארף ק ע נ ע ן ד א ס ל א נ ד, וויסען — וויפיעל עס דארף צ י י ט, ג ע ל ט א ו ן א ר ב י י ט, און פון דער אנדערער זייט — צי האבען מיר דאס אלעס אין דער מאס, ווי מען דארף. —

אפשר וועלען זיך טרעפען טייל, „וואס וועלען יוצא זיין מיט'ן ארטיקעל „דער מסחר, דער אקערבוי, די אינדוסטריע פאלעסטי־נאס" פון י. בוכבינדער? איך האב עס נישט געלעזען... בוכבינדער וואוינט אין אדעס, שרייבט איבער פאלעסטינא און ווייזט נישט אויף די קוועלען, פון וואנען ער האט זיינע ידיעות געשעפט... עס קאן זיין נאר ב ע ס ע ר געשריבען, ווי צונזער'ס ציאנאדע, נאר אויף דער וואגשאל וועלען זיי וועגען גלייך.

עס בלייבט אונז נאר צו ווינשען אונזערע חובבי ציון זיי זא־לען ערנסטער באטראכטען זייער פליכט, מעג זיין אביסעל וועני־גער פ י י ע ר, נאר מעהר ח ש ב ו ן.

נאר אויב די פובליציסטיק פון דעם „היילינען לאנד" שטעלט זיך דאך גאנץ ערנסט פאר, שטעהט פאר דאס די בעלעטריסטיק נאר אויף א נידעריגער מדרגה. די בעלעטריסטיק באשטעהט פון צוויי קורצע נאוועלען: „דער פרומער קאלאניסט" און „ישראל'יק דער פראצענטניק, אדער יענקעניו". דער פרומער קאלאניסט וואלט געמעגט זיין אביסעל בעסער דערצעהלט און די כלה האט נישט גענדארפט, מיר נישט דיר נישט, חלש'ען אין וואלד, בשעת ווען זי האט דערזעהן דעם חתן. נאר די צווייטע נאוועלע איז נישט צום ראטעווען. די שרייבערין האט זיך נישט געקאנט „די דעה געגי־נען", עס האט זי געריהרט געוויס א פאקט פון לעבען, אז „אן ארנטליך שטיל קינד, וואס האט געלערענט זיך גוט, ליעב געהאט די עלטערען און דערנאך ערשט די ביכער, מעהר ווי די גאנצע וועלט", און געענדיגט דאס גימנאזיום גוט, איז נישט אנגענומען געווארען אין אוניווערזיטעט אריין; איז איהר איינגעפאלען, אז אזא יונגערמאן, ווען ער שיסט זיך, אדער ווערט משוגע, וואלט ער געקאנט זיין א העלד אין א נאוועלע. נאר וואס קלייבט מען אוים:

משוגע ווערען אדער שיסען?ביידע זענען גוט, ביידע שטארק! האט זי געהאט א גליקליכען ישוב און יוצא געוועזען לכל הדעות, דעם סטודענט הייסט זי זיך שיסען, און דעם פאטער — משוגע ווערען! און האט עס אזוי גליקליך פארטיילט, אז די נאוועלע הויבט זיך אן מיט'ן שגעון, דערנאך קריכט מען צוריק און מען שלעפט זיך ביז צום שיסען. און מען קריכט באמת און מען שלעפט זיך, ווי אין א זאמד; קיין ווארט כ א ר א ק ט ע ר י ס ט י ק, קיין איינציג ווארט, וואס זאל קאנען אן איינדרוק מאכען; עס דאכט זיך, עס זיצט פאר אונז אן אלטע אידענע, קראצט זיך מיט'ן שפיזעל הינטער'ן אויער און דערצעהלט א מעשה, אהן לעבען, אהן לשון, און מששת ימי בראשית; עס הויבט זיך אן פון יענקעלעס זיידע. ביי דער גאנצער צייט טריקענט איהר נישט אויס די טרער פון אויג, און דער רבונו של עולם געהט איהר נישט אראפ פון דער צונג. די איינציגע מאס איז: „ווייט" אדער „ווייט—ווייט", דאס איינציגע ווארט צום שילדערען איז „שעהן", אלץ איז צאצא: א שעהנער ברית, א שעהנע חתונה, שעהן דרשה־געשאנק, שעהן לער־נען און אזוי ווייטער; קיין זכר פון פסיכאלאגיע, קיין ריח פון באַ־מערקען. דער גאנצער ישראל, וואס דארף אונז נעמען, איז א גאר־נישט, זיין אידעאל איז צו זיין גרויס. נאך אין חדר האט ער געוואוסט נאר מיט יענעם צו שאפען, נאר יענעם, ביים שפילען אין פערדלער, איינצושפאנען. נישט אומזיסט האט איהם דער שניידער, דער פאטער זיינער, געזעהען (צו פינף יאהר) פליהען אין אן עקיפאזש צווישען וואלקען מיט א שעהנער שווארצער בארד"...

און אז די נאוועלע איז שוין געענדיגט, הויבט זיך ערשט אן א פראגע, וואס פאר א נאמען גיט מען איהר? מילא „יענקעניו" האט זי א נאמען געגעבען נישט נאכ'ן זיידען, נאר גלייך ער וואלט א גר געוועזען, נאך יעקב אבינו, אבי נאך איינעם פון די אבות. נאר די נאוועלע נאך ווער מען זאל הייסען? איז טאקע געבליבען ביידע נעמען, אי „ישראליק דער פראצענטניק", אי „יענקעניו". נאר וואס טוט מען: אונטערשרייבען אבער ניין? אויף דעם איז אויך דא אן עצה, מען שרייבט אונטער „בת מלכה", נאר מען לעגט דעם ס פ ו ר אלס „א קליין קרענצעל אויפ'ן טייערען קבר פון איהר געליעבטער מוטער מלכה זלאטע קאטעק". און אזויערנאך — אי א טאסקע, אי לייכט צו דערגעהן... ער דערמאַנט אי'ם אפיר־

שמייכלען פון אונטער ברעמען אדער א פעבער און דערגלייכען ווייבערישע סודות! נאר פארוואס קומט מלכה זלאטע קאטעק אז אויפשריפט נישט אויף פראסט אידיש? — אויף דער שאלה קאן איך נאך ענטפערען די אייגענע תשובה, ווי אויף אן אנדער שאלה: נאך וואס האט מען דאס געדרוקט?

— איך וויים נישט. —

.1891

6.

ערינגערונגען אוים מיינער יוגענד.

פון א. פ. ראדין.

ווען איך עפען אויף דאס ספר גראד אויפ'ן פינפטען זייטעל און לעז:

> עס איז צוואר שווער דיא ערינערונגען דעם יוגענדס מריוא אנצוגעבען און צוואר אוים דיעזע גרינדע. מאן פערגעססעט אים לויפע דער צייט... איבערהויפט אבער פערגליך דער יעצט־צייט, יעצט נאטירליך וואלטע איינער זיינע ביאגראפיה אויפנאטירען, קאנטע עס זא שווער ניכט פאללען אים פערגלייך דער פערגאנגענע דרייסיג יאהרען צוריק, דאמאלס וואר קוים איינער אונטער הונדערט אים שרייבעקונסט אייגעאיבט, אונ מוסטע איינער... זיינע גאנצע ערינערונגס־קראפט צוזאממענעמען...

אדער אויפ'ן זיבענטען, וואו די אויטאביאגראפיע הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

> איך בין געבארען אם טאגע דעם אידישען פאסטאגס אב דער גאנצליכע שטורץ דער דאווידישע דינאסטיע בייא'ם צערשטערונג דעס ערשטען טעמפעלס...

אדער אויף וועלכען איהר ווילט פון די הונדערט און פערציג זייטען פון ראדינ'ס ערינערונגען, ווארט עס מיך באלד נאר דערמאנט אין כהן־צדק'ס דייטשע זעמעל, מר חיים שלום סליווקינ'ס לאגיק און — דאס ווערק וואלט תוך כדי דבור זיין ארט געפונען

ביי דער דינסט אין פּלייש־קויבער; צום אומגליק אבער איז צום ערשטען געפאלען מיר אין די אויגען אריין די ה ס כ מ ה, וואס א א י ד י ש ע ר מ ח ב ר האט א. פּ. ראדינ׳ען געגעבען: „מיט פערגניגען — שרייבט ער נאך ראדינ׳ס דייטש—:

מיט פערגניגען האבע איך איהרע ערינערונגען געלעזען, דאס (!) איזט א י י ן גוטער (!) שפּיגעל צו זעהען וויא אונזערע ברידער האבען אמאל געלעבט.

אויף א י ה ר ע ר פראגע: אויב איהר זאלט עס דרוקען לאססען, מוס (!) איך אייך, נאך מיינער מיינונג זאגען: דאס איהר ווערק קען נוצען ברענגען ניכט וועניגער, וויא דיא היינ־טיגע אללע זארגאנישע ביכער, דאס הויפּט (!) איהר דרוקט עס דאנקען גאטט מטוב לב, איז דאס (?) געוויס זעהר שען. מי יתן, ווער וואלט געגעבען, דאס אללע יודען זאל־לען שרייבען, דרוקקען, אונ ניט ברויכען דערפון צו לעבען.

איך ווינש אייך גליק אין אייער אונטער נעהמען, איהר זאלט פיעל נוצען ברינגען מיט אייער שרייבען, אונ פיעלע לעזער זאל־לען דערפון הנאה האבען, אייערע ספרים זאללען חן געפונגען אינ אלעמעס אויגען אונ דיא לעזער זאללען אייך ווינשען אללע גו־טעס...

ווי שרעקליך ק ל י נ ג ט די געוויס ק א ס ט ב א ר ע ה ס כ מ ה! ווי ווערמיג — די פּשרה צווישען לעצטען ביסעל עהרליכקייט פון איין צד און — לכל הפּחות דער תאוה צו זיין בבחינת „היה רוכב על גבי...“ מחבר, יענעם אן הסכמה צו געבען — פון צווייטען צד. נישט האבען קיין יעדות ראדינ׳ס ווערק צו גלויבען, נאר געגוג געוויסען די גאנצע פאלקס־ליטעראטור אין מיסט־קאסטען צו ווארפען. אבי ראדין מיט זיין „ס פ ר“ זאל בלייבען אין דער ח ב ר ה! ווי עקעלהאפט איז די ב ר כ ה, אז א ספר ז א ל ברענגען נוצען און פארגניגען, גלייך איין און דאס זעלבע ספר קאן ברענגען נוצען און שעדליך זיין; פארגניגען שאפען און ווירקען אלס ברעך־מיטעל, ווי די הסכמה אליין! און עס ווענדט זיך נאר אין מזל, אויף ווען א ברכה פון א אידישען מחבר קאן האבען א פּעולה! —

נאר אויב דעם, וואס גיט א הסכמה, מוז עפּעס פעהלען אין

דער גענגער פון עהרליכקייט, מוז דער, וואס נעמט און דרוקט אזא הסכמה, א דעפעקט האבען אין מח, א שטארקען ריץ אין די גע־הירען. דער פסיכיאטרישער געגענשטאנד אינטערעסירט מיך, און כדי אפצוזוכען דעם ריץ, דעם דעפעקט האב איך שוין דורכגעלעזען דאס גאנצע ווערקעל, (און גלויבט מיר, אז איך האב שטארק געליטען דערביי), נאר ליידער האב איך די קרענק נאך נישט דערטאפט; ווייל — כאטש אויפ'ן שער ווערט עם פארשוויגען — איז דאך דאס ספר נישט געענדיגט, דער סוף וועט זיין שפעטער, און איך מוז מיט מיין דיאגנאזע ווארטען.

דערווייל טייל איך מיך מיט אייך מיט דעם, וואס איך בין געוואר געווארען: ראדין איז געבוירען תשעה באב; ער איז זעהר שטאלץ דערויף, וואס זיין פאטער, א סוחר, האט נישט געמאכט קיין פאלשע חשבונות; צו פינף יאהר האט ער אנגעהויבען א"ב; זיין מלמד האט געהאט א הייזעריגע בערענ־שטימע און — א בעל־פער; איבער'ן זומער האט ער זיך אויסגעלערענט אלף־בית; אנ־געהויבען טראף און דערנאך — חומש, און דאמאלט (זאגט ער) האט ער געהאט א שטארקע תפיסה און א גוטען זכרון; צו אכט יאהר האט ער געקענט דקדוק, צום צעהנטען — אנגעהויבען גמרא און געלערענט מסכתה ביצה, וועלכע האנדעלט נאר וועגען א „מיסגעבורט" אן איי, וואס איז געבוירען אום יום־טוב! ערב פסח האט מען איהם אמאל געשיקט צום רב פארקויפען דאס חמץ; נאך פסח איז דאמאלט אויך פונקט, ווי היינט, געגאנגען שבועות, סוכות, עשרת ימי תשובה, כפרה־שלאגען, יום כפור, שמחת־תורה... חנוכה האט ער נאר ביינאכט געשפילט אין קוויטלעך: בייטאג האט ער „ליידער" געמוזט לערנען; צו בר־מצוה האט ער אן „אויסגע־שטאפטע" דרשה געזאגט, חשק געקריגען צו „השכלה" און אנגע־הויבען זיך צו לערנען שרייבען דייטשע סוחר'ישע בריף! צו אכטצעהן יאהר האט ער חתונה געהאט קיין מאַ־זורען; נאך דער חתונה האט ער גאנצע טעג געשפילט אין דערדע מיט אלע משכילים פון שטעדטעל. נאכ'ן אוקאז האט ער זיך אנ־גענומען דייטש; דערנאך האט ער זיין פארמעגען פארלוירען און ארויסגעגעבען זיין קליינע געאגראפיע (?); ער האט נאך געוואלט ארויסגעבען א מין קונקארדאנציע מיט א פירוש אויף דייטש און לשון קודש, און אפילו שוין אנאנסען געמאכט, נאר א געטויפטער

איך האָט ביי איהם אויסגעכאַפּט דעם מסחר, און אזויערנאָך איז ער, ראדין, אומגעלעגען דאַרווין, געוואָר געוואָרען, אז מענשען קומען באמת ארויס פון חיות. דערנאָך האָט ער מיט א גוטען שותף א פּאַכט געהאַלטען פיער יאָהר און — „פּאַרטזעצונג פאָלגט...“

דעריבער מוז איך אויך ווארטען, און זאָגען אייך: „פּאַרט־זעצונג פאָלגט“.

.1891

7.

מ. מ. דאָליצקי

„מבית ומחוץ“

(תרנ"א).

דורך א סבה, וואָס וועגדט זיך נישט אין אונז, זענען מיר נישט בכח איבערצוגעבען אונזערע לעזער א קורצען אינהאַלט פון ווערק, און דעריבער זענען מיר געגויטיגט צו בעטען אַביסעלע קרעדיט, און גלויבען, אז דאָס ווערק איז פּערעל און בריליאַנטען (אידישע צרות און טרערען) אין א גאָלד (זעלטענע שפּראַך) געפּאַסט. דער דער־צעהלונג איינגאַנצען קאָנען מיר אסך פּאַרוואַרפען, ווייל עס איז פּעליטאַניש באַארביים, און נאָכ'ן איבערלעזען בלייבען אין מח נאָר די איינצעלנע סצענען, יעדע באַזונדער, אָהן דעם אומנאַטירליכען צוזאַמענהאַנג, וואָס דער מחבר האָט זיי געגעבען. נאָר — די איינ־צעלנע סצענען זענען מייסטערהאַפט! עס ציטערט אין זיי דאָס טרויעריגע, אומגליקליכע פינסטערע אידישע לעבען — כ ה ו י ה! — ווער עס האָט נאָך נישט־אויסגעוויינטע טרערען, נישט אויסגע־טריקענטע נערוועז, נישט איינגאַנצען א פאַרשטיינערט הארץ און פאַרשטעהט לשון־קודש — זאָל לעזען מ ב י ת ו מ ח ו ץ! ווער עס מיינט, אז אלע „חובבי ציון“ ראָמאַנסירען מיט דער בריסקער רבי'צין, שמייכלען מיט חסד צו דער „חלוקה“ און לעקען די קנעבעל ביי אונזערע פרומע גבירים, זאָל לעזען „מבית ומחוץ“! אויך איז עס מחויב צו לעזען דער, וואָס האָט נאָך א קישען הינ־טער'ן קאָפּ און א שטיקעל ברויט אין מויל אריין, ער זאָל פיהלען, אז ער איז א י ח י ד דערמיט... און... דערווייל —

.1891

8.

אַנעקדאָטען בוך.

צוויי הונדערט און פיערציג שעהנע וויצען, זעהר סאַטיריש צום לאַכען.
אַרויסגעגעבען פון מ. קיקעלשטיין.

ווער האָט צייט אויסצוהערען אַן אידעע און לאָזען זי זיך באַוויזען? און ווער האָט נישט קיין צייט אויסצוהערען אַ קורצען וויץ? דער וואָס קאָן בטבע נישט האַלטען אין זיך, מוז זיינע אידעען און געדאַנקען אויפשרייבען און לאָזען דרוקען. טאָמער וועט עמיץ האָבען אמאָל אַ האַלבע שעה צייט צו לעזען. אָבער מיט אַ וויץ קאָנסט דו אַרויסגעהן אין גאַס אריין און דעם ערשטען בעסטען מכבד זיין. דאָס לעבען האָט אויסגעלערענט צו זיין באַהיטזאַם מיט'ן אמת, וואָס שאַדט געוועהנליך מעהר דעם זאָגער, אַלס עס קאָן דעם צוהערער העלפען; נאָר זעלטען עמיץ זאָל קאָנען איינהאַלטען ביי זיך אַ גלייך־ווערטעל. עס קייקעלט זיך אַראָפּ פון דער צונג. אידעען קלעפּען זיך נישט צו צו דער מאַסע, וויצען ווערען אויפגעכאַפּט כהרף עין און געהען פון מויל צו אויער און צוריק, שנעל, ווי דער בליץ, צו וועלכען זיי זענען עהנליך. בשעת ווען די אידעען ווערען אַרויסגעלאָזט מיט אַ פירמע פון מחבר, אויסגעאַרבייט, מיט אַ חתימה, מיט אַ פּרייז, פליהען די וויצען פריי אין דער לופט, ווי הפקר־פייגעל; ווער עס וויל קלייבט צוזאַמען און — פאַרקויפט. נישט דער מחבר, נאָר דער אַרויסגעבער איז בעל־בית; נישט דער שכל, נאָר די מיה ווערט באַלוינט. צו אַ מחבר געהען מיר צו שטרענג; מיר פאַרלאַנגען פון איהם ערשטענס זיין אייגענע סחורה און גוטע, מיר פאַרלאַנגען אויסער דעם אַ געוויסע ליטעראַרישע מאַראַליטעט; צו אַ וויצען־קלייבער געהען מיר צו „בקלות ראש“, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען; מיר קוקען אויף זיין „שלעפּען“ פון אַלע זייטען, ווי די אַלטע גריכען אויף אַ געשיקטען „קעשענע־ציהער“, זיין ריהמען זיך באַלד אויפ'ן שער („שעהנע וויצען זייער סאַטיריש צו'ם לאַכען“) איז גאַנץ פּאַסענד. נור—קלוג דאַרף מען זיין! אַרויסשלעפּען — יאָ, גנב'ענען

— אפילו האָבער ביי דער גאַנז, נאָר אויפקלייבען דאָס, וואָס קאַ־ זעס (ציגען) פאַרלירען, איז לייטען געלעכטער... דעם וויץ בכלל זעגען מיר מוחל, אפילו ווען ער הויבט אויף דעם ראָק און טאַנצט באָרוועס... קיין בעל־הבית, קיין איש מכובד, קיין „רב אויף דער חתונה" איז ער נישט, ווי דער שטייגער — אַ בדחן!

דער צוזאַמענקלייבער גיט קיין בריליאַנט, מיר זאָלען זעהן אויב ער איז גוט געשליפען; גוטע וויצען זענען פערעל; נאָר ער— גיט נאָר דאָס שטריקעל, דעם פאָדעם, דאָס שנירעל, אויף וועלכע זיי ווערען אויפגעצויגען. נאָר דאָס שטריקעל דאַרף אויך נישט זיין צופיעל ברודיג.

מיר פאַרלאַנגען:

1) פרישע סחורה, על כל פנים נישט זעהר פאַרלעגערטע, נישט דאָס, פון וואָס קינדער רעדען אין די וויגען:

2) ש אַ ר פ ע, בליצענדיגע, קורץ־געפּאַסטע וויצען, און—

3) אויב עס מוז שוין זיין אביסעל עזות — זאָל זיין כאָטש מיט אַ מאָס.

די וויצען, וועלכע ליגען פאַר אונז — זענען אַלע שלעכט אויפגעשריבען, נישט לאַגיש, א ו י ס ג ע פ ר אַ ל ט; אויפ'ן אָרט פון אַ נאָדעל־שפּיץ קריגט מען אַ גלעט מיט אַ בערען־לאַפּע. דריי פערטעל זענען פאַרלעגערט־אַלט, פון פערטען פערטעל איז אַ צוואַנציג פּראָצענט פרעמד דעם אידישען לעבען, פון דער רעשט, מען זאָל זיי אַפשיילען, ווי פוילע קאַרטאָפעל פון פּראָלעריי, וואָלט געקאָנט בלייבען אַ שעור אַרויסצורופען אַ שמייכעל ביי אַ מסתפק במועט, וואָס זוכט נישט קיין סדר, קיין לשון — נאָר אבי אַ רגע צו לאַכען.

1891.

9.

דער אידישער האַנדעלס־קאַלענדאַר

אויף פינף יאָהר (תרנ"ב—תרנ"ו)

פון י. בערנאַס.

דער הער בערנאַס רופט זיין קאַלענדאַר „איין היסטאָריש־ליי־ טעראַריש־וויסענשאַפטליכעס בוך". כאָטש אויסער לוח־כראָנאָלאָגיע

און זיין אייגען־צוזאמענגעשלעפטען אדער איבערגעזעצטען שוואכען
ארטיקעל איבער „היפנאטיזם און מאגנעטיזם“, איז קיין ווארט ווי־
סענשאפט און היסטאריע נישט דא. עס איז אויך שווער צו גלוי־
בען, אז זשארגאן־קאלענדארען זאלען האבען אזוינע לעזער, וואס
עס זאל זיי מעהר נישט פעהלען, ווי זאסניצעס עלעקטריציטעט און
בערנאס'עס היפנאטיזם. נאר ליטעראטור האט דער האנדעלס־קא־
לענדאר געגנוג. מיט „דרד־ארץ“ פאר'ן רעדאקטאר פון דער אידישער
ביבליאטעק און זיין שטילען שותף הער דינעסאן, געהען מיר שטיל
אריבער איבער „חנינא בן דוסא“, „עלענד“ און „ארעמקייט איז
קיין שאנד“, כאטש עס רייסען זיך אונז פון מויל ארוים די שאלות:
1) ווי אזוי איז חנינא בן דוסא'ס ווייב אי „שטיל, ווי א טויב“, אי
„א רייטערקע אבער א גרויסע“? 2) וואס איז „עלענד“, א נא־
וועלע אדער א פעליטאן, אדער גאר א מרכב פון ביידע? און 3)
צי איז „ויהי ערב ויהי בקר“ די ערשטע מצוה, וואס „ארעמקייט
איז קיין שאנד“ הויבט זיך נישט אן אין דער פריה, און מען לאזט
א גאנצע נאכט דאס ווייבעל אומזיסט נישט שלאפען? די שאלות
לאזען מיר אלס תיקו'ס. מיר געהען ווייטער, און פאלען ארויף
אויף א מין „צהר“. זיין לשון איז פון פ א ר ' ן מבול, איז צהר
על כן נישט פון דער תיבה! אויסער דעם איז די תיבה נישט קיין
אידישער קאלענדאר, און אזוינע חיות וואלט זיכער נח נישט
אריינגעלאזט. ד ע ר „צהר“ איז נישט קיין פענסטער, נישט
קיין בריליאנט, ווייל דאס געדיכט „דעם קאלאניסטס פארמעגען“
איז קוים ביי ה' יוסף מינצער אויף לשון הקודש א ר ו ב י נ ד ע ל
געוועזען. און דער צדיק, וואס האט זיך באהאלטען אונטער'ן
„צהר“, האט דערפון געמאכט קוים דאס, וואס דער קאלאניסט
דארף צום פעלד. נאר דעם קאלאניסט אליין איז טאקע מקנה צו
זיין; זיין פארמעגען איז אין לשער, ער פארמאגט „א שטיקעל
אקער פעלד“, און „עס איז שעהן, ווי די וועלט“, דערצו נאך „א
שטיק לאנקע פ ו ן פ א ש ע ו ו ע ג ע ן“, א „וואגען“ האט
ער „פון פעלד צו ט ר א ג ע ן“, א ווייב נ ח מ ה, א זוהן
א י ת מ ר, א טאכטער ת מ ר, אן אייזעל, א פאר גוטע פערד,
נאך אמאל „א גוט שטיק פעלד, גוטע פרוכטען, א וויינגארטען מיט
טייטלען, פאמעראנצען אלע סארטען“ (אחד לא נעדר!) „שאף,
מלבושים אויף יום־טוב, גענז און אינדיקעס א סטאדע, קאטשקעס

אויף אייער“, נאר צי וועלען די הינער צופרידען זיין מיט „ה ע־נ ע ר א ו י ף פ א ר א ד ע“ און מעהר נישט, איז אויך א תיקו.

דעם באהאלטענעם צדיק, וואס פרעהט זיך, ווייל:

„מיינע נדבות פון מיין גוט הערץ,
מיין יושר, איך מאך קיינעם קיין שמערץ“

וואלטען מיר בלב שלום אן עצה געגעבען, ער זאל האל־טען די הענט ביי זיך, און די פעדער איבערגעבען דעם ווייב צו חשבונ׳ען זיך מיט דער וועשין; אזא פעדער קאן אפילו אין א לאמבארד העכער געשעצט ווערען, ווי אין א ליטעראטור.

נאך צהר׳ן געהט ד. פרישמאן מיט „שפינען און שוואלבען“. אויך עפענט אונז שפעטער גאלדענפאדען דעם הימעל לכבוד תשעה־באב. צוויי ווירקליכע טאלענטען, נאר בשעת ווען גאלדענפאדען׳ס טאנעלט איז באוואקסען געווארען מיט פעט ברחנות, ווערט ד. פרישמאן צוקראכען אין מאנירליכער ראמאנטיק; שטענדיג האט ער מכלומר׳שט עפעס צו זאגען און האלט זיך איין, און שטענדיג האט ער טייל ווערטער, וואס קלינגען איהם אזוי גוט, אז ער דרעהט מיט זיי, ווי מיט „מכשפה לא תחיה“, און אלץ איז פארדעקט מיט א גאזע, מען זאל חס־ושלום דאס פנים נישט ארויסזעהן.

דאס געדיכט „די שפינען מיט די שוואלבען“ איז אינגאנצען אזוי צוקראכען, שוואך און מ א נ י ר ל י ך געפרווירען, בשעת ווען פרישמאנ׳ס תאוה צו צוטרעטען שוואלבען — אזוי ברענענדיג הייס, אז מען קאן דעם קאטער קריגען. שטעלט אייך פאר א דיכ־טער, וואס טרעט שוין צוויי טויזענט יאהר אהן אויפהער די שפינען!

„יא, איך טרעט מיט אלע כוחות,
וואו איך קאן זיי נאר געפינען
און איך וויל זיי, און איך מוז זיי
ענדליך אלע, אלע טויטען,
אך, מיר טוט אזש וועה דער פוס שוין,
פון דעם פ י ע ל ע ן, פ י ע ל ע ן טרעטען...“

וועט איהר פיהלען דעם אייגענעם טעם, ווי—ווען גאלדענפא־דענ׳ס מוזע בארט זיך אין א „פאמאיניצע“. אדער „הייסט דעם הונט

אנטון א טראמבע“ און שילט, ווי אן אמת'ע פשעקופקא. ג ו ט לעזט זיך דער פעליעטאן פון הנ"ץ, „אן אלט געשריי מיט נייע ווערטער“ מיט זיין קאמישער סטאטיסטיק. פוןביידע רעפעראטען איבער „שפה־ברורה פון יה"ז און לעווינסקי לוינט שוין ה י י נ ט נישט צו רעדען, ווייל—איך וויל מיין מויל צו קיין בייזען נישט ברענגען — די שפה ברורה'ס זענען נאך קיין תחית־המתים נ י ש ט אויפגעשטאנען. דער „מחבר פון האדעל“, ליעוו, האט געגעבען „די חלוקה“, אן אויסגעצייכענט אויפגעשריבען געדיכט, וואס פאסט גארנישט פאר'ן מחבר פון... דער אנגעשלעפטער קרענק „האדעל“. די „עצה אויף איין עצה“ שרייבען מיר אויפ'ן חשבון פון א זכות צווישען צוויי ליטעראטען, פון וועלכע מיר וואלטען גאנץ וויסט וואס א מאוס'קייט געהערט, ווען נישט, וואס זיי זענען ביידע אזוי שטומפיק אויף דער עברי, אז מען פארשטעהט ביידע נישט א ווארט.

1891.

10.

„א ר ג ע נ ט י נ א“

און איהר רעצענזענט פון „וואסכאד“.

אזוי ווי עס איז ארויס א בת־קול, אז דער באראן הירש קויפט ערד פון אידען וועגען אין א ר ג ע נ ט י נ א, האט זיך אנגעהויבען אן עמיגראציע. אלע צייטונגען זענען פול געוועזען מיט ידיעות פון עמיגראנטען, וואס האבען זיך ארומגעוואלגערט אין אויסלאנד אהן הילף, אדער, וואס „גוטע ברידער“ האבען זיי באלד ביי דער גרענעץ באראבעוועט... אויך זענען געוועזען פארשידענע קארעספאנדענציעס וועגען דעם שלעכטען באהאנדלען, וואס די עמיגראנטען ליידען פון די שיפ־קאפיטענס. אלע צייטונגען האבען געווארענט דאס פאלק פאר עמיגרירען אהן פעסער, אהן א סדר און פאר דער צייט. באלד דערנאך איז געגאנגען פון האנט צו האנט אן אויטענטישער בריף פון באראן הירש, אין וועלכען ער בעט זיינע „ברידער“, זיי זאלען זיך נישט איילען און אויסהאלטען די צייט.

דאמאלט האט די רעדאקציע פון דער אידישער ביבליאטעק באאויפטראגט א געוויסען שרייבער, ער זאל צוזאמענקלייבען אלעס, וואס עס איז פארעפענטליכט געווארען וועגען ארגענטינא, און שרייבען דעריבער א קליינע בראשורע פאר'ן פאלק, כדי אלע זאלען וויסען, אז די עמיגראציע אהן א סדר איז אן אומגליק פאר די עמיגראנטען.

די בראשורע איז אויפגעשריבען און געדרוקט געווארען (מיט א קאלירטער מאפע). דער „מחבר" האט זיך נישט געוואלט אונ־טערשרייבען, ווייל אין דער בראשורע איז נישט דא איין ווארט זיינס, אלץ איז גענומען פון קארעספאנדענציעס, בראשורען און ווי־סענשאפטליכע ווערק.

צו וואס פאר ציל פיהרט די בראשורע?

אין ערשטען קאפיטעל באשרייבט זי ווי עס געהט צו דעם אומגליקליכען עמיגראנט, אויב ער פאהרט אהן א פאספארט און אהן געלט, און אהן צו וויסען ריכטיג דעם וועג. דער פרק ענדיגט מיט אן עצה, אז ווער עס וויל פאהרען זאל האבען: 1) א פאס, 2) געלט אויף הוצאות, 3) זאל באקאנט זיין מיט דער נסיעה און 4) היטען זיך פאר פאקטוירים, נאר גלייך אלץ אליין זיך באזארגען.

דער צווייטער פרק באשרייבט, ווי שלעכט עס איז דעם ארע־מען עמיגראנט אויף דער שיף. נאר דאס אליין דארף נישט אפ־שרעקען — „יעדער וועג אין גן־עדן אריין איז שלעכט, און אר־גענטינא דארף און קאן זיין א גן־עדן".

דער דריטער פרק באשרייבט די ארגענטינישע רעפובליק, איהרע גרענעצען, איהרע בערג און טייכען. דער פרק דערצעהלט, אז „דער קלימאט איז איבעראל גוט". פון דעם פרק ווערט מען אבער אויך געוואר, אז, אויסער דורכאויס פרוכטבארער און גוטער ערד איז דא מדבריות אויך, זאלץ־ערטער, וואו עס וואקסען גארנישט אויסער זאלץ־געוויקסען; ערטער, וואו אז מען פארזייהט, רייסט איבערנאכט דער ווינט אוים די זריעה... און דערפון קומט ארויס אן אזהרה, אז ביים פעלד־קויפען מוז מען זיין געווארענט און בא־היט, מען זאל זיך נישט אפנארען. דער פרק ענדיגט מיט דעם, אז דעריבער איז זעהר שלעכט „דעם עמיגראנט אהן לשון, אהן א מויל, אהן געאגראפיע אין דער פרעמד"...

דער פיערטער פרק רעדט פון די איינוואוינער און עמיגראנ־

טען. עס ווייזט זיך אויס, אַז אויב אַלע יאָהר וואַקסט די צאָהל פון אימיגראַנטען (מענשען וואָס קומען אַ ר י י ן קיין אַרגענטינא), וואַקסט אויך די צאָהל פון עמיגראַנטען (מענשען, וואָס וואַנדערען צוריק אַרויס). דער פּרק ענדיגט דערמיט „אַז דאָס קומט פון דעם, וואָס מען עמיגרירט געוועהנליך אָהן אַן אמת'ען ישוב, מען גלויבט באַבע־מעשיות, מען גלויבט אין גליקען, וואָס זענען נישט געשטויגען, נישט געפלויגען; און דערנאָך, אַז מען קומט אַהין, אַז מען ווערט געוואָר, אַז פעלדער מיט בהמות, מיט הייזער קריגט מען (אין ערגעץ) נישט אָהן געלט, אַז אַליין וואַקסט נישט, און מען מוז אומעטום שווער אַרבייטען אויף ברויט, הויבט מען אָן צו בענקען אַהיים וכו'".

דער פינפטער פּרק הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„און אַרגענטינא ברויך און קאָן ערנעהרען מענשען!" דער פּרק ווייזט אויס מיט ציפערען, ווי ווייניג מענשען עס איז דאָ אין דעם געבענשטען לאַנד אויף אַ קוואַדראַטנע מייל, ווי ווייט עס פעהלען דאָרט הענט צו דער אַרבייט.

„און אַלעס אין אַרגענטינא וואַקסט און הויבט זיך: דער אַקערבוי, דער האַנדעל וואַקסען פון טאָג צו טאָג", און דער פּרק רעכענט אויס כסדר, וואָס עס ווערט פאַרזייהט, אַריין און אַרויס־געפיהרט, וואָס פאַר אַ מעטאַלען עס פאַרמאָגען די בערג, ווי גרויס עס איז דאָרט דאָס געשעפט מיט בהמות, און ווי ווייט אַלערליי אינוועגטאַרען האַדעוועט זיך דאָרט אויסגעצייכענט.

דער זעקסטער פּרק ווייזט דאָס אייגענע אויס וועגען האַנדעל.

דער זיבעטער פּרק ווייזט אָבער אויס ווי געפעהרליך די עמיגראַציע איז פאַר איינצעלנע עמיגראַנטען; רעדט דערפון, ווי זיי ווערען באַשווינדעלט דאָרט פון פּריוואַט מענשען און פון דער רעגירונג.

ענדליך דער אַכטער און דער לעצטער פּרק זאָגט: „היוצא לנו מדברינו: אַרגענטינא קאָן זיין אַ גן־עדן, עס זאָל זיך דאָרט אויף אַמאָל באַזעצען אַסך פאַמיליעס, זיי זאָלען קאָנען מאַכען אַ גרויסע קאָלאָניע, זיי זאָלען זיין בכח זיך ווייטער צו אַנטוויקלען, זיי זאָלען קריגען ערד אין גוטע פונקטען, און זאָלען זיין באַוואָרענט מיט'ן אייגענטום.

כדי דאָס זאָל קאָנען צו שטאַנד קומען, מוז אויפהערען די

מהומה, מוז מען וואַרטען ביז די רעגירונג וועט ערלויבען, און דער באַראָן הירש, וואָס גיט אַוועק אויף דעם ציל זיין גאַנץ פּאַרמעגען, זאָל אויס׳סדר׳ן די עמיגראַציע..." די בראַשורע ענדיגט דערמיט, אַז —

„אַרגענטינאַ איז אַ גן־עדן פאַר אַ ריכטיגע, גע׳סדר׳טע עמיגראַציע, און אַ בית הקברות פאַר אונזערע עמיגראַנטען".

איהר זעהט לייכט אַרויס דעם צוועק פון דער בראַשורע. דער לעזער ווערט דורך איהר באַקאַנט מיט אַלע מעלות פון אַרגענטינאַ, מיט איהר האַנדעל, אַקערבוי, באַרג־ווערג וכו׳, נאָר אין איין וועגס לערענט מען איהם, ער זאָל נישט איילען נאָר וואַרטען, ווי דער באַראָן הירש בעט זיך, ביז די עמיגראַציע וועט איינגעאָרדענט ווערען. —

די בראַשורע האָט אָבער אויסגעזעהען ווי אַ הפקר (ווייל דער מחבר האָט זיך נישט געוואָלט חתמ׳נען) און צוויי נישט גלייכע מענשען האָבען זיך באַנוצט דערמיט.

איינער האָט אָפּגעשניטען דאָס לעצטע בלעטעל, איינגעקלעפּט אַן אַנדערס, און אויפגעסטעמפּעלט זיין אַדרעס און אַ פּרייז פּופצעהן קאָפּ. — דאָס איז געשעהען אין וואַרשוי.

און דער צווייטער האָט געמיינט, אַז די בראַשורע איז געפונען געוואָרען אין מיסט און האָט איהר אַ קאָפּ געטאָן — און דאָס איז געשעהען אין פּעטערסבורג, אין ניעדעלנאַיאַ כראָניקאַ פון וואָסכאָד (טויזענט אַכט הונדערט איין און ניינציג, נומער צוואַנציג); ער דערצעהלט, אַז די בראַשורע איז געשריבען געוואָרען מאָוס צו מאַכען אַרגענטינאַ, אַז זי רעדט אָפּ, נישט פון אַן אומבאַרעכענטער עמיגראַציע, נאָר פון עמיגראַציע בכלל, מאַכט חוזק פונ׳ם „מחבר", און רעכענט איהם צווישען די, וואָס ווילען ברייען געגען באַראָן הירש.

יעדעס וואָרט — אַ באַזונדערער שקר.

נאָר —ביידע האָבען עס געטאָן פאַר הונגער; דער ערשטער צו ברויט, און דער צווייטער צו אַ סקאַנדאַל, צו אַ ציפּ עמיצען ביי די האָר, אַ בים מיט די ציין...

די „תאוה" צו ברויט און — עמיצען א ציפ צו טון, האבען טאקע א גרויסען כח — נאר צי הייסט עס ערליך געהאנדעלט? עסקת באמונה?

.1891

11.

מען...

דער אידישער פעלד־אַרבייטער.

„א מעטאדע צו ערלערנען (ווי אזוי מען באדארף צו באַרבייטען די ערד) אין יעדען (?) ארט און (?) אלע (!) ידיעות וואס א פעלד־ארבייטער מוז וויסען".

פון מיכל וועבער.

„באארבייטעט לויט פראקטישע מעטאדען צום נוצען פאר אונזערע ברודער (!), וואס ווילען ערלערנען לאנד־בוי."

אזוי זאגט דער שער, וואס איז געשריבען אויף פאטריאטיש לשון און — „נח מיט זיבען גרייזען".

אין דער פאררעדע באריהמט זיך נאך הער וועבער, אז —

„דער הויפט איז אין זיין ספר דער קיצור!"

„ער האט זיך באמיהט ווי וויט מעגליך צו שרייבען קורץ, וואס אַן אנדערער וואלט באדארפט באַשרייבען אויף הונדערט בויגען — די צייט איז טייער!"

אויך זאגט ער — אז די ארבייט איז איהם נישט גרינג אָנגעקומען.

„זי האט מיך געקאסט פיעל מיה און שוויים, איך האב דורכשטודירט פיעל ביכער פון תורת פעלד־אַרבייט (!) איך האב מיך (!) באנוצט מיט (!) די בעסטע (!) מעטאָדעס, און א חוץ דעם האב איך נאך געזעהען פון פראַקטיק זיך אַליין אין אַלעם איבערצייגען."

הער וועבער איז אונז מבטיח, על כל פנים פארהאפט ער, אז —

> „נאָך דעם ווי איהר וועט דורכזעהען (!) גוט מיין ספר און וועט זיך נעמען צו דער ארבייט, וועט איהר אין א גאנץ קורצע צייט זיין פאָלקאָמענע קאָלאָניסטען״ —

דער עיקר מיינט ער די עמיגראנטען:

> „אויב דו, ברודער, פאָהרסט מיט ערלויבניש פון אונזער רעגירונג אין ארגענטינא, אין דעם באַראָן הירש׳ס קאָלאָניעס, וועסט דו אויף דער שיף גענוג צייט האָבען צו איבערלעזען מיין ווערק, און קומען אויפ׳ן אָרט מיט אלע ידיעות, וואָס זענען נויטיג פאר א קאָלאָניסט.״

נאָר יענע קאָלאָניסטען זענען אויך קונים:

> „און אפילו אויב (!) דו פאָהרסט נעהנטער, אין ארץ־ישראל, איז אויך גענוג די נסיעה, אָדער עטליכע וואָכען פריהער, אויף דורכלעזען אמאָל צוויי־דריי מיין ספר.״

אויב עס האָט זיך קיין איינציגער אידישער אגראנאָם נישט גענומען ארויסצוגעבען אזא נוצליך ווערק, האָט דער הער וועבער געהאט פאָלקאָמען רעכט מקיים צו זיין „במקום שאין אנשים השתדל להיור איש״... נאָר, ער האָט געמעגט יוצא זיין:

1) מיט א י י ן מעטאָדע צום איבערזעצען, ווייל צו א קאמפילאַציע דארף מען זיין א ס פ ע צ י א ל י ס ט, און א פאָר וואָכען שטודירען (אפילו מיט נויט־שוויים) מיט נאָך עטליכע וואָכען „פראקטיקע״, זענען פאָרט צו ווייניג דערצו.

2) אויפגעבען די קוועלען (די נעמען פון ספרים און מחברים) פון וועלכע ער האָט געשעפּט, אויפ׳ן אָרט פון אייגען שטודירען און „פּראקטיקע״, ווייל די קלענסטע פ י ר מ ע פון אן אמת׳ען אגראנאָם איז נאָך אלץ מעהר ווערט, ווי גלאטע שוויים און פראקטיקע... און —

3) מיט קלענערע ת ק י ע ו ת פון רעקלאמען־שופר...

דאָס ווערק (אויסער׳ן שער) איז דאָך געשריבען ריין, פאַרשטענדיג, און כל זמן עס וועט קיין אגראנאָם קיין בעסערס נישט ארויסגעבען, וועט עס דאָך נוצליך זיין פאר׳ן פאָלק. —

1891

12.

„ספר היהודי הנצחי“.

(„דער עוויגער יודע“).

(אָדעססא תרנ"א).

קינד־און־קייט זיצט רייטענדיג אויף „ישראליקען“, און עס איז א קאַץ־מוזיק פון פאַרשידענע קולות, פאַרוואָס זאָל א י י ן חיים שלום סליווקין געהן צו־פוס און דאָס מויל נישט עפענען? מר חיים שלום סליווקין ווילט זיך נעבעך זיין חזן אין דער מ ע־נ י ש ע ר שול, ער שרייבט על־כל־פנים דעם שער אויף לשון־קודש, צום סוף ספר בעט ער אויף לשון־קודש דעם לעזער, ער זאָל אַלע גרייזען ארויפלעגען אויפ'ן בחור הזעצער'ס חשבון; אויך וואָרענט ער אויפ'ן אייגענעם לשון, אז: „ווער עס וועט די העזה האָבען צו דרוקען (!) דאָס ספר אָהן זיין וויסען, וועט ווערען געשטראָפט על פי חקי הממשלה יר"ה“, נאָר — אפנים עס געהט נישט, און מר חיים שלום סליווקין מוז אריינקריכען אין פאָס, איז עזרת נשים, און איבערזעצען פאַרשידענע זאַכען, וואָס מען הערט אונטען אין דער מענער־שול. אז אין שול, וואו מר חיים שלום סליווקינ'ס פאָס און ווייבער שטעהען, הערט זיך נישט קיין נייעס, זעצט ער זיי איבער אַלטע זאַכען, און אפילו אזוינע, וואָס מיין עלטער־באָבע האָט אינ'ם טייטש־חומש געלעזען — וועגען ביתר, טיטוס מיט'ן יתוש, וכדומה ה י ס ט אָ ר י ש ע זאַכען, וואָס זענען זעהר וויכטיג פאַר א אידישער נשמה, וואָס וויל זיך וואָרעמען ביים פייער־טאָפּ און אנטלויפט פאַר דער זון! ער כאַפּט אריין אינמיטען א פאָר לשון־קודש'דיגע ציטאַטען, וואָס געהערען נישט צו דער זאַך, און אַלץ — כדי די ווייבער זאָלען מיינען, אז ער איז א געבווירענער מענישער חזן!

אמאָל איז ע ר מ ט ע י ם אן עסק מיט זיינע אייגענע ווערטער. אַזוי־ערנאָר ווערען אונזערע ווייבער געוואָר וואָס היסטאָריע איז!

„די א י ד י ש ע היסטאָריע — גיט זיי מר חיים שלום סליווו־

קין צו פערשטעהן באלד פון אָנהויב, (אונטער דער ערשטער העב־רעאישער מאָטטאָ: „כי תעבור במים אתך אני“) — ד י א י ד י־ש ע ה י ס ט אָ ר י ע אין אלגעמיין (בכלל) די אלע באגע־בענהייטען, וועלכע האָט פּאסירט מיט אידען צייט זיי זענען גע־וואָרען א פאָלק, זייערע אייגענשאַפטען און טוגענדען (מעלות ומדות טובות), זייער גרויסען געפיהל, איבערהויבט (אַזוי איז דאָס וואָרט אויסגעלעגט אינ'ם גאנצען ספר) זייער גרויסען מוט, זאָגאַר ביז די ערגסטע צייט — איז דיזעס אַלעס געשריבען, און געצייכענט זאָ ד ר י ק ל י ך און דייטענד“.

אמת פיין!

„דער עווינער יודע“ האָט דריי בענדער. פאר'ן ערשטען גע־דרוקטען באנד, וואָס איז דורך און דורך געשריבען מיט אזא לשון, מיט אזא קלאָרען פארשטאנד, מיט אזא היים געפיהל; פאר'ן ערשטען געדרוקטען באנד, פון וועלכען יעדעס וואָרט איז א מ צ ב ה מיט היראָגליפען*), יעדער זאַץ איז אן אוצר פון אומ־וויסענהייט, און איין זייטעל איז סותר דאָס צווייטע, און זאָגט פונקט קאַפויר**), פאר דעם ווערק הייסט זיך מר חיים שלום כליווקין צאָהלען פינף און זיבעציג קאָפּיקעס, און א געוויסע צייטונג האָט עס גערעכענט צווישען די „נייע גוצליכע זשארגאָן ווערק“.

.1891

13.

י״ז בן אריה: אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

(ווילנא, תרנ״ד).

דער מחבר וויל, אז מיר זאָלען זיך איבערצייגען, אז 1) די ערד איז קיילעכדיג, נישט א ברעט מיט זייטען און עקען. 2) אז זי באוועגט זיך ארום דער זון, נישט די זון ארום איהר. 3) אז די

---

*) דאָס אַלטע סודות־כתב (פאַר אונז) אין מצרים.

**) אויף איין אָרט, למשל, זענען די, וועלכע האָבען נישט געלאָזט שלום מאַכען מיט די רומיים הייליגע גבורים, בשעת ווען אויפ'ן צווייטען אָרט זענען זיי פריצים, און בר־יונה'ס לויט דער הגדה.

ערד ציהט צו־זיך־צו אלץ, וואס אויף איהר איז, פונקט אזוי ווי זי אליין ווערט צוגעצויגען צו דער זון און 4) אז דורך דער אט־ראקציאָן (אזוי הייסט די קראפט, מיט וועלכער איין קערפער ציהט צו דעם צווייטען) באוועגען זיך די הימלישע קערפער (זון, לבנה, שטערן, ערד) איינס ארום צווייטען...

נאר, כדי מיר זאלען וועלען זיין זיינע לעזער, כדי מיר זאלען וועלען נעמען אין האנט אריין א וויסענשאפטליך ווערק, נישט סאמע באבע־מעשיות און ראמאנען, נארט אונז י"ז בן אריה אריין אין ביכעל, ווי א מלמד נארט דאס קינד צום אלף־בית... דער רבי זאגט איהם צו א פיינעלע, און י"ז בן אריה — א „העכסט אינטע־רעסאנטע ערצעהלונג"! דערזעהענדיג דעם שער — רעכענט דער מחבר — וועלען מיר נישט קארגען די צעהן קאפיקעס און דער־נאך איז פארפאלען! מיר וועלען שוין אונזער געלט דורכ'ן פענס־טער נישט ארויסווארפען און וועלען שוין דורכלעזען דאס ביכעל...

נאכ'ן שער געהט א הקדמה: „נישט אלע מענשען — זאגט דער מחבר — האבען (די) מעגליכקייט אין זייער יוגענד צו לער־נען (א) וויסענשאפט" — טייל ווערען געבוירען ביי ארעמע על־טערן... (אין דער שווערער ארבייט) געהט אוועק א יאהר נאך א יאהר און „מען וואקסט אוים גאר אהן וויסענשאפט". נאר „מזל איז ביי גאט (אין דער האנט), דאס ארעמע קינד... ווערט רייך... וואס טוט עס אבער אהן וויסענשאפט?... אט „פאר אזעלכע מענ־שען, וואס ווילען נישט פארשעמט ווערען געגען די געלערנטע" — זאגט י"ז בן אריה — שרייבט ער זיין ביכעל.

נאר מיינט נישט, אז ער שרייבט דוקא נאר פאר די, וואס וועלען אמאל רייך ווערען, אדער דוקא נאר פאר די, וואס וועלען האבען די געלעגענהייט פארשעמט צו ווערען פאר געלערנטע... איך בין איהם אין דעם נישט חושד! די הקדמה זעהט אוים. איז, גלאט אזוי, געשריבען אין איילעניש און איז ארוים אהן העגט און פיס... ווארים י"ז בן אריה פארשטעהט גאנץ גוט, אז פאר ארעמעלייט, וואס ווערען רייך, איז נישט כדאי צו שרייבען. ווייל — עס טרעפען זיך אזוינע לייט וואס א טאג וועניגער און וועניגער... אויך ווייסט ה' י"ז בן אריה, אז ארעמע לייט דארפען מעהר וויסען ווי רייכע און דאס וויסען קומט זיי אויך מעהר צו־גוץ. פון אמת וויסען האט מען, אויסער דעם גייסטיגען פארגניגען,

אויך — פּרנסה, ברויט און גאַנץ אַפּט מיט פּוטער! די בושה. וואָס דער אומגעלערענטער האָט פאַר'ן געלערענטען, איז אויך אַ זעל־טענע זאַך, מערסטענטיילס געשעהט פאַרקערט!... מיר שעמען זיך אַסך מעהר מיט אַ צוריסענעם שטיוועל ווי מיט אַ לעדיגען מח. און אויך — די בושה, וואָס איינער צווישען הונדערט ליידט, אַז ער ווייס ניש דאָס, וואָס יענער ווייס, איז נאָך נישט דער עיקר... די בושה קאָן זיין אַ נוצליכע זאַך, נאָר אין לעבען פיהרט זי גע־וועהנליך נאָר צו עטליכע ווערטער פראַנצויזיש און אַ קאַדריל...

וויסען אַליין איז ניצליך און נויטיג, און דאָס האָט ה' י"ז בן אריה געדאַרפט באַווייזען אין זיין הקדמה, אַדער זיך אָהן אַ הקדמא באַגעהן.

נאָר דאָס איז אַ קלייניגקייט. די הויפּט פראַגע איז, ווי אַזוי ערפילט ה' י"ז בן אריה זיין פאַרשפּרעכען? האַלט ער באמת וואָרט? גיט ער אונז אמת וויסען?

ערשטענס מוזען מיר באַמערקען, אַז ה' י"ז בן אריה מאַכט נישט קיין אונטערשיד פון „וויסען" ביז „וויסענשאַפט", פון „ידוע" ביז „חכמה", און, אויב ער רעדט פון וויסענשאַפט, מיינט ער נישט מעהר נאָר וויסען און אַזוי־אַזוי וויל ער וועניגער, אַלס ער זאָגט צו, נאָר — זאָל זיין וויסען!

מיר האָבען דורכגעלעזען דאָס ביכעל — וואָס ווייסען מיר דערפון? צי ווייסען מיר באמת, אַז די ערד איז קיילעכדיג, אַז זי איז אַ קויל נישט קיין ברעט? אַז זי באַוועגט זיך אַרום דער זון, נישט פאַרקערט, און אַזוי אַנדערע זאַכען?

ליידער נישט.

דער, וואָס לעזט דורך דאָס ביכעל, האָט קיין איינציגען ריכ־טיגען באַוויז, אַז עס איז אַזוי און נישט אַנדערש! ער הערט אַ פּשט'ל פון אַ מגיד, אַ מיינונג פון אַ בוכהאַלטער, אַ מין שטה, אַ מוטמאַסונג — און עס פעלט איהם גאַרנישט איין, אַז דאָס זענען נישט קיין שבליות'ן, וואָס פליהען אין דער לופטען, נאָר אמת'ע באַוויזענע זאַכען, און אַזוי זיכער באַוויזען, ווי צוויי און צוויי איז פיער! נאָכ'ן איבערלעזען טראַכט געוויס דער לעזער: עס קאָן זיין, אַז די ערד זעהט אויס ווי אַ קאַוואָן און מיר זעהען אויס ווי די פליגען, וואָס געהען אויפ'ן קאַוואָן אַרום! עס איז גאַנץ מעג־ליך, אַז די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון ווי אַ גלאָז וואַסער אין

דער רייף, וואָס מען דרעהט אַרום אויף אַ שטריקעל, אָדער ווי אַ שטיינדעל אויף אַ שטריקעל, וואָס פליהט אַרום ווי אַ ראָד אַרום דער האַנט. עס איז קרוב לאמת... עס לאָזט זיך הערען. עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, נאָר — אַז עס איז ז י כ ע ר אַזוי, דאָס ווערען מיר נ י ש ט געוואָר. קיין איינציגער וויכטיגער באַווייז, וואָס זאָל אַריין ווי אַ האַלץ־שרויף אין מוח! און אין אַ האַלב יאָהר אַרום ווען מיר פאַרגעסען דעם איינדרוק פון ביכעל און צוריק גלויבען אונזערע אויגען — אַז די ערד איז אַ פּלאַץ מיט עקען און קאַנטען און די זון דרעהט זיך אַרום איהר! מיר וועלען פאַרגעסען אַזוי דעם מגיד, ווי דעם בוכהאַלטער. און דאָך איז גענוג געווען צו דערמאָנען די רייזען, וואָס מען מאַכט אַרום דער ערד; צו דער־מאָנען, אַז אַנדערש איז זיך שווער, אָדער אוממעגליך פאַרצושטע־לען דעם לקוי לבנה; צו דערמאָנען, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אונז אַלץ נעהענטער און נעהענטער, ווערט גרעסער און גרעסער, און פאַרקערט, וואָס מעהר זי דערווייטערט זיך, ווערט זי אַלץ קלענער און קלענער, כאָטש מיר זעהען זי איןביידע פאַלען אינגאַנצען, אַז עס פעהלט פון איהר נישט קיין האָר, וואָס איז אויך נישט מעגליך, נאָר סיידען, אַז די ערד איז אַ קויל...

דאָס איז אַ שטאַרקער פעלער!

נאָך ערגער איז דאָס, וואָס דער לעזער וועט קריגען זעהר אַ שלעכטען באַגריף פון „וויסענשאַפט" בכלל. עס וועט זיך איהם דאַכטען, אַז וויסענשאַפט בכלל איז עפּעס אַ לייכטע זאַך, אַ שכל־דיג שפּילעכעל, אַ רוים, אַ שאַך — אַ פּשט'ל! ווענען פון י"ז בן אריה'ס לעזער וועט גאָר איינפאַלען, וויפיעל מיה און מאַטער, וויפיעל בלוט עס האָט געקאָסט, וויפיעל דורות עס זענען אַריבער, וויפיעל צרות מענשען האָבען געליטען, וויפיעל אַנשטרענגונגען מען האָט געדאַרפט, איידער מען איז צוגעקומען צו דער דעה? עפּעס שווימט דאָך ביי איהם אַרום ווי אויף אַ וואַסער!

נאָך אַ שטאַרקער פעלער שטעקט אין דעם ביכעל: די ידיעות זענען נישט אינגאַנצען ריכטיג... דער לעזער דאַרף וויסען, אַז די ערד זעהט נ י ש ט אַזוי אַקוראַט אוים ווי אַ קאַוואָן; אַז די ערד האָט נ י ש ט די קראַפט פון אַ מאַגנעט, וואָס ציהט צו נאָר אייזען און שטאָל, נישט האָלץ, למשל, און פּאַפּיר, און ווערט אַליין פון גאַרנישט צוגעצויגען; און בכלל, אַז די אַטראַקציאָן איז נישט

נוהג נאר ביי ערד און זון. נאכ'ן משל פון מאגנעט, מוז מען דעם לעזער אויף קלאר ערקלערען, אז א ל ע קערפער אהן אויסנאמען ציהען צו איינס דאס צווייטע, אז דער כח שטעקט אזוי גוט אינ'ם קלענסטען שטויב, ווי אין דער זון!...

נאך א פעלער שטעקט אין ביכעל, וואס דער מחבר האט זיך ליב צו פארגאלאפירען און צו זאגען אזוינס, אין וועלכען אלע זע־נען וועניגסטען שטארק מסופק. נאך דער לופט (למשל) האט ער א ליידיג ארט... און ע ט ע ר?

נאר די אלע פעהלער קאנען לייכט פארריכט ווערען ביי א צווייטער אויפלאגע און דאס ווערקעל קאן ווערען ניצליך פאר דעם פאלק. מען דארף די משלים, נאר נאך זיי מוזען קומען קלארע באווייזען; מען דארף אסך ארומרעדען פאר'ן אנפאנגער, נאר — מען טאר דעם קלענסטען גרייז נישט ארויסלאזען פון מויל... און דאס וויסען דארף זיך פארט נישט איינבעטען אונטער דער מאסקע פון א העכסט אינטערעסאנטער ערצעהלונג... עס פעהלט נאך אויפ'ן שער זאל שטעהן: אזוי אינטערעסאנט, ווי — שמ"ר!

מיר האבען נאך עפעס געגען דער שפראך.

צי וואלט געשאדט מען זאל שרייבען: ד א ס קינד, נישט ד ע ר קינד; ד א ס, נישט ד ע ר געזינדעל? א ב (אבזא־גען, אבלערנען) נישט א פ? נישט ד ע ר, נאר ד י שטאדט? ווען דער ליטווישער זשארגאן זאל וועלען נאכגעבען די קלייניגקיי־טען, אזוי ווי דער פוילישער גיט נאך אלע מאל מעהר פון זיין זייט, וואלטען מיר זיך איינס מיט'ן צווייטען אוןביידע צוזאמען מיט אדעם בעסער פארשטאנען.

נאר נאך די אלע פעהלער איז דאס ביכעל אין אלגעמיין גע־שריבען מיט אן אויסגעצייכענטען הומאר און עס לעזט זיך ווירק־ליך, ווי א דערצעהלונג.

דאס ביכעל איז אויך זעהר ביליג: עס האלט פיער און זעכציג זייטען, עס האט עטליכע, נישט שלעכטע בילדער אין טעקסט — און קאסט אינגאנצען צעהן קאפ. מיט פארטא! פאר די, וואס ווי־לען (און עס איז א יושר) דאס ביכעל פארשפרייטען, גיבען מיר אויף דעם אדרעס: מ. קאצענעלבויגען, בוכהאנדלונג, ווילנא.

.1895

14.

א. קאַטיק'ס עט א. ברעסלער'ס אויסגאַבען.

א. קאַטיק'ס עט א. ברעסלער'ס אויסגאבען. וויסענשאַפטליכע פאָלקס־ביכער. ערשטעס בוך: ווי האָבען מענשען געלעבט מיט איניגע טויזענט יאָהר צוריק. פארפאַסט פון פאַוולאָוויטש. איבערזעצט דורך קאַטיק און ברעסלער.

הערט א מעשה, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען מיט קאַטיק עט ברעסלערס לשון, מיט זייער גראַמאַטיק און לאָגיק:

די מעשה איז אזוי: דער לעבען מיט די אַבסטאַיאַטעלסט־וועס דרעהען זיך, די פרעדמעטען מיט די פּאָלאָזשעניעס ראַזוויוואַ־יען זיך. עס איז געוועזען אַן אומגעדענקטע צייט, וואָס אַלע מענשען האבען נישט פארזוכט פון עץ הדעת! די אַלע פרעדמעטען, וואָס מיר ניצען יעצט, זענען נישט באַשאַפען געוואָרען ערב שבת בין השמשות! אין דער פעריאָדע (צייט) פון נארישע, פארגרעבטע מנהגים, פיהרונגען, וואָס עקזיסטירט ביי אַמאָליגע עלטערען מיט'ן נישט־צייטיגען און נישט־ראַזוויטע שכל און קליינע ספּאָסאָבנעס־טען, איז פּאָניאַטנע, וועגען ליטעראַטור מיט איהרע גוטע, ליעבע איינדרוק, אין זינען, ווי מיר מיינען, האָבען זיי קיין באַגריף! ביים אַטשטאַג פון ליטעראַטור האָט זיך ראַספּאָריאַזשאַיעט שמ"ר און אַנדערע קליינע פיה, וואָרדע שמ"ר, זיי אַליין האָבען דערקאַזשעט איינצוסטראַיען ביכלעך און האָבען מיט'ן ספּאָרטשענעם מאָזג. געספּאָלניט אַלע זאַדאַטשעס! די פלאַכע קריטיק מיט'ן וואָרפענדען געוועהר האָט נישט געהאַט די דרייסט און די כיט־ראַסט צו בראַקיוועו, אַביזשאַיען; זי האָט זיך, ווי א גע'פגר'ט פע־געל איינגעבויגען אין א דוגאַ און פארבאַהאַלטען אין פעטשערים.

און שמ"ר'ס נישט איסקוסטוויענע, נישט פיטאַטעלנע, פאַנ־טאַסטיטשעסקע ווערק זענען פּאָכאַזשע אויף זשילים און וואָרדע די גראַז, וואָס וואַקסט אַליין אויף די פעלד אָהן א געגענשטיין, אָהן א נאַפּאַדיעניע, נאַפּראַטיוו מיט פאָלנע אָוואָזשעניע. זיינע האַל־צערנע פלאַסטינקעס, אומגעשמירט מיט ווייכע שמירונג, האָבען דעם עולם געקלונגען, ווי פּריאַטנע בובענטשיקעס און זיין לויב האָט

זיך געהערט, ווי אויסשוס־קלאפען פון שטאלערנע געשיקט־שיסענ־דע פיסטאלעטען!

נאר, ווי געזאגט — די אבסטאיאטעלסטוועס דרעהען זיך — און מען האט אנגעהויבען וואזשנער קוקען אויף די פעלד מיט די גראז און די אדער יענע געוויקסע און פארלאנגט פראבעס אויף די ווייץ. ווערען באקאנט מיט תבואות, קריגען פיזיטשעסקע מעגליכ־קייט באקומען שפייז א חוץ די סטאדע — שמ״ר עט קאמפאניע.

עס איז געווארען א בורע, א סטראשנע האלאם! שלום עליכם האט דער ערשטער גערעשעט צו טאפטשען מיט די פיס, אויסטשא־ראפען די פאטשווע, צו שרייען: גראביאזש! און צומאכען א סילנע נאפאדיעניע אויף שמ״ר׳ס קרעפאסטען און אוקרעפלעניעס און האט איהם גאנץ אנגענעהם גע׳הרג׳עט...

און אז שמ״ר איז שוין טויט (אדער אין אמעריקא), פארוואס זאלען זיך קאטיק עט ברעסלער נישט מאכען א סאאבשציעניע און מיט אבשטשע סילעס, איבערזעצענדיג דעם באריהמטען פאוולא־וויטש, געבען נאך אמאל שמ״ר׳ן א קאפ? וואס שאדט עס? נאך אמאל געפינען אמעריקא!

נאר לצנות אן א זייט! אפשר ווילט איהר וויסען, ווי אזוי א מענש האט זיך אויסגעלערענט רייטען? אפשר מיינט איהר, אז פארצייטישע דורות זענען געווען העכער, שטארקער און עס האט זיך געקאנט טרעפען, אז אן אדם הראשון איז גראד געשטאנען פארטראכט איבער א רינשטאק, בשעת א פערד איז אין אימפעט דורכגעלאפען דורך זיינע צושפרייטע פיס, און דער מענש איז גע־בליבען זיצען רייטענדיג? אפשר מיינט איהר גאר, אז א מענש האט געוואלט כאפען א פערד, און האט עס טאקע אנגעכאפט ביי דער טשופרינא, נאר ער האט נישט געוואלט דאס פערד זאל איהם בייסען, האט ער זיך ארויפגעכאפט איהם אויפ׳ן רוקען און איז אוועק רייטענדיג? אייך קאן אויך גאר איינפאלען, אז ער האט גע־זעהען, ווי א פליג רייט אויף א פערד און האט אויך געפרואווט די־זעלבע קונץ? פון פאוולאוויטשען (אויב די איבערזעצער האבען איהם געטריי איבערגעגעבען) וועט איהר ערשט געוואר ווערען דעם גאנצען אמת; די מעשה איז אזוי געווען: דער מענש האט שוין

געוואוסט, וואס מען מיינט א חמור, אדער א פערד, למשא; ביים איבערציהען פון איין ארט צום צווייטען, האט ער זיינע זאכען ארויפגעלעגט אויפ'ן „פערדס פלייצע" און דערנאך איז איהם ערשט איינגעפאלען, אז דאס פערד קאן איהם אליין אויך טראגען! נישט גוט, הא?

פון פאוולאוויטשען וועט איהר געוואר ווערען א שכל פון א בער, הערט! אז „א בער שטעהט שלעכט אין דער מלחמה (!) מיט זיינע שונאים (!), כאפט ער מיט די פאדערשטע לאפעס גרויסע שטיקער האלץ, מאכוועט מיט זיי און מיט דעם פארטרייבט ער זיינע שונאים!" איהר האט אודאי נאך אזוינס נישט געהערט. עס איז אייך אודאי שווער צו גלויבען! נאר איהר טארט נישט פאר־געסען, אז דאס איז נישט דער בער פון נייינצעהנטען יאהרהונדערט, וואס האט שוין לאנג דעם שכל פארלוירען, נאר אן אלטער, אמאַ־ליגער בער, ביי וועלכען מיר האבען זיך (לויט פאוולאוויטשען אדער זיינע איבערזעצער) אויסגעלערנט באנוצען זיך מיט א שטעקען!

דער מענש האט א מעלה, „אז ער קאן ריהרען, ארבייטען מיט זיין מארך פון קאפ, וואס גיט איהם מעגליכקייט מיט אזוינע זיי־טיגע קלוגע מיטלען דערפילען זיין געברויך, וועלכעס מיט זיין קערפערליכען בוי איז ער נישט אימשטאנד דאס צו באקומען" און „קאן ווארפען א שטיין אדער א שטיק האלץ אויף א ווייטע שטרע־קע און הרג'ענען דערוויילע זיין שונא, די ווילדע טיר, איידער זי אוספעיעט צו געהן צו איהם", נאר „האבענדיג מארך אין קאפ, און קאנענדיג מיט איהם ריהרען, האט ער דאך געמוזט אסך לערנען, איידער ער האט געקריגען, למשל, „אונזער וויסען וועלכע שפייז און געטרענקע דערוואַרעמט דעם קערפער" ווי אזוי „צו פאריכטען די פעהלערען פון די נאטור".

נאר אמה'כמיגסטען איז צו וויסען, ווי אזוי דער מענש האט זיך אויסגעלערנט צו מאכען א בויגען! דערצו דארף מען פאר־שטעהן דעם דין פון עלאסטיציטעט (דאס צוריקשפרינגען פון פאר־שידענע קערפער) און פאוולאוויטש ווייס דעם דין און פארצעהלט כהויה, ווי אזוי עס איז געוועזען:

וואוינענדיג אימער אין וואלד און קוקענדיג אויף אלעס, וואס געפינט זיך ארום איהם, האט דער מענש געמוזט נישט ווילענדיג באמערקען די נאטור פון די חיות, אויך די נאטור פון די בוימער.

עס האט זיך געטראפען, אז ווילענדיג כאפען א פויגעל (,) וועלכע איז געשטאנען אויף א צווייגעל און איינבויגענדיג דאס (,) אום צו כאפען די פייגעל, ווען ער האט גראדע נישט ווילענדיג אפגעלאזען דאס צווייגעל, איז מיט'ן קלאפ, וואס זי האט געגעבען, קומענדיג צוריק אויף איהר ארט, איז דאס פויגעל גע'הרג'עט געווארען! דאס האט איהם ארויפגעפיהרט אויף א געדאנק (,) באנוצען זיך מיט דעם קראפט פון איינגעבויגענעם האלץ און אזוי איז ארויסגעקומען א באגען".

און אזוי איז ארויס דער „פערוואביטנער" אמאליגער בויגען! אלע קאנען זיך אינטערעסירען מיט דער פראגע, ווי אזוי א מענש האט זיך אויסגעלערענט „באהאלטען אויף שפעטער". מען ווייסט, אז די ווילדע פעלקער האבען דערפון קיין באגריף נישט, אז דא פרעסט מען צוזעצטערהייט, פארפעהלט עסענווארג — שטארבט מען פאר הונגער. נאר פאוולאוויטש איז צו אריגינעל, ער זאל זיך אינטערעסירען מיט דעם, וואס אלע אינטערעסירען זיך. ער פרעגט פארקערט: ווי אזוי האט ער זיך אויסגעלערענט צו וויסען, אז פלייש קאן מען נ י ש ט באהאלטען? און פאוולאוויטש'עס שכל, געקליידט אין קאטיק עט ברעסלער'ס פארם, ענטפערט כהאי לישנא: מען דארף —

גערענקען אין די גוטע צייט, אז עס קאנן קוממען א שלעכטע, און איבערלאזען א פאררַאטה (זאפאס), דאן ווען עס איז דא איבע־ריג אויף די צייט, וואס וועט פעהלען. אלזא, נאכדעם ווי ער האט זיך זא באטראַכט, ווען עס האט איהם געגליקט, למשל, אמאל אויף דער פאלעוואניע, האט ער באהאלטען א זאיאנץ (האז) מיט א פאר פעגעל, ווי מען זאגט, נא טשארני דיען, אויף מארגען איז איהם גראדע איינגעפאַללען איבערבייטען דעם ארט. ער גייט, טראגט זיך מיט דער משא אויף די פליצעס און עס איז איהם צוליעב דעם דער גאנג שווערער, עס פארמאַטערט איהם, ער קאנן זיך נישט ריהרען, ער איז עפעס ווי געבונדען, דעריבער האט ער נישט גע־קאנט כאפען צוויי הערשען, וועלכע זענען איהם פארבייגעלאפען אויפ'ן וועג. נור פונדעסטוועגען האט ער ווי עס איז פארט גע־כאפט א טהירכען (א חיה'לע), האט ער זיך אנגעגעססען און גוט וויטער און צופרידען מיט דעם, וואס זיין זאפאס איז גאנץ און קאן איהם נאך דינען אמאל אין א נויט. אין איניגע טעג

אַרום איז טאַקי געקוממען דער טאָג, אויף וועלכען ער האָט זיך שטאַרק געריכט און אונזער ווילדער נעמט זיך צום פּעקעל, וואו עס ליגט דער זאַפּאַסנער זאַיאָנץ. אָבער דער לעצטערער איז נישט געלעגען אויף א לעדניק, נאָר די הייסע שטראַלען פון דער זאָנע האָבען איהם געוואַרעמט, דעריבער איז ער געוואָרען פאַר'עפּוש'ט און פאַרוועמעמט. דער יעגער ווערט בייז אויף דעם זאַיאָנץ, וואַרפט איהם אַוועק און נעמט זיך צו די פעגעל, נאָר דאָ זעהט ער איז אויך דאָסזעלבע, ווי ביים זאַיאָנץ. „נו, קלערט ער, שוין גלויבער ליידען אַביסעל הונגער, איבערקוממען ווי עס איז מיט אַביסעל יאגדעס, שוואמען, איידער עססען אַזאַ שמוץ. נאָר צו וואָס האָט מיר נאָך געטויגט טראָגען אַזאַ פאַרדאָרבענעם עססען, וועלכעס איך קאָן נישט געברויכען? צו וואָסערע כפּרות האָב איך מיך איינגעמאַטערט מיט דעם, און לא די וואָס איך האָב מיך נאָר דערשוויצט ביי איהר, האָט זי מיר נאָך געשטערט כאַפּען דעם געשמאַקען הערש". הכלל, דער ווילדער איז געקוממען צו דער דעה, אַז קיין זאַפּאַסען מיט פליויש קאָנן מען נישט מאַכען..."

אזוינע פערעל פון חכמה, שכל הישר, גראמאַטיק און אָרטאָגראַפיע געפינט מען אינ'ם קליינעם ביכעל פול און פיעל! אלץ איז אנגעוויזען „איבער איין אויער", אלץ איז ארויסגעזאגט, ווי פון א שטומען און אלץ איז געשריבען „נח מיט זיבען גרייזען".

עס איז אונז שווער געווען צו באקומען דאָס אָריגינאל, אום צו וויסען, צי האבען מיר די אלע דומהייטען צו פארדאנקען פאווערלאָוויטשען אליין, אדער זיינע איבערזעצער. נאָר פון אונז איז עס נישט וויכטיג: גענוג, אז דאָס פאלק קריגט אין דער האנט אריין א ווערקעל, וואָס קאָן נישט ליכטיג, נאָר פינסטער מאכען אין מוח.

.1895

15.

ספר הברית.

דער ווארשעווער דרוקער ט... ארבייט לטובת הכלל! אז די שריפט איז דרוק שטעהט לעדיג — שרייבט ער אליין אַ א ספר, אדער ער פארריכט א באנד שעקספיר און גיט עס ארויס אויף דער

ליכטיגער שיין; א נישט, דרוקט ער איבער דעם „ספר הברית“.—

„דאס ספר, (לויט ה׳ ט... שרייבט אויפ׳ן שער), האט געשריבען בקדושה ובטהרה אויף לשון הקודש, דער הויליגער חכם — הרב רבי פנחס מווילנא ז״ל, און עס שיינט אויף די אידישע הימלען, ווי די הערליכע זון... איבערזעצט האט דאס ספר דער באריהמטער מעתיק הר״ר יוסף מאיר יעבץ נ״י, כדי צו באלייכטען די אויגען פון די מענשען, וואס פארשטעהען נישט קיין לשון קודש“.

דער „ספר הברית“ האלט גאנצע 106 זייטען, און קאסט נישט מעהר, ווי 40 קאפ. און דאך וויפיעל נייעס דער אידישער לעזער ווערט דערפון געוואר!...

לויט דעם א ל ט ע ן ספר הברית טיילט זיך נאך די ערד אויף אזיא, אפריקא, אייראפא און אמעריקא — פון אויסטראליען איז נאך קיין זכר נישטא... אויך טיילט זיך נאך די וועלט, ווי אין אריסטו׳ס גוטע צייטען, אויף די אלטע פיער יסודות: ערד, וואסער, לופט און פייער... און גאטס וואונדער איז, לויט דעם „ספר הברית“, נישט משער צו זיין! „עס זענען, זאגט ער, פאראנען באשעפענישען, וואס ווערען געבוירען פון פייער און לעבען נאר אין פייער! אויף אן אינזעל, דערצעהלט דער „ספר הברית“, האט מען געזעהען, ווי אין אן אויווען, וואו מען מאכט אייזען, זענען ארומגעפלויגען פיעל לעבעדיגע פליגען, און אז זיי זענען ארויס פון פייער, זענען זיי געווארען טויט, ווי אלע טויטע“... אז די סלמנדרא ווערט אין פייער געבוירען, דאס וויסען שוין אלע בטלנים, נאר אויף אן אינזעל (הרוצה לשקר ירחיק עדותו — ווער עס וויל א ליגען זאגען, זאל דערצעהלען פון ווייטע ערטער) האט מען געפונען אן עגדיש, די לענג איינגאנצען א פערטעל אייל, גראב נישט מעהר, ווי א פינגער, מיט א שווארצען רוקען, א גרין בייכעל, און דער עגדיש האט געהאט אויפ׳ן רוקען צוויי בלעזלעך, עהנליך צו צוויי מכות!... און אזא עגדיש, געווארפען אין פייער אריין, שפארט ארויס א מין שפייעכץ, פון דעם שפייעכץ ווערט דאס פייער תיכף פארלאשען און דער עגדיש — אנטלויפט!...

ווען עס זאלען זיין אזוינע עגדישען, למשל, אין ווארשוי, וואלט מען פון קיין שרפות נישט געקאנט האבען א דרייער...

אויך טייכען זענען פאראן גאר וואונדערליכע! עס איז דא

(וואו, איז נישט אייער, נישט מיין דאגה) א וואונדערליכער טייך: לאַנג איז ער אַ מייל, ברייט אַ האַלבע מייל, — יעדען זומער ווערט אין איהם דאַס וואַסער אויסגעטרוקענט און, ווער עס גאָט גלויבט, געהט צו און נעמט מיט די בלויסע הענט אַרויס די פיש, וואָס בלייבען ליגען אויף דער ערד!... און דער אָרעמער לעזער קרעכצט ווייטער: רבונו של עולם, ווען מיר האָבען, חס וחלילה, אַזאַ טייך הינטער וואַרשוי, וואָלט אַ האַלבער „אייזערנער טויער"*) די פרנסה פאַרלוירען... עס וואָלט געוועזען פיש — האַלץ צוגלייך...

נאָר נישט אַלע נסים זענען געפעהרליך פאַר אידישע פּרנסות...

דער „ספר הברית" זאָגט, אַז דער אפודי שרייבט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין פיש, וואָס שווימט יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט אַרויס פון ים און בלייבט ליגען אויף'ן ברעג ביז מוצאי־שבת... צי זינגט ער זמירות, ווייס מען נישט, נאָר שבת, אפנים, מאַכט ער... און דער פרומער פיש, וואָס וויל שבת־קודש אין ים נישט שווימען, האָט פאַר דאָס אַ זכיה, אַז אַ קלייד, וואָס מען מאַכט פון זיין הויט, איז נאָך טייערער און נוצליכער פאַר סלמנדרא־בלוט און ענגליש־שפּייעכץ, ווייל „דאָס קלייד לאָזט נישט דורך, נישט קיין פייל, נישט קיין שפּיז"! צי דאָס קלייד לאָזט אַדורך קוילען פון האַרמאַטען, רעדט נישט דער „ספר הברית", ווייל ער האָט קיין פּולווער נישט געפונען...

ליידער קאָנען נישט אַלע, וואָס לעבען אין ים, זיין אַזוי גוט און פרום! עס זענען פאַראַנען פיש־מענשען־פרעסער; פיש, וואָס שלינגען איין אַ מענשען, ווי ער שטעהט און געהט, און אַז מען שיסט אין די פיש אַריין אַ האַרמאַט, שפּייען זיי צוריק אַרויס פון זיך לעבעדיגערהייט די מענשען...

אַזאַ פיש וועגט פיער הונדערט און פיער און פערציג פונט און האָט זעקס „פראַנדעט ציין" אין מויל. בכלל זענען די פיש זעהר גליקליכע באַשעפענישען. פיש אין וואַסער, זאָגט דער „ספר הברית", דאַרפען קיין שלאָף, און „אַז דער שלאָף נויטיגט זיי שטאַרק, איז פאַר זיי גענוג איין מינוט צו שלאָפען מיט אָפענע אויגען"... אויב דאָס לעזט אַ בעל־הבית, אַ בייטעל־מאַכער, אָדער אַזוי אַ ברויט־גע־

*) דער וואַרשעווער פיש־מאַרק.

בער, טראכט ער געוויס: רבונו של עולם! וואו נעמט מען אזוינע ארבייטער אין ווארשטאט אריין! א קלייניגקייט נישט שלאפען, אדער העכסטענס א דרימעל!...

נאר די פיש זענען נישט קיין אויסנאם; נישט זיי אליין זענען באשאפען געווארען צו דערצעהלען גאטס וואונדער; שלאנגען האבען אויך די זכיה! „אז א שלאנג דערזעהט א פויגעל, צי א חיה (!) גיט ער נאר א בלאז, ווערט דער פויגעל, צי דער לייב משוגע, און פליהט איהם גלייך אין מויל אריין“! אזא בריאה מיט אזא בלאז וואלט געוויס די וועלט חרוב ונחרב געמאכט, ווארים די גרויסע שלאנגען שלינגען איין נישט נאר פייגעל און חיות, נאר אפילו מענשען און בהמות אויך, — וואס־זשע טוט גאט? מוז דער שלאנג שטענדיג קלאפען מיט'ן ווידעל, מען זאל פון וויטען דערהערען, אז דער „מחריב“ רוקט זיך און מען אנטלויפט! איהר קלערט, אפשר, אז איהר וואלט מוחל געוועזען די רפואה מיט דער מכה צוזאמען, אז עס וואלט בעסער געוועזען „זיין ליעבער נאמען“ זאל גאר די שלאנגען נישט באשאפען — האט איהר א טעות! ערשטענס, ווי אזוי וואלטען מיר אהן דער שלאנג פטור געווארען פון גן־עדן? צווייטענס, איז א שלאנג זעהר א נוצליכע זאך: די שלאנגען בייטען יעדעס יאהר די פעל, און די פעל, וואס זיי ווארפען אראפ, זענען א רפואה בדוקה פאר נשים, וואס זענען מפיל קינדער... אז א אשה דארף זיך נאר די גאנצע ניין חדשים ארומוויקלען דעם בויך מיט א שלאנגען־הויט, און, — אויף עטליכע מיליאן קינדער, וועט זיכער איין משיח געבוירען ווערען! נאך נוצליכער איז, אפשר, דער „פיבער־שלאנג“ פון מצרים, וואס זיין פלייש ווערט באנוצט אין די אפאטייקען אויף מעדיצין און אפשר גאר די שלאנגען, וואס מען פיהרט ארום אין דיביידלעך און מען ווייזט פאר פינף קאפיקעס?

מיר וועיסען שוין, אז ביים ספר הברית באשטעהט נאך די וועלט פון פיער יסודות, נישט מעהר און נישט וועניגער. שפעטער־צו ווערען מיר נאך געוואר א זעהר אינטערעסאנטע זאך, אז נישט אין אלע באשעפענישען זענען פאראן אלע מינער! מיר

ווייסען שוין, אז די סלמנדרא און א געוויסער סארט פליגען ווערען געבוירען פון לויטער פייער. עס זענען אבער דא אנדערע ברואים, וואס זענען געקנעטען פון לויטער ערד; אנדערע, וואס זענען פון לויטער וואסער, נאך אנדערע פון ריינער לופט... און דער כלל איז: אין גרויסע באשעפענישען שטעקען אלע פיער יסודות, אין קליינע שטעקט נאר איין יסוד, צוויי, העכסטענס — דריי! „עס איז, למשל, פאראנען אזא מין מויז, וואס קומט ארויס פון דער ערד אליין. אזוינע מייז, אז מען ריהרט זיי אן, צופאלען זיי זיך אודאי אויף שטיקער און קיין קאץ וויל זיי געוויס אין מויל אריין נישט נעמען... עס זענען פאראן ווערעם, וואס ווערען באשאפען פון עסענ־ווארג... געוויסע ווייסע חיה'לעך — פון מענשען־שוויים... אלץ ווי אין די אלטע, גוטע צייטען... און אויף דער וועלט זענען פאר־ראן נישט מעהר און נישט ווענינער, ווי אפגעצעהלטע פיערציג מינים לייז, אכטצעהן מינים מילבען, הונדערט מינים מיקען, הונ־דערט און צוואנציג מינים פליגען, הונדערט ניין און פיערציג האר־נוס־פליגען!!!

און דאס אלעס לעבט נישט פאר זיך, נאר צו דערצעה־לען גאטס וואונדער! נאר פון וואנען טייל פרעש לעבען, ווייס אפילו דער „ספר הברית" נישט; שטעלט אייך פאר, ווי עס איז צו באוואונדערען די מענשען, וואס האקען די גרויסע שטיינער און געפינען אמאל אין א גרויסען שטיין א לאך און אין דעם לאך א לעבעדיגען פראש! און דער פראש שפרינגט פלוצים פון לאך ארויס מיט א געשריי! און דער שטיין איז געוועזען פארמאכט פון אלע זייטען, און דער פראש האט פארשלאסענערהייט געלעבט און געשפרונגען! וואו ער האט גענומען שפייז, ווייס איין גאט— דער „ספר הברית" ווישט זיך אפ דאס מויל און שווייגט! קודם כל האבען מיר דערפון א מוסר, אז אונזער גאנצע זארג, אונזער דאגת פרנסה, אונזער כעס און הארץ־וועהטאג, איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאזען איי — א והא ראיה דער פראש אינ'ם לאך פון שטיין, וואס לעבט גאר אהן שפייז און איז דוקא פרעהליך און לוסטיג, און שפרינגט ארום אין לאך!

נאר געה רעד מיט די „היינטיגע", מיט די אפיקורסים!...

נאך א ראיה אויף דעם איז די נארישע מילב, וואס שלמה המלך, דער חכם, הייסט דעם פוילען, ער זאל זיך פון איהר א מוסר

נעמען און לערנען זיך זארגען פון הײנט אויף מארגען. דער „ספר הברית“ װײס בעסער די זאך. די מילב זאמעלט אן תבואה אויף װינטער גאר אומזיסט, װײל א גאנצען װינטער שלאפט זי, און, אז עס קומט צוריק דער זומער, און זי כאפט זיך אויף, איז שױן איהר תבואה אינגאנצען דורכגעפוילט, אינגאנצען „לא יצלח“!

אין פיער און פיערציגסטען פרק געהען מיר איבער צום מענש...

דער מענש איז טאקע מענש, דער ספר הברית קאן זיך איהם גארנישט אויסלויבען. א פול מויל מיט זאפט האט ער! א קלײ־ניגקײט, װאס א מענש איז! ערשטענס, עסט ער אנדערע חיות ובהמות; גראז נאר זעלטען. אלע חיות קאנען נישט באקען, נישט קאכען, נישט זאלצען, און — די ערשטע בעסטע קעכין טוט דאס אלץ טאג־טעגליך און אויף שבת מאכט זי נאך א קוגעל! אלע לע־בעדיגע באשעפענישען טרינקען נאר װאסער, דער מענש אבער — אלערלײ משקאות: רײכע טרינקען װײן, ארעמע קומען אן צום מא־נאפאל. קײן חיה װײס נישט, װאס שעהן און װאס מאוס איז, (אזוי, װעניגסטענס, זאגט דער „ספר הברית“). דער מענש אבער װײס. חיות ובהמות האבען דעריבער נישט קײן פארגעניגען פון מוזיק, מיר אבער האבען נחת פון חזנים, פון זמירות, װאס מיר אלײן זינגען, און די „דײטשען“ — פון אפערען און קאנצערטען... אז מען קוקט מיט א פארגרעסער־גלאז אויף דעם זאמען פון א מענש, זעהט מען װי קלײנע מענשעלעך טאנצען! און דרײ שותפים הא־בען דעם מענש: גאט, פאטער און מוטער. דער פאטער גיט איהם: בײנער, אדערען, געהירן און װײסעל פון די אויגען; די מוטער — הויט, פלײש, בלוט און שװארץ־אפעל! גאט, ברוך הוא, גיט די נשמה... אלץ װי אמאל!

נאט אײך נאך א בינטעל נוצליכע זאכען: די העמערװידען זענען זעהר געזונט און ברענגען צו לאנג לעבען... חלומות פון סוף נאכט זענען ריכטיגער, אלס די חלומות פון אנהויב נאכט... א גו־טען חלום זאל מען אפילו דעם װײב נישט דערצעהלען. א מענש זעהט קײנמאל נישט אין חלום קײן טויטע בהמה, ער זאל מײנען, זי לעבט; פאר דאס קומען אונז מתים צו חלום אלס לעבעדיגע

מענשען. נאַטירליך איז דאָס אַ סימן, אַז אַ מענש האָט השארת הנפש... דער אונטערשיד צווישען אַ נבואה און אַן איינפאַכען חלום שטעקט דערינען, וואָס געוועהנליך קומט פריהער דער שלאָף און דערנאָך דער חלום און ביים נביא פאַרקערט: פריהער חלום'ט איהם, דערנאָך שלאָפט ער איין... עס געהען נאָך די אַלטע, גאָר אַלטע זיבען הימלען: אַ ראָד, אין וועלכען עס שטעקען די זון מיט דער לבנה, רעדער פאַר די שטערען... נאָר די מענשען, וואָס וואוי־נען אויף די שטערען, כאָטש זיי קאָנען זיין חכמים, אָבער קיין יצר־הרע און קיין תאוות האָבען זיי נישט! וואָרים די תאוות קומען פון די פיער יסודות... און אַזוי ווייטער...

נאַטירליך וואָלטען מיר פון „ספר הברית" נישט גערעדט, ווען אונזערע אידישע לעזער זאָלען נישט האָבען אַזויפיעל דרך־ארץ פאַר „זכרונו־לברכה'ס" מחברים בפרט און געדרוקטע זאַכען בכלל, אָדער ווען זיי זאָלען וויסען, אַז דער נאָמען „ט..." איז גענוג, מען זאָל דאָס ספר נישט נעמען אין האַנט אריין.

נאָר ט... איז אַ געוועהנליכער דרוקער, ער האָט זיך און זיין געשעפט אין זין... אַלס סוחר האָט ער זיך אויסגעקליבען צו האַנד־לען מיט אַלטווארג, אַבי פרנסה... וואָס וויל אָבער

פ א ר ל א ג „ע ז ר א"?

עס ליגען פאַר אונז דריי ביאָגראַפיען:

1) רבי שלמה לוריא (רש"ל) זיין לעבען און ווירקונג פון ש. א. האָראָדעצקי.

2) רבינו שמואל מאָהליווער ז"ל (ביאָגראַפיע) זיין לעבען, שטרעבען און ווירקונג פאַר'ן פאָלק און פאַר דער ציוניסטישער אי־דעע. — באַארבייט נאָך ר' יצחק ניסענבוים און אַנדערע קוועלען פון מק"ל און

3) פּראָפעסאָר צבי שפירא. —

„עזרא" איז אַ ציוניסטישער פאַרלאַג. די טיטעל־בלעטער (שערים) האָבען זעקס מגן־דוד'ס און אין יעדען מגן־דוד שטעהט אַ באַזונדערער „ציון" — זעקס מאָל ציון! דער רש"ל האָט, נאַ־טירליך, מיט'ן נייטאָדישען ציוניזם קיין מגע ומשא נישט געהאַט. אין זיין צייט האָט מען נאָך פשוט געוואַרט אויף משיח'ן און נישט

געדעכענט, עס האָט קיינעם נישט גע'חלומ'ט, אַז עס וועט באַלד קומען אַ צייט פון קאַפּיטאַליזם און פאַבריקען, ווען מען וועט מאַכען אַ קאָלאָניאַל־באַנק און אויף גיך פאַבריצירען משיח'לעך, — פאַר דאָס איז פלאַמענדיג — ציוניסטיש ה אָ ר אָ ד ע צ ק י ' ס פאַררעדע. ער קלאָגט זיך מיט אַ האַרצרייסיגער שטימע, אַז בשעת ווען „יעדעס פאָלק אינטערעסירט זיך זעהר פיעל מיט זיין געשיכטע, מיט וועלכער צוזאַמען דאָס פאָלק גופא איז געבוירען (!) און ווערט מיט איהר צוזאַמען, אַנטוויקעלט און פאַרגרעסערט (!) מאַכט זיך דאָס אידישע פאָלק דערפון גאָרנישט!“ ער דערצעהלט דעם אידישען לעזער אַ העברעאישען וויץ פון גרויסען גאון רבי יחיאל היילפּערין אין זיין הקדמה צום „ספר הדורות“, וואו „ער זאָגט מיט איראָניע“, אַז, ווען מען זאָל אַזעלכע לייט (וואָס ווילען פון היסטאָריע נישט וויסען) זאָגען, למשל, אַז המן איז געווען פאַר דער צייט פון כלכל והימן, אָדער זרח — פאַר תרח'ן — וואָלטען זיי געגלויבט!“ נאָר ה אָ ר אָ ד ע צ ק י פאַרזיכערט אונז „אַז עס איז צום וויינען, ניט צום לאַכען. די קליינע אינטערעסע פון אידישען פאָלק צו זיין אייגענער געשיכטע וועיזט אונז בחוש, ווי וויט מיר זענען צוריק אָפּגעשטאַנען(?) אין אונזער נאַציאָנאַליסטישען זעלבסט־באַוואוסטזיין... דאָס הייסט: מיר האַלטען זיך פאַר טויט, פאַרשטיינערט נאָר פאַר אַ מומיע פון דער אַלטער צייט...“ און — אַז ה אָ ר אָ ד ע צ ק י כאַפּט זיך אַרויף אויף די שטעלצען, וויל ער שוין נישט אַראָפּ. ערשטענס, שיט ער אויסגעדראָשענע מליצות וועגען פאָלק, וואָס וויל נישט וויסען, וואָס אין זיין יחוס־בריף שטעהט, ווייל ער „שפּירט גאָרנישט אין זיין טיפען שלאָף, עס חלומט זיך נאָר פאַרשידענע חלומות, חלומות... רק חלומות“. דערנאָך געהען צוויי און אַ האַלב שורות מיט פּינטעלעך, דאָ האָט ה אָ ר אָ ד ע צ ק י, כמעט, ווי גע'חלש'ט! דערנאָך כאַפּט ער זיך פּלוצים אויף! און זיינע שונאים? — שרייט ער — זיי פרעהען זיך... זיי מיינען ער גוס'עט שוין, באַלד שטאַרבט ער, באַלד געהט ער אַראָפּ פון דער סצענע...“ אינגאַנצען דריי פּינטעלעך, און איין אויסגעשריי: — „אָבער גאָר לא!“ און ער דעקלאַמירט זיך ווייטער: — י ש ר אָ ל י ק איז נישט שוואַך מחמת עלטער, ער געהט נישט אויס, ער האָט נאָך אין זיך גענוג קראַפט, גרויסע כחות...“ מיר זעהען, אַז מיר האָבען

דא צו טון מיט א ברענענדיגען נאציאנאליסט — ציוניסט, וואס פארגעסט אמאל אין דער היץ אז גראמאטיק, אז לאגיק, און מיר כאפען זיך געשווינד צום „ספר“ אליין... מיר ווילען וויסען מיט וואס דער רש"ל וועט אויפבלאזען דעם פונק פון פארלאשענעם פאלקס באוואוסטזיין, מיט וואס ער וועט אונז אויפפרישען די אלטע ביינער, לעבעדיג מאכען דעם איינגעפאלמעסטען פגר?... און נאך דער הויך אויפגעבלאזענער דעקלאמאציע ווערען מיר געוואר פון ה א ר א ד ע צ ק י ס מויל, אז דער רש"ל איז געבוירען געווארען אין טויזענט פינף הונדערט און צעהן, אז ער שטאמט פון רש"י, אז ער האט געהאט א שארפען שכל און א פעסטען כאראקטער, אז מיר באגעגענען איהם שטענדיג (וואו?) האלטענדיג (ווער? מיר, אדער דער רש"ל?) אין איין האנט א פעקעל מיט אמת... (א שעהן פעקעל?!!) און אין דער צווייטער — א פעדער (נישט פון א גאנז, חלילה, נאר) פון שארפער קריטיק, אז זיין תלמיד ר' יחזקאל לאנדוי לויבט „זיין הארץ פון א לייב...“ אז דער רש"ל פלעגט אפוועגדען דען „אבן־עזרא“, רמב"ם, רמב"ן, רלב"ג, רשב"א, הר"ן...

דער ארעמער אידישער לעזער, וואס האט ווייניג געהערט פון די גרויסע לייט, מוז נאטירליך גלויבען ה א ר א ד ע צ ק י ן אויפ'ן ווארט, נאכזאגען איהם, אז דער רש"ל „איז נישט געוועזען קיין שפענדעל, וואס שווימט אהין, וואו דאס וואסער טראגט, נאר שטענדיג, וואוהין זיין שיפס־קאמפאס, זיין שכל הישר, ווייזט, ים'מעג זיין נעגען די גרעסטע ים־כוואליעס“. ער וועט אפילו נישט פרעגען: אדוני ה א ר א ד ע צ ק י, פון וועלכען פינגער האט איהר עס אויסגעזויגט?... א מחבר פרעגט מען נישט... אז ער זאגט, זאגט ער... ווען ער זאל וועלען קרעדיט אויף געלט, נו, וואלט מען געפרעגט: ווער ביסטו, וואס האסטו? אבער קרעדיט על חשבון הרש"ל — מהיכי תיתא, גאנצע בערג! און דער לעזער לעזט ווייטער, און ווערט געוואר א גרויסען חסרון פון רש"ל! — ער האט פיינט געהאט די „חכמי־צרפת“. ער, דער רש"ל איז געוועזען א מקובל און, די חכמי־צרפת — פילאזאפען. אריסטו'ן רופט דער רש"ל „ערל טמא“. ה א ר א ד ע צ ק י איז מודה, אז עס איז א חסרון, נאר „אזוי, ווי א פאטרעט מוז האבען, עס זאל ריכטיג זיין, אלע אפאבע פרימעטעס! פון זיין געמאלטען

פאַרשוין, אַזוי „מוז ער געבען דעם רש״ל צוזאַמען מיט זיין בראַדאווקע, וואָס מאַכט העסליך זיין פּנים“. נאָר האַראַדעצקי האָט זיך אַביסעל דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע ווערטער און דרעהט צוריק דעם לעדערנעם דישעל — זיין שכל הישר — און שרייבט: „די פאַרדאַרבענע מדות פון דער פאָלקס־מאַסע (?) פון איין זייט, און די גראָבע אויפפירונג פון די דאַמאָלטיגע אונוויסענדיגע רבנים (?) פון דער אַנדערער, האָבען אונזער גאון דערלאַנגט „עד הנפש“ און דעריבער האָט ער געוואָלט „באַזייטיגען אַלעס, וואָס קאָן אין אַזעלכע אומשטענדען שעדליך זיין פאַר דער רעליגיאָן. ער האָט אַלזאָ אַרויסגעטראָטען געגען די אידישע פילאָזאָפען, נישט אַזוי אַלס מקובל, ווי אַלס גרויסער רעליגיאָן־און זיטען־פאַרטיידיגער, ווייל ער האָט געזעהען, ווי אַ חכם הרואה את הנולד, אַז אין זיין שוואַכען דור (?) איז די פילאָזאָפיע סם פאַר׳ן יודענטום“. מיט איין וואָרט, ס׳איז אַלץ ריכטיג, והאַ ראיה: דער אייגענער רש״ל, וואָס האָט זיך אַרומגעריסען מיט די ליכטיגסטע מענער, ווי דער אבן־עזרא, רמב״ם, רלב״ג און האָט זיי אָפּגעווענדט מיט שאַרפע ווערטער, — דער אייגענער רש״ל, האָט די העזה נישט געהאַט אַרויסצוטרעטען געגען קלענסטען אידישען מנהג, וואָרים, ווי האַראַדעצקי שרייבט, „דאָס, וואָס דאָס לעבען פון יעדען פאָלק פאָדערט, לאָזט זיך נישט קריטיקירען (!) דאָס איז דער אמת אַליין“. נאַטירליך מוז מען וויסען דעם חלוק פון אַ מנהג, וואָס דאָס לעבען פון פאָלק פאַרלאַנגט, און צום ביישפּיל, אַ מנהג, וואָס יונגע לייט מאַכען זיך צום טאַנצען מיט דאַמען אויף חתונות; געגען דעם צווייטען מנהג איז דער רש״ל טאַקע אַרויסגעטראָטען מיט אַלע כוחות...

ווער דער רש״ל איז געוועזען, וואָס איז געוועזען זיין שטה (זיין סיסטעם) אין לערנען, וואָס האָט ער באַקומען פון זיינע לעהרער, פון זיין דור, און וואָס איז זיינס געוועזען? אויף אַזוינע פראַגען ענטפערט האַראַדעצקי נישט... ער שלאָגט זיך דורך מיט אויסגעדראָשענע מליצות, מיט אַביסעל דייטשע, לשון קודש׳ע און אַליין געמאַכטע ווערטער... דער לעזער בלייבט לער, ווי פריהער, אויב עס קלעפּען זיך אין איהם נישט אָן עטליכע האַראַדעצקיס שפּראַך־בלומען...

און כאָטש פאַרלאַג „עזרא“ אַרבייט לטובת הכלל, מוזען מיר

זאגען, אז פאר די עטליכע ווערטער וועגען א מקובל, וואס פלעגט שארף ארויסטרעטען געגען אבן־עזרא, רמב"ם וכו' און געגען יונגע לייט וואס טאנצען מיט דאמען — פאר די עטליכע ווערטער טאר מען ביים פאלק נישט צונעמען א שעה צייט צום לעזען און דערצו נאך אכט קאפ. בארעס געלט. אין דער שטונדע וואלט ער גע־קאנט געוואר ווערען עפעס ווירקליך נוצליכעס, און פאר אכט קאפ. באקומט מען 8 פרישע בייגעל ביים בעקער און, אפשר, נאך מיט א צולאג...

נאר מיר געהען דערוויל ווייטער, מיר ווילען זיך באקענען מיט

ר' שמואל מאהליווער, ז"ל.

אונזערע טאטעס און זיידעס, ווי ביז היינט דאס פראסטע פאלק, זענען קיין רגע נישט מסופק געוועזען, אז אידען זענען א פאלק. קיין איינציגע שפראך האט נישט אזוי פיעל נעמען צו באצייכענען דעם באגריף "פאלק", ווי די העברעאישע. מיט'ן "פאלק ישראל" איז פול דער דיקער סידור, וואס יעדער איד האלט דריי מאל אין טאג אין האנט. איבער'ן "פאלק ישראל" פארגיסען אונזערע ווייבער תחנות־טרערען אהן א שיעור; אין אידישען טעאטער הערט מען מאגערע, פעטע, לאבענדיגע, וויי־נענדיגע און וויציגע קופלעטען, אלץ אינאיינעם פון "פאלק ישראל..."

זיי האבען זיך אונזערע טאטעס און זיידעס נוהג געוועזען מיט'ן שטאלץ, מיט'ן ש י י נ ד ע ל פון דער אומה — מיט איהרע גרויסע לייט? האט א איד א גביר, א גרויסע נדבה געגעבען, דעם כלל א גרויסע טובה געטאן, האט מען עס פארשריבען אין פנקס לזכרון פאר דער שטאדט, פאר דער קהלה, ווייל באשענקען "כל ישראל" האט מען דאמאלט נישט געקאנט; האט אבער א איד א ספר געשריבען, האט ער א מתנה געגעבען פאר אלע אידען, פאר אלע דורות האט מען דאס ספר אין בית־המדרש אריינגע־שטעלט, האט עס כל ישראל געלערנט. האט פון איהם כמעט יעדעס הדר־אינגעל, בפרט יעדער איד א למדן, געוואוסט. אונ־זערע "משכילים" פון די צוויי פריהערדיגע דורות האבען אסך טייטש־ווערטער נישט געקענט: וואס הייסט א פאלק? א פאלק האט ביי זיי געהייסען א חברה מענשען, ווי די פעלקער ארום.

דאס הייסט מיט א מלוכה, מיט אייגענער פאליציי, מיט אייגענע שטריימלער, וואס האבען די ממשלה אין די הענט, א פאלק מיט פאליטיק, הארמאטען... מיט איין ווארט — א חיה רעה מיט ציין און נעגעל, וואס, אז זי טרעפט אן אנדער חיה רעה אויפ'ן וועג, מוז זי איהר אריין מיט ציין און נעגעל אינ'ם לייב!...

דערפון קומט ארויס, אז מיר ארעמע אידען, וואס האבען צו שוואכע ציין און נעגעל, וואס האבען שטריימלעך אהן ממשלה, גבאים אהן פאליציי צו הילף — גאר הוילע, אנגעבלאזענע „פני“ — אז מיר אידען זענען גאר קיין פאלק, אדער כמעט גאר קיין פאלק נישט. און ווייל עס ווילט זיך דאך טרייבען פאליטיק, מען מוז זיך די ציין שארפען, מען מוז זיין א חיה רעה — על כן מוז מען ארויס פון דער אייגענער שאפענער הויט און אריין אין א הויט פון אן אנדערער חיה, מוז מען ווערען פראנצויזישע, דייטשע, ענגלישע און אנדערע חיות... מיר האבען נאר א רעליגיאן, טיילמאל דאס אויך נישט, און גענוג...

אז עס האט זיך אויסגעוויזען, אז די אנדערע חיות באשטעהען נישט אויפ'ן שדוך, איז נאטירליך א גערודער געווארען; א גערודער, פון וועלכען דאס אידישע פאלק, די מאסע, ווייסט געוויס נישט א ווארט, נאר א „משכילים-גערודער!“ די וויינטרויבען זענען הויך, זענען זיי צו זויער! אוים אסימילאציע — הורא נאציאנאליטעט!...

און אויב נאציאנאליטעט, מוז מען האבען גרויסע לייט, מען זאל שרייבען זייערע מאנאגראפיען, — ביאגראפיען... וכו, היינע, בערנע, ווען אפילו ספינאזע, זענען דאצו שוין נישט באקוועם; געלעהרטע פעהלען היינט אויך נישט, אפילו נ י ש ט געטויפטע, נאר — ווער ווייס פון זיי? פארלאג עזרא אין בערדיטשעוו געוויס נישט. און איידער צו זוכען, אדער נאכצופרעגען, זאל זיין, וואס עס קומט אונטער דער האנט...

געשריבען שוין פון רש"ל, ווער געהט יעצט? דער ביאליסטאקער רב! א פרישער „זכרונו לברכה“, ו ו ע ט ע ר זיך לאזען אויפבלאזען! און מען האט איהם אויפגעבלאזען! וואס ווערען מיר געוואר פון אלע צוואנציג זייטען דרוק פאר אכט קאפ.? מען דערצעהלט אונז, אז „דאס אידישע פאלק בכלל, און די ציוניסטישע באוועגונג בפרט, האבען די לעצטע צייט ערליטען זעהר שווערע

דונער־שלעק: עס האָבען אונז געפעהלט (?) די גרעסטע און בעס־טע מענער, די מענער, וואָס האָבען מיט זייער תורה און חכמה באַלייכט און באַשיינט די גאַנצע אידישע אומה (???) וואָס זענען, ווי אַמאָל דער „עמוד אש" געגאַנגען פאַר זייער פאָלק, און גע־פיהרט איבער דעם שווערען וועג, וואָס געהט קיין ציון". ווער די מענער זענען, ווייסען מיר נישט און ה' מק"ל געפינט נישט פאַר נויטיג אָנצורופען זיי ביי די נעמען; ער פאַרזיכערט אונז, אַז „שרעקליכער און טיפער פון אַלע (?) האָט אונז געטראָפען דער טויט פון'ם גרעסטען (?) און בעסטען (?) מענשען, פון פאָלקס־באַליבטען (?) רב, רבי שמואל מאָהליווער!"

„איבערצוגעבען דעם טיפען טרויער איז (נאַטירליך!) נישט מעגליך, דאָס איז נישט אימשטאַנד קיין מענשליכע פעדער, נאָר דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט (ביי וועמען?) און די אויגען (ביי וועמען?) גיסען קוואַלען טרערען! לײדער אָבער אַזוינע טרערען, פון וועלכע „עס ווערט דעם האַרץ ניט גרינגער", ווייל דאָס זענען טרערען פון פאַרצווייפלונג; טרערען פון שיפסלייט, וואָס האָבען פאַרלוירען זייער קלוגען און טרייען קאַפּיטאַן, סאַמע אין דער מינוט, ווען די כוואַליעס פון ים (?) פּאַטשען אַזוי גרוילּיך (?) און פאַלען אַן אויף דער שיף (?) אַט, אַט שלינגען זיי זי איין" (?) דאָס איז דער ווייבעריש־נאַרישער, אויפגעשוואָלענער הספד פון מקל'ס צד; „רבי יצחק ניסענבוים הי"ו" איז אויך אַ גוטע „זאָגעריןʺ און אַ „קלעגעריןʺ, מען מעג איהם דינגען אויף אַלע לויות. ער שרייבט און מק"ל זאָגט איבער: „מיין טרער איז נישט מעהר, ווי נאָך איין טראָפּען פון ים פון טרערען, וואָס זענען פאַרגאָסען געוואָרען אויף'ן קבר פון אונזער (?) רבין. מיין קלאָג — נאָך איין זיפץ אויף'ן גרויסען בראָך (!), וואָס אונז האָט געטראָפען (!)". זיין טרער איז אָבער „ברענענדיג היים" און זי „וועט, אפשר, דער־וואַרעמען די פאַרגליווערטע הערצער". זיין זיפץ איז שטורמיש און טיף, וועט זי פּילייכט אויפוועקען די פאַרשלאָפענע ברידער, אַז זיי זאָלען זיך אַרומקוקען אויף וועלכען וועג (?) דער רבי איז געגאַנגען און וואָס'ערע מעשים (?) ער האָט געטוהן און איהם נאָכגעהן (אין קבר אַריין (?)) און נאָכטון!" (און שטאַרבען?...)

איך שטעל מיר פאָר, מיט וואָס פאַר אומגעדולד דער אָרעמער לעזער נעמט זיך געוואַר צו ווערען, ווער דאָ איז געשטאָרבען!

גאט ווייס, וואס פאר נייע וועגען מען וועט אונז ווייזען; פון וואס פאר א מעשים, מען וועט אונז דערצעהלען! נאטירליך, מיין איך נישט די ציוניסטען, וואס ווייסען, אז ר׳ שמואל מאהליווער איז געוועזען אין פאריז און גערעדט מיט ראטשילדען אליין, און זענען דערמיט יוצא! אויך מיין איך נישט קיין ביאליסטאקער בעלי בתים, וואס האבען זייער רב געקאנט און זענען, ווי עס איז, צופרידען פון כבוד, וואס שטראלט אראפ פון גרויסען רב אויף קהל׳שע קעפ... און זיי פרעגען זיך נאר שטילערהייט: מה הרעש? מאלע א רב געווינט אויף דער לאטעריע?...

איך רעד פון פשוט׳ן אידישען לעזער, וואס וואוינט ערגעץ אין „תפוצות ישראל“. וואס ווייס, אז עס איז פאראן א שטאדט ביאליסטאק מיט וואל־זייד־ און טוך־פאבריקען, וואס שטויסט זיך. אז אין ביאליסטאק איז געוויס דא א רב און ווערט פון ר׳ יצחק ניסענבוים (פער טעלעפאן — מק״ל), געוואר, אז דער רב איז נפטר געווארען!

אזא לעזער, וואס ווייסט נישט, אז ער איז נאר איינער פון די פיער—פינף מיליאן אידען אין רוסלאנד, וואס האבען פון ר׳ שמואל מאהליווער נישט געוואוסט — אזא לעזער, אז ער הערט פון „ים־טרערען“, פון „שיפסקאפיטאן“, פון „כוואליעס“, פון „א בראד“ אויף „כל־ישראל“, — כאפט ער זיך נעבעך מיט א פארקלעמט הארץ צום ספר און וויל וויסען ווער און וואס אויף קלאר, און — ווייטער דאסזעלבע — וואס ווערט ער געוואר פאר זיינע בלוטיגע אכט קאפ. און א שעה צייט? אז ר׳ שמואל מאהליווער איז געבוירען געווארען, גוט ערצויגען געווארען, אין ישיבה געלערנט, רב געווארען, פריהער אין גלובאקא, דערנאך אין ביאליסטאק; — אז ער האט געוואונען אויף דער לאטעריע, פלעגט געבען א שעהנע נדבה, געווארען א חובב ציון, געוועזען אין פאריז, אהיים געקומען, קראנק געווארען און — — געשטארבען!...

אט מעהר ווייס נישט ר׳ יצחק ניסענבוים און זיין טעלעפאן מק״ל, און מעהר איז געוויס נישט געוועזען...

און דער ארעמער לעזער שטעלט זיך אפ, זאגט מיט א זיפץ: „ברוך דיין אמת“ און פרעגט זיך אויך שטילערהייט: מה הרעש? פארוואס קומט אכט קאפ. צי איז דער רעש דעריבער, וואס ר׳

שמואל מאהליווער פלעגט „פ א ר ב י י ג ע ן ד ע ם א מ ת פ א ר ׳ ן ש ל ו ם?...“

מיר וועלען איבערגעהן צום

פראָפעסאָר צבי שפירא.

דער שער זאגט צו:

„זיין לעבען, שטרעבען און ווירקונג פאר׳ן פאָלק און פאר דער ציוניסטישער אידעע“ — און אויך זעהר א וויכטיגער מאמר וועגען ציוניזם, וואָס דער פראָפעסאָר, „זכרונו לברכה (!), האָט געשריבען אין זשארגאָן א פּאָר וואָכען פאר׳ן טויט... מיט פּאָרטרעט, — באארבייט דורך יצחק ו ו ע ר נ י ק א ו ו ס ק י, סטודענט פילאָזאָפיע“.

דער שער, זעהט איהר, וואָלט געפּאסט פאר ט... און דער אריינפיהר אין די ביאָגראפיע איז אביסעל עהנליך צו מק״לס הקדמה... אנגעשוואָלען, אפּגעדראשען און לעבערליך! און דער פראָפעסאָר צבי שפּירא האָט עס נישט געברויכט! ער איז געוועזען נישט קיין געמאכטער, נאָר איין אמת׳ער געלעהרטער; אזוינער, וואָס האָט זיך קראנק געלערנט, מיט ברויט און וואסער, און טיילמאָל אהן ברויט און וואסער געלערנט, און איז נישט קיין אויפגעבלאָזענער, נאָר א ווירקליכער אידישער פּאטריאָט געוועזען, מיט איין וואָרט — א מענש מיט קאָפּ און הארץ! זיין ביאָגראפיע האָט דעריבער נישט באדארפט זיין קיין אויפגעבלאָזענע געשוואָלענע הקדמות... דאָס איז דאָך נישט קיין אונטער׳ן־אויוען־רביל, וואָס ווערט ערשט גרויס, אז חברה פּאלט איין און שטעלט איהם זיך אויפ׳ן קאָפּ, אָדער וואָרפט איהם „הורראַ“ אין דער הויך! ווי אויך קיין וויסטער למדן, ער זאָל זיך ארומשלאָגען מיט יונגען, וואָס „טאנצען מיט מיידען אויף חתונות, און ציטערען דערביי פאר א „מנהג ישראל...“

דער פראָפעסאָר שפּירא איז געבוירען געוואָרען ב׳ אלול תר׳. אין א קליין שטעדטעל, קאָוונער גובערניע. נישט דער „סטודענט פילאָזאָפיע“ ו ו ע ר נ י ק א ו ו ס ק י און נישט „פארלאַג עזרא“ האָבען זיך די מיה געגעבען דורכצוזעהן דעם פראָפעסאָרס פּאַפּירען, געוואָר צו ווערען, ווי דאָס שטעדטעל הייסט. און דאָך איז עס געוועזען א גאנץ לייכטע זאך מיט א בריף צו פאַרזאָרגען! געוועזען איז ער א גמרא־אינגעל, אן עלוי, צו זיבצעהן יאָהר

האט ער באקומען סמיכה אויף רבנות. אין א פאר יאהר שפעטער (וויפיל יאהר?) איז ער געווארען רב און ראש ישיבה אין א קור־לענדיש שטעדטעל (ווי הייסט עס?) נאך קינדוויז האט ער געהאט א גרויסען חשק צו מאטעמאטיק, און דעריבער האט ער זיך אויף דער שטעלע נישט געקאנט לאנג אויפהאלטען, און איז ארוים קיין אויסלאנד שטודירען. ער האט זיך ארומגעוואלגערט אין לאנדאן (ווען, ווי לאנג?), אין בערלין (ווען, ווי לאנג?) אהן ברויט, אהן באקאנטע, אהן הילף, פלעגט נישט האבען קיין נאכטלעגער. אין הערבסט־צייט פלעגט ער דורכשפאצירען גאנצע נעכט ביים טיר־גארטען. ער האט זיך פונדעסטוועגען פארבערייט און איז אריין אין בערלינער געווערב־אקאדעמיע. נאר, ווי מען זאגט, דער הונגער איז קיין פריינד, עס האט איהם דאס געזונט געקאסט און ער איז קראנקערהייט געקומען קיין אדעס, וואו ער איז אפגעלעגען ניין מא־נאט אין שפיטאל.

אין וועלכען יאהר? פארוואס גראד קיין אדעס? אויף וואס איז ער קראנק געוועזען? דאס וויים וו ע ר נ י ק א ו ו ס ק י נישט און „פארלאג עזרא" האט נישט געפונען פאר נויטיג געוואר צו ווערען.

די דאקטוירים האבען איהם פארזאגט דאס שטודירען, און ער האט געמוזט אנגעמען א שטעלע פון א בוכהאלטער אין א קאנטאר (וואו, ווען?) א פאר יאהר איז ער געוועזען אויף דער שטעלע, דערנאך האט ער זי פארלאזט (פארוואס?) און איז אליין סוחר געווארען און געהאנדעלט (געווים מיט סחורה!) אין אדעס און זשיטאמיר, און האט אפגעשפארט געלט צוריק צו פאהרען קיין ב ע ר ל י ן. אין טויזענט אכט הונדערט און זיבעציג איז ער שוין (?) געוועזען אין בוקארעסט (אויפ'ן וועג קיין בערלין?) אין דער טערקישער קריג (נאך וואס?) דערנאך איז ער צוריק געקומען קיין בערלין, וואו ער האט א פאר יאהר געלערנט. דער־נאך איז ער קיין היידעלבערג אוועק, און ווייטער א פאר יאהר געלערנט. אין טויזענט אכט הונדערט איין און אכציג האט ער באקומען דעם טיטול „דאקטאר". אין טויזענט אכט הונדערט זיבען־און־אכציג איז ער געווארען פראפעסאר אין היידעלבערג, וואו ער איז געבליבען שוין ביז'ן טויט. געשטארבען איז ער דעם ניינטען מאי (דאס יאהר שטעהט נישט) און גאר! וואס דער פרא־

פּעסאָר שפּירא האָט געווירקט אין דער מאַטעמאַטיק, פון דעם ווייס ה' וועדניקאָווסקי נישט אַ וואָרט. פאַר איהם איז גענוג, אַז דער פּראָפעסאָר איז באַגראָבען געוואָרען „אויפ'ן קעל־נער בית־עלמין, וואו עס רוהען הונדערטער קדושים...“

ריהרענד איז געוועזען דער קורצער הספד, וואָס דער קעלנער ראַבינער האָט געהאַלטען.

„אַ נע־ונד ביסטו דיין גאַנץ לעבען געווען, גלייך מיט דיין פאָלק! נע־ונד ביסטו געפאַלען אין דער מלחמה פון דיין פאָלק און דאָך, נישט אין דער פרעמד ביסטו געשטאָרבען, ליבער שפּירא! דו ביסט אין דיין לאַנד געשטאָרבען, ווייל דיין לאַנד איז געוועזען די אידעע, די וויסענשאַפט“!

אויך ווייס ער, אַז דער פּראָפעסאָר שפּירא האָט גע־שריבען ווערק. טייל זענען געדרוקט, טייל זענען נאָך אין כתב־יד, מאַנכע — נאָך נישט געענדיגט.

כאַראַקטעריזירען דעם פּראָפעסאָר שפּירא אַלס ציוניסט איז אויך דעם סטודענט פילאָזאָפיע געוועזען צו שווער, און אין דעם פאַך איז ער אויך יוצא מיט הויכקלינגענדיגע ווערטער, פון וועלכע מען קאָן קיין טראָפּען באַגריף נישט אויסדריקען. „צו שרייבען די ביאָגראַפיע פון פּראָפעסאָר שפּירא — הייסט באַשרייבען דאָס לעבען פון די אידישע פאָלק אין די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר!“ קורץ און שאַרף! מיר ווייסען נאָר, אַז דער פּראָפעסאָר שפּירא איז געוועזען אַ ציוניסט און דערצו אַן אידעאַליסט. די הויפּט־זאַך איז ביי איהם געוועזען צו עפענען אַ אידישען אוניווערזיטעט אין ירושלים; אין טויזענט אַכט הונ־דערט און אַכציג האָט ער געגרינדעט אַ חברה אידישע סטודענטען אונטערן נאָמען „ציון“. ער האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין קאָנגרעס אין באַזעל. נאָר פון דעם וועט דער סטודענט פילאָזאָפיע רעדען „אויף אַן אַנדער אָרט“. דאָ וויל ער נאָר באַמערקען, אַז דער פּראָפעסאָר שפּירא איז זעהר פרום געוועזען, כמעט פאַנאַטיש, און האָט מעהר געהאַלטען פון דער ציוניסטיש־נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג אַלס פון פאָלקס־בילדונג.

„אויסבילדען אַ פאָלק, — שרייבט ער — איז נישט אַ שווע־רע זאַך(!) אין איין דור קענט איהר (?) אויפהויבען אַ לעבעדיג

פאלק ביז צו העכסטער שטופע פון בילדונג (ווי אזוי?) אבער שווער איז, מיינט דער פראפעסאר, אריינצובלאזען א לעבענס־גייסט..."

מיר מיינען פארקערט, און עס האט זיך אויך אויסגעוויזען, אז נאציאנאל־פאליטיק איז זעהר לייכט צו פיהרען! ביי יעדעם פאלק אין הארץ ליגט אונטער'ן אש נאך נישט דורכגעברענטע נאציאנאל־קוילען, און עס איז זעהר לייכט צו זיין א ד ע ר ו ל ע ד, א ש ט ע ק ע ר, א ס ו א ו ו א ר י ן, אדער א נ י י מ א ד י ש ע ר ק ע ל ע מ ע ר מ ג י ד. א בלאז צו טון, דאס פייער זאל אויפפלאמען, בשעת די פאלקס־בילדונג שוויצט אויף שריט און טריט און ריהרט זיך נישט פון ארט...

מיר האבען פאראייניגט אלע דריי ביאגראפיען, וואס דער פארלאג האט ארויסגעגעבען, דעריבער, ווייל אלע דריי צוזאמען מאכען גלייך מיט'ן „ספר הברית", זעהר א שלעכטע ווירקונג אויפ'ן לעזער.

ער ווערט געוואר: אז מען מעג רעדען אויפ'ן „אבן עזרא" מיט'ן „רמב"ם", נאר נישט ריהרען א אידישען מנהג... אז מען מעג פארבייגעהן דעם אמת, אבי שלום, און אז פאלקס־בילדונג — איז גארנישט אזוי וויכטיג... אזוי זאגט דער רש"ל, דער ביאליסטאקער רב, דער פראפעסאר ש פ י ר א...

אונזער לעזער איז צופיעל אנגעבילדעט, ער זאל וויסען, אז א שוסטער דארף מאכען שטיוועל און דער בעקער בייגעל: אז ביים רש"ל דארף מען לערנען פארשטעהן א גמרא, דעם ביאליסטאקער האט מען געמעגט אויף זיכער פרעגען א „טעפעל־לעפעל" שאלה, אדער נאכ'ן געווינען אויף דער לאטעריע, בעטען א נדבה... און — אז ביים פראפעסאר ש פ י ר א האט מען זיך געמעגט לערנען מאטעמאטיק, ביים פראסטען עולם איז א גרויסער מאן גרויס אין אלעם: א גוטער בעקער קאן געוויס שטיוועל אויך מאכען! און דעריבער זאגען מיר נאך אמאל, דער פארלאג „עזרא" מעג שותפות מאכען מיט'ן ווארשעווער דרוקער ט...

.1900

16.

זשעראמסקי׳ס „מענשען אָהן א היים“.

איינער פון די פוילישע יונגע שריפטשטעלער סטעפאן זשעראמסקי, האט אויפגעריהרט די גאנצע פוילישע ליטעראטור מיט זיין דערצעהלונג אין צוויי טייל: „מענשען אהן א היים“. דער אינהאלט פון דער דערצעהלונג לאזט זיך גאנץ קורץ איבערגעבען.

דר. יודים, דער העלד פון דער דערצעהלונג, האט געענדיגט אלס ארצט אין פאריז, וואו ער האט צוגעזעהען צום נישט־געזונטען לעבען פון דער גרויסער מאסע אביונים אין די גרויסע שטעדט. ווי אויך צו דעם, וואס די דאקטוירים טוען דארט, כדי דאס ארעמע לעבען צו פארבעסערען. ער קומט צוריק קיין ווארשע, וואו ער טרעפט דעמזעלבען דלות, פול מיט פרעמדע און אייגענע פלענער, ווי אזוי צו קומען דעם ארעמען קלאס צו הילף. „איין שוואלב קען קיין זומער נישט מאכען“, וויל ער אז זיינע חברים זאלען מיטארבייטען, און צו דעם צוועק האלט ער פאר זיי א פארלעזונג. די פארלעזונג האט קיין גוטען איינדרוק נישט געמאכט. די קאלעגען, זענען באשעפטיגט נאר מיט פראקטיק, מיט געלט פארדינען. מעדיצין, מיינען זיי, איז אויך א פאך; ווי שוסטעריי, סטאלעריי און דערגלייכען. יעדער פאכמאן איז נאר מחויב צו קענען זיין מלאכה, פון וועלכער ער דארף לעבען, און דער עיקר — געלט צו פארדינען. אז א מענש, מיינען זיי, לערענט אפ א יאהר אכט— ניין אין גימנאזיום און דערנאך א יאהר פינף— זעקס אין אוניווערזיטעט, האט ער גענוג געארבייט מיט'ן מח און עס איז שוין די העכסטע צייט זיך אליין צו פארזארגען... איינינע פון זיינע קאלעגען באשעפטיגען זיך אפילו מיט היגיענע „לטובת־הכלל“, נאר פאר'ן העכערען כלל; פאר רייכע לייט, וואס זענען און קענען דאנקבאר זיין; וואס ליבען, רעקאמענדירען און גיבען אליין אויך געלט צו פארדינען... פאר זיי לוינט זיך אפילו איינצוריכטען ווייכע טראגזעסעל אין די הייזער, מענשען זאלען זיי טראגען ארויף און אראפ פון די טרעפ, עס זאל חלילה דעם בויכיגען מאן קיין אטעם נישט פארפעהלען... עס לוינט זיך אפילו די מיה צו ערפינדען מוילשלעסער פאר דינסטמיידלעך, זיי זאלען נישט

אקעגען רעדען און נישט דענערווירען די דאמען... און דערגלייכען...

די פארלעזונג, וואס האט צופיעל פון ארצט פארלאנגט, האט דעם דר. יודים נאך געשאדט. זיינע קאלעגען האבען זיך פון איהם דערוויטערט, קיינער האט איהם נישט רעקאמענדירט, נישט צוגערופען... די געזעלשאפט האט זיך פאר איהם פארשלאסען און דר. יודים האט געמוזט אפטרעטען פון ווארשוי... ער פאהרט אין א באד־אנשטאלט אלס אינגערער ארצט, נאר ער האלט זיך דארטען אויך לאנג נישט אויף. דאס באד איז פון אויבען אן אויפגעפוצט, פיין פארצירט, פארגרינט און פארבלימט, נאר אונטען איז די ערד דורכגעזאפט מיט שלעכטען וואסער, מיט שעדליכער פייכטקייט; עס איז דארט פאראן א שפיטעלכעל, נאר דרינען ליגען קיין קראנקע נישט, ווייל עס איז שטענדיג פארנומען מיט'ן דירעקטארס קארטאפעל און ריבען... און דר. יודים קאן קיין עולות נישט ליידען! און ער מוז אפטרעטען... זיינס א פריינד, אן אינזשעניער, פארשאפט איהם א שטעלע אין א קוילען־גרוב, וואו עס הויבט זיך אן פאר יודים א נייע, נאך א גרעסערע ארבייט...

דער ארבייט גיט ער זיך איבער אינגאנצען, ער אפפערט פאר איהר זיין אייגען גליק. יודים איז פארליעבט, נאר ער זאגט זיך אפ פון זיין געליעבטער, כאטש זי איז זיינס גלייכען, אויך „א מענש אהן א הויס" און וויל מיט איהם צוזאמען ארבייטען אויפ'ן זעלבען פעלד. נאר יודים ווייס, אז די ארבייט איז צו גרויס, גרעסער אלס די קראפט פון א מענש, העכער אלס זיין אייגענער מזל. און ער וויל נישט טיילען צווישען איהר און זיך זיין לעבען, זיין ענערגיע... ער גיט זיך אינגאנצען איבער דער ארבייט. ער אפפערט זיין גליק און איהר גליק דעם ציל, וואס ער האט זיך געשטעלט...

יודים'ס דערמאנטער פריינד, דער אינזשעניער, אויך א מענש מיט הארץ, וואס קען אויך קיין עולות נישט ליידען, ענדיגט אנדערש — ער שיסט זיך! ער האט נישט געפיהלט אין זיך די קראפט עפעס צו טון! — יודים ארבייט, ווייל ער גלויבט פעסט אין זיין ארבייט, וועניגסטענס אין דער פליכט, אז מען מוז ארבייטען, וואס איז ביי איהם אזוי שטארק אפשר דעריבער, ווייל ער אליין קומט ארויס פון ארעמע, פארהארעוועטע עלטערען; ווייל זיין בלוט

איז דאָס בלויז פון די, פאַר וועלכע מען דאַרף אַרבייטען. די צו־זאַמענשטעלונג פון דער ערצעהלונג איז ניט אָהן חסרונות. ערש־טענס איז זי נישט גלייכאַרטיג; צווישען אויסגעצייכענטע בילדער געפינען זיך גאַנץ שוואַכע, גלייך די באַגייסטערונג האָט זשעראָמ־סקין צייטענווייז פאַרלאָזט, נאָר ער אַרבייט אויף כח! דאָס בוך מאַכט אויסער דעם קיין איינדרוק פון אַ גאַנצער זאַך, נאָר פון צוזאַמענגעשטעלטע קליינע, מעהרסטענטיילס גרויסאַרטיגע נאָוועלען. אויסער דעם איז נישט אַלץ דערזאָגט!... און דאָך האָט, ווי געזאָגט, די ערצעהלונג געמאַכט אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַן אומגעהייערען איינדרוק.

פאַר די לעזער פון „יוד" וועט געוויס אינטערעסאַנט זיין זשעראָמסקי'ס אַ באַשרייבונג פון אידישען אָרעמען לעבען אין וואַרשוי. מיר ווילען זי דעריבער ווערטליך איבערזעצען. יודים איז געקומען קיין וואַרשוי און זוכט אויף זיין פאַמיליע. אַז ער האָט דורכפּאַסירט דעם זאַקסישען גאָרטען מיט'ן אייזערנעם טויער: האָט ער זיך געפיהלט נאָך מעהר אין דער היים. שמאָלע דורכ־גענג צווישען די קראָמען פיהרען ביז צו דער קראָכמאַלנער גאַס; סי זון פאַרגיסט מיט היץ דעם גאַנצען רינשטאַק, וואָס הייסט „גאַס." פון שמאָלען העלזעל צווישען „טשעפּלאַ" און דעם פּלאַץ, שלאָגט אַ שרעקליכער געשטאַנק. ווי דאָמאָלט איידער יודים האָט וואַרשוי פאַרלאָזט, ווימעלט דאָרט פון אידען, ווי פריהער זיצט אויף'ן טראָטואַר אַן אַלטע, קראַנקע אידענע און פאַרקויפט היי־סען באָב, אַרבעס, און קערענדלעך פון מעלאָנען. דאָ און דאָרט בלאָנקען זיך אַרום טרעגער פון סאָדאַ־וואַסער, מיט די פּעסלעך אין אַ זייט און גלעזער אין די הענט. עס איז גענוג צו וואַרפען אַ בליק אויף אַ גלאָז מיט'ן צוגעטריקענטען סיראָפּ ביים אָביון אין דער האַנט, מען זאָל אָן דעם דאָרשט פאַרגעסען. אָנגעשפּאַרט אַן אַ וואַנט, שטעהט איינע מיט סאָדאַ־וואַסער, זי איז אָפּגעריסען, כמעט נאַקעט; דאָס פּנים איהרס איז געל, טויטליך. זי שטעהט אויף דער זון, וויל דאָ, רעכענט זי, וועט זיך געשווינדער אַ פאַר־בייגעהער פאַרגלוסטען אַ טרונק. אין האַנט האַלט זי צוויי פלע־שער מיט אַ רויטער פליסיגקייט, קענטיג — אַ סיראָפּ. די גראָבע ליפּען ציטערען. צי שעפּטשען זיי אַ געבעט צו די דורכגעהער, זיי זאָלען נעמען אַ טרונק, צי אַ בקשה אויף לייזונג צו דעם ליעבען

נאמען, וואס מען איז נישט ווערט צו געדענקען... צו גאר א קללה אויף זון און לעבען, א קללה וואס האט זיך גרויס געצויגען ווי א ווארעם אין דער קויטיגער ארעמקייט...

רעכטס און לינקס אפענע געוועלבלעך וואס ענדיגען זיך איינ־וועניג באלד נישט ווייט פון דער שוועל און זעהען אויס, ווי שופ־לאדען, אויסגעקלעפטע מיט פאפיער. אין אזא מאגאזין איז אויף האלצערנע פאלקעס אויסגעלעגט פאר א רובל דריי פאפיראסען... נעהנטער צו דער טיר נארען ארײַן דעם קונה געקאכטע אייער, גע־רויכערטע הערינג, טשאקאלאד אין טעוועלעך, ווי אויך אין דער חנ'עוודיגער פארם פון צוקערלעך... שטיקלעך קעז, ווייסע מערען, קנאבעל, ציבעלעס, כריין, ארבעס אין די שאלען... עמער מיט כשר'ע קאלבאסלעך און סלאיען מיט סאק צו וואסער... אין יעדען איינציגען געוועלבעל איז דער פוסבארען שווארץ פון בלאטע, וואס פארלירט נישט איהר אנגענעמע פייכטיגקייט אין דער גרעסטער היץ... אויף דעם מיסט קריכען ארום קינדער. קויטיגע און אין נאך קויטיגערע שמאטעס געקליידט... יעדעס געוועלבעל איז א היים פאר עטליכע מענשען, וואס פארברענגען די צייט מיט גאר־נישט, מיט פלוידערען... טיף אין איינעם פון די געוועלבלעך זיצט א פאמיליען־פאטער, א גרינער מרה־שחורה'ניק, וואס ריהרט זיך נישט פון פריה־מארגען ביז שפעטען אווענט פון ארט, און טראכט, קוקענדיג אויף דער גאס ארויס, וועגען עפעס א שווינדעל.

א טריט ווייטער און עס באווייזט זיך אין אן אפענעם פענס־טער א ווארשטאט, וואו, אונטער נידריגע סופיטען, פארקירצען זיך דאס לעבען איינגעבויגענע מענער, געהויקערטע פרויען... דא באַ־ווייזט זיך א ווארשטאט פון א שניידער, — א פינסטערע הייל, פון וועלכער עס שלאגט א דיקער גערוך צום אנטאפען, נישט ווייט זיצט אן איינגעבויגענער פארוקענמאכער, וואס פארזארגט די קעפ פון די ארעמע אידישע ווייבער... עטליכע פארוקענמאכער זיצען אין שכנות, איינער הארט ביים צווייטען... בלאסע, געלע, אפגע־שטארבענע מיידלעך, אליין נישט געקעמטע און נישט געוואשענע... צוקעמען מיט מיה די האר־צויטען, די „קלאקעס!“ פון הויף און מירען, זאגאר פון די אלטע דעבער, מיט די צוגעקלעפטע קליינע פענסטערלעך, באווייזען זיך קראנקע געזיכטער, דארע, לאנג־נעזיגע, גרינע און גרויע, מיט בלוטיגע טריפענדיגע אדער מידע „אלץ

איינסיגע" אויגען, וואס חלום'ען אין אייביגען טרויער וועגען טויט...

לעבען א טויער באגעגענט יודים א סוחר'טע, מיט צוויי קערב גרינצייג אין די הענט. איז איז אינגאנצען צובראשעט, די אויגען קוקען פאר זיך מיט א שטילער טויטער מאטערניש און זעהען אויס, ווי פון אייער שאלען... נאר אין די אויפגעשוואלענע אדערען, ביי די שלייפען און אויפ'ן האלז, האט דאס בלוט כמעט הויך געשלאגען... אויף דער שוועל פון א געוועלבעל איז געזעסען אן אלטער איינגעהויקערטער אידישער טרעגער, וואס האט אפגע־שטעלט אין מיט'ן גאס צוויי אלמער צוזאמענגעבונדענע מיט א שטריק, וואס ער האט צוגעשלעפט ביז אהער, און האט זיך גע־נומען צום מיטאג, — „צו א גרויע אוגערקע מיט א שטיקעל דאר־ברויט".

— און אויף דעם אלעם,—זאגט יודים אויף אן אנדער ארט,— האבען מיר (קריסטען) נאר איין רפואה — אנטיסעמיטיזם!

איך רעכען, אז אייך וועט נאך אינטערעסאנט זיין די אלגע־מיינע באציהונג פון זשעראמסקין צו דער אידישער פראגע. אין דער ערצעהלונג דריקט זי זיך אויס, אויסער דער הלצה איבער'ן אנטיסעמיטיזם, נאך אין צוויי פאקטען: אהיים קומענדיג פון פא־ריז קיין ווארשע, טרעפט יודים, ביים אראפשטייגען פון דער באהן, א אידישען טרעגער, וואס בעט ביי איהם דאס געפעק מיט א שלעכט פויליש. יודים זיפצט אפ: „דו היימישער פרעמדער!" — מאכט ער. ווער עס וואוינט לאנג אין לאנד, דער ווערט היימיש, נאר ווער עס רעדט שלעכט פויליש אין פוילען, איז פרעמד; ע"כ איז דער איד, וואס איז שוין דא געבוירען און האט שוין דא זיינע קברים און קען נאך, לא־עליכם, נישט פיין ארויסרעדען עטליכע פוילישע ווערטער — „היימיש" און „פרעמד" צוזאמען.

צווישען אלע דאקטוירים, וואס קומען פאר, אלס יודים'ס קאַ־לעגען און צוהערער פון זיין דרשה וועגען היגיענע פאר'ן ארעמען פאלק, געפינט זיך איינער אן אידישער דאקטאר כמיעלניצקי. כמיעלניצקי איז נישט קיין באהארצטער מענש. בשעת די קאלעגען לאכען אויס דעם דר. יודים מיט זיינע חלומות, שמייכעלט כמיעל־ניצקי גלייך מיט אלע... נאר, ארויסגעהענדיג, באמיהט ער זיך צו־זאמענצוטרעפען מיט'ן אויסגעלאכטען און באווייזט איהם מיט־

לייד און ליעבשאַפט, כאָטש כמיעלניצקי אַליין גלויבט אויך נישט, אַז מען קען און דאַרף עפּעס טון אין דעם פאַך. אידען פאַר אידען (הייסט עס דאָרט), טוען, ווי ווייט עס לאָזט זיך, נאָר דאָס איז עפּעס אנדערש, דאָס איז פאַר ליעבשאַפט...

פאַרוואָס טרעט נישט כמיעלניצקי אַרויס פריי געגען אַלע, אַזוי ווי דאָס טוט יודים? ער פאַרענטפערט זיך:

איהם געפעלען — זאָגט ער — די אַלע, וואָס ווילען איבער־וואַקסען דעם עולם, ווען אויך נאָר מיט אַ קאָפּ! אַלע באַהאַרצטע מענשען! נאָר ער ווייס אויך, וואָס עס הייסט שלאָגען זיך מיט ווינטמיהלען; וואָס עס באַטייט, אייביג אויסגעלאַכט צו ווערען; דער האָזק זאָל שטענדיג דערעסען!

פון ערשטען קלאַס אַן (דערצעהלט ער) ביז'ן ענדיגען די אוני־ווערזיטעט, זיין גאַנץ לעבען, האָט מען אַלץ פון איהם חוזק גע־מאַכט. פאַרוואָס? — ער אַליין ווייסט נישט... מן הסתם ערש־טענס דערפאַר, וואָס ער איז געבוירען אַ איד; צווייטענס דער־פאַר, וואָס ער הייסט (ערלויבט זיך צו הייסען?) כמיעלניצקי!... צווישען אונז גערעדט — זאָגט ער — קום איך נישט אַרויס פון פּראַצענטניקעס און שווינדלער... די מייניגע קומען אַרויס פון שטעדטעל „כמיעלניק“, הייס איך דעריבער כמיעלניצקי... אָבער...

און אַזוי ווייטער... כמיעלניצקי איז אויך דער איינציגער, וואָס האָט געהאָלפען יודימען, ער זאָל קריגען די שטעלע אין באָד־אַנשטאַלט...

צי האָט ער איהם געוואָלט לויז ווערען פון וואַרשע? עס זעהט נישט אויס!

.1900

17.

אברהם רייזען.

(„ערצעהלונגען און בילדער“, תרס“ג, וואַרשוי, פאַרלאַג „פּראָגרעס“)

אברהם רייזען באַזינגט די נויט, די איינפאַכע נויט. אין זיינע געדיכטען, ווי אין זיינע ערצעהלונגען און בילדער, זענען „פינף קאַרטאָפעל אַ טראַגעדיע“; קרענק, הונגער און קעלט — די וויכ־טיגסטע. כמעט די איינציגע מאָטיווען... וואָלט ער געוואונט אויף

אז ארט אהן וואסער, וואלט ער דעם דורשט אויך באנוצט... ער וואלט א דריטע סטרונע באקומען און זי וואלט געקלונגען.

באלד, אין דער ערשטער ערצעהלונג „איוב“ פאלען מיר אריין אין „א לעפיאנקע“, וואו חיים מלמד וואוינט שוין א יאהר דרייסיג. דאס הייסט: זייט ער האט חתונה געהאט. אין „לעפיאנקע“ איז אייביג נאס און אייביג קאלט, די כלי־בית זענען דורכגעפוילט און דעריבער אויך איז אוממעגליך זיך אויסצוציהען; דער קאסטען, דער טיש וכדומה וואלטען דאס איבערטראגען נישט אויסגעהאלטען, און ניי „מעבעל“ קויפען איז ער נישט אין שטאנד.

און די פאמיליע האלט אין איין הוסטען... די גאנצע ערצעהלונג הוסט... ערשטענס — הוסט דער מלמד אליין; די מלמ׳דיכע זיין ווייב, און אויך די טאכטער געלע. ביי געלע׳ן, רעכענט רייזען, איז שוין די „לעפיאנקע“ נישט אזוי פיעל שולדיג, ווי די ירושה. „א קראנקער טאטע, א קראנקע מוטער; זענען די קינדער אודאי קראנק“. דער „אודאי“ איז אפילו „לאו—דוקא“ — נאר קראנק איז זי, הוסטען הוסט זי...

און געלע איז געל, ווי וואקס, הויך און דאר און די אויגען איהרע זענען איבערגעצויגען מיט א „טויטען טרויער“... ראטעווען זי איז אוממעגליך; נישט דא פאר וואס! דער פאטער, חיים מלמד, כאפט אמאל א גוזמא, און כאטש ער גלויבט נישט אין „חכמת הרפואה“, גיט ער אמאל א זאג: געלע וואלט געדארפט א דאקטאר. ער האט שוין אזא טבע צו כאפען גוזמאות. אז עס איז נישטא אין שטוב א דרייער אויף ברויט און קיין האפנונג אויף א דרייער אויף ברויט, גיט ער אמאל א זאג, גלאט פאר זיך, אין דער וועלט אריין: „מען וואלט געדארפט א דריי־רובעלדיגע“ — נאר די גוזמאות זיינע, די „גלייכווערטלעך“ געפעלען נישט אין שטוב. „ער הויבט שוין אן זיינע חכמה׳לעך“... ברומט דאס ווייב.

געלע — וועניגסטענס איבער דער גאנצער ערצעהלונג — שווייגט. די מלמד׳יכע הוסט ביז יציאת־נשמה, נאר צו יציאת נשמה קומט נישט; זי הוסט זיך אויס און שרייט ווייטער. דאס הייסט: זי שרייט ווייטער: ברויט! הערען הערט מען נאר „חיים מלמד“.

אחוץ גאלגען־הומאר צו כאפען אמאל א גוזמא וועגען „א דרייערל“ אין שטוב אדער א דאקטאר פאר געלע׳ן, האט ער נאך

צוויי תענוגים: די „ליולקע“ און „איוב“! — אהן א ביסעל מאַכאָרקע איז ער אוים מענש, דאָס ווייב זאָגט: „ער פאַר׳שכור׳ט די פּרנסה מיט מאַכאָרקע“ — און אַז עס פעהלט איהם דער רויך, איז ער גע׳פּועל׳ט אריינצולויפען צו א שכן, אפילו צו א „אינו ישראל“. באָרגען אביסעל מאַכאָרקע... און די ליולקע איז פאַר איהם אי א תענוג, אי א טאָפּעלטע רפואה; דאָס הייסט, אי פאַר׳ן גוף, אי פאַר דער נשמה: דער רויך צופיהרט איהם דאָס ליחות פון גוף, וואָס ער וואָלט אנדערש נישט אויסגעהוסט, און צופיהרט איהם אויך די בייזע געדאַנקען אין מח, וואָס וואָלטען דאָרט פאַרשטאַרט געוואָרען און פאַרגליווערט ביז שגעון... חיים איז דאָך מלמד, האָט א שייכות מיט גרויסע און קליינע אותיות, ווייסט פון שאלות, וואָס קהלת פרעגט און אנדערע פרעגען, און ווען נישט די ליולקע, וואָלט ער זיי אפשר פאַרענטפערט גאָר „על פּי דרך הטבע“...

פאַר דאָס איז „איוב“ שוין א פּרנסה אויך. „איוב“ לערענט ער מיט די תלמידים. דעם נייעם זמן, קומט א נייער תלמיד.

— וואו האלטסטו אין „פּסוק“?

— ישעיה.

— ביי מיר וועסטו לערנען איוב.

און איוב׳ס הקדמה, די סצענע אין הימעל, יאָגט ער דורך געשווינד... דאָס איז ביי איהם, ווי אַן איבעריגע זאַך.

— זינגענדיג—וויינענדיג הויבט ער ערשט אַן, ווען איוב עפענט דאָס מויל און פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבוירען.

און באַלד פאַרגעסט ער, אַז ער האָט תלמידים פאַר זיך, הערט נישט זייער נאַרזאָגען מיט אלערליי גרייזען; ער לערענט און זינגט וויינענדיג פאַר זיך!

טראָגי־קאַמיש איז יענקעל ליבערמאַן („צוריק אויף דער שטעלע“), וואָס דינט אין וואַרשוי פאַר דריי פּאַים. פאַרבענקט זיך אמאָל אויך אויף יום־טוב אהיים, אין קליינעם שטעדטעל אריין — עס וועט זיין א נחת: ער וועט אייך דערצעהלען וועגען וואַרשוי... א שפּאַס, וואַרשוי; ער וועט דערצעהלען פון בולוואַרען (א שטיקעל מזות, ליבערמאַן און אפשר רייזען מיינען: פּאַריז), וועגען טעאַטער, גערטנער, קאנדיטאַרייען... און ער קומט און פאַלט אריין!

עס געהט נישט! די צונג דרעהט זיך דערצו נישט איבער, און אי־נעוועניג, אין הארץ, ווילט זיך איהם גאַר עפּעס אנדערש זאגען. קלאגען זיך אויף ווארשוי, אויפ׳ן פינסטערען לעבען דארט!

פון מויל דארפען ארויספליהען קארעטען, וועניגסטענס דראש־קעס, גומענע רעדער; נאַר — רעד פון פרעמדען נחת, אז פאר די אויגען שטעהט איהם זיין פאר׳חושכ׳ט צימערל אויף דער נאוואַ־ליפּיע... אויך אינטערעסירען נישט די זאכען נישט דעם אלטען טאטען און נישט דער מאמען! זיי ווילען בעסער הערען עפּעס וועגען א תכלית: פארדינט מען עפּעס געלט?

און זיי באמערקען באלד, אז יענקעל פּראלט אין דער וועלט אריין, אז „עס איז נישט"...

— אמת! — ענטפערט דער פאטער.

אין יענקלען צוגיסט זיך דאס הארץ. אצינד וואלט צייט גע־ווען אויסצוזאגען דעם אמת, נאַר דער פראלער ליגט פון אויבען אַן און טוט מעשים. כאפּט ער און שיט אויס א ליגען: „נאָך דריי טעג רייזע זעהט מען נישט אוים בעסער"... „דריי טעג? — וואונ־דערט מען זיך — פון ווארשוי פאהרט מען נאַר איין טאָג!" — „אבער דאס קלייבען" — ענטפערט זיך יענקעל און פארלירט זיך, וואָרים ער האט נישט געהאט וואס צו „קלייבען" — וואס ער האט געהאט, האט ער אויפ׳ן לייב געבראכט. און פון דעם, וואס ער האט געבראכט, האט ער אויך „צרות"... וועניגסטענס אין גאס: צי זאָל ער זיך עפענען דעם פאלטא און ווייזען דעם ראק, אדער באהאל־טען דעם ראק און ווייזען דעם פאלטא.ביידע זעגען פיעל נישט ווערט...

צרות, נאַר יענקעל וויל זיך האלטען אויף דער מדרגה, און, אז ער שלאָגט נישט אָן מיט קארעטען, בולווארען וכדומה, כאפּט ער זיך אויף שולען און בתי מדרשים. בתי מדרשים אפילו (אויסער אויף דער גנאַינא) נישט פאראן, אבער שולען... דאס הייסט: קיין שולען אויך נישט (אויסער צוויי) נאַר „שטיבלעך" מיינט ער... דארט דאווענען חסידים... ממש משוגעים... קאפאטעס, שטריימ־לעך... און מען רעדט: ענקער, יאד, סארנע...

ער רעדט און אלץ ארום איז שטיל...

מען הערט נישט וועגען תכלית. די מוטער הויבט שוין אן צו

קלערען: „גאט ווייסט, וואס פאר א מיאוס'ע פרנסה ער האט דארט."

„געוואלט, וואס שעם איך מיך?" — רייסט זיך יענקעל אין אייגענעם הארץ. נאר דער פראלער לאזט נישט; ער שווייגט שטענדיג און לייכט ארויס!

און אז דער פעטער פרעגט איהם: „בלייבסט שוין א היגער, יענקעל?" — כאפט ער זיך ארויס: „ניין", און ער בארוהיגט זיך ערשט, ווען ער איז שוין „צוריק אויף דער שטעל", אין פאר'חושכ'טען שטיבעל, אויף נאוואליפקא, אין ווארשוי.

ארעמקייט איז נישט קיין שאנד, נאר א בושה איז עס...

(נישט געענדיגט)

.1903

18.

דוד פינסקי'ס „פאמיליע צבי".

פאראן אייביגע פראגען, אייביגע רעטענישען.

אונזער קערפער, מיט אלע זיינע געפיהל־אינסטרומענטען וועט אייביג שטעהן קעגען זיי אומבאהאלפען, אומגעלומפערט און אפּ־הענטיג, און די פארבענקטע, צום קוואל פון וויסען אייביג דורש־טיגע נשמות וועלען שטענדיג זיי ארומפלאטערען מיט די שוואכע פליגעל, און זיי אפּבערעבען, ווי זומער פייגעלעך ביי א פלאם.

דאס איז דער קוואל פון אייביגען הארץ־וועה, נשמה־מאַ־טערניש, וועלט און מענשען שמערץ — דער אייביגער קוואל פון פּאעזיע.

א קערפערליכע וואונד פליסט אוים מיט פוילעניש און טויט; זעלישע וואונדען — מיט פּאעזיע, נשמות־קרענק — מיט פערעל!

וועלט — לעבען און טויט — ליעבע און האס... אט דאס זענען די פראגען... דאס זענען די קלאנגען פון אונטער דער ערד, פון איבער די וואלקען, פון אלע וווייטען און ברייטען, וואס וועקען אונז פון טיפסטען שלאף, וואס טרייבען די שענסטע אדם־וחוה'ס פון גן־עדן ארויס, וואס יאגען אונז אהן אויפהער אויף דעם ברייטען אומענדליכען לעבענס־וועג פון פארשטעלונג צו פארשטעלונג,

פארם צו פארם, וועלטען צו וועלטען, און אפשר פון חלומות צו חלומות, פון זייפען־בלאזען צו זייפען־בלאזען — ווער ווייס?

אבער אונזער לעבען וואלט צו א זומפ געווארען, ווען גאט'ס ווינטיגער אטעם זאל נישט בלאזען איבער דעם וואסער און טרייבען אונזערע שיפלעך אלץ ווייטער און ווייטער צום קוים געחלומטען ברעג...

און דאס טרייבען אויף דעם וועג פון לעבען ווערט וואס אמאל האסטיגער; די ערד ברענט וואס אמאל מעהר אונטער די זוילען, די האלט־סטאציאנען ווערען וואס אמאל זעלטענער, די רוה־צייטען קירצער, וואס אמאל שטירצען ראשער אלטע וועלטען, וואס אמאל ווערען ראשער נייע געבויט, אום ווייטער נאך ראשער צו שטירצען...

וואס טרייבט? וואס איז וועלט? וואס איז לעבען און טויט, ליעבע און האס, וואס בויט און צושטערט, וואס רופט צוזאמען און וואס צוטרייבט? דאס זענען די אייביגע פראגען. מיט דער צייט ענדערט זיך די פארם. עס טוישט זיך דער ארקעסטער, עס טוישען זיך אויך די אינסטרומענטען, די סימפאניע בלייבט דיזעלבע... די שפראך ווערט געענדערט, נייע אקטיארען טרעטען ארויס און שפּילען האמלעט. דער תמצית, די פראגע: זיין אדער נישט זיין — איז דיזעלבע!

פאראן אויך צייט־פראגען...

אזעלכע געהערען נישט דעם אינהאלט, באריהרען נישט די נשמה פון דער וועלט, נאר די פארם, דאס, וואס עס בייט און פארוואנדעלט זיך... נישט די שלאנג, נאר די הויט, וואס זי וועט באלד פון זיך אראפּווארפען, אום א נייע אויף זיך צו נעמען.

יעדע עפאכע האט איהר פולס, איהר נערוו, איהר אייגענארטיגע בלוט־שלאג און איהר אייגענע, היציג־מאכענדיגע אינטערעסען...

זענען זיי אויך דיכטער־מאטעריאל?

איז געשטאלט פון **פ א ר ג א נ ג ע נ ה י י ט** און **צ ו ק ו נ פ ט**!

מיט פיעטיזם באהאנדעלט דער היסטארישער ראמאן דעם נעכטען, וואס געהט אפּ אין ווייסע תכריכים געוויקעלט, פאר־

באַרגענדיג אין זיך דעם סוד פון פאַרגעהן און פאַרשווינדען... אויף פאַרשיידענפאַרביגע האָפנונגס־פליגעל פליהט די אוטאָפּיע גע־גען נאָך אין אומגעפאַרמטען נעבעל געהילטען מאָרגען און זאַפט מיט דורשטיגע אויגען זייגע פאַרחלומטע שטראַלען...

דעם „הײנט" מיט זיין גויטוועגדיגער לאָגיק, קליינע אינטע־רעסען, קליינע טוגענדען און פאַרברעכען כוז דער קינסטלער אי־בערלאָזען דעם כראָניקער, דער פאָליטיק־שרייבער און מאַבער — דעם גאַראַדאָוואַי!

די געגענוואַרט קען נאָר פראָטאָקאָלירט ווערען אין א רע־אלען ראָמאַן א־לאַ בערשאַדסקי, אונזער אַמאָליגער היימיש־געבאָ־קענער זאָלאַ. זי קאָן געבען זאָגאַר קונסט־פאָטאָגראַפּיען, אבער קיין קונסט.

דער קינסטלער מוז האָבען די פּערספּעקטיווע פון דער צייט: דאָס וואָס איז פאַרגאַנגען אין לעבען קאָן אויפשטעהן אין ליעד; דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשעהען, קען ווערען גע'חלומ'ט. דאָס אַרומיגע קען העכסטענס זיין ל י ט ע ר א ט ו ר, געוועהנליך — נאָר סעזאָן־אַרבייט!

מיט אייביגע פראַגען, וואָס הויבען די פערזאָנען צו דער הייך פון סימבאָלען, באַשעפטיגט זיך אין אונזער ליטעראַטור פּרץ הירשביין, זעקס און צוואַנציג יעהריגער יונגער שרייבער פון פער־צעהן דראַמען. דאָס זענען די טרויעריג זיסע ליליען־גלעקלעך, וואָס קלינגען אין זייגע „קברים בלימלעך" און „ביי דעם ברייטען וועג..." דאָס זענען די ליכטשאָטען, פון וועלכע ער שפּינט „איינ־זאַמע וועלטען". אנדערע געהערען צו דער צייט. וואַקסען אין איהר און וועלען ווערען דורך איהר צושטערט...

שלום עליכם'ס: „צוזייהט און צושפּרייט" איז א קונסט־פאָ־טאָגראַפּיע אויף דער גרענעץ צווישען קאָמעדיע און פאַרס. שלום אַש'ס „משיח'ס צייטען" — דער „חלום פון מיין פאָלק" — א מאָלעריש צייט־בילד, נאָר א געפליגעלטס, וואָס ריהרט מיט די שפּיץ פליגעל די העכסטע סימבאָליק... משיריקאָוו'ס „אידען" — א סעזאָן־אַרבייט, א סצעניזירטע כראָניק מיט'ן פאָגראָם אויף דער סצענע, ווייבער זאָלען חלש'ן...

וואס איז די פאמיליע צבי?
דאס איז די פראגע!

„ביים אפענעם קבר פון די קישינאווער הרוגים — שרייבט פינסקי אין זיין הקדמה — ווען זייער בלוט האט נאך קיין צייט נישט געהאט פארטריקענט צו ווערען, האב איך פארטראכט און אנגעהויבען צו שרייבען מיין פאמיליע צבי..."

ער האט געזינדיגט קעגען דער צייט און די צייט האט זיך אן איהם נוקם געווען...

א קורצע צייט איז אריבער, די מאכינאציע פון פאגראם איז אנטפלעקט און קלאר געווארען. מיר שטעהען שוין נישט קעגען א שרעקליכען סוד, מיר האבען צו טון מיט א געמיינעם, שרעקליכען און אין איינוועגס עקעלהאפטען פאליטישען פארברעכען. די זאך געהט איבער צום אונטערזוכער, צום ריכטער, צום תלין, צו וועמען איהר ווילט, נאר פון דיכטערס האנט פאלט זי ארויס. וואו איז דער טאג פון דעם דין וחשבון, פון וועלכען פינסקי רעדט אין זיין הקדמה?

דער פאגראם איז נאך נישט אריבער צו דער פארגאנגענהייט. מיט שרעק פאר א פאגראם געהט מען נאך צו די וואל־אורנען. עס לעבט נאך די שווארצע מאה, די זעלבסט־הערשונג צאפעלט זיך נאך, און ביי יעדער קאנוואולסיע קענען פארגאסען ווערען גאנצע טייכען אינטעליגענטען און אידען בלוט. — כוליגאנעס און געהארכזאמע מיליטער פיהלען נישט, אבער איבערבויען אונזער וועלט־אנשויאונג צוליעב פאגראמען וועלען מיר שוין נישט. און אז פינסקי זאגט, אז ער רופט זיין פאלק צום בארג סיני, וואו ער וועט זיי געבען א נייע תורה — הערען מיר און — שמייכלען...

א צייט־ווערק איז פאמיליע צבי און פארגעהט מיט דער צייט.

די רוסישע צענזור וואס האט געגוים ביאליק'ן, ער זאל זיין זאך רופען אנשטאט „משא קישינאוו" משא נעמיראוו, האט דער זאך א טובה געטאן. זי האט זי איבערגעטראגען צוריק אין דער קינות־סליחות־און תחנות־צייט, און די זאך איז א פאעמע געווארען. פינסקי'ן, דערמיט, וואס זי האט זיין ווערק צו שפילען פארווערט,

האָט זי אַ רעה געמאַן. אין פּאָגראָם־צייט וואָלט עס אַנדערש אויס־געזעהען... סעזאָן־ארבייט!

„דער פּאָגראָם אַליין — האָט פּינסקי געוואוסט — איז נישט קיין ליטעראַרישע טעמא“.

„קיין קונסט־ווערק איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבען אַ פּאָגראָם־טראַגעדיע אין איהר גאַנצער שוידערהאַפטיגקייט, ווי זי שפּילט זיך אין דער ווירקליכקייט אָפּ“. הייסען, ווי טשיריקאָוו טוט, שיסען און שטעכען אויף דער סצענע, שפּילען אויף היסטע־רישע נערווען וועט ער נישט...

ביאַליק קומט אויך נישט צו דער „שחיטה שטאָדט“ בשעת פּאָגראָם, נאָר נאָכ׳ן פּאָגראָם, און לויפט ארום ווי אַ „משוגענער נביא“ (דר. עליאשעוו׳ס אויסדרוק) צווישען די חורבות, צווישען די מויערען מיט שוואַרצע לעכער ווי שוואַרצע וואונדען, שפּרייזט איבער פעדערען און שמות, טרעט אויף צובראָכענע כלים, ספרים־פּאַרמעט, אויף שטיקער צופלאַצט לעבען, זעהט פאַרטריקענט בלוט, צוגעטריקענטע שטיקער געהירן, די שאָטען פון קדושים, וואָס מען האָט, ווי לעמער געשאָכטען, דאָס בערגעל מיסט, וואו מען האָט דעם איד מיט זיין הונט מיט איין האַנט געקעפּט, און די חזיר־צונג, וואָס לעקט ביידע בלוטען... די על פּי נס לעבען געבליבענע חשמונאים און בר כוכבא׳ס, וואָס האָבען זיך אין מיסט פאַר־שטעקט און אין חזירים־שטעלכעלעך באַהאַלטען, די פעטער, מע־נער, ברידער און חתנים, וואָס האָבען געזעהען, ווי זייערע טעכ־טער, ווייבער, כלות און שוועסטער האָבען אונטער דעם גוי און זיין האַק געצאַפּעלט און געוואונשען זיך רואה ואינו נראה׳ס צו זיין...

ער זעהט די קבצנים, וואָס נעמען נאָכ׳ן פּאָגראָם און נעהען זיך טאַרבעס, און לעגען פלייש און בלוט פון קדושים אריין און לאָזען זיך דערמיט אויף דער וועלט, און ער שעלט, און וואַרפט דעם בלו־טיגען שאַנד־פלעק גאָט און דער כנסת ישראל אין פּנים אריין. פּינסקי אָבער האָט געוואָלט געבען דעם פּסיכאָלאָגישען פּראָצעס, וואָס איז געשעהען און געמוזט געשעהען אין דער נשמה פון פאָלק, און אויסגעוועהלט אַלס אונטערלאַגע דאָצו האָט ער די „פאַמיליע־צבי“, וואָס האָט זיך, ווי דאָס פאָלק, צושפּאָלטען און צושפּלי־טערט... דער זיידע משה מגיד איז אַ פרומער, גאָט גלוי־בינער איד, זיין זוהן יעקעל — אַ סוחר, וואָס האָט זיין נשמה

אין קראם פארשטעקט, און זיין הארץ פאר א ווערמיגע נעסט פון גראשענדיגע איגטערעסען געמאכט. זיין שנור מיניע א שטיל־שוויינענדיגע אידענע, וואס האט נאר אייז גאט, פאר וועלכען זי קען זיך אויסגיסען דאס הארץ... און א י י נ י ק ל ע ד: אידא, וואס טויפט זיך. לעאן — אן אסימיליאטאר, וואס ווערט א בעל תשובה, ליפמאן — א ציוניסט, ראובן — א סאציאל דע־מאקראט!

אויף דער רואינע פון אידישען הויז וועט זיך אפשפילען דער פאגראם־פראצעס, דא וועלען זיך אנהויבען די שרעקליכע „פאר־גענגע..."

מיט דער צושלאגענער אידישער פאמיליע טרעפען מיר זיך ביי טשירקאוו, שלום עליכם און אש אויך.

שלום עליכם'ס מאיר טשאלענט און זיין ווייב די געוועזענע פישערקע באקומען א קערבעל, ציהען זיך איבער קיין ווארשע, און דא ווערט די פאמיליע צושפליטערט. ווי אויף א יריד ווערען זיי פארלוירען. מאטוניע האט זיך אויסגעלערנט כאפען א קערטעל און שניידט זיך אויף אן אלפאנס... פלארא ווערט א גרושה פען־דע־סיעקל און אנטלויפט מיט א נאקעטען פראוויזאר צו בענש־ליכט. חנה, וועלכער מען שיקט אפ די תנאים, רייסט זיך קיין בערן. פרעג דעם פאטער בחרם, וואו בערן ליגט. ער קען רעכט נישט נאכזאגען דאס ווארט. חיים ווערט ציוניסט, חיים מיט „שוואכע הענט" וויל אקערען ערד, ווי א פויער! וואלאדיא ווערט א „חברה מאן". ווי שלום עליכם רופט איהם צוליב דער געווע־זענער צענזור... און סאשקע דאס בן זקונים'ל שפילט זיך מיט הינטלעך און קעצלעך און שרייט: וועלאסיפעד!

אינ'ם מאלערישען „משיח'ס צייטען" קלאגט זיך מלכה די באבע:

ווי זאלץ אין וואסער איז זיך דאס צושוואומען... וועמען עס האט דער ווינט אין ווייטע לענדער געטראגען, וועמען עס האט די כוואליע איבער'ן ים געיאגט... איז אן אייניקעל צוגעקומען, האבען זיי דעם טאטען מיט דער מאמען א פאטאגראפיע געשיקט...

חומש אנגעהויבען — א פאטאגראפיע געשיקט; בר־מצוה — א פאטאגראפיע... געה האב נחת פון פאפירענע קינדער, פון פאפירענע אייניקלעך...

און אז מען קומט זיך אמאל צוזאמען, אז מען עפענט די יום־טוב'דיגע טיר אויף קבלת פנים, וואס פאר א קאנטראסטען עס קומען אריין. „פון איין טראכט, פון איין בעט איז עס ארויס געקראכען" און צוריק געקומען אזוי ווילד פרעמדע!

יעדערער טראגט זיך ארום מיט זיין גאט, זיין משיח און זיין אייגענעם חלום!

ביי טשיריקאוו'ן געהט עס איינפאכער צו: אין איין שטוב געבוירען און ערצויגען, נישט צושיידט זיך, נישט איבערגעפארען אין אן אנדערער צו־גרויסער סביבה, וואו איינער פארלירט דעם צווייטען, אהן קונצען ווערט איינער דאס, איינער יענס... און כדי איהר זאלט קיין טעות נישט האבען און ווימען, מיט וועמען איהר האט צו טוהן, הייסט ער די פערזאנען ויכוחים האבען, רעדען, יעדערער שטעלט זיך אליין פאר און היציג, און אויפ'ן בעסטען אופן...

דאסזעלבע מיטעל האט, לײדער, פינסקי אויך באנוצט.

אויף דער גרענעץ צווישען קאמעדיע און פארם פליהען שלום עליכם'ס פיגורען ווי ראקעטען פארביי און צייכענען און שניידען זיך אפ איינער פון צווייטען אינ'ם פלוג. ביים מאלערישען שלום אש אין „חלום פון זיין פאלק" ריהרען זיך פארשידענארטיגע מאלערישע פלעקען. אט זעהט איהר זיי באזונדער, אט גיסען זיי זיך צוזאמען אין א גרויסארטיג שטימונגס־און וואונדער־בילד... ביי פינסקי'ן ווערען בשעת פאגראם, כל זמן ער קומט נישט צום פענסטער און קלאפט נישט אן אין טיר, רעדעל־פיהרערישע ויכוחים געפיהרט... ראובן, וואס דארף אין לעצטען מאמענט זיגען איבער די כוליגאנעס, ליפמאן וואס וויל, ווייל ער קאן נישט לעבען, ווי א מענש, שטארבען ווי א מענש, שטעהען אין פאגראם־צייט און רעדען אויספירליך פון אלף ביז תי"ו איבער אסימילאציע, ציוניזם און סאציאליזם. גלייך זיי טרעפען זיך דאס ערשטע מאל, און דערנאך זאגט א גבור צו דער מוטער גאנץ איינפאך:

— לאז, זיי א מענש! מיר האבען זיך אזוי אויך פארשפע־טינט...

די גבורים, ווי משה מגיד זאגט, האבען פול מויל מיט צונג...

די פאמיליע צבי איז אבער נאר דער פאן; די טראגעדיע טראגט אויף זיך משה מגיד!

וואס איז משה מגיד? ווי אזוי רעאגירט ער אויפ'ן פאגראם? אחרון של פסח, סוף סעודה. א פאגראם שטימונג.

— גאטעניו — הויבט אויף משה מגיד די הענט צו גאט פאר'ן בענשען — דו זעהסט מיין הארץ! געפאסט וואלט איך דיר בעסער, מיט א בייגעל און אש וואלט איך דיר אפגעפאסט. ווען דאס וואלט נאר דיין הייליגער יום טוב נישט געווען!

— פאררעכען מיר — בעט ער זיך — מיין עסען, ווי א גרוי־סען קרבן און ווענד אפ פון דיין הייליגער תורה (?) און דיין פאלק ישראל דעם נייעם חורבן! און נעמט זיך צום בענשען.

בשעת ער בענשט, שטעלען זיך זיינע אייניקלעך פאר פאר'ן פובליקום אין געשטאלט פון א ויכוח איבער ציוניזם, סאציאליזם און אסימילאציע, אין אן אויספיהרליכען ויכוח, גלייך זיי זעהען זיך צום ערשטען מאל און גלייך עס וואלט אין דרויסען קיין פאג־ראם נישט געוועזן...

לעאן גלויבט נישט אין פאגראם. ליפמאן וויל זעלבסטשטענ־דיגקייט אויפ'ן גרונט פון באזעלער קאנגרעס. ראובן וועט בא־פרייען די וועלט מיט ס א צ י א ל י ז ם. יעקעל שפרינגט אויף — אין זיין שטוב זאל מען דאס ווארט נישט דערמאנען. און מיניע זאגט: זעהר גוט, ליפמאן וועט ברענגען משיח'ן פאר כל ישראל. ראובן וועט אמאל אויסלייזען די גאנצע וועלט. אבער דערווייל וואס טוט מען? דערווייל?

— ענטפערט, אדער געהט צו אלדע שווארצע יאהר, אדער קערט זיך אום צו גאט! — מישט זיך שוין דער אפגעבענשטער משה מגיד אריין אין ויכוח.

— דערווייל איז שלעכט, זאגט ראובן. ליפמאן רעדט פון געדולד און אויסהאלטען...

— מיט וואָס פאַר אַ כח? — פרעגט משה מגיד.

ביז אַהער איז אונזער כח געווען אין גאָט, די געדולד אין דער אמונה. און דאָס נעמען זיי, די אפקורסים, די גאָט-לעסטערער, די לצים צו. פאַרדאַרבער זענען זיי אין זיינע אויגען, נישט קיין העלפער, צושטערער, נישט קיין אויפבויער. וואָס ווייסען זיי, וואָס ווילען אויסרייסען ביי גאָט די לייצעס פון האַנט און אליין פיהרען די וועלט, פון גוט און שלעכט, גלייך און קרום? די שפּראַך איז אפילו נישט מגיד'יש, בפרט דער משל פון אַ פעלזען אינמיטען ים אויף כנסת ישראל, נאָר דער תמצית איז קלאָר: אַלץ איז פון גאָט: ער שטראָפט, ער טרייסט און לייטזעליגט... משה מגיד איז זיך נאָך נישט איבערגעוואַקסען.

נאָר אַז ראובן און ליפּמאַן לויפען צום זעלבסט-שוץ, און ליפּמאַן רופט אויס: קאָנען מיר נישט לעבען, ווי מענשען, זאָלען מיר שטאַרבען, ווי מענשען — פאַלט דאָס וואָרט אויף משה מגיד'ס האַרץ און באַפרוכטבאַרט עס, און ער צינדט זיך אָן און פערעפּראַזירט דעם זאַץ אויף זיין אופן: „קאָן מען נישט לעבען, ווי אידען, זאָל מען שטאַרבען, ווי אידען"... און ער לויפט זאַמלען גאַנץ חיל צו ראַטעווען די שול מיט די ריינינגקייטען, און לויפענדיג וואַקסט ער ביז צום גלגול פון מתתיהו כהן גדול...

אַז מיניע וויל איהם פאַרהאַלטען, שרייט ער: איך וועל שילטען! ער האָט זיין קראַפט דערפיהלט! אַז לעאָן וויל איהם פאַרטרעטען: מיך ווילסט דו ראַטעווען? אוועק, אַ מחלל השם צווישען מקדישי השם וועסט דו זיין! איהם וואָלט ער די שול-טיר פאַר דער נאָז פאַרמאַכט... גאַנץ חיל וועט זיך באַגעהן אָהן איהם! נאָך איהם, נישט נאָך ליפּמאַנ'ען, נישט נאָך ראובנ'ען וועט געהן דאָס פאָלק. ער זאָל זיין דער איינציגער און דער לעצטער, ווי זיי זאָגען. ער יאָל נישט האָבען הינטער זיך דאָס פאָלק, וואָלט ער לאַנג אויף זיך דעם טויט געבעטען... און מיט זיין קראַפט אין איהם, וואַקסט זיין גלויבען ביז צום בלינדען אָפּטימיזם... צוויי בטלנים טרעפט ער אין שול — לויבט ער גאָט! עס ווייזט זיך אָבער אויס, אַז זיי זענען קיין גבורים נישט, נישט תורה האָבען זיי געלערענט בשעת פּאָגראָם, נאָר פון עסען גערעדט, און ווילען קיין גראָב אייזען און קיין האַק אין האַנט אַריין נישט נעמען און רעכענען זיך, אויב דער פּאָגראָם וועט קומען, צו באַהאַלטען זיך

אונטער דער שול צווישען די חזירים — דערפיהלט ער, אז גאָטס חיל מוז ערשט געזאַמעלט ווערען און גאָט האָט עס איהם פאַר'ן זאַמלער געמאַכט! מתתיהו כהן גדול האָט אויך אַזוי געטאָן.

און צום פאַבריקאַנט הירשמאַן, צום פרומען גבאי לויפט מתתיהו כהן גדול און טרעפט דאָרט דעם רב מיט צוויי דינים, איי־נעם א שטומען, דעם צווייטען א קראַנקען — אויף — ביי פינסקי ווערט עס ארויסגערעדט...

— אדירי התורה! — קומט ראַטעווען די שול!

און אַז זיי געהען נישט, אז מתתיהו כהן גדול'ס: מי לה' אלי בלייבט אָהן א ווידערקלאַנג אין הארץ — שילט ער!

און לויפט ווייטער.

אין א וואלד האָבען זיך אידען באַהאַלטען און דאַווענען מנחה. ער רייסט זיי פון שמנה עשרה אוועק, זיי לאָזען זיך נישט. דער־נאָך זאָגען זיי תהלים... ער לויפט אליין צו דער שול, האַלט אַף א בחור, וואָס ראַטעוועט א מיידעל: די שול איז בילכער. האַלט אַף די זעלבסט־שוץ, וואָס ראַטעוועט אידיש לעבען, האָב און גאָב. און רופט צו די ריינינקייטען... אלע אנטלויפען, איין טויב־שטומע בעטלערין בלייבט ביי איהם, ווען ער פאַלט ביים ארון קודש אין מיט'ן קלאָגען זיך פאר גאָט...

דאמאָלט שרייט ראובן אריין דורך א שול־פענסטער: מיר זינגען! און די קאַרטינע פאַלט...

די קאַרטינע פאַלט און איהר פרעגט אייך: וואָס איז משה מגיד: מענש צי סימבאָל?

און וועך איז די שול? א סימבאָל צי טאַקע די שול, וואו מען טרינקט י"ש און מען שלאָגט זיך איבער עליות, ווי דער יונ־גער הירשמאַן זאָגט.

און איהר דערמאָנט אייך נאָך אַן דעם שול־הויף מיט'ן מיסט, וואו די חופות ווערען געשטעלט... אַן די היילען אונ־טער דער שול, וואו די חזירים האַלטען זיך און בטלנים בר־כוכבא'ס באהאַלטען זיך... און אַנ'ם סופר, וואָס שרייבט די ריי־ניגקייטען... און איהר פרעגט נאָך:

— צי מעג מען ע"פ דין גאר זיך מוסר נפש זיין דערויף?
משה מגיד איז דאך א פרומער איד!

און וואס ווייטער? — פרעגט איהר — וואו איז דער בארג סיני, די נייע תורה?

שלום עליכם האט גארנישט צוגעזאגט. ער האט איינפאך און אהן א שום פרעטענזיע געמאלט א חורבה פון א אידיש הויז, און ער ענדיגט מיט דער חורבה, ווען מאיר דער גביר און זיין ווייב די געוועזענע פישערקע דערזעהן זי!

דער גראף איז געקומען, מאיר זיין פאקטאר, זיין קנעכט, זיין יועץ, זיין שטיוועל־קושער לויפט, איילט צום גראף און בלייבט אינ־מיטען שטעהן.

— מלכה (רייבט זיך דעם שטערן) וואס האב איך דיר גע־וואלט זאגען? — איך האב דיר עפעס געוואלט זאגען... און וואו־לאדיע זיצט?... און די איבעריגע קינדער?

— צוזייהט און צושפרייט, — ענטפערט מלכה.

— הא? — וואס זאגסט דו, מלכה? וואו זענען אונזערע קינדער? ער פאלט צו צום טיש און וויינט... איינפאך, און א וועלט איז איינגעפאלען... מאיר'ס וועלט, דאך א וועלט, און עס איז דערפון א חורבה געווארען...

פון ביאליק'ן האט מען זיך אויף קיין גוטס נישט צו ריכטען...

דער „משוגע'נער נביא" — ווי דר. עליאשעוו רופט איהם — דער מענש מיט דער שמאלענער שפראך, דער מארמאר־סקולפטאר איז דאך וואס אמבאלאנגט דער וועלט־אנשויאונג, דערוויל נאר אחד־העם'ס תלמיד, דער אפגאט פון אדעסער קלייזעל... וואס שליסט אויס דאס א י ד י ש ע פאלק און בליהט אויסשליסליך נאר אויפ'ן בעל־בתיש־לשון־קודש'ן... און דאס — זענען טרוקענע ביינער אין יחזקאל'ס טאל, נאר אהן האפנונג אויף תחית המתים... דער קלייזעל־גאט איז זיכער באנקראט און דאס קלייזעל אליין צוקריכט זיך אויף שבעה ימים... און די, וואס בלייבען, ווערען פארוואגעלטער פון טאג צו טאג.

...איהר פוילט און פאלט,
איהר ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר אלט,
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האנט,
און ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער —

האָט ער נאָך פאר'ן קישינעווער פּאָגראָם אין „לעצטען וואָרט" געזונגען...

נישטאָ וועמען צו טרייסטען, וועמען א בשורה אָנצוזאָגען, וועמען א וואונד צו פארבינדען, נישטאָ וועמען די נשמה צו שענקען.

הערט, טויבע, הערט! — רופט גאָט.

עס געהט א טאָג,
איך לאָז אַרויס א זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסען —
נאָר איהר אליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייט, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר ארומלויפען פאר'סמ'ט
אַהין, אַהער, פאַר טויזענט מייל,
און בעטען, חלש'ען א שטראַל...
נאָר איך באַגעגענט א געלעכטער,
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פאַרזאַמט...
איך שיק אראָפּ א מילדען גייסט,
וואָס פרישט, ווי טוי פון גאָט, און ווייזט
א נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איהר וועט טרוקען זיין, ווי שטרוי
און נישט אויף אייך וועט פאלען טוי,
איהר? — איהר וועט אייביג פוילען, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריהער געבליבען
א פונק פון גייסט, געפיהל און גלויבען,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער —
וועל איך דאָס איינציגוויין אָפּרויבען.
און אייער הארץ וועט בלייבען לער
אָהן טעם, אָהן ריח, אָהן לייב און לעבען...

זיי וועט קיין רעוואָלוציע נישט מיטרייסען, קיין שופר־של־משיח נישט וועקען...

ביי שלום אש אין „משיח'ס צייטען" געהט נאר אן איינציגער אנדרעי, וואס דער פאטער האט איהם נישט פארזארגט, נישט מיט קיין גאט און נישט מיט קיין משיח'ן — פארלוירען. ער אליין האט קורצע הענט און וועט דאצו נישט דערגרייכען. יוסטינא בלייבט אויפ'ן ארט, טוליעט זיך צו דער פוילישער ערד, וועט ביז'ן גרויען צאפ אריין חלומ'ען פון אסתר'קע און אפשר אזוינע ווע־רען...

נאר אין דער היינטיגער דעמאקראטישער צייט וועט מען מו־זען יוצא זיין מיט א קלענערען מיוחס אלס א קעניג... סוחרים גע־העו צוריק צו וואג און מאס, פאבריקאנטען צו זייער אינדוסטריע, אבער די, וואס געהען אריבער דעם שלאגבאז, די ווערען ג ע־ר ו פ ע ן... א נייער נס קלינגט איבער טאל און בארג, א ניי, וואונ־דערליך לעבען וועקט זיך פאר זיי!

וואס פאר א לעבען?

אש, דער מאלער, האט נישט און דארף קיין תורה נישט האָ־בען! „א חלום פון זיין פאלק" האט ער געגעבען... מאלט אייך ווי און וואס איהר ווילט... נאר פון דער ווייט און פון דער הויך וועט עס קומען! און אפשר דרימעלט עס ביי אייך אין הארץ? וועקט עס!

אבער מיט וואס ענדיגט זיך ביי דוד פינסקי?

משה צבי איז געפאלען... דאס אלטע יודענטום פארגעהט. אמת. וואס ווערט אויף דעם ארט געבויט? יעקעל וועט נעמען פון יק"א און אנדערע צדקה־חברות און וועט דערפילען זיין שאדען... מיניע וועט זיך קלאגען פאר גאט, אידא וועט נישט אויסקומען... ליפמאן וועט אלץ וועלען שטארבען, ווי א מענש. הירשמאן מיט'ן כלי קודש וועלען ווייטער מלחמה האלטען מיט דער השכלה, פון וועלכער די רעוואלוציע איז ארויס, מען וועט מסר'ן... לעאן, דער בעל־תשובה, וועט אפשר ווערען א דערגרייכער און אריין אין דומא...

איין ראובן בלייבט! ראובן, וואס שרייט אריין דורכ'ן שול־פענסטער: מיר זינגען! זאלען מיר גלויבען אויפ'ן ווארט?

און א שאד פינסקי'ס דראמע. זי האט זעהר פיעל גליקליכע מאמענטען! לעאנ'ס איבערקערעניש, מיניע, ווען זי לאזט די קינ־

דער ארוים אויף א זיכערען טויט, די סצענע ביים וואלד, מיניע'ס געבעט צו לעאן, ער זאל זאגען „שמע ישראל" אויב ער וועט פאלען, משה צבי און די טויב־שטומע ביי דער שול, דער איד, וואס אנטלויפט בשעת פאגראם, טרעפט משה צבי, און מיינט אין טויט־שרעק, אז דאס איז א פאגראמשטשיק און בעט זיך רחמים, ער זאל איהם שענקען דאס לעבען... דאס אלץ אבער ווערט פארטרונקען אין א ים פון ווערטער... מאמענטען, (ווי דאס ליפען צום זעלבסט־שוץ), וואס דארפען דורכבליצען, קריכען איבער דער סצענע, ווי ווערים, אזויפיעל און אזוי שלעכט ווערט איבער זיי גערעדט. ליפמאן: מאמע, זיי א מענש! ראובן: לאז פריי דעם וועג! מען האט צייט, מען האט, ווי משה מגיד זאגט, גאנץ נישט־מגיד'יש, א פול מויל מיט צונג, וועניגסטענס מעהר צונג, ווי גבורה... און עס ווימעלט פון „מערידיין" מיט קרעץ אויף פרעמדע לייבער... און עס גרעגערט מיט זעלבסט־בעיאהונג, זעלבסט־פארניינונג און וואס משה מגיד'ס לעקסיקאן פארמאגט: גאטס לעסטערער, צושטערער נישט בויער, לצים, אדער געהט צו אל־די־רוחות — — —

אין גרוים איילעניש איז פון א אייביגער זאך א סעזאן־ארבייט געווארען!

און עס איז קיין אומגליק נישט, אז א מענש שרייבט אן א שוואכע דראמא... דאס אומגליק שטעקט אין דער הקדמה! נאך וואס האט זי פינסקי געשריבען און נאך שפעטער געדרוקט? וואס מעהר מען פארלאנגט פון א שוואכער זאך, טויטער בלייבט זי אונטער די הענט!

.1907

19.

מאריא קאנאפיצקא: „מענדעל גדאנסקי".

אלס דערצעהלונג איז „מענדעל גדאנסקי" א ליטעראריש מייסטערשטיק — א פערל, ווי עס איז היינט מאדנע צו זאגען. צי דערגרייכט די ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע באדייטונג פון

דער זאַך צו דער הויך פון ליטעראַרישען ווערט — אַט, דאָס איז די פראַגע.

פון מאַריא קאָנאָפּניצקא קאָן מען וועניגסטענס פיעל פאַר־לאַנגען.

די אַנגערופענע דערצעהלונג באַציהט זיך אויף די וואַרשעווער געשעהענישען אין יאַהר 1881. קעגען אַדעס, קישינעוו און דער־גלייכען, איז דער וואַרשעווער „צופאַל“ א קינדערשפּיל, דעם נאָ־מען „פּאָגראָם“ נישט ווערט. צום אַנדענקען האָט ער איבערגע־לאָזט קוים איינציגע אָפּגעקומענע פאַמיליען. גאָר א קליינע צאָהל זענען פאַרוואונדעט געוואָרען; געטויט — קיין איינציגער. צי האָט מען זיך ווי עס איז געוועהרט? מען זאָגט — אויף נאַלעווקי: קצבים זענען אַרוים מיט מעסער; פריקאַשטשיקעס האָבען זיך גע־שטעלט אין די הויפען, — געשריבען דעריבער איז נישט געוואָרען. — נאָך וואָס?

גאָר ווי קליין דער פּאָגראָם איז נישט געוועזען, דער איינדרוק אויפ'ן אָרט האָט געמוזט זיין א געוואַלטיגער: עס איז נאָך גע־ווען פאַר די גרעסערע, און גאָר גרויסע ערגעץ אַנדערש; און די אַלטע, די אַמאָל געוועזענע, האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסען. און יעדער געוואָרפענער שטיין, וואָס האָט אפילו קיין אידישען קאָפּ נישט געטראָפען, טרעפט דאָך אין אידישען מח! ריהרט ער דאָך די געהירן, רייסט ער דאָך איבער און צושטערט אַלטע, פון תהו־ובהו־פעדים צוזאַמענגעשפּונענע אידעען און וועלט־פאַרשטעלונ־גען...

נאַטירליך באַריהרט עס נישט אַלע גלייך, און נישט אַלע האָ־בען זיך אָפּגערופען אויף איין אָרט.

קיין אידישע אַרבייטער־קלאַסע איז נאָך דאַמאָלט נישט גע־ווען. און אויב זי האָט זיך שוין געשפּונען און געוועבט אין שאָטען פון דער פינסטערער און נאַסער קעלער־שטוב, — צום וואָרט איז זי נאָך נישט געקומען, — פון קיין אַרבייטער־וועלט־אַנשויאונג איז נאָך נישט געווען צו רעדען. דאָס אידישע לעבען איז געווען נישט דיפערענצירט אינעווייניג, נישט צוטיילט. עס האָט זיך גערעדט פון חסידים, — די פאַרשטעהער פון דער פרומער אידישקייט (די מתנגדים האָבען שוין נישט געלעבט), בעלי־בתים, וואָס האָבען שוין מעהר געוויכט געלעגט אויף „האָב און גוטס“, אויף עולם־הזה, און

„דייטשען“, וואס דער נאמען האט זיי שוין לאנג נישט געפאסט, ווייל זיי זענען שוין לאנג אריבער פון מענדעלזאנ'ס תורה צו דער היימיש־פוילישער קולטור.

דער פ ר ו מ ע ר איד איז יעניגער נתפעל געווארען. דער־רינען, ווי אין אלע אומגליקען, האט ער מעהר נישט געזעהן, און נישט געקאנט זעהן, ווי — גאטס צארן, וואס איז אויסגעגאסען געווארען אויף איינצעלנע פערזאנען פאר זייערע זינד; אדער, אויב ער האט זיך אויפגעהויבען צו א העכערען שטאנדפונקט: אויף כל ישראל! עס איז שוין צו גוט געווען, מען האט שוין דעם גלות פארגעסען: שקאלעס, קריסטליכע אמען, גוי'שע נעמען און קליי־דער, טרפות...

וואס דארף מען טון, גאט זאל זיך דערבארעמען און צוריק איינזעצען די שווערד אין שייד אריין? מען דארף תשובה טון... יעדער יחיד זאל זיך מאכען חשבון הנפש און אויסגיסען דאס הארץ פאר גאט, און בכלל דארף כל ישראל געדענקען, אז עס איז נאר א „גלות“... אז משיח וועט קומען, מ ו ז קומען, מען וועט גיך און באלד אויסגעלייזט ווערען, האבען אן אייגען און א הייליג לאנד, וואו גאט וועט זיין דער הערשער, זיין תורה — דאס געזעץ און דער מלך המשיח — זיי פארטרעטער צום אויספיהרען דאס גע־זעץ... על כן: פאסט און לויפט צו „ויחל“ און לערענט א שטיק „הכשר הזבח“, אדער וועגען תרומות ומעשרות... גרייט אייך צו.

דער בעל־הבית, וואס האט נאך אפשר אמאל געלערענט א פרק משניות, נאר שוין געשטעקט ראשו ורובו אין פראקטישען לעבען, וואס האט שוין געהאט א היבש ביסעל עולם־הזה, א היבש ביסעל גוטס: געלט, דירה, כלי־בית — וואס קאן חרוב ונחרב ווע־רען און געה נאך אמאל און זאמעל... דער בעל־הבית האט זיך שוין מעהר דערשראקען. פאר איהם, דעם גרעסערען וועלט־מענש, איז שוין עשו נישט געווען אויף גאטס באפעהל יעקב'ן, אויב ער זיצט און לערענט און פיהרט זיך בדרך־הישר, צו באדינען, און, אויב נישט, צו שמייסען. עשו איז א מענש פאר זיך. מען האט פון איהם פרנסה אדער צרות... און אז ער ווערט בייז, איז נישט גוט... מען טאר איהם נישט דערצערענען! איז ער אין כעס, מוז מען איהם איבערבעטען, מיט שבת'דיגע פיש, פסח'דיגען שנאפס, מיט א חניפה'לע און גאנץ אפט מיט א שמייכעל פון א אידישער טאכ־

טער. לאזט ער זיך נישט — מוז מען זיך באהאלטען אין קעלער אריין, ביז דער צארן וועט אריבער... נאר, ווי עס איז — אונזער בעל־הבית איז פארט א היבש שטיקעל אפטימיסט, אריבער וועט עס; ערגערס געוועזן, — איז אויך אריבער...

ווי א דונער פון שעהנעם הימעל האט עס געטראפען, — און צושראקען און צורודערט האט עס אם מעהרסט דעם אידישען, פויליש־אידישען אינטעליגענט.

פלוצלונג אין ענדע פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט א פייער בלוטיגער אפגלאנץ פון דער מיטעלאלטער נאכט? איז עס מעגליך?

מיט פריידיגען הארץ־קלאפען פלעגט ער זיך צוקוקען צום ציפער־בלאט פון אייראפעאישען וועלט־זייגער (פון כינא און יאפאן האט מען נאך נישט געוואוסט, — אזיע פוילט)... ווי באטש צייטעריג און פאמעלעך עס רוקען זיך די ווייזערלעך! באלד וועט שלאגען די שטונדע פון באפרייאונג! מיט גרויס נחת פלעגט ער יעדען פריהמארגען אפרייסען דאס בלעטעל פון וואנט־קאלענדאר: די גליקליכע צייט איז נעהנטער מיט א טאג! עס ריהרט זיך, עס רוקט זיך, די ציוויליזאציע געהט, די בילדונג שטייגט... נאך, נאך עטליכע יאהר און אלע מענשען וועלען זיין גלייך, — גלייך גוט, גלייך עהרליך, גלייך געבילדעט — און ממילא וועט אויפהערען דער אבערגלויבען, דער רעליגיאנס־האס, די שנאה צום פאלק ישראל, וואס האט געשענקט דער וועלט די גרעסטע מתנה — דעם איינציגען גאט, די „עשרת־הדברות" מיט'ן „אנכי" בראש!

פון דעם, אז די בילדונג האט נאר אנגעריהרט די העכסטע שפיץ בערג, בשעת ווען אין טאל איז נאך אלץ פארזונקען געבליבען אין דער פינסטערניש און פארוויקעלט אין שאטען — האט ער זיך קיין רעכענשאפט נישט אפגעגעבען. קיין נאציאנאלע געפיהלען און אינטערעסען האט ער אודאי נישט פארשטאנען: פאראן א געדעקטער טיש, דארף מען איהם אויך א בענקעל דערלאנגען, בעטען זיצען און עסען, און טרינקען „לחיים"! ער איז דאך א ה י ג ע ר, א ה י י מ י ש ע ר, א מחותן אויף דער חתונה, אן אייגענער!

און אלע רעכטע און פריווילעגיען (פון פליכט רעדט די בורזשואזיע פאר זיך אליין זעלטען) געהערען דעם לאנד. זענען מיר דען זיינע שטיפ־קינדער? עס איז ארויסגעקומען א פארקערטער

זאַך: נישט דאָס לאַנד, וואָס צ. ב. ש. „פּאַלאַקעו" האָבן פאַר־נומען אין „פּוילען", נאָר די, וואָס וואוינען אין פּוילען זענען פּאָ־לאַקען, ווארים אַלץ שטאַמט פון דער ערד. די באַגריפן האָט ער גענומען דאָרט, וואו ער האָט זיין גאַנצע בילדונג גענומען, און אין א לאַנד, וואו אַקערבוי איז די הויפּט־באַשעפטיגונג, און דער פּריץ, — דער גרויסער גוטבאַזיצער — איז דערייבער דאָס העכסטע און די גרויסע אומגעהייערע פּויערן־מאַסע דאָס וויכטיגסטע, וואַקסט אַלץ — ברויט, פּרנסה און מענשען־רעכט — פון דער ערד, פון לאַנד!

מען דאַרף נאָר ערליך אַרבייטען, נישט שווינדלען, נישט פּעקלען קיין סחורה איבער דער גרענעץ, נישט ברענען קיין נישט אָפּגעצאָהלטע בראַנפען און נישט ברייען קיין נישט אָפּגעצאָהלטע ביר. מען טאָר דעם לאַנד קיין שאַדען נישט מאַכען. פאַרקערט — נוצען ברענגען... איז מען אַבער ניצליך דעם לאַנד, איז מען שוין מיט דעם אַליין „אָביוואַטעל" — לאַנדס־בירגער, און עס קומט ביר־גער־רעכט! דאָס האָט דער אידישער אינטעליגענט, ווי אַלץ, וואָס ער האָט געמיינט און געטראַכט, נאָכגעזאָגט דער ליבעראַלער קריסטליכער אינטעליגענץ, וואָס האָט די אידען־פראַגע געשטעלט אין דער איין און איינציגער פאָרם פון נוצליכקייט פאַר'ן לאַנד: צי זענען אידען נוצליך דעם לאַנד, דער „אָיטשיזנאַ"? אויב יאָ, קומט זיי גלייכבאַרעכטיגונג, אויב נישט — נישט! בעסערע און ליבעראַלערע האָבן נאָר געקלערט, צי קאָן מען נישט געבען דאָס בירגער־רעכט אויף קרעדיט? אָדער צי איז ריכטיגער, מען זאָל זיי געבען בירגער־רעכט, זיי זאָלען ליעב קריגען דאָס לאַנד, די ערד, און ווערען אָביוואַטעלעס, נוצליכע און נויטיגע בירגער?...

און עליזאַ אָרזשעסקאָ'ס העלד, דער וועלט־באַריהמטער יזע־פּאָוויץ, געהט טאַקע און מסר'ט זיינע קהל'ס לייט, וואָס דעפּרוי־דירען בראַנפען! — בירגער מוזט איהר ווערען, נוצליכע, נישט שעדליכע בירגער...

אין דער זעלבער פאָרם האָט זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען די אידען־פראַגע אין די געהירען פון אונזער נישט אָריגינעל, נישט אידיש דענקענדען אינטעליגענט! ער האָט אַלץ איינאיינעם זיך און אַנדערע באַוויזען, אַז ער איז נוצליך! און על כן קומט איהם רעכט אויף לעבען און פּריווילעגיען אויפ'ן לעבען! און בשעת ער טענ'עט

אזוי — באץ! פלאצען אידישע שויבען! ווי הייסט? פארוואס? איז נישט משוגע צו ווערען? און וועמען שלאגט מען? צי אונטערשיידט מען צווישען גוטליכע און נישט גוטליכע? ניין? מוז עס זיין א פרעמדע אינטריגע — מען וויל צוקריגען די גוטע ברידער, וואס האלטען זיך אזוי צוזאמען!...

און אויב נישט, נאר די אונטערשטע שיכטען פון פאלק זענען נאך ווירקליך אזוי גראב, אזוי מיטעלאלטעריש און אומגעבילדעט, דארף מען עפעס טון... ווירקען — — —

עפעס טון, ווירקען, נאר נישט מיט אייגענע הענט!... אדוואקאטען ברויכט מען! ארויסטרעטען זאלען בעסער יענע... אין נאמען פון לאנד... זאלען זיך מיהען אונזערע גוטע פריינד! און „זכה—מלאכתו נעשית על ידי אחרים" —

ארויסגעטרעטען איז די קרוין פון פוילישען פארנאס — „מאריא קאנאפניצקא"! עס איז ארויס „מענדעל גדאנסקי" — מענדעל גדאנסקי איז אדוים, און אלע נאאיווע, אויבענדע־מאכטע אידען און פארשטעלונגען, אהן א צייכען פון וואס עס איז א פארטיפערונג, שפיגלען זיך אפ אין דעם „מענדעל גדאנסקי"...

פון די „קבצנים", וואס זענען ארויסגעטרעטען אויף נאלעווקי, פון „פריקאשטשיקעס" אין הויף — קיין שפור... נאר פארוואס קומט מענדעל גדאנסקי צו שלאגען?

ער איז דאך א ה י ג ע ר, ער וואוינט שוין דא אזוי לאנג!

אמת, ער קומט ארויס פון דאנציג, און דאנציג איז היינט פרייסיש, אבער ווען מענדעל איז געבוירען געווארען, איז דאנציג געווען א ו נ ז ע ר, און מיר שענקען נאך דאנציג נישט אוועק! דאס היסטארישע רעדעל דרעהט זיך, און מארגען־איבער־מארגען קאנען אלע דאנציגער אידען זיין א ו נ ז ע ר ע אידען!

און מענדעל א ל י י ן פיהלט זיך דא נישט פרעמד, ער האלט זיך נישט פאר קיין גר, ער שטעהט ביי איהר נישט איין, ווי אין א גאסט־הויז, מארגען צו פארלאזען: ער איז צוגעבונדען צום פלעק, אויף וועלכען ער לעבט, איינגעפליישט אין איהם, גלייך עס װאלט קיינמאל קיין ציון, קיין ירושלים יישט געוועזן; ער פיהלט שוין כמעט קיין גלות נישט...

ער פיהלט זיך נישט פרעמד און אין נישט אפגעזונדערט: מיט טויזענט פעדים איז ער פארקניפט און פארבונדען מיט זיינע

שכנים. ער קאָן אויסגעצייכענט דאָס שטילע געסעל און זיינע איינוואוינער; די פיזיאָגנאָמיע פון געסעל, זיין פּולס, זיין באַוועגונג, זיין קלאַנג! ער קען אַלע (קריסטליכע) קינדער, וואָס לויפען יעדען פריהמאָרגען אין אָכראַנע (פּריוט). אין שקאָלע אריין, ער קען די ארבייטער, וואָס געהען פאַרביי אין דער פאַבריק אריין... ער קען אַפילו די פייגעלעך, וואָס האַלטען זיך אין די מויערען־לעכער פון דער ביר־ברויעריי.

א שר״ם, א מענש וואָס וואוינט זיבען און צוואַנציג יאָהר אין איין שטוב!

ער דערקענט, זיצענדיג אין שטוב, די טריט פון סטרוזש, ווען ער פאַרקערט פאָר׳ן הויז; דאָס טרוקענע הוסטען פון יונגען דע־פּענדענט... דער קריסטליכער זייגער־מאַכער קומט צו איהם רעדען פון פּאָליטיק; דער קריסטליכער שטריקענמאַכער פאַרטשעפּעט ביי דער קלאַמקע פון זיין טיר די שנור צום דרעהען. די קריסטליכע זיצערקע דערלאַנגט איהם פון צייט צו צייט דורכ׳ן פענסטער א שוואַרצען רעטער — פאַר קאָלירטע שטיקלעך פּאַפּיר (מענדעל איז אַן איינבינדער) צום שפּילען פאַר די קינדער. א שכן, א מאַגערער ארעמער סטודענט, באָרגט זיך ביי איהם א שטיקעל חלב׳ן ליכטעל צום לערנען — —

איהר זעהט, ווי גינסטיג, ווי גוט עס לעבט זיך!

אפשר איז ער, דער מענדעל, שעדליך אָדער וועניגסטענס נישט נוצליך פאַר׳ן לאַנד? גאָט באַהיט! מענדעל פּעקעלט נישט קיין סחורה, האָט נישט קיין פאַלשע וואָג און מאָס אין האַנט. עהרליך, מיט זיינע צעהן פינגער פאַרדינט ער זיין ברויט — ער איז, ווי דערמאָנט, אַן איינבינדער. זיבען און צוואַנציג יאָהר זיצט ער ביי דעם זעלבען פענסטער מיט׳ן פּיפּקעלע אין מויל און בינדט איין ביכער...

ער איז אנדערש גלויביג! אבער וואָס מאַכט עס אויס! דאַווענענדיג, טראָגט ער טלית און תפלין, רעדען רעדט ער מיט גאָט אויף אַן אַנדער שפּראַך, און זיין אַלטער הייליגער שפּראַך — אָבער וועמען שאַדט עס? שקצים׳לעך האָבען איהם אַמאָל געוואָלט שלעכטס טון, דערפאַר האָט זיי דער גלח אַליין, וואָס איז גראָד פאַרביי געגאַנגען, אָפּגעהאַלטען. קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר מיט׳ן בליק! א שטומע סצענע געוועזן!

אפשר איז ער, ווי אנדערע אידען, א פאנאטיקער קעגען דער בילדונג? אויך גאט באהיט! קיין לעבעדיגע קינדער האט ער נישט, נאר איין אייניקעל, און דאס הוסטענדיגע אייניקעל (געזונט איז זעלטען ביי אידען) מיט די דורכזיכטיגע אויגעלעך איז א גימ־נאזיסטעל! און ער אליין, מענדעל, האט גרויס פרייד און נחת דערפון, וואס ער איז אן איינבינדער, וואס ער בינדט איין (חס ושלום נישט קיין גמרות נאר) שול־ביכער... אט די „פאניענקעס", וואס געהען אין שול אריין לערנען, טראגען זיינע איינבינדען! נישט נאר ער ארבייט, נישט נאר ער האט זיך אויסגעארבייט ביי־לען אויף אלע צעהן פינגער, נאר אומדירעקט העלפט ער נאך, עס זאל זיך צושפרייטען די בילדונג!

און, אז דאס אייניקעל קומט אמאל אהיים פון גימנאזיום אהן א היטעל, וואס מען האט איהם אפגעריסען און צוהעשעט, ווייל מען האט איהם גערופען „זשיד" — שטראפט איהם דער אלטער מיט גוטען: „וואס וויינסט דו, נאר? דו ביסט אין דער שטאדט נעבוירען געווארען, דו ביסט דא נישט פרעמד! און כל זמן דו פיהרסט זיך עהרליך, תאסט דו דאס רעכט ליעב צו האבען די שטאדט..."

און אז עס טאכט זיך א קלאנג, אז מען וועט אידען שלאגען. און דער שכן, דער זייגערמאכער, דערצעהלט עס איהם גאנץ קאלט־בלוטיג, פרעגט דער אלטער מענדעל:

— וואס פאר א אידען? גנבים?

און אז דער זייגער־מאכער זאגט: אלע, וואס שטאמען נישט ארויס פון דער היגער ערד, פרעגט ער:

— און איך פון וואנען וואקס?

און נאך א רעכט האט מענדעל אויפ'ן לאנד... אין שלעכטע צייטען האט ער גליך מיט אלע געליטען... „שמחות פאראייניגען נישט אזוי קיין מענשען, ווי טרויער און לייד!"

און דאך איז געשעהען, וואס עס איז געשעהען... עס האבען זיך געוויזען עפעס פרעמדע, בארוויסע, גאר אנדערע פנים'ער... דער זייגער־מאכער האט עס דאך געהאלטען כמעט פאר ריכטיג, דער ארכיוואריוס אויך... נאר דער היימישער סטרוזש האט'ן געוואלט

ראטעווען, די דינעריז... און ענדליך אפגעראטעוועט איהם האט דער מאגערער סטודענט...

פרעגט זיך: וואס איז פארגעקומען אין מענדעל גראנסקי'ס קאפ?

בשעת מעשה לאזט זיך מענדעל נישט ראטעווען דורך אריינ־שטעלען א היילינ בילד אין פענסטער... ער וויל אפילו פון פענס־טער נישט אפטרעטען, נאר דער סטודענט שטופט'ן אפ מיט גע־וואלד, און לאחר המעשה זאגט ער:

— איך האב פארלוירען דאס הארץ צו דער שטאדט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

בשעת, ווען דער פראסטער עולם האט רחמנות און וויל רא־טעווען דעם אלטען מענדעל; בשעת, ווען די האלב־געבילדעטע — דער זייגער־מאכער, דער ארכיוואריוס — פארשטעהען גאנץ ריכ־טיג, אז פרעמדע איז נישט קיין גרויסע עולה, אז מען שלאגט. זאגט מאריא קאנאפניצקא: ניין! מען טאר מענדעל גראנסקי נישט שלאגען! — — פארוואס? ווייל ד ע ר איך איז נישט פרעמד... א היימישער איז ער, ווען אפילו פון דאנציג! און ער איז אן איינבינדער, על כן: פארדינט ער עהרליך זיין ברויט; און איז קיין פאנאטיקער, ער בינדט איין ביכלעך פאר די „פאניענ־קעס" אין שול אריין און שיקט זיין אייגען אייניקעל אין גימ־נאזיום!...

און מאריא קאנאפניצקא, וואס קאן יא אריינקוקען א מענש אין דער נשמה אריין, האט נישט באמערקט, אז דער פראסטער עולם לעבט מיט מענדעל גראנסקי גוט נאר פון וויטענס: מען רעדט פון פאליטיק, נישט פון זיך, מען בינדט אן די שנורען אן יענער זייט קלאמקע, נאר קיין איינציגער פאדעם בינדט נאך נישט די הערצער. מען טוישט שווארצע רעטעך מיט קאלירטען פאפיער דורכ'ן פענסטער — און ראטעווען וויל מען נאר דעם נאהנטען שכן, צו וועלכען מען האט זיך צוגעוועהנט — אנדערע זענען הפקר! און ראטעווען וויל מען נישט מיט זיך אקעגען שטעלען, מיט אפטרייבען די שלעגער. עמפערט, דערצארנט אויף זיי איז קיינער נישט — מען וויל נאר מענדלען באהאלטען, אדער די שלע־גער אפנארען מיט א היילינען בילד! — — —

און אין קאנאפּניצקא אליין האָט זיך אויך דער מענש נישט געוועקט... זי קוקט אויף אַלץ פון גאַנץ נידעריגען פּאַטריאָטישען שטאַנדפּונקט: אונזער מענדעל... אַ יהרע שכנים, צו וועלכע זי האָט זיך צוגעוועהנט, זענען אַלע פּוילישע אידען, לכל הפּחות: איינבינדער, וואָס האָבען אייניקלעך אין גימנאַזיום...

זי האָט אַ ברייטער האַרץ פאַר דער דינערין...

און איז קליגער אויך: מענדעל קאָן נאָך פאַרלירען דאָס האַרץ פאַר דער שטאָדט... און אַלע מענדעלס פאַר'ן לאַנד...

און אפשר טענ'עט זי מיט'ן עולם: לדידך?

.1905

20.

מאָוושא יענקעלעוויץ

א טיפּ פון א אידיש־פּוילישען כלל־טוער.

עס איז מיר אין דער האַנט געקומען אַן אַלט ביכעל, געדרוקט 1819, אין וואַרשוי, ביי די פּיאַרען. אַ פּויליש ביכעל; ביבולע־פּאַפּיר, צוהאַקטע אותיות, און אינטערעסאַנטער טיטעל: מיטעל, ווי אַזוי דורכצופיהרען די אידישע רעפאָרם אין פּוילען, און דער מחבר: מאָוושא יענקעלעוויץ.

ווער איז מאָוושא יענקעלעוויץ?

זאָל ער אליין ענטפערען:

„איך בין — זאָגט ער — אַ איד“, נאָר נישט איינער פון די אַלטע אידען, וואָס האָבען דאָמאָלט נאָך נישט אויפגעהערט צו זאָגען „לשנה הבא בירושלים“ און צו וויינען ביי „על נהרות בבל,“ — וואָרים: „וואָס אַמבאַלאַנגט דעם פאַטערלאַנד (פּוילען, הייסט עס) טרעט איך, מיט מיין ליעבשאַפט צו איהם, דעם בעסטען ריין־קריסטליכען פּאַליאַק נישט אָפּ“.

און די ליעבשאַפט צום פאַטערלאַנד האָט ער בירושה. שוין

דריי דורות, אז זי בליהט אין דער משפחה יענקעלעוויץ, ווי א רויז. דער זיידע האט זי איינגעפלעסט דעם פאטער, און דער פאטער— דעם זוהן. זיי האבען געזאגט: האב ליעב דאס פוילישע פאלק...

דאס פארטווישען די באגריפען פון „פאלק" און „לאנד" איז נאך נוהג ביז'ן היינטיגען טאג. און מיר קאנען דערפאר אויפ'ן אל־טען יענקעלעוויץ קיין פאראיבעל נישט האבען. זיינע גייסטיגע יורשים, קעמפפנער, דוטלינגער, דר. נוסבוים און זייערע נאכשטור־פער, האבען אויך דעריבער קיין קלארערע באגריפען נישט. אינ־טערעסאנט אבער איז, אז ליעב האבען דאס פוילישע פאלק דארף מען נישט דעריבער, ווייל מען דארף אלע פעלקער ליעב האבען, נאר ווייל „דאס פוילישע פאלק איז איידעלער אין כאראקטער, אלס אלע אנדערע פעלקער; עס איז בעסער, און עס לעבט א שענערעס לע־בען, אלס אנדערע פעלקער". והא־ראיה: גרויסע לענדער ביי זיין גרענעץ האט עס צוגעבונדען צו זיך מיט'ן הארץ און נישט מיט דער שווערט! שכנים, וואס זענען געגוג שטארק געווען צו לעבען אויף אייגענער פויסט, זענען גערעגוויליג געקומען צו איהם און גע־בעטען: „לאז אונז דיינע ברידער זיין; נעם אונז צו! לאז אונז געניסען אין פריידען די פרוכטען פון דיינע איינריכטונגען און רו־הען אין זיסען שאטען פון דיינע אנשטאלטען! די פוילישע גוט־הארציגקייט האט מיט דייטשען די פוילישע שטעדט באפעלקערט, און אונז פארוואגלטע, פון ארט צו ארט געטריבענע, האט עס די טויערען פון לאנד געעפענט!".

עס מאכט נישט אויס, וואס די גערעגוויליג אונטערגעגעבענע פעלקער ווערען נישט אנגערופען ביי די נעמען, און די צייט, ווען דאס איז געשעהען, איז נישט אנגעוויזען. עס מאכט אויך נישט אויס, וואס אביסעל שפעטער זאגט דער זעלבער יענקעלעוויץ דעם פוילישען פאלק מוסר, פארוואס עס מעהרט און פרוכפערט זיך אליין נישט, ווי געהעריג, און מוז דעריבער דאס לאנד מיט פרעמדע בא־זעצען; אינטערעסאנט איז דער פרעמדער „אתה בחרתנו"...

דורכגעדרונגען מיט ליעבשאפט צום פאטערלאנד און מיט דאנקבארקייט צום פוילישען פאלק, וואס האט אונז די טויערען געעפענט, האט יענקעלעוויץ אלץ געטאן, וואס דאס פאטערלאנד האט געקאנט פון איהם פארלאנגען. און דאס איז ווירקליך זעהר שעהן און גוט פון זיין זייט. זיינע גייסטיגע יורשים זינגען דעם

פוילישען „אתה בחרתנו" און עס קאסט זיי נישט א קאפיקע. פאר־דאן: היינט רעכענט מען שוין צוריק אויף גראשען — א גילדען מיט זעקס גראשען."

יענקעלעוויץ האט זיך מקריב געווען נישט נאר מיט'ן מויל, אדער מיט דער פעדער אין „קוריער ווארשאווסקי."

ביי דער ערשטער מרידה (31) האט ער געלט געגעבען (לויט יכולת, שרייבט ער), אין די שולען (זיינע יורשים וואלטען עס בע־סער אין קלויסטער געטאן) האט ער הייסע רעדען געהאלטען (מן־הסתם אויף אידיש, וואס זיינע יורשים וואלטען שוין נישט גע־קאנט). און האט אויפגעוועקט אין די אידישע הערצער די ליעבע צום פאטערלאנד. צוויי זיהן האט ער געהאט, האט ער זיי געשיקט אין געפעכט אריין, זיי האבען זיך געשלאגען אונטער דער קאמאנדע פון יוסף בערקאוויץ און זענען געפאלען...

דאכט זיך, גענוג טיטעל אויף א פאטריאט; ער האט אבער נאך מעהר געטאן: צוויי אייניקלעך — מיידלעך האט ער געהאט, האט ער זיי געוואלט אויף א פוילישע „פענסיע" שיקען. „ליידער אבער — וויינט ער מיט עכט־הארציגע טרערען — האט ער איז ווארשוי קיין פוילישע „פענסיע" נישט געפונען! פראנצויזיש לע־רענט מען!

„אפילו די דינסטען אויף דער פענסיע רעדען פראנצויזיש! און וואס, אומשטיינס געזאגט, ווערט געלערענט? דעקלאמאציע, קאליגראפיע, ארטאגראפיע, געאגראפיע, קאסמאגראפיע... למודים, וואס האבען אפילו קיין פוילישע נעמען נישט! יענקעלעוויץ וויל אן עכט פויליש־נאציאנאלע פענסיע אהן קאליגראפיע, ארטאגראפיע און געאגראפיע... א שתדלן מעג זיין א שטיקעל עם־הארץ אויך, בפרט, אז די אייניקלעך האבען קיין חרטה נישט, וואס זיי זענען ווייבלעך געווארען, „זיי זענען — זאגט ער מיט א זיידישען שטאלץ — שעהן, געזונט, שטארק; די פוילישע לופט שאדט זיי נישט און זיי הויבען נישט אן צו בענקען קיין פאריז! זיי האבען, גאט זיי דאנק, קינדערליך, און פיהרען א שטאט!

די „מרידה" איז אפגעפאלען, פוילען איז גאנץ אידישליך באשניטען געווארען, און עס שווימט ארויס די פראגע פון אלגעמיינע

רעפארמען. דאס באשניטענע פוילען האט זיך אומגעקוקט, אז עס האט א שלעכט לעבען געפיהרט, און וויל זיך פארבעסערען. וואס טוט מען אבער מיט די אידען? זיי אויך רעפארמירען? ווי אזוי? אט־דאס איז די פראגע! און אין דער פראגע נעמט יענקעלע־וויץ דאס ווארט!

נאר נישט מיט דער פעדער האט ער אנגעהויבען. פריהער האט ער זיך געפרואווט מיט א בעסערען כלי־זין. גאנץ נאאיוו דער־צעהלט ער:

„די, וואס האבען צו שאפען און א דעה צו זאגען, האבען פון רעפארמען נישט געהערט. זיי זענען פארנומען געווען מיט'ן (נא־פאלעאניש־רוסישען) קריג (1812), ארויסגעטראטען זענען נאר, און שלעכט געהערט, פריוואטע „פראיעקטען־מאכער", און זיי האט ער אייגפאך געוואלט מיט לא־ירחץ־געלט דאס מויל פארשטאפען. עס איז אבער ארויס, ווי בוימאויל אויפ'ן וואסער; עס איז א סקאנדאל געווארען... און דערווייל האט זיך דער קריג אומגעריכט געענדיגט, די פראגע איז שוין אויף אנדערע הענט געקומען, פון „איבערקויפען" איז שוין נישט צו רעדען, און דעריבער שרייבט ער זיין בוך...

ווי אזוי זאל מען דורכפיהרען די רעפארם?

אין פרייסען האט מען רעפארמירט אויף א מאדנער ארט: מען האט גענומען די אידען, וואס האבען זיך נישט באשעפטיגט מיט אקער־בוי, און געטריבען פון די דערפער אין שטעדט אריין. אין מיטעל־אלטער האט מען נאך איינפאכער רעפארמירט: מען האט גענומען דאס ביסעל אידען און געווארפען איבער דער גרע־נעץ. דאס אלץ איז בארבאריש; דאס וועט פוילען נישט טון.

מען וואלט געדארפט נאכמאכען פראנקרייך. פראנקרייך האט מיט אמאל איבערגעשניטען דעם קנופ, צוזאמענגערופען א סנהדרין. עס זאל זאגען, אז פאריז איז דאס זעלבע, וואס ירושלים, און פראנ־צויזישע טעכטער האבען נישט דעם דין פון בת־עכו"ם, און אויף דעם געשטיצט, האט מען אריינגעשריבען א פאראגראף אין קאדעקס. אז „אלע, וואס זענען געבוירען אין פראנקרייך, זענען פראנצווי־זען." היינט וואלטען קעמפנער, דוטלינגער, נוסבוים מעהר נישט געוואלט; זיי וואלטען עס געהאלטען פאר'ן איינציגען מיטעל אז עק צו מאכען מיט דער פארשאלטענער אידען־פראגע. יענקעלע־

ווייץ אבער, זייער גייסטיגער עלטער־זיידע, איז אביסעל ניכטערער און פראקטישער געוועזן.

„פוילען — זאגט ער — איז נישט פראנקרייך“.

פראנקרייך איז דאמאלט, וואס אנבאלאנגט אידען, געוועזען אין דער זעלבער לאגע, ווי דאס היינטיגע רוסלאנד. רוסלאנד האט קיין אידען נישט ארייגעלאזט און האט זיי באקומען בירושה צו־זאמען מיט די פויליש־ליטווישע פראווינצען; פראנקרייך האט אויך געהאט נאר פרעמדע — דייטשע אידען; איהרע אייגענע האט זי ערשט נישט לאנג געהאט ארויסגעטריבען. און דאס ביסעל פרעמדע אידען האט נישט געלעבט אין סאמע־ראדנע מיט פון פראנצויזי־שען הארץ, נאר טאקע אין די גרענעץ־פראווינצען וואס זי האט פון דייטשלאנד אפגעשניטען. פון אזא קליין ביסעל אידעלער מאכט מען פראנצויזען איבער נאכט! א נייער פאראגראף אין קאדעקס און — אוים אידען!

אין פוילען אבער וועט זיך די אי־דישע מאסע אזוי געשווינד נישט אונ־טערגעבען! זי איז צו שטארק, צו גרויס, און מעהרט און פרוכפערט זיך שטארקער, אלס די פאליאקען. איפווארפען דער אידישער באפעלקערונג א רעפארם פון דרויסען איז אוממעגליך. דער זאמען, פון א פרעמדער האנט געווארפען, וועט אין דער בא־פעלקערונג קיין נארונג נישט באקומען און וועט נישט גדייהען... יענקעלעוויץ פארשטעהט, אז מען מוז ברענגען דערצו, די אידישע באפעלקערונג זאל זיך וועלען רעפארמירען. אז מען דארף צו איהר רעדען, נישט אין נאמען פון די אינטערעסען פון פוי־לישען פאלק, נאר אין נאמען פון איהרע אייגענע פאלקס־אינ־טערעסען! די רעפארמען דארפען נישט באפוילען ווערען; רע־פארמירען מוז זיך יעדעם פאלק אליין...

יענקעלעוויץ האלט פאר צוועקמעסיג און נאטירליך, אז „צוויי פעלקער, וואס באוואוינען איין לאנד, דארפען זיך צוזאמענגיסען און ווערען איין פאלק. נאר דערויף — פארשטעהט ער — דארפען ביידע פעלקער באַ־שטעהן; דערינען דארף יעדעם פון ביידע

פ ע ל ק ע ר ג ע פ י נ ע ן ד י ב א פ ר י ד י ג ו נ ג פ ו ן ז י י נ ע א י י ג ע נ ע א י נ ט ע ר ע ס ע ן...

דאס וועלען שוין יענקעלעוויץ'עס אייניקלעך נישט פאר־שטעהן! ער אליין, מוז מען מודה זיין, האט אויך קיין קלארען באגריף דערפון נישט געהאט, און אויסער דער קורצער אבסטראק־טער פראזע, געפינען מיר אין דעם ביכעל קיין איינציגווארט, וואס זאל נעהנטער אנווייזען, ווי אזוי די אידישע אינטערעסען קאנען באפרידיגט ווערען אין'ם „צוזאמענגוס". אבער הימעל־הויך שטעהט יענקעלעוויץ איבער זיינע אייניקלעך. עס ארט איהם נישט, וואס דאס אידישע פאלק וועט אין פוילען פארשווינדען; ווייניגס־טענס אבער פיהלט ער, אז דאס אידישע פאלק דארף עס וועלען, גערען־ווילליג טון; אליין קומען און זאגען: „נעמט אונז צו", ווי אנדערע, נישט באשניטענע פעלקער, האבען עס, לויט יענקעלע־וויץ'עס געשיכטע, געטאן...

אויך רעדט ער פון... „אונזערע אינטערעסען". ער רעדט נישט פון אידען, ווי זיינע אייניקלעך, בלשון נסתר. „מיר, אידען", זאגט ער, און וויל ער עפעס, זאגט ער „גיט אונז", נישט „גיט זיי", ווי היינט די מאדע איז.

איז דאך אבער די פראגע: ווי קאן דאס צוזאמענגיסען גע־שעהען: ווי קאן פוילען אסימילירען אזא גרויסע אידישע מאסע, וואס וואקסט און פרוכפערט זיך שטארקער, אלס די פוילישע?

און דא ווערט יענקעלעוויץ נאאיוו און ווערט ערשט רעכט אינטערעסאנט. פארקלענערען די אידישע פרוכטבארקייט וויל ער נישט.

דאס, וואס מיר אידען פרוכפערען זיך, האלט ער פאר זעהר גלייך. „דאס קומט דערפון — זאגט ער שטאלץ — וואס מיר אידען האלטען עהרליך אונזערע ווייבער. מיר עהרען און שעצען און פארזארגען זיי מיט אלעם גוטען! מיר האלטען שטארק „פון מענש־ליכען געשלעכט", מיר ווילען די מ ע נ ש ל י כ ק י י ט זאל וואקסען! די „רעליגיע" הייסט אזוי! עס איז גאטס געבאט... און— אלע מיידלעך ווערען ביי אונז (נישט היינט געדאכט!) כלות, כלות האבען חתונה! מיר, אידען, באמיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטען,

אַז קיין איינציגער ווייבערישער טאַלענט (!) צום געבערען זאָל נישט פאַרלוירען ווערען! און דאָס פאַר־פאָלק לעבט ביי אונז, ווי גאָט האָט געבאָטען, אונזערע ווייבער קינדלען פון דער פריהסטער יוגענד ביז דער טיפער עלטער... און טרעפט אמאָל אַן אומגליק, עס איז קיין גלייכער זווג נישט געווען, עס איז קיין שלום בית נישטאָ, ווערט מען לייכט געהאָלפען: גט מען זיך שטיל, אָהן סקאַנדאַלען, און פון איין שלעכטער פאָר ווערען צוויי גוטע! און זיי לעבען שוין צוועקמעסיג, ווי גאָט האָט געבאָטען!“

און דעריבער, כדי די אידישע מאַסע זאָל נישט זאָגען, וואָס טויגען אונז די פאַליאַקען, וואָס הערען מיר זיי, איין אַ צייט אַרום וועלען מיר זיין איין אַ מעהרהייט און מיר וועלען דאָ געוועלטיגען — ראָט יענקעלעוויץ, אַז די פאַליאַקען זאָלען זיך אויך מעהרען און פרוכפּערען!

„נביא לגוים נתתיך“ — די אייביגע אידישע מיסיע...

— „זעהט, — זאָגט ער מוסר די פאַליאַקען — מיר האָבען קיין גיטער, קיין דערפער נישט, קיין גרויסע קאַפּיטאַלען אויך נישט, און מיר מעהרען און פרוכפּערען זיך, בשעת ווען אייערע פּאַלאַצען ווערען חרוב אָהן באַוואוינער, אייער לאַנד שטעהט לער, אייערע שטעדט פאַרנעמען פרעמדע, און מיליאָנען פעהלען אייך אייער לאַנד צו באַזעצען.“

אַז עכט נבי'אישער טאָן! דערנאָך געהט נאָך אַ משל, ווי פון מדרש אַרויס!

— „מעהרט אייך, וואָרים אַ פאָלק, וואָס זאָרגט נאָר פאַר דעם, וואָס לעבט שוין, זעהט נישט זיך ווייטער צו פאַרפלאַנצען, איז געגליכענט צו אַ פויער, וואָס היט אָפּ דאָס קאָרן, וואָס ער האָט שוין אין שפּייכלער; לאָזט אָבער זיין פעלד אומבאַאַרבייט און זאָרגט נישט, עס זאָל נייע קאָרן וואַקסען!“

איך האָב אייך אַ אַלטען קבר געעפענט און אַ שוכן־עפר געוועקט. קוקט אייך צו איהם צו. אַז די קאַדעטען־דומע וועט זיך

אויספיהרען און פוילען וועט אויטאָנאָמירט ווערען — וואס עס קאָן און דאַרף געשעהען — וועט יענקעלעוויץ אויפשטעהן תחית המתים. אַן אַנדערען סטיל וועט ער האבען, נאָר קליגער וועט ער נישט ווערען, ער וועט נאָר שוין אַזוי נאַיוו און עהרליך נישט זיין...

.1906

21.

„די שטימע פון אידישען פאָלק“

און נאָך אַ קבר וועל איך אייך עפענען; און די לעפצען פון נאָך אַ שוכן עפר וועלען זיך ריהרען; און איהר הערט אייך איין צו די רייד פון טויטען, כדי איהר זאָלט די לעבעדיגע פאַרשטעהן.

אויך אַן אַלט ביכעל. געדרוקט 1818; געקאָסט האָט עס צוויי גילדען מיט פופצעהן גראַשען; אָבער דער מחבר פון אַלטען ביכעל איז שוין נישט קיין רייכער בעל־טובה, נאָר אַ רב פון ל...ר'ער שול, מיט'ן נאָמען ר' משה בן אברהם.

ר' משה בן אברהם שרייבט אויך וועגען רעפאָרמען, אבער נישט פאַר זיי, געגען די רעפאָרמען שרייבט ער. ער פיהרט אויך מלחמה אויף מעסער־שטיך מיט די „פּריוואַטע פּראָיעקטען־מאַכער“, הויפּט־זעכליך אָבער גאַרטעלט ער אונטער זיינע לענדען עבען קעגען די, וואס מאָושאַ יענקעלעוויץ*) וואָלט זיי אויפ'ן האלז געפאַלען, און מיט דאַנקבאַרע טרערען די פּנים'ער באַנעצט...

בשעת ווען מאָושאַ יענקעלעוויץ וויל, אַז די רעפאָרמען זאָלען אויסגעפיהרט ווערען, נאָר נישט מיט געוואַלט; נישט אַנגע־וואָרפען ווערען פון דרויסען, נאָר אַנגענומען מיט'ן גוטען אידי־שען ווילען, — איז ר' משה בר' אברהם איבערהויפּט געגען רע־פאָרמען... גלייכבאַרעכטיגונג מהיכא תיתי, אבער אָהן רעפאָרמען.

און אַ פאַרצוג האָט דער רב איבער מאָושאַ יענקעלעוויץ מיט דעם, וואס ער רעדט וועגען די רעפאָרמען און זייערע פּראָיעקטאַנ־טען פיעל קלאָרער און דייטליכער.

פּראָיעקטאַנטען — זאָגט דער רב — זענען פאַראַן צווייער־

---

*) זעה דעם אַרטיקעל אונטער'ן זעלבען נאָמען.

ליי: איין סאָרט וויל אַרויסטרעטען געגען אונז, ווי נבוכדנצר; דאָס הייסט פֿאַרניכטען: נעמען דאָס ביסעל אידען, אַפּרייסען פֿון די ערטער, וואו זיי וואוינען, און פֿאַרטרייבען איבער דער גרענעץ פֿון דער גרויסער טאַרטאַריי, איינפֿאַך. דער צווייטער סאָרט אָבער וויל האַנדלען, ווי אנטיוכוס; דאָס הייסט — אידען מעגען בלייבען, מען דאַרף נאָר פֿאַרטיליגען די אידישקייט.

סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האַלטען דאָס אידענטום פֿאַר נאַריש, זאַבאַבאָניש און שעדליך, אַזוי פֿאַר די אינטערעסען פֿון לאַנד, ווי פֿון היימישען פֿאָלק. נאָר בשעת, ווען די ערשטע האַלטען די אידען פֿאַר אומפֿאַרבעסערליך און ווילען זיי דעריבער איינפֿאַך פֿאַרניכטען, רעכענען די צווייטע, אַז מען קאָן דעם אידישען כאַראַקטער, ווי שטאַרק ער איז נישט פֿאַרדאָרבען, אויסבעסערען, ציוויליזירען און ניצליך מאַכען.

צו דעם צוועק דאַרף מען דעם אידען ענליך מאַכען צום קריסט: שערען פּאות, גאָלען בערד, קירצען די קאַפּאָטעס — דאָס איז פֿון אויסוועניג. וואָס אָמבאַלאַנגט אין תוך פֿון דער נשמה אַריין, פֿאַרמאַכען די דיינים־שטיבלעך, פֿאַרשליסען די חדרים, עפֿענען פֿאַר אידישע קינדער די אַלגעמיינע שולען און לערנען שרייבען און לעזען פּויליש.

די פּראָיעקטאַנטען, וואָס האָפֿען אויף דער פֿאַרבעסערונג פֿון אידישען כאַראַקטער, צופֿאַלען זיך ווייטער אין צוויי טייל. איין טייל וויל, מען זאָל אידען געבען גלייכבאַרעכטיגונג אויף אָרט און שטעל, גלויבענדיג, אַז דאָס וועט וועקען ביי זיי דעם „פּונקט־האָנער" צו ווערען לייט; האָפֿענדיג, אַז ווען צוגעלאָזט צום טיש, צווישען פֿיינע געסט, וועלען זיי זיך ממילא אויסלערנען גלייך זיצען און באַנוצען מעסער און גאָפּעל; דער צווייטער טייל אָבער האָט וועניגער צוטרויען צום אידישען עהרענגעפֿיהל און פֿאַרלאַנגט, די גלייכבאַרעכטיגונג זאָל קומען שפּעטער, אַלס לוין, — אַלס שכר פֿאַר מעשים טובים, וואָס מוזען פֿריהער געשעהען.

לויט דער מיינונג פֿון די לעצטע, דאַרף מען אויפשטעלען אַז אַלגעמיינעם רעגעל, וואָס זאָל אויסשליסען די אידען פֿון דער גלייכבאַרעכטיגונג, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז די אַלגעמיינע רעגעל האָט אַן אויסנאַם, נעמליך: „דאָס אויסשליסען איז נאָר נוהג גע־

גען די אידען, וואס גלויבען, אז דאס אונטערשיידען זיך פון קריס־
טען איז די פליכט פון זייער געוויסען און רעליגיאן.

אבער ביידע טיילען פון צווייטען סארט פראיעקטאנטען זע־
נען זיכער, אז „מען מוז אידען ציוויליזירען; פארטווישען זייער
שפראך, די קליידער און די ערציהונג". ווייל נאר אזויערנאך וועט
געענדערט ווערען דער אידישער כאראקטער און דאס אידישע פאלק
וועט פארדינען די אכטונג פון אלע פעלקער.

דער אונטערשיד צווישען ביידע טיילען פון צווייטען סארט
פראיעקטאנטען און אנטיוכוס באשטעהט נאר דערינען, וואס אנ־
טיוכוס האט געוואלט מאכען פון אידען גריכען און געצענדינער.
בשעת די פראיעקטאנטען ווילען מאכען פון אידען — טרעפט
וואס? מאוושא יענקעלעוויץ וואלט געזאגט: פאליאקען. דאס זעלבע
ווארט איז אייך אויך געווים אויף דער צונג געלעגען; נישט דאס
אבער האט ר' משה בר' אברהם געמיינט; נישט דאס האט ער
געפאדערט. ר' משה בר' אברהם שטעהט נישט אויפ'ן נ א צ י־
א נ א ל ע ן, נאר אויפ'ן ר ע ל י ג י ע ז ע ן שטאנדפונקט.
ער זעהט מיט שרעק, אז מען וויל מאכען פון אידען גוים; ערגער
ווי גוים: אטעאיסטען — כופרים בעיקר וויל מען פון זיי מאכען.

די „נאטוראליסטען", וואס האבען דאמאלט גראסירט, אלס א
פארשלעפטע קרענק פון פראנקרייך, ווארפען אונזער רב אין זיבענ־
טען שוויים. מען דארף נישט מעהר, זאגט ער, נאר א איד זאל
שיקען זיין קינד אין „שקאלע" אריין, עס זאל זיך לערנען לעזען און
שרייבען פויליש! עס וואלט אן עק געווארען פון אידישקייט. דארט,
אין שקאלע, וואלטען דעם קינד געפאלען אין הענט אריין די גע־
וויסע ביכלער, וואס רעדען על ה' ועל משיחו, גאט און זיין תורה,
שפעטען פון יציאת מצרים און אלע נסים, אזוי אויף דער יבשה,
ווי אויפ'ן ים, און פון אידישען קינד וועט, חס ושלום, ווערען „ני
פיעס, ני ווידרא," דאס הייסט: נישט קיין קריסט און נישט קיין
איד — נאר אזוינס, וואס גאט זאל שומר ומציל זיין!

לוים דעם פלאן — עמפערט זיך דער רב — וועט ווירקליך גע־
ענדערט ווערען דער אידישער כאראקטער, אבער „פאטאל" געענ־
דערט. צווישען דער קריסטליכער באפעלקערונג זעהט אונזער רב
זעהר פיעל פילאזאפען, אפיקורסים, מינים, מיט איין ווארט „נא־
טוראליסטען", גאט לייקענער, חוזק־מאכער — זאלען זיך נאר אי־

דען אויסלערנען פויליש, וועלען זיי טרעפען מיט די דורשטיגע מיי־לער צום זעלביגען גיפטיגען וואסער, און וועלען זיך פאר׳סמ׳ען די נשמות...

„איז נאך ווייניג — בייזערט זיך דער רב — וואס דער גענע־ראל (איינער פון די פראיעקטאנטען) וויל ביי אונז צונעמען אונ־זער שפראך, וואס טיילט אונז אפ, ווי א מויער, פון אל־דאס־ביין פון דרויסען; וויל ער נאך צונעמען ביי אונז די קליידער און די בערד־און־פאות... וויל ער נאך צונעמען ביי אונז (רבנים) דאס רעכט צו משפט׳ען און פסק׳ענען, און שטעלט זיך, מיט זיינע פא־ליטישע אינטריגען, אפילו נישט אפ פאר הלכות אשות — און וויל מבטל מאכען די אידישע דינים פון גטין וקדושין, מכל שכן פון יבום.

פרעה — זאגט דער רב — האט מיט אמאל אזוי פיעל נישט געוואלט; דער אונטערשיד איז נאר, וואס פרעה האט עס געטאן פאר שנאה צו די בני־יעקב און וואס דער גענעראל ראט עס מכלומר׳שט פון גוטען הארץ, וואס איז פול צו אונז מיט ברידער־ליכער ליעבשאפט. ער מיינט דערמיט אונזער טובה. ער נעמט אונז פיעל צו, כמעט די נשמה, ער וויל אבער נישט אומזיסט, ער גיט עפעס דערפאר — א לעקעבעל! דאס הייסט, גלייכבארעכטיגונג! ער וויל אונז א ד ע ל י ג מאכען און דעם טיטעל ב י ר ג ע ר געבען. פאר דעם „לעקעבעל" אבער וועט זיך עס נישט מאכען. „טויישען דעם מענשענס כאראקטער הייסט, אין מאראלישען זין, פארענדערען זיין נשמה, זיין הארץ, זיין פארשטאנד, ווילען און די ארט צום דענקען. און אויב מען וויל עס אויספיהרען ביי אידען, הייסט עס, אז מען וויל פון אידען מאכען אוים אידען; עבען דאס, וואס אנטיוכוס האט געוואלט! און מיר ווייסען, אז דאס האט דער טייוועל דעם מלך אנטיוכוס די עצה געגעבען!..."

אידען וועלען דאנקען דערפאר! זיי וועלען זיך און זייער אי־דישקייט פאר׳ן טאפ ליגזען נישט פארקויפען! אזוי מיינט דער רב.

אידען — זאגט ער — בלייבען אידען! אבער נישט, חס ושלום, אין נאציאנאלען זין. פון דער אידישער נאציע ווייסט דער רב אזוי פיעל, ווי מאוושא יענקעלעוויץ. דאס הייסט: גארנישט! פאראן נאר א גלויבען, א אידישע אמונה, וואס פאראייניגט אלע געשניטענע פון דער גאנצער וועלט; אבער ווער עס מיינט, ווי דער

גענעראל זאגט, אדער ווי המן האט אמאל געזאגט, אז אידען זענען אן אפגעזונדערטע נאציאן און געהארכען נישט די געזעצען פון מלך און לאנד וכו׳ — דער איז איינפאך אן אידיאט! אידען אין פוילען זענען פאליאקען, אין פראנקרייך — פראנצויזען, און אזוי ווייטער... מיט איין ווארט, אין דעם פאך איז דער רב מיט דערזעלבער מיי־נונג, ווי מאוושא יענקעלעוויץ מיט אלע זיינע גייסטיגע אייניקלעך... און ווען עס וואלט אין פוילען צוזאמענגערופען געווארען א סנהדרין, וואלט אונזער ר׳ משה בר׳ אברהם געקאנט זיין פארזיצענדער...

צי וואלטען אונזערע היינטיגע רבנים אנדערש געענטפערט אויף דער פראגע? געוויס נישט. אמוועניגסטענס דער ווארשעווער ראבינאט, וואס איז אזוי פיין אויסדרעסירט פון דער „גמינא“... און דאך שלאגען ביי ר׳ משה בר׳ אברהם אויף אין מאנכע שטעלען אזוינע טענער, וואס איהר וועט ביים היינטיגען רב נישט געפינען.

דער היינטיגער וועט אויך פארטיידיגען די אמונה — יהרג ואל יעבור — אבער נישט מיט דעם מוט און נישט מיט דעם שטאלץ, ווי ר׳ משה בר׳ אברהם, וואס ווענדט זיך, למשל, צו די קריסטען מיט די ווערטער:

„מיר זענען אייערע פאטערס; אייער רעליגיאן שטאמט ארויס פון אונזערע! איהר זייט מחויב אונז עהרליך צו האלטען, ווי קינ־דער דארפען עהרליך האלטען די, וואס האבען זיי דאס לעבען גע־שענקט. עס קומט אונז כבוד אב! מיר אהן אייך קאנען עקזיס־טירען, ווי יעדער ערשטער שטאק אהן דעם צווייטען; איהר אהן אונז אבער — נישט; אין דער לופט קאן דער צווייטער שטאק נישט הענגען!

„מיר קאנען אויך ברידער זיין, — מיר אלע זענען דאך קינ־דער פון איין גאט — דארפט איהר אונז, ברידערלעך, ליעבען.

„נאר מיר בעטען ביי אייך נישט קיין קינדער־עהרע און נישט קיין ברידער־ליעבע; וואס איהר פארמאגט נישט, קאנט איהר נישט געבען! אבער מענשען זייט איהר דאך; מענשליך און גערעכט מוזט איהר זיין!“

און די מענשליכע גערעכטיגקייט פארלאנגט, לויט ר׳ משה בר׳ אברהם׳ס מיינונג, מען זאל אונז געבען גלייכבארעכטיגונג, און נישט נויטען צו לערנען פויליש, צו שערען באָרד און פאות, אונ־

טערצוהאַקען די רעק; און נישט אַרויסנעמען פון די רבנים'ס הענט די דין־תורה'ס, שאלת נשים און הלכות אשות...

מעהר קיין אַפּעטיט האָט ר' משה בר' אברהם נישט געהאַט.

איין זאַך מאַכט אויף זיך אויפמערקזאַם: אַזוי ר' משה בר' אברהם, ווי מאַווּשאַ יענקעלעוויץ, רעדען אין נאָמען פון אַ אידי־שער באַפעלקערונג, וואָס זאָל זיין געגוג שטאַרק, זי זאָל זיך, ווי מען זאָגט, „איהר שטעל באַשטעהן"... זי וויל זיך נישט לאָזען. זאָגט מען, זי איז אַ גרויסע מאַסע, אַ פיעל־קעפּיגע און פיעל־הענטיגע. בשעת ווען היינטיגע צייטען זעהט אונז די אידישע לאַגע פיעל ערגער אויס, מיר קומען זיך פאַר פיעל קלענער, שוואַכער און ווינציגער! און דאָס, דאַכט זיך, קומט נאָר דערפון, ווייל אין יענער צייט האָט מען דאָס פויערען־פאָלק נישט מיטגעצעהלט... דער פויער איז געווען שטום און בלינד, און האָט אויסגעמאַכט. ווי אַ שטויב אויף דער וואָגשאָל פון פּוליש־פּאָליטיש־געזעלשאַפט־ליכען לעבען. אין דעם פאַך זענען נאָר צוויי צדדים געווען: פּ ר י צ י ם און א י ד ע ן, און אידען געגען פּריצים זענען ווירקליך נ י ש ט אַזוי שוואַך!

היינט אָבער ווייסט שוין די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע צו זאָ־גען: היט אייך, מיט דער פויערישער פויסט וועלען מיר אייך אַריינ־קלאַפּען דרך ארץ! און נישט ווייט איז די צייט, ווען דער פויער וועט נישט וואַרטען, מען זאָל איהם רופען! ער וועט אַליין קומען... די פראַגע איז נאָר — מיט וואָס?

.1906

22.

וועגען דעם „בוך פון פייער"*)

דעם חבר שלום־עליכם'ס פאַרשלאָג וועגען „בוך פון פייער"

---

*) ווייל ס'האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז י. ל. פּרץ זאָגט זיך אָפּ פון אַנטייל צו נעמען אין דער רעדאַקציאָנס־קאָמיסיע פונ'ם „בוך פון פייער," האָט די רעדאַקציע פון „פריינד" אָנגעפרעגט פּרץ'ן צי ווייט די דאָזיגע קלאַנגען זענען ריכטיג. דאָס איז י. ל. פּרץ'עס ענטפער.

האט אויף מיר פערזענליך געמאכט אן איינדרוק פון א זעהר נישט־פראקטישער אידעע. נשרפים דארפען הילף, געשווינד, אויף דער שטעל; זאמלען און ארויסגעבען א ווירקליך ליטעראריש־קינסטלערישע ווערק און אויספיהרען עס, דאס הייסט דרוקען און פארטיילען — פארלאנגט יאהרען... איך האב אבער נישט געוואלט שטערען מיט מיין „פעסימיזם,“ טאמער יא, טאמער ליגען באהאלטענע אוצרות ביי חברים און מען דארף נאר א זאמעל טון... אויסשטרעקען א האנט.

דערנאך האב איך באקומען אן „איינלאדונג“ אויף אן אסיפה. געפיהרט געווארען איז די זאך גאנץ „אידישליך“ — די איינלאדונג, פון קיינעם נישט אונטערגעשריבען, ווער עס ווערט פארבעטען — ווייסט מען נישט...

האב איך אריינגעשריבען דער פארזאמלונג אן אפענעם בריף, אין וועלכען איך האב ארויסגעזאגט מיין מיינונג וועגען דער פארם פון דער אסיפה און דערנאך וואס אנבעלאנגט דער זאך אליין.

איך האב געשריבען:

אז גוטע זאכען וואלגערען זיך נישט ארום, אז די זאכען, וואס וועלען עקסטרא צוליעב דעם בוך געשריבען ווערען, וועלען האבען דעם דין פון קאנקורס־זאכען. דאס הייסט, ניינציג פראצענט וועלען זיין שלעכטע... און אז נישט אלע ליטעראטען, וואס וועלען גראד האבען גוטע זאכען, וועלען זיין אימשטאנד זיך אפצוזייסען פון מויל און די זאכען אוועקצוגעבען...

דעריבער האב איך פראפאנירט: אזוי ווי אונז סאלידאריטעט צום חבר שלום־עליכם דארף דאס „בוך פון פייער“ ארויסגעגעבען ווערען, על כן זאל מען וועהלען פון יעדען שריפטשטעלערס שוין געדרוקטע זאכען די בעסטע, און ארויסגעבען א זאמעלבוך.

די ליסטע פון ליטעראטען, האב איך געשריבען, דארף פעסטגעשטעלט ווערען דורך א ליטעראַרישער קאמיסיע; דאס אויספיהרען מוז איבערגעגעבען ווערען א פארמעגליך פאראנטווארטליכען קאמיטעט...

אויפ'ן פאל, אויב די פארזאמלונג וועט אנדערש באשליסען, האב איך געשריבען, קאן מען דאך קיין רעדאקציאנס קאמיטעט

נישט גרינדען, ווייל איך, למשל, וואלט מיך קיינמאל נישט אונ־טערגענומען צו רעדאגירען „נדבות“...

צו מיין ערשטוינען בין איך געוואר געווארען, אז געגען מיין ווילען בין איך געוועהלט געווארען (דורך וועמען?) אלס מיט־רע־דאקטאר פון טויט־געבוירענעם רעדאקציאנס־קאמיטעט פון „פייער־בוך“...

אינטערעסאנט איז נאך דאס, וואס דער קאמיטעט באשטעהט פון מיטגלידער, מיט אזוינע פארשידענע עטיש־עסטעטישע פיזא־נאמיען, אז עס איז גאר אוממעגליך, אז ער זאל פעהיג זיין צו וואס עס איז א געמיינזאמער ארבייט.

דורך די אויבענדערמאנטע מאטיווען האלט איך אויך פאר אומפראקטיש דעם אדעסער פראיעקט, און מיטהעלפען קאן איך נאר ביים ארויסגעבען א זאמעל־בוך פון איבערגעדרוקטע בעסטע זאכען און אויסשליסליך אויף העברעאיש און אידיש.

.1910